STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06728

OYF DI FELDER FUN DZSHORDZSHIA

Baruch Glasman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

געקליבענע ווערק

פון

ברוך גלאַזמאַן

באַנד IV

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

209/5
1696

ב ר ו ך   ג ל אַ ז מ אַ ן

אויף די פעלדער
פון דזשאָרדזשיאַ

ו ו י ל נ ע — 1927

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

B. Głazman — „Ejf di fełder fun Dżordżia“.
Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno.

I. די דריטע אַשמורה

אויף די פעלדער
פון דזשארדזשיא

א ייד איז געגאנגען ביי דער זייט פון זיין וועגל אויפן ברייטן שליאך, וואָס פירט קיין דזשעקסאנוויל, וואָס אין פלאָרידא.

דער שליאך איז געווען א זאמדיקער. האָבן זיך די רעדער אין אים שווער איינגעגראָבן, און דאס וועגעלע האָט זיך פאמעלעך באוועגט, פאמעלעך.

ס'איז געווען הייס, שפעט נאָכמיטאָג. און די זון — אין פולן ברען. א טאָג איז עס אפילו א ווינטערדיקער. נאָר אויף די ברוינע שטאמען פון די געלע סאָסנעס פינקלט זיך גאָלדיק אין דער זון דער זאפט, וואָס רינט פון זיי אין דער ווארעמקייט ארויס, — ווי עס טרעפט בייטאָג אין דרום. א שאָטן אָבער האָבן די ביימער אויפן וועג נישט געוואָרפן, ווייל די זון איז געווען איצט אינמיטן הימל.

דאָס פערדל באוועגט זיינע גלאנציקע היפטן פאוואָליע. און דעם יידנס טראכטונגען ציען זיך אויך אזוי שווער.

און פאָרויס ציט זיך דער ברייטער זאמדיקער וועג קיין פלאָרידא ווייט און פאָרויס. אויף א שיידוועג שטייט א סלופ, געפארבט אין פאסן, און אויפן סלופ איז אנגעקלעפט א ברעטל. זעט דער ייד, אז

אויף דעם זעגען אויסגעמאָלט צווייַ העגט פּאַרמאַכטע, מיטן טייט־פינגער אָפן אין יעדער ריכטונג. איינע צייגט אָן אין דער ריכטונג, אין וועלכער זיין וועגל שלעפּט זיך, און די אַנדערע — אין דער אַנטקעגנגעזעצטער, קיין דזשארדזשיא.

צפון־צו ציט זיך דער שטאַט דזשארדזשיא, און דערנאָך דער שטאַט דרום־קאראַלינאַ, און דערנאָך צפון־קאראַלינא,—שטאאטן רייך באַפּיקעוועט און באַקוויטלט מיט די ראָזלעכע בוימוואָל־פלאַנצן... און דאָס אויג אָן בליק, און דער בליק אָן אויג ציען זיך ווייטער אַזוי צפון־צו, ביז מען קומט אָן צו אַ ברייטלעכן שיינעם טייך, דעם אינדיאַנער־טייך פּאָטאמאַק, וואָס איז די גרענעץ צווישן צפון און דרום. און נאָך אַ קליינעם ווינטערדיקן טאָג רייזע פון יענעם טייך, קומט מען אָן קיין ניו־יאָרק, ווו דערדאָזיקער ייד האָט אַ פרוי מיט קינדער.

האָט זיך דעם יידן פלוצלינג פאַרבענקט נאָך זיי, נאָך ווייב און קינד אין דעם הייסן בייטאָג, אַליין צווישן די זוניקע זאַמדן. דאָס וועגל, אָנגעלאָדן מיט אַלערליי קליינע אַרטיקלען שניט־סחורות און צעלניק, שלעפּט זיך קיין דרום, נאָר זיין מוח, אָנגעלאָדן מיט בענקשאַפט, ציט זיך נאָך צפון. דאָס ווייב זיינס זעט ער זעלטן, בלויז איינמאָל אין יאָר אויף פּסח, ווען דער פרילינג איז נאָך אַן אייזיקער דאָרטן, אין די צפון־שטאַטן.

אַלץ צוליב פּרנסה. נ־נ־נאָ.

דערוויילּ ווערט עס טונקעלער. עס באַווייזט זיך — ווי מיט־אַמאָל, ווי פון פריער קיין נישט־באַמערקטע, — אַ גרויסע קיילעכ־דיקע זון, ווי אַן אויסגעשייערט קופּערן ריינדל און באַלד איז זי שוין נישטאָ.

דעם פאַרנאַכט אין דערדאָזיקער געגנט באַמערקט מען קוים, ווייל איידער דאָס אויג האָט נאָך צייט געהאַט דיך אָפּגעוויינען פונם טאָג, איז עס שוין אָוונט.

און אין דער אָוונטיקער טונקלקייט בלייכן זיך איצט אַרויס די פעלדער.

עס איז ווינטער איצט. די תבואות האָט מען שוין לאַנג אַרונ־טערגענומען פון דער ערד, נאָר עס גרינט זיך נאָך ערגעץ ווו אויף

אַן איינזאַמען האַלב־ליידיקן פעלד אַן איבערגעלאָזענער פּאַס קאַר־טאָפליעס. אויף די איינגעדאַרטע בוימוואָל־שטעקלעך רויזט זיך נאָך אין דער טונקלקייט אַ בוימוואָל־בלום. עס טוליעט זיך ווי אין בלייכן זאַמד פון פעלד אַן איבערגעלאָזענע דיניע, אַליין אויף נאַכט־לעגער אין פעלד, און עס איז איר אומעטיק.

אָוונט. קיל. ביים זייט וועג, ווו דאָס וועגעלע פאָרט, ווערן די בוימער געדיכטער, קענטיקער, און פלויטן בוימערדיקע און טונקעלע הויבן זיך אויף, — הויכע פלויטן פון געלע סאָסנעס און רויט־דעמבעס. פון צווישן די בוימער אַרויסלייכטנדיק טרעפט מען אָן ווו אַ פּאַרמערס הויז, מיט אַ שטאַל, אַ שפּייכלער, און קלענערע בנינים פון הינטן. די פענסטער זענען ליכטיקע, עס זענען דאָרט אָנגעצונדן דאָרפישע קעראָסין־לאָמפּן, און עס שמעקט אָפּ אין דער טונקלקייט פון אָוונט מיט ריח פון היים.

דער ייד קוקט פון דרויסן אויף באַלויכטן־וואַרעמע פענסטער, וואָס זענען צווישן די ליידיקע פעלדער אויס, ווי נישט אמתדיקע. עס שוועבט איבער זיי ווען דער שאָטן פון איינעם פון דעם הויזגעזינט, און דידאָזיקע שאָטנדיקע געשטאַלטן הינטער די פענסטער פאַרשטאַרקן נאָכ־מער די אָפּגעווייטערטקייט און די מעשה־אַרטיקייט פון די הייזער ביים וועג.

— אין אַזאַ קילן אָוונט, — טראַכט דער ייד, — איז גוט צו זיין צוזאַמען מיט דיין הויזגעזינט אין אַזאַ וואַרעם באַלויכטן שטיבל.

און דאָ דערמאָנט ער זיך, אַז גראָד היינט איז חנוכה. אָט זענען דאָ גאַנצע משפחות אין די הייזער צווישן די בוימער, און ער, טראַכט דער ייד, איז אַלעמאָל אין דער פרעמד. ווייט אַוועק פון זיין היים. העכער טויזנט מיילן ווייט פון דעם זאַמד, אויף וועלכן זיין וואָגן סקריפּעט איצט, איז דאָ אַ גרויס פיל־פענסטערדיק הויז. און פון אַ צאָל פון די פענסטער פון אָט דעם הויז לייכטן זיך אַרויס פייערן היימישע — די פייערן פון זיין וווינונג.

— ער וואָלט דאָך אויך געקאָנט זיין אין אזאַ אָוונט ביי אַ לאָמפּ־באַלויכטענעם טיש...

און אין די אַלע הייזער דאָ אַרום זענען אַלע הויזגעזינטן משפחות גאַנצע—און נישטאָ קיין איינזאַמער אָט ווי ער.

דאָס פערד האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. עס איז אַוודאי מיד. אַ טונקעלער גלאַנציקער שטיק נאַכט, אויסגעטיילט פון דער נאַכט אַרום, שטעלט אויף אים אָן גרויסע, פייכטע אויגן.

— באַלעבאָס, בין מיד... דעם גאַנצן הייסן נאָכמיטאָג האָבן מיר אינם זאַמד געשפּאַנט... איך און דו.

באַטראַכט זיך דער ייִד, אַז קיין דירקוויל וועלן זיי שוין היינט אין אָוונט סיי ווי נישט אָנקומען. דאַרף מען זיך ערגעץ אָפּשטעלן, און בעטן נאַכטלעגער. די חיה וועט זיך אָנקאָרמענען, ער וועט זיך אויסרוען — און מיט טאָג גלייך — צוריק אין וועג אַריין.

מיט די אויגן זוכט ער דעמאָלט צווישן די הייזער ביים וועג, און וויל טרעפן, אין וועלכן הויז מען וועט אַ וואָגלער אויפנעמען גאַסט-פריינטלעך, ווייל ער וויל זיך אויף קיינעם נישט אָנוואַרפן. פאַרשטייט זיך, ער וועט אָפּצאָלן. בלויז איבערצונעכטיקן. און האָבער פאַרן פערד. אַ גלאָז טיי אפשר, פאַר אים גופא. און אַ וואָרט אַ פריינטלעכס ביים לאָמפּ, פאַרוואָס קיין זאַך איז נישט צו טייער. און עס געדענקט זיך דערנאָך לאַנג דורך נעכט...

פון צווישן די רויט-דעמבעס, זעט ער, טונקלט זיך אין אָוונט אַריין עפּעס אַ הויז .אַ קליינס, פון האַלב-קיילעכדיקע שפּאַלעס,געדעקט מיט שינדלען. אַ פענסטער איז אין ווינקל-הויז אויסגעבראָכן און פאַרשטעקט מיט שמאַטעס: קענטיק, אָרעמע מענטשן וווינען אין דעם. בעסער אַזוי, טראַכט ער.

און דאָ ווערט עס אַלץ קילער. שוין אַוודאי גאָר שפּעט אָוונט. דאָס פערדל שטעלט זיך אָפּ ביים גאַניק, נישט וואַרטנדיק אויף קיין „האָט—האָט”. די ביינער טוען אים וויי, צעבראָכן אינגאַנצן... קיין וווּנדער נישט: אַ גאַנצן טאָג.

דער ייִד קלאַפּט אָן מיטן בייטש אין טיר. שנעל עפנט מען זי, פון אינעווייניק, אָט פונקט, ווי מען וואָלט דאָרט אויף אים געוואַרט.

אינם חושך דערזעט דער ייִד צוויי שורות ווייסע פערלדיקע ציין. דערנאָך — אַ פּאָר גלאַנצנדיקע ווייסלען. ער גיט נישט ווילנדיק זיך אַ רוק צוריק.

אַ נעגערטע, אַ פול-לייביקע, שווערע נעגערטע שטייט אין טיר. און זי:

— וואָס דאַרפט איר, גוטער מענטש?

נ-נאַ, עס איז שוין צושפּעט. די ווינטער-נעכט אין דרום, און נאָך צווישן ליידיקע פעלדער, זענען זייער קאַלטע. און דאָ הויבט אָן צו בלאָזן אַ פייכטער מזרח-ווינט פונם אַטלאַנטישן אָקעאַן, אַז מען דאַרף אַזש שטאַרק אָנרוקן דאָס היטל... און אין הויז, וואָס לייכט זיך הינטער איר, איז וואַרעם און ליכטיק, און אַ פרוי איז אויפן שוועל...

—ער דאַרף, זאָגט ער, אַ נאַכטלעגער פאַר זיך, און אַ נאַכט-לעגער און האָבער פאַרן פערד.

זאָגט זי, און אירע ציינער שמייכלען אין דער טונקל, ווי שוים אויף אַ פינסטערן וואַסער:

— נישט אויף אייך אַפילו האָב איך געוואַרט. נאָר, מילא. קומט אַריין — איר וועט זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט. עס איז דאָ אי אַ וואַרעמער, ווייכער נאַכטלעגער, אי עסן — מער ווי פאַר צוויי.

דער ייד שווייגט. מיט אַ ווייטיקדיק געמיט: אַריינגעפאַלן צווישן שוואַרצע... נאָר אַ רחמנות אויפן פערד — עס האָט שוין שוים אויף די ליפּן, די אויערן הענגען אים טרויעריק אַראָפּ... ער שפּאַנט אים אויס און פירט אים אונטערן אָפּדאַך. די נעגערטע, אונטערקומענדיק מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט, דערלאַנגט אים אַ בייטל מיט האָבער. עפּעס רעדט זי צו אים, נאָר ער פאַרשטייט נישט וואָס, ווייל עפּעס איז ער צעטומלט.

ער גייט נאָך איר אין הויז אַריין, דאָס שטיבל איז אָרעם. בלויז צוויי חדרים. ריין אָבער, אויסגעקערט, ליכטיק. דאָס גרויסע טאָפּל-בעט באַצויגן מיט אַ ווייסן איבערדעק. אַ טיר פירט אין צווייטן צימער, אַ טונקעלן. און איבער עפּעס גיט דער ייד אַ ציטער: מען קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך אונטער אַ נעגערשן געזיכט, און וואָסערע געדאַנקען עס זענען דאָרטן פאַרבאָרגן, בפרט נאָך, אויב אויך די מחשבות זענען טונקעלע. נאָר נאָך ווייניקער קאָן מען דאָך פאַר-שטיין, וואָס עס טוט זיך אונטער אַ ווייסנס געזיכט.

נאָר זי שמייכלט און רעדט צו אים גאָר פריינטלעך. אַ פרייד איז איצט אין איר בראָנזענעם רייך-געפאַלדעוועטן לייב אויסגעגאָסן. אַ פרייד באַצייטנס, וואָס צו איר איז אין דערדאָזיקער קאַלטער נאַכט אַ מאַן געקומען. ווייל אין אַזאַ נאַכט, און אַליין צווישן פעלדער, איז אומעטיק

אַ פרוי אַליין אָן אַ מאַן. דאָס איז דאָך דאָס בעסטע, וואָס גאָט האָט איר געקאָנט צושיקן אין אַזאַ נאַכט.

* *
*

אויפן טיש איז אַלץ געגרייט, ווי צו אַ סעודה. אויף אַ גרויסן פּאָלומיסעק ליגט אַ ברוין-איינגעפּרעגלטער אינדיק. זיסע קאַרטאָפל, געפּרעגלטע, איינגעזויערטע, מאַרינירטע. עס בלייכט זיך אינם לאָמפּ-ליכט די ווייסלעכע שטעקעלעך פון דער סעלערי, אָפּגעפרישט מיט וואַסער. שיסעלעך מיט אַרבעס, פּאַסאָליס און אָנגעזאַפּטן שפּאַרגעל. עטלעכע פלאָדנס, און ניס, און טאָרטן לרוב.

דער ייד זעט, אַז היינט אָוונט איז אוודאי עפּעס אַ חגא. און נאָך אַ ווײַלע אָנשטרענגען דעם מוח, דערמאָנט ער זיך, אַז היינט איז דאָך ניטל-נאַכט — ווײַנאַכט, דאָס געבורט פון גאָטס זון. און כאָטש ער פאַרברענגט שוין אַזוי פיל יאָרן צווישן גויים, איז אים דאָך אַ געפיל פון פרעמדקייט באַפאַלן, וואָס ער פאַרברענגט ניטל-נאַכט אונטער אַ גוישן דאַך. נאָר ער האָט עס נישט געלאָזן מערקן אויף זיין פּנים. ער האָט געשמייכלט.

דער טיש איז געגרייט פאַר צוויי; וואַרט דער ייד — ער ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, נאָר מיט האַרץ-ציטערניש — אויפן אָנקומען פון איר מאַן. און נאָך אַ לענגערע ווײַלע, אַז דער מאַן אירער איז נישט געקומען, פרעגט זיך ביי איר דער ייד, פאַרוואָס ווײַלט ער זיך אַזוי לאַנג, דער מאַן אירער, און לאָזט זיין פרוי אַליין וואַרטן אין דער נאַכט.

האָבן זיך דער נעגערטעס אויגן אָנגעפילט מיט בלוט... אַ היץ און אַ וואַרעמקייט האָבן פון איר געשלאָגן, ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס אַ שולד אירער פאַרשעמט. אירע ווייסלען האָבן זיך אין דער רויטקייט פון אירע אויגן געקאָלערט. זי ענטפערט:

— דער מאַן מיינער אַרבעט אויף אַ נאָענטער פּלאַנטאַציע. ער איז אַנומלט אַוועקגעגאַנגען, און איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען. זי וואַרט אויף אים אַ גאַנצן אָוונט — יעדן אָוונט... ער וועט שוין, אַפּנים, מער נישט קומען.

און מיט אַ וואַרעמקייט שטראַלט זי באַלד אויף אים אויף, און הויבט אים אָן באַדינען מיט אַלערליי מאכלים. נאָר אַזוי ווי קיין פליייש־זאַכן האָט ער נישט געוואָלט עסן, האָט זי אים דערלאַנגט רויע פרוכטן און אָפּגעקאָכטע טעפּעלע קאַווע. ווייל די פרוי, אַ שוואַרצע איז זי געווען, און געוואַקסן איז זי אינמיטן פעלד, ווי אַ שווערער בוים; נאָר זי האָט געוווסט זייער פיל פון דעם יידישן גלויבן, ווייל נעגער האַלטן פון דער ביבל אַ סך מער ווי יידן, און ווען נאָר זי איז אין שטאָט, גייט זי אין זייער איינגעפאַלענער קירך, ביים עק נעגערשן קוואַרטאַל, און זינגט נאָך אַלע קירכן־ניגונים. זי אַליין האָט דעם הייליקן רעווערענד אַ סך מאָל געהערט דערציילן וועגן די יידן און זייערע הייליק־פרומע מנהגים.

גיט זי אַ קאָל׳יקן לאַך, ווי אַ דונער, ווען דער ייד פאַרענטפערט זיך שולדיקערהייט פון וועגן זיין אמונה.

—אָ, יעס... אָ, יעס... זי ווייס... זי ווייס... פאַרוואָס זאָל זי נישט וויסן? אברהם אבינו, דער יידישער פאָטער, האָט דאָך געהאַט אַ נעגערשע פרוי, הגרן, און מיט איר אפילו אַ קינד געהאַט...

און בלישטשעט אויף אים מיט די ווייסלעך.

דער ייד זאָגט: „יאָ, יאָ, אַוודאי״, און הויבט זיך אָן פילן אַ ביסל היימישער. אין שטוב איז וואַרעם. דאָס וואַרעמע וואָרט „אברהם אבינו״ זשומעט אין די אָוונטיקע ווינקעלעך מיט אַ היימישן קלאַנג, ווי אַ וואָרט אין אַ שבת־פאַרנאַכטיקער לופט. די שוואַרצע לייגט אַלץ צו שייטלעך האָלץ אויפן קוימען. און קוקנדיק אויף איר ביים שיין פון פייער דוכט זיך אים, דעם יידן: די נאַכט אַליין איז אין שטיבל אַריין זיך אָנוואַרעמען.

* *
*

אין דרויסן פאַרשטאַרקט זיך דער ווינט. מען זעט דורכן פענסטער, ווי וואָלקנס יאָגן, גרויסע אַזיינע, און טונקעלע. מען באַמערקט בלויז די זוימען, וועלכע זענען ליכטיקער ווי די מיטן־וואָלקנס. און דער געדאַנק, אַז איר מאַן איז פאַרוואָרפן ערגעץ

אין דער פּרעמד, ווייט פון דער היים, אַט אַזוי ווי ער — פון זיין ווייב, מאַכט דעם יידן נאָך נענטער צו איר, צו דער נעגערטע.

און זי ווערט צי אים גאָר צוגעלאָזן. זי דערציילט אים וועגן זיך. אַט די פעלדער, וואָס ציען זיך הינטערן הויז, באַוואַקסן מיט בוימוואָל-פלאַנצן, געהערן עס איר. און אויך די פּאַסן קאַרטאָפליעס. מען האָט זיי שוין אַרונטערגענומען. און אַ טייל וואַלד — ער זעט דאָרטן די הוילע אָפּגעשיילטע בוימער, וואָס זענען ווי טויט ? אַט דאָס זענען אָבער לעבעדיקע בוימער—בלעק-גאַם בוימער, — גוט פאַר האָלץ, פאַר באַהייצונג.

און זי גייט אויף אַ ווײַלע אַרויס און דער ייד בלייבט אַליין.

עס ווערט אים אי וואַרעם, אי ענג אַרום האַלדז, און דאָס האַרץ קלאַפּט אים שנעלער... עס פאַלט אים איין, אַז ער זאָל גלייך איינשפּאַנען זיין פערד און וואָגן, און זיך ווידער לאָזן פאָרן אין וועג אַריין. נאָר אַז ער האַלט זיך שוין אין אויפשטעלן, עפנט זיך די טיר און דער ווינט בלאָזט זי ווידער אַריין. אַ גרויסע, אַ גופיקע, אַ שווערע, — אַ שטיק ערד איז פון פעלד אַרויסגעריסן געוואָרן און אין שטיבל פון דער נאַכט אַריינגעוואָרפן געוואָרן.

אין דער האַנט האַלט זי אַן אומגעווײנלעך גרויסן קאַווען.

— אויף די אייגענע פעלדער געוואַקסן, — גיט זי אַ בלישטש אַרויס מיט אירע ווייסע ציין. — ווען עס ווערט קילער, פאַרלייג איך זיי טיף אין היי. און היט זיי אָפּ, און וואַרעם זיי. האָט מען אויף אַזאַ אופן פרישע צייטיקע מעלאָנעס אין סאַמע ווינטער, אויף ווייַנאַכט אָוונט.

זי צעשניידט דעם מעלאָן אין צוויי גרויסע העלפטן, און לייגט זיי אויף אַ פּאַלומיסעק אַרויף אויפן טיש.

דער ייד אָבער רירט זיך אָן דעם נישט אָן. עפּעס שעפּטשעט ער צו זיך אין דער שטיל, ווי ער וואָלט אַ גדר, אַ מחיצה פון הייליקע ווערטער אַרום זיך אויפשטעלן, אַן אומגעזעענעם פּלויט. און באַלד דערזעט די שוואַרצע, אַז די אויגן פאַלן אים צו. ער איז מיד, ער איז שלעפעריק. ער פרעגט ביי איר, וווּ קען ער, אַן ערך, דעם קאָפּ צושפּאַרן ?

קוקט זי אויף אים מיט אירע גרויסע אויגן, און שמייכלט עטוואָס פארלעגן. צוערשט גיט זי אַ קוק אויפן גרויסן ווייסן טאָפּל-בעט. דערנאָכדעם אויף אים. נאָר, אַז זי גיט אַ קוק אויף אים, זעט זי: זיין פּנים איז פאַרכמורעט. זיינע אויגן זענען איינגעזעקשנט געווענדעט אין דער ריכטונג צום צווייטן, צום טונקעלן צימער.

— מסתמא, זאָגט ער, וועט זיך שוין דאָרטן געפינען אַ פּלאַץ פאַר מיר?

נעמט זי אומעטיק אַרונטער דעם לאָמפּ פון טיש, גייט אַריין אין צווייטן חדר, פאָרעט זיך דאָרטן אַ ווײַלע און קומט אַריין צוריק:

— דאָס געלעגער איז פאַרטיק, ייד. איר קאָנט זיך גיין לייגן שלאָפן, אויב איר זענט מיד.

דער ייד, מיט זיינע אויגן צו דער ערד געווענדעט, גייט אַריין אין טונקעלן חדר.

בלייבט זי איבער אַליין ביים טיש.

מיט גרויסע אויגן, באַגאַסענע, קוקט זי אויפן צעשניטענעם, אומבאַרירטן וואַטער-מעלאָן, — ווי אַ גרויס הארץ אַ צעשניטנס און אַ אויפגעעפנטס... דאָס רויטע זאַפטיקע בלוט גיסט זיך פון דעם צעשניטענעם הארץ און בליצט אין דעם ליכט:

— נאַ, זע... מען האָט מיך אויפגעשניטן און געלאָזן אומבאַרירט...

און אַז אינם טונקעלן צימער דאָרטן איז שטיל, מאַכט זי אויך טונקל דאָ. זאָל אַלץ אויפן טיש בלייבן נישט אויפגעגעסן! גיט זי זיך אַ ריס ביים לייב און לייגט זיך שלאָפן.

* * *

די ווינטן אין דרויסן האָבן זיך איינגעלייגט און אַנטשלאָפן געוואָרן אין די ווייטע פעלדער. די נאַכט-שטילקייט טראָגט זיך אין שטיבל אַריין. און אין דער שטילער טונקלקייט, וואָס אינם שטיבל, וואַרפט זיך די גרויסלייביקע פרוי, קייקלט און קאַטשעט זיך אויפן

גרויסן בעט פון שטאַרקע, אומבאַפרידיקטע פאַרלאַנגען, און קרעכצן אין דער שטיל.

„וואָס-זשע איז ער דאָס פאַר אַ מענטש... גאָר קיין מענטש נישט. אָדער פילייכט עקלט עס אים פון מיין שוואַרצן לייב. וואָס הייסט, אַ מאַנסביל געפינט זיך אונטער איין דאַך מיט איר, און ער זאָל נישט וועלן פילן איר נאָענטקייט האַרט נעבן זיך... וואָלט איינער פון אירע ברידער צו איר אַליין אין דער נאַכט געקומען, וואָלט ער שוין אַזוי אין צימער נישט אַוועקגעגאַנגען נעכטיקן. נישט אַנדערש נאָר,—ער איז אַ פרומער ייד, אַ הייליקער".

און אַרום איר וויקלט זיך אַ שווערער לייביקער ריח, ווי פון אַ שטיק צעבראַניעט שוואַרצע ערד, צעוואַרעמט אין דער פרילינג זון, און לאָזט אַרויס פון זיך וואַרעמע פאַרעס. אַ צעהיצטע און שווער-גע-פאַלדעוועטע קייקלט זי זיך פון הייסע באַגערן אויפן ווייסן בעט. איר גרויסע ווייסלען קרייזן זיך אַרום די אויגן, אַליין אין דער נאַכט, און בעטן בעט זי עפּעס אין דער טונקלקייט.

— גאָט מיינער, עס איז מיר שווער אַליין. מיין מאַן איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען צו דיר, און וועט שוין קיינמאָל מער נישט צוריקקומען. כ'האָב אַ גאַנצן אָוונט געוואַרט אויף אַ מאַן. אַליין אין אַ ווינטערדיקער נאַכט צווישן פעלדער. און עס איז נאָך היינט יום-טוב. איז געקומען דער ייד. איז ער גאָר קיין מענטש נישט? איז ער אַ הייליקער? גאָט!

און אַ צעהיצטקייט שלאָגט אָפּ פון איר, אַ וואַרעמער וואָלקן. און די בלוטן אין איר שטראָמען אַזוי העפטיק, ווי וואַסערן, וואָס גיבן זיך אַ שפּאַר אַרויס אין פרילינג. און יעדער אָדער אין איר איז וואַך, ווי אַ סאָווע ביינאַכט, און זי הערט זיך איין: טאָמער פאַרנעמט זי פאַרט אַ שאָרך, וואָס זאָל איר אין דער טונקלקייט פון נאַכט אין צימער אַ בשורה אָנזאָגן — — —

ווי גוט עס איז, פילט זי, אין אַזאַ קאַלטער טונקלקייט די וואַרעמקייט פון אַ מענטשן אין זיך אַריינגעמען. און אַ קינד פילייכט פון דעם הייליקן האָבן. איז עס דאָך ניטל-נאַכט, ווייַנאַכט.

— אַ קינד, אַ הייליקס, וועט דיר געבוירן ווערן.

* *

עס איז נאָך אַלץ נאַכט און טונקל. די נאַכט-שטילקייט באַהעפט זיך מיט זיך זעלבסט, און ווערט אָנגעשטרענגטער און שטייפער. אין דעם חדר, ווו דער ייד שלאָפט, איז שטיל. עס דערטראָגט זיך צו זיינע נאָזלעכער דער שאַרפער, רייצנדיקער ריח, די כוואַליעס וואַרעמקייט, וואָס שלאָגן פון ווייטן חדר אַרויס. נאָר ער ליגט שטיל, כדי זי זאָל דענקען, אַז ער איז שווער איינגעשלאָפן. אָבער ער הערט אַלץ אירע שווערע אומרויקע באַוועגונגען. עס שטיקט אים אין האַלז, נאָר ער וויל נישט אַ הוסט טאָן. די שלייפן קלאַפן, ווי מיט האַמערס ער דערמאָנט זיך אָן זיינע געדאַנקען וועגן דער היים, פון תחילת אָוונט. עס ציטערט אים, נאָר ער ווייסט:

— ער וועט שוין פון דאַנען נישט אַוועקגיין אַזאַ, ווי ער איז געקומען.

אָט הויבט ער זיך אויף פון בעט, אַ ברענענדיקער, מיט אַ קלאַפנדיקן האַרצן. ער שטעלט אַנידער די פיס אויף דער פּאָדלאָגע... אָבער, אַז ער הערט, אַז אין צווייטן חדר איז שטיל, וואַרפט ער אַריין זיין פוס צוריק אין בעט, און טוליעט צו דעם הייסן קאָפּ צו דער שויב.

און ווי ער קוקט אַזוי אין פענסטער, וואָס זשע זעט ער דאָרט, אויב נישט זיין פרוי,—אַ ראָזי-לייביקע אַזאַ און אַן אײדעלע, און קוקן קוקט זי אויף אים מיט אירע שטילע אויגן, און טאַנצט אַזוי אַרום צווישן די בוימוואָל-שטעקעלעך, אָט דאָ און אָט דאָרטן, ווי אַ טאַנצנדיקע בוימוואָל-בלום. אין אַזאַ קאַלטער נאַכט, זי אַליין אין טונקעלן פעלד אויף יענער זייט שויב, און ער אַליין אין טונקעלן חדר אויף דער זייט שויב...—און דעם יידנס האַרץ גייט אַזש אויס אין גרויס בענקשאַפט.

און ווידער פאַרנעמט ער דאָ אַ וואַרעמע באַוועגונג פון דער בעגערטעס צימער. אָבער אָט, מיטאַמאָל, דערהערט ער אַ הירזשען, —

אזא שטאַרק דערמאָנענדיק הירזשען — — — דאָס איז זיין פערד־זיין פערד! און אז די ראָזי־לייביקע פרוי בוימוואָל־שטעקעלע טאַנצט אַלץ אַזוי אַרום אין דער בלויקייט, און אַנטפּלעקט איר ווייסקייט און חנדלט זיך פאַר אים, גיט ער זיך אַ ריס אַרויס פון בעט און גלייך אין דרויסן אַרויס — — —

* *
*

אַ מידע און אַ דערשעפּטע פון אומפּרוכטבאַרער אויפרעגונג איז די נעגערטע אין צווייטן חדר ענדלעך איינגעשלאָפן. מיט אַ שטילן האָפנונגספולן געדאַנק, ווי אַ חלום, אויף אירע גראָבע ליפּן:

— פאַרטאָג, גאָר אין פריען מאָרגן, וועט זי אויפשטיין, זיך אַריינגנבענען צו אים אין צימער... ביי אים אויפן געלעגער וועט זי זיך אַנידערזעצן און אים בעטן: זאָל ער צו איר גוט זיין!

זי וועט שוין וויסן, ווי אים דערפאַר צו באַלוינען.

און אַזוי איז זי איינגעשלאָפן: איר גראָבע אונטערשטע ליפּ אַרונטערהענגענדיק, דאָס מויל אָפן... נאָר די גרויסע ציין ווייסן זיך אין דער פינסטער מיט אַ שמייכל פון דעם גרויסן פאַרשטייענדיקן גליק.

— אַ קינד וועט זי מיט דעם פרומען מענטשן האָבן. און דאָס קינד וועט נישט זיין אַזוי טונקל ווי זי, טונקל ווי די נאַכט, נאָר ליכטיקלעך, ווי דער בין־השמשות — — — מאָרגן פרי.

און מאָרגן אינדערפרי האָט זי דער קאַלטער פרימאָרגן טאַקע געפונען אויף דעם ליידיקן בעט אין צווייטן צימער. האָט זי זיך געקאַטשעט אויף אים מיט איר שווערן גוף, געקרעכצט און געסאָפּעט ווי אַ בופל־אָקס געריסן די ציכלעך פון די קישנס, געקושט די ליילעכער און דאָס בעטגעוואַנט, און דערנאָכדעם האָט אין דער קאַלטער פרימאָרגן־דעמערונג אויסגעבראָכן איר רצוועדיק געוויין איבער דעם ליידיקן בעט.

אשר

אָשר איז געקומען קיין אַמעריקע זייענדיק נאָך גאָר, גאָר אַ יונגער בחור.

דאָס ערשטע יאָר-צוויי, ווי ביי יעדן ניי-אַריבערגעקומענעם אימי-גראַנט, זענען ביי אים געווען יאָרן פון צעמישטקייט, צעטומלטקייט, יאָרן פון אָנשטעלן דעם אינערלעכן שטילן טעמפּ פון זיין מיטגעבראַכטן שטילן לעבן צום גערויש און מעטאַל-געקלאַנג פון די האַמערדיקע-טראַסקנדיקע לופטבאַנען, צום געפילדער פון דונערדיקע לאַסט-אויטאָ-מאָבילן איבער די פעלזיקע ברוקן פון ניו-יאָרק.

ער פלעגט די ערשטע צייט אַרומגיין איבער די גאַסן אַ צעמישטער, אַ זיך שרעקנדיקער. דאָס פרעמדע לשון, וואָס האָט געקלונגען אַזוי צעקראָכן, קראַנק-זיסלעך אין די מיילער פון די פרויען און אַזוי גרילצנדיק, הייזעריק-גראָב אין די מיילער פון די מאַנסבילן; די טומלדיקע, עזות-דיקע געפילדעריי פון די מענטשן אַרום, וועלכע האָבן עפּעס אַלעמאָל אָדער געטאַנצט אויף גאַסן-עקן, אָדער משוגענערהייט געשמאַיעט צווישן טראַמוואַיען און אויטאָס — גוואַלדיק פאַרנומען און שווייגנדיקער-הייט, אייביק געשמאַיעט אין גיהנמדיקן געפילדער און תמיד געקייט

עפּעס, און פּיל, און אַסך, מאַשינגיש־קאַלט געשפּיגן אויף אַ לאַנגן מהלך פון זיך, — דאָס אַלץ האָט פון סאַמע אָנפאַנג אָן מיט שטאַרקע מעטאַ־לענע כוואַליעס צוריקגעפּאַטשט זיינע באַמיונגען זיך צונויפגיסן און איינס ווערן מיט אָט דער וועלט.

אָשר איז געווען צו שטיל פאַר איר.

און עס האָט דעריבער פּאַסירט, אַז אויך דאָ, ווי אין זיין גאָר פריער יוגנט אויף יענער זייט אָקעאַן, האָט ער ווידער אָנגעהויבן פירן אַן אָפּגעזונדערט און איינגעשלאָסן לעבן.

זיין אינערלעכע איינגעשלאָסנקייט איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם, וואָס ער איז פון אָנהויב אָן אריינגעפאַלן אין אַ סביבה, ווו די מענטשן זענען שוין געווען לאַנג אַמעריקאַניזירט סיי אין שפּראַך, און סיי אין זייער גאַנצן אויפפיר, — אין זייערע לעבנס־האָפנונגען און פאַרגעניגנס. אשר איז דעריבער אויך גאַנץ גיך אַמעריקאַניזירט געוואָרן אויסערלעך. דערהויפּט נאָך ווייל ער איז געווען גאָר יונג און האָט אויך גאָר איינגיכן אָנגעהויבן גיין אין אַן אַמעריקאַנער שול.

אין שול איז ער געגאַנגען, ווייל אויף אַזאַ אופן האָט ער גע־האָפט צונויפגיסן זיך מיט דער נייער וועלט, מיט דעם נייעם אַמערי־קאַנער לעבן. ער וועט זיך באַקענען מיט דער אַמעריקאַנער געשיכטע, מיט דעם אַמעריקאַנישן לאַנד און ליטעראַטור און דורך דעם — מיט דעם גייסט, מיט דעם עצם וועזן פון אַמעריקע. ער האָט נאָך נישט געוווּסט, אַז אָט די אַמעריקאַנער ליטעראַטור, דער אויסגעקריסטאַלי־זירטער ווייַן פון די שיינע נשמות און אַריסטאָקראַטישע גייסטער פונם פאָריקן יאָרהונדערט — אָט די קלאַסיקער, וועלכע מען האָט מיט אים געלערנט אין דער שול — איז שוין מער נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר אַמעריקע פון היינט; אַז דאָס איצטיקע אַמעריקע איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש, ווי עס איז געווען מיט פופציק יאָר צוריק; און אַז די מערסטע מענטשן אין לאַנד ווייַזן קוים פון אָט יענע ליכטיקע געשטאַלטן, מיט וועלכע אָשר האָט זיך באַקענט אין דער אַמעריקאַנער אָוונט־שול און ווּעמעס ווערק — די מיטנטאָגיקלויכטנדיקע ביכער, וואָס זיי האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט — זענען געוואָרן זיין טרייסט און אָנגעפילט אים מיט טאָג־חלומות דורך די שווערע אַרבעט־טעג אין די שעפּער.

פאַר אָשרן איז עס אָבער געווען דער איינציקער וועג. אים

האָט דאָך אַזוי געצויגן צום לעבן, אַלעמאָל שטאַרק אַזוי געריסן צום לעבן... נאָר עפּעס איז אים אוממעגלעך געווען זיך באַהעפטן מיט אים, נישט קוקנדיק אויף אַלע זיינע אָנשטרענגונגען: ער איז אַלעמאָל געבליבן פון דרויסן.

אַלעמאָל פלעגט זיך אַוועקשטעלן א מחיצה — זיין סענסיוויטעט, זיין צו שטאַרקע, צו שאַרפע עמפּינדלעכקייט — צווישן אים און דער וועלט, צווישן זיין אויסגעחלומטקייט און דער לעבעדיקער וועלט. און אויסגעלאָזט האָט זיך תמיד אַזוי: ער איז געבליבן אויף איין זייט, און די וועלט — אויף דער אַנדערער. ער האָט געזען די וועלט און די מענטשן דורך אַ דורכזיכטיקן שלייער, דורך אַ גלעזערנער וואַנט — ער האָט זיי געזען, ווי זיך באַוועגנדיקע שאָטנס.

אין דער שול האָט ער אויך קוים געזען די חברים זיינע, קוים געזען יעדן איינעם באַזונדער, יעדן איינעם פאַר זיך. דערפאַר אָבער האָט ער זיך ערשט אָפּגערוט אין זיינע שטודיעס פון דעם שווערן טאָג אַרבעט. ער האָט זיך געפילט היימיש מיט די פאַרשלאָפענע און איצט צוריק אויפגעלעבטע ווערטער פון ווייטע, פון ליכטיקע מענטשן, — ליכטיקע, מיטנטאָגיקע ווערטער, וועלכע זענען געווען נאָענט צו זיין האַרץ און געמיט.

ווען ער האָט פאַרלאָזן זיין שטילע היים און איז געפאָרן קיין אַמעריקע, איז ער דאָך אייגנטלעך אויך געפאָרן הויפּטזעכלעך צוליב זיין גרויסן דראַנג נאָך לעבן; צוליב זיין האָפנונג, אַז ער וועט דאָרט, אינם נייעם קאָכעדיקן לאַנד, ענדלעך דערפילן דעם שטאַרקן פּולס פונם אַרומיקן לעבן, וועלכער וועט אויך אין אים אַריינדרינגען. אָבער פון דעם איז גאָרנישט געוואָרן.

די ערשטע פּאָר יאָר פון זיין אין לאַנד איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער, אַ צעמישטער, אַ פאַרלוירענער. ער פלעגט זיך שרעקן פאַר דאָס אומבאַקאַנטע, טומלדיק-זיכערע לעבן. אים פלעגט באַפאַלן אַ שרעק פאַר די יונגע, חוצפּהדיקע מענטשן, וועלכע פלעגן שטיין אומעטום אינמיטן גאַס אויף די טראָטואַרן, אויף די גאַנקעס, אויף די ראָגן, לעבן די ביר-סאַלאָנען און פלעגן לאַכן, און זינגען, און קייען, און דזשיגן*), און כראַקן, און טומלען, און ראַנגלען זיך. ער פלעגט

*) אַן אַמעריקאַנישער אופן פון טאַנץ.

זיי פֿאַרביילויפֿן אין שרעק. אים פּלעגט זיך דוכטן, אַז אַלע באַמערקן אין אים, אַז ער איז אַ «גרינער», אַ פֿרעמדער, און אַז מען וועט אים באַלד אָנהויבן נאָכלויפֿן און שלאָגן אים.

איינמאָל האָט טאַקע פּאַסירט, אַז פֿרעמדע פֿריילעכע יונגעלייט ערגעץ אויף סעקאָנד עוועניו און דער הונדערט-דריי-און-צוואַנציקסטער גאַס זענען אים באַפֿאַלן און גלאַט אַזוי אים געשלאָגן פֿאַר גאָרנישט. זיי זענען געשטאַנען לעבן אַ סאלון*), זיך געשטופּט און «געקיבעצט» איינס דאָס אַנדערע. נאָך זייענדיק אַ פּאָר הונדערט פֿוס ווייט פֿון זיי, האָט זיך אָשר שוין איינגעהויקערט, איז אַרונטער פֿון טראָטואַר און איז זייטיק אַוועק מיטן ברוק. נאָר איינער אַ חברה-מאַן, אַ «טאַף-גאַי»**), האָט עס באַמערקט און האָט אים אַ שטויס געגעבן. אָשר איז צעטומלט געוואָרן נישט אַזוי פֿונם קלאַפּ, ווי פֿון חרפּה. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו זאָגן און ווי צו רעאַגירן אויפֿן קלאַפּ. ער האט דאך נישט געקענט רעדן קיין ענגליש. האָט ער פֿאַרגיכערט זיינע טריט. ער איז איצט שוין כּמעט געלאָפֿן. פֿון הינטן זענען אויף אים נאָכגעפֿלויגן געפּאַקלן בוכטשעס און סטוסאַקעס. ער איז געלאָפֿן כּמעט אָן אָטעם.

ער איז אַריינגעפֿאַלן צו זיך אין חדר, זיך אַנידערגעוואָרפֿן אויפֿן בעט און איז אַזוי אַ פֿאַרפּלאָנטער, אַ פֿאַרחלשטער, אָפּגעלעגן אַ פּאָר שעה.

נאָר שפּעטער אין אָוונט, אַז ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז ער מוז זיך דאָך סוף-כּל-סוף באַרויקן, האָט ער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי זיך איינרעדן, אַז דאָס האָט מען אים גאָרנישט געשלאָגן, — עס האָט זיך אים בלויז געדוכט, אַז מען האָט אים געשלאָגן... דאָס האָט ער זיך אַלץ בלויז פֿאַרגעשטעלט. נאָר פֿון יענעם טאָג אָן האָט ער זיך נאָך מער דערווייטערט נישט נאָר פֿון די אַרומיקע גאַסיקע יונגעלייט, נאָר אַפֿילו אויך פֿון זיינע שול-חברים. ער האָט זיך נאָך מער אַריינגעצויגן אין זיך.

דער ווייטיק איז געווען שטאַרק. אים האָט דאָך אין דער אמתן אַזוי געריסן צו ווערן איינס מיט זיי. קיין ברעקל משפּחה האָט ער דאָ נישט געהאַט. אויסער דעם ווייטן קרוב זיינעם, ביי וועמען ער איז

*) ביר-שענק.

**) אַ ווייס-חבריהגניק.

די ערשטע צייט איינגעשטאַנען, האָט ער דאָ קיינעם נישט געקענט. ער האָט נישט געהאַט נישט קיין צייט און נישט קיין געלעגנהייט צו מאַכן זיך נייע פריינט. דאָס ערשטע יאָר, ווי יעדער אריבערגעקומענער עמיגראַנט, וועלכער קען נישט קיין באַשטימטע מלאכה, האָט ער זיך געוואָרפן פון אַרבעט צו אַרבעט, פון איין שאַפּ אין דעם אַנדערן. פון דערהיים אַרויס איז ער געווען אַ «באַלעבאַטיש קינד», אַ טאַטנס אַ זון, אַ לערנער, און האָט קיין שום מלאכה נישט געקענט. דאָ האָט ער זיך דעריבער פון די ערשטע וואָכן אָן אָנגעהויבן וואַלגערן אין אַלערליי שעפּער.

צו ערשט האָט עס אים געפרייט—אים האט זיך געדוכט, אַז אַרבעטנדיק זייט ביי זייט מיט נאָך מענטשן, וועט ער ענדלעך זיין געצוווּנגען זיך צונויפגיסן מיט זיי,—מיטן לעבן... אָבער ער האָט זיך אין דעם אָפּגענאַרט. ווייל להיפּך צום רוב אימיגראַנטן, וועלכע קומען זיך גלייך צונויף מיט זייער גלייכן, אַרבעטן אין יידישע שעפּער און וווינען אין יידישע גאַסן, איז אשר גאָר אַריינגעפאַלן צווישן פרעמדע, צווישן אַמעריקאַנער קריסטן אָדער שוין לאַנג אויסגעאַמעריקאַניזירטע יידן.

און ווידער איז אויסגעוואַקסן צווישן אים און דער אומיטלבאַרער וועלט אַרום אים אַ מחיצה — אַ מחיצה פון שפּראַך, אַ מחיצה פון אַן אַנדער קוקן אויף וועלט און אויף זאַכן. און אשר האָט דעריבער באַלד דערפילט מיט שטילער פאַרצווייפלונג, אַז עס וועט אים שוין איצט אויך אויסקומען צו האַלטן זיך אין אַ זייט פון אַלעמען.

דער ווייטער קרוב זיינער האט צו דעם נאך געוווינט אין אַ טייל שטאָט, ווו מען האָט דעמאָלט כמעט קיין יידן נישט געזען.

אין די אָוונטן, גלייך נאָך דער אַרבעט, פלעגט אשר זיך איילן אין דער אוונט-שול אַריין, ווו ער פלעגט זיך געפינען ביז עלף אַזייגער ביינאַכט. און אויף מאָרגן גאַנץ פרי—ווידער זיך איילן צו דער אַרבעט. אַזוי זענען פאַרלאָפן טאָג און אָוונט, און ווידער טאָג און אָוונט, און נאָך אַמאָל טאָג און אָוונט. און קיין פריינד און קיין היימישע מענטשן האָט אשר אַלץ נישט באַגעגנט. זיין אליינקייט און אָפּגעזונדערטקייט האָבן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. ער האָט געלעבט אַן ענג, שווער, באַגרענעצט לעבן. ער האָט דעריבער געמוזט אויסבויען גרויסע און וואונדערלעכע אינערלעכע וועלטן, ער זאָל זיך כאָטש דאָרט קאָנען פריי באַוועגן און אָטעמען.

— שפּעטער, אַז ער וועט באַוועלטיקן די ענגלישע שפּראַך, וועט עס זיין אַנדערש. — — — וועט ער ווערן — —

וואָס וועט ער ווערן? ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער וועט ווערן, וואָס ער וויל ווערן. אין אים זענען נאָך זאַכן געווען אומקלאָר. פונדעסטוועגן האָט ער אָבער דערוויילע געמוזט טון אמווייניקסטן אָט די צוויי קלאָרע, באַשטימטע זאַכן: אַרבעטן ביי טאָג אין שאַפּ און אין אָוונט באַזוכן די שול.

II

איינער פון די ערשטע שעפּער, אין וועלכע אָשר האָט געאַרבעט איז געווען אַ העיר-פאַך-שאַפּ, — אַ שאַפּ ווו מען האָט געמאַכט דראָטענע סקעלעטן פאַר די אויפגעבלאָזענע פרויען-פריזורן, וועלכע זענען דעמאָלט געווען מאָדיש. מען האָט דאָרט אויך אויסגעאַרבעט דראָטענע סקעלעטן פאַר פרויען-היט. אין אָט דעם שאַפּ האָט זיך עס אָשר באַקענט מיט נעסין.

אין יענע טעג, אין דער גאָר ערשטער צייט פון זיין גיין צו דער אַרבעט, איז ער געווען יעדן פרימאָרגן אָנגעפילט מיט גרויסער פרייד. אַ ליכטיקייט האָט אָנגעפילט זיין געמיט פונם בלויזן געדאַנק, וואָס ער אַרבעט איצט, וואָס ער איז איצט איינס מיט אַלעמען. —

— ער איז אַן אַרבעטער!

עס האָט אים אַזוי געפרייט צו זען, ווי קאָנקרעטע ממשותדיקע זאַכן קומען אַרויס פון אונטער זיינע הענט. זאַכן, וואָס זענען נישט בלויז קיין צוזאָגן און האָפנונגען אויף דער צוקונפט, נאָר וואָס זענען שוין איצט אויך גוט און פּאַרטיק, וואָס האָבן אַ ווערט שוין אין דער איצטיקייט.

אין אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן, גליטשט ער זיך אַזוי אַרונטער פון זיין געלעגער. מיט ציטערדיקע, איילנדיקע באַוועגונגען טוט ער זיך אָן. ער איז נאָך נישט געוווינט אויפצושטיין אַזוי פרי. ס'איז קאַלט, און ס'איז ווינטערדיק-ליכטיק. דורך די פענסטער קוקט אַריין אַ קלאָרע פראָסטיקע לופט, און ניו-יאָרקער דעכער, דעכער אָן אַ

שיעור — ווייסע, שנייאיקע פלאַטפאָרמעס און פלאכן. דער בלויזער אָנבליק פון די ווייסע הויכע שטאָט־פעלדער אין דער פראָסטיקער לופט נעמט אים דורך מיט אַ ווייטן פראָסטיקן ריח, ווי אַ שאַרף גצטראַנק.

ס'איז גוט צו טראַכטן, אַז אין דערזעלביקער מינוט שטייען אויף אין דערזעלביקער שטאָט נאָך הונדערטער טויזנטער מענטשן צו דער אַרבעט — פונקט ווי ער. און אָשר פילט קלאָר, קלאָרער ווי ווען עס איז פריער אין זיין לעבן, אַז ער איז ענדלעך איינס געוואָרן מיט דער וועלט, — איינס, און צונויפגעגאָסן מיט אַלע מענטשן פון דער גרויסער שטאָט — און ער זינגט אַזש אויף פון פרייד.

אין קיך איילט ער זיך מיט זיין פרישטיק פון קאַפע און זעמל. ער לאַכט הויך פאַר זיין קרובה:

— אוי, איר ווייסט נישט, ווי גוט עס איז... ס'איז אַזוי גוט... אין דרויסן איז קאַלט. און אין שאַפ איז אַזוי וואַרעם — ס'איז אַ פאַרגעניגן צו שטיין דאָרט און אַרבעטן, זאָג איך אייך..

אין גאַס מישט ער זיך תּיכּף צונויף מיט די שוואַרצע שטראָמען מענטשן, וואָס איילן זיך שווייגנדיק און ערנסט צו דער אַרבעט. נאָר באַלד טיילט ער זיך אָפּ פונם שוואַרצן פלייצנדיקן ים. פאַרקערעוועט זיך אָן אַ זייט — אין אַ זייטיקער שטילער גאַס. ער וויל נישט גיין מיט דער רוישנדיקער, בריִלנדיקער און מעטאַליש־קלאַפּנדיקער עוועניו, ווייל ער וויל זיך קאָנען איבערגעבן זיינע געדאַנקען און טראַכ־טונגען אין די שטילע גאַסן. דאָרטן אין אָט יענע זייטיקע גאַסן, זענען, אויסערדעם, די הייזער קליינע, איינשטאָקיקע און געמיטלעכע. מיט איינער פון אָט די גאַסן גייט אויך נעסי יעדן פרימאָרגן צו דער אַרבעט.

אָשר גייט מיט גיכע איילנדיקע טריט. זינט ער איז אָנגעקומען אַהער אין לאַנד, האָט זיך אין אים דאָס בלוט פאַרשנעלערט, דאָס פליסן פון זיין בלוט איז געוואָרן וואַרעמער און לויפנדיקער. ער פילט ממש מיט יעדער שעה, ווי אַלץ נייערע און נייערע קוואַלן פון ענערגיע הויבן אָן אין אים צו שלאָגן. עס רייסט זיין גאַנץ וועזן די גאַנצע צייט צו אַרבעט, צו טעטיקייט, — עס קלעקט פשוט די צייט

נישט! עס רייסט, עס „ארבעט" זיך אין אים נאָכאַנאַנד, ער פילט ווי ער וואָלט געקאָנט איבערקערן וועלטן!

ער קוקט זיך צו און נעמט אריין מיט זשעדנעקייט יעדע באַוועגונג אין גאַס, יעדן גערויש: דאָס גלעקל-געקלאַנג פון די טראַמוואַיען, דאָס קלאַפּן פון די ברוקירער מיט די גרויסע האַמערס איבער די אייזערנע לאָמען און פרענטעס; דאָס דרילעווען דינאַמיט-לעכער אין די גרויסע פעלזן פון מאַנהעטן, וועלכע ווערן באַלד מיט אַ קראַך אויפגעריסן דורך דינאַמיט; דאָס מישן פון די מויערער דאָס ליים, און זאַמד, און צעמענט, און קאַלך אין די ריזיקע גריבער און גרויסע מולטערס, אין איין גרויעם מישעכץ פון וואַפּנע; דאָס נאָכאַנאַנדיקע הודזשען און דרייען פון דער מאַשין, וועלכע מישט אויס דעם זאַמד, צעמענט, וואַסער, קאַלך און שטיינדלעך און גרייט נאָכאַנאַנד צו בעטאָן לעבן אַ מויער, וואָס האַלט זיך ערשט אין בויען — אשר האָט געקאָנט אַזוי אָפּשטיין שעהן און שעהן נאָכאַנאַנד און מיט אומבאַשרייבלעכער פרייד צוקוקן, דאָס זעלטענע בילד: כמעט פאַר זיינע אייגענע בליקן וואַקסט אויס אַ גרויסע מויער אין דעם ריזיקן כרך.

III

אַז אָשר גייט אַריין אין שאַפּ, שטייען שוין אַלע ביי דער אַרבעט.

אין שאַפּ איז פינסטערלעך. די פענסטער זענען באַדעקט מיט אַן אַ דיקער שיכט בלאָטע און שפּינוועבס, פּונקט ווי יאָרן און יאָרן וואָלט קיין מענטש אַהער נישט אַריינגעקומען און דעריבער זענען די פענסטער קיינמאָל נישט אָפּגעוואַשן געוואָרן. דאָס טאָג-ליכט פון דרויסן איז פאַרשטעלט דורך אַ קויטיקער, שמוציקער וואַנט פון אַ דערבייאיקן טענעמענט - הויז. אין שאַפּ ברענען אַ גאַנצן טאָג עלעקטרישע לעמפּלעך.

לאַנגע, שמאָלע טישן, מיט שטיינערנע פורעמס אויף זיי, ציען זיך פון וואַנט צו וואַנט. צוגעקאָוועטע שטייען ביי די טישן רייען

מענטשן. אַז מען קומט אַריין פון גאַס, זעט מען נישט די געזיכטער פון די אַרבעטער. קוקנדיק נאָכאַנאַנד אַזוי אַ שטיקל צייט אויף אָט די שוואַרצע געשטאַלטן, וואָס אַרבעטן שווייגנדיק און פאַרטון נאָכ-אַנאַנד בײַ די מאַשינעס, דערמאָנט מען זיך אָן די שוואַרצע קנעכט פון די אַלט-רוימישע שקלאַפן-שיפן, וועלכע האָבן זייער גאַנצן לעבנס-לאַנג געהאַלטן אין איין רודערן און רודערן אינם פינסטערן בויך פון זייערע הערשערס שיפן, צוגעשמידטע מיט קייטן צו זייערע ערטער, בלינד געוואָרענע אין אייביקער פינסטערניש... די פאַרצייטיקע, לעבנס-לאַנגע שקלאַפן דאָ, דוכט זיך, צייטיקן איצט אויס געהיימע נקמה-פּלענער, בלוטיקע פּלענער, ווי אַזוי זיך אָפּרעכענען פאַר דעם, וואָס מע האָט זיי דאָ צוגעקאָוועט צו דרייען נאָכאַנאַנד די שטיינערנע פורעמס. נאָר אָנגעפּילט מיט פּחד זענען זיי, דידאָזיקע שקלאַפן,—אָנגע-פּילט מיט פּחד נישט נאָר פאַר די אומגעזעענע אָנטרייבער זייער, נאָר אויך מיט שרעק איינער פאַרן אַנדערן: פאַרסמט זענען אַלע געוואָרן און האָבן מער נישט קיין צוטרוי איינער צום אַנדערן. מורא האָבן זיי דעריבער אויפצוהייבן די פּנימער, איינער זאָל גאָר-נישט דערקענען אינם אַנדערנס פּנים.

בלייכע זענען די פּנימער, אַזעלכע אויסגעצויגענע און נער-וועז-פאַרטונענע, שוין פון סאַמע פרימאָרגן אָן מידע. צוליב דעם אויסגעמאַטערטן אויסדרוק אויף זייערע פּנימער און צוליב דער פרי-מאָרגנדיקער האַלב-טונקלקייט, וואָס הערשט אין שאַפּ, דוכט זיך באַלד איינעם, אַז דאָס האָט מען דאָ געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט, — אַ גאַנצע לאַנגע און קאַלטע ווינטער-נאַכט האָבן דאָ געברענט די עלעקטרישע לעמפּלעך. און איצטער פאַרענדיקט מען עס ערשט די אַרבעט. אָט, עס הויבט ערשט אָן אַרייננצוגרויען דורך די בלאָטיקע פענסטער די מאָרגן-דעמערונג: באַלד הויבט מען ערשט אָן אויסצו-לעשן די ערשטע עלעקטרישע לעמפּלעך...

נאָר אָשר זעט עס נישט אַזוי. פון דעם הורזשען פון די מאַ-שינעס, פון דעם גיך-גיכן אַרומפליען פון די פורעמס, פון דעם נערוועזן, איילנדיקן, נאָכאַנאַנדיקן צוקנייפּן און צוקלאַפּן מיט די קליינע צווענגלעך, מיט וועלכע מען שניידט איבער דעם דינעם בינדונגס-דראָט — פון דעם אַלעם הויבט אין אים אָן זינגען דאָס

בלוט. עס שלאָגט פּלוצים אויף דאָס בלוט זיינס — אַ מיטאַמאָל זיך פאַנאַנדערגעשפּילטער טייך.

אַז ער שטעלט זיך באַלד אַוועק ביי זיין טיש, ווו עס אַרבעטן נאָך דרייען חוץ אים, פילט ער, ווי דאָס אָרט דאָ האָט אויף אים געוואַרט די גאַנצע צייט און אים איצט אויפגענומען אין זיינע אָרעמס; פילט ער פונקט, ווי ער האָט פאַרנומען זיין אָרט אין אַ קוואַרטעט, — אַ קוואַרטעט, וואָס שפּילט אויס אַ ריטמישע, גרויסשטאָטישע מעלאָדיע, — אַ לויפנדיקע, יאָגנדיקע און פאַרטונענע מעלאָדיע פון נאָכאַנאַנדיקער אַרבעט און מי, און פון קיינמאָל נישט געשטילטן מענטשלעכן דורשט נאָך טון און אויפטון.

אשרן אַנטקעגן, באַם זעלבן טיש, אַרבעט נעסי. נאָך איר, לינקס, אַן עלטערער ייד מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, וועלכע ער פאַבינדט תמיד בשעת דער אַרבעט, מיט אַ נאָזטיכל אַרום האַלז, כּדי זי זאָל זיך נישט אַריינפּלאָנטערן אינם געפלעכט פון קליינע טשוועקעלעך. ווייטער, לינקס, אַרבעט ע נ ד ר י ו ס, דער אויפזעער פונם שאַפּ, נעסיס אַ קרוב, וועלכער וווינט צוזאַמען מיט איר פאַמיליע.

אַלע אַרבעטער שטייען באַ זייערע פורעמס, מיט קליינע צווענגלעך אין די הענט. אַז זיי דרייען געשווינט און וויכעריש די פורעמס, זעט עס אויס, ווי זייערע הענט וואָלטן אַרומגעוואָרפן געוואָרן אַרום און אַרום די פורעמס נישט דורך זייער אייגענעם ווילן — אַזעלכע פאַסן און רימענס זענען עס גאָר זייערע הענט, שטאַנגען און שטאָלענע לאָפּאַטקעס, וואָס באַוועגן זיך דורך פאַרע, צי דורך אַ כּח, וואָס ווערט אין זיי אַריינגעיאָגט פון אַן אומגעזעענער ריזיקער דינאַמאָ־מאַשין.

וויקלען זיי, די הענט, צום ערשט אַ דיקערן דראָט אַרום די אָנגעשלאָגענע נעגעלעך אויפן פורעם־שטיין און דערנאָך בינדן זיי איבער מיט אַ דינערן דראָט די זיך־קרייצנדיקע ערטער פונם דיקערן דראָטענעם סקעלעט. אין איין אויגנבליק איז שוין פאַרטיק די «פריים» — דער סקעלעט פון אַ הוט, צו פון אַ «פאָף»: אַ היץ שלאָגט אַרום די אַרבעטנדיקע, ווי פון דאַמפנדיקע קעסלען. אַלע אַרבעטן שטיל, פאַרטיפט אין זייערע מחשבות.

נעסי טראָגט אַ ריין־ווייסע מאַטראָסן־בלוזע מיט אַ ברייטן, בלויען אָפּגעלייגטן קאָלנער. אָשר האַלט די אויגן אַרונטערגעלאָזן, ווי פאַרטון

אין זיין אַרבעט ; נאָר דורך די אַרונטערגעלאָזענע אויגן-דעקלעך, מיט בליציקע בליקן, וואָס ער וואַרפט פון צייט צו צייט אין איר זייט, פילט ער די פרישקייט, וואָס שפּראָצט אַרויס פונם יונגן לייב אירן, — שפּראָצט אַרויס פונםברייטן האַרץ-אויפשניט אין דער מאַטראָסן-בלוזקע, פון דער רויטקייט אויף אירע באַקן, פון דער פייכטער גלאַנציקייט פון אירע אויגן.

ווען נאָר זי טראָגט אָנגעטון אַ שטייפע מאַטראָזן-בלוזע, ווערן בישט נאָר אירע ברוסטן אויסגעפילט, נאָר עפּעס ווערט זי אינגאַנצן פולער, ווייבלעכער, פריילעכער. ווארט... האָט ער איר נישט געזאָגט אָקאָרשט מיט עטלעכע טעג צוריק, אַז ער האָט אַזוי ליב צו זען זי אין אַ מאַטראָזן-בלוזע ? זי האָט היינט אָנגעטון די בלוזע, ווייל זי וויל אים, אשרן, געפעלן. ער האָט זיך צעפאַנטאַזירט...

IV

פאַר דער צייט, וואָס זיי אַרבעטן דאָ אין שאָפּ, זענען נעסי און אשרביידע שטאַרק באַפריינדעט געוואָרן.

ער האָט זיך דרוווסט, אַז זי קומט אויך פון יענער גרויסער שטאָט אין אוקראַינע, ווו ער האָט געוווינט ייִנגלווייז.

— זענען זיי, הייסט עס, לאַנדסלייט, ווי?...

זיי האָבן אָפט, בשעת דער אַרבעט, צוזאַמען אָפּגעפרישט געמיינשאַפטלעכע זכרונות און אָפּגעשוואַכט די מאָנאָטאָנישקייט פון די אַרבעט-שעהן. האָט זיך דערוווסט אָשר, אַז זי, ווי ער, שטודירט אויך אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט. דאָס האָט זיי נאָך מער דערנענטערט איינעם צום אַנדערן. זיי זענען, אגב, געווען די איינציקע צוויי יונגע מענטשן אין שאָפּ. די איבעריקע זענען אַלע געווען חתונה-געהאַטע פּאָרלעך, מענער און זייערע פרויען : ס׳איז אַ געוויינלעכע זאַך ביי אַרבעטער פון אַט דעם פאַך, — ווו דער סעזאָן איז קורץ אָבער מ׳מאַכט דעמאָלט גרויסע געלטער, — אַז מאַן און ווייב זאָלן אַרבעטן איינצייטיק און צוזאַמען.

פון דערהיים אַרויס איז נעסי געווען אַ גימנאַזיסטקע. איר מוטער

איז געווען אָרעם. דער פאָטער איז געשטאָרבן דאָ אין לאַנד נאָך איידער זיי, מוטער און קינדער, זענען אָנגעקומען אַהערצו. נעסי האָט דעמאָלט געמוזט אָנהויבן גיין אין שאַפּ, כאָטש זי איז נאָך דעמאָלט קיין פערצן יאָר נישט אַלט געווען. זי איז געווען די עלטערע טאָכטער — האָט זי געמוזט אויפהאַלטן דאָס הויז, די מוטער און די קלע-נערע קינדער. נאָר איצט איז זי אַלט געווען זעכצן יאָר. זי איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון איר צייטיקייט. אירע אברים זענען מיט יעדן טאָג געוואָרן שטייפער, דראָטיקער און אָנגעצויגענער. עס האָט זיך געדוכט, אַז צו יעדער אומדערוואַרטער שעה קאָן אין איר עפּעס אויפ-פּראַלן; אַז זי אינגאַנצן וועט, מעגלעך, אָט סאַמע באַלד, אין דער נעכסטער מינוט, פּלוצלינג אויפפּלאַצן און זיך פונאַנדערנעמען — ווי עס פּלאַצן אויף און נעמען זיך פונאַנדער ביינאַכט די קעפּלעך פון צייטיקן מאָן.

אויך זי איז אַריינגעפאַלן צווישן פּרעמדע. איר פעטער ענדריוס, וועלכער האָט אין דער ערשטער צייט געהאָלפן דער משפחה אירער זיך שטעלן אויף די פיס, איז שוין געווען אַ יאָר 25—20 אין אַמעריקע. ער איז געווען אַ טיפּישער ניו-יאָרקער אַמעריקאַנער. ער איז געקומען אַהער נאָך גאָר יונג, האָט זיך פאַר דער צייט געהאַט גענוג אויסגע-וואַלגערט אין פאַרשיידענע שטעט, זיך גענוג אָנגעפּלאָגט, האָט דורכגעמאַכט כל עבודת פּרך. ער פלעגט אָפּט, אין אַ שטילער דער-מאָנונגס-שעה, קאָנען שעהן און שעהן נאָכאַנאַנד דערציילן פון דעם, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין די טעג און יאָרן פון זיינע וואַנדע-רונגען און פּלאָגענישן.

ער איז שוין געווען אַ שאָפער פון לאַסט-אויטאָמאָבילן, ער איז געווען אַ טראַנספּאָרטלער אין אַ פּאָרט, ערגעץ אויפן מעקסיקאַנישן גאָלף; ער איז געווען אַ קאָנדוקטאָר אויף דער סאַנטא-פע-אייזנבאַן-ליניע, אין דרום-קאַליפאָרניע, נאָך לאַנג-לאַנג צוריק, ווען מען פלעגט נאָך געברויכן אין די וואַגאָנען אויף יענער ליניע אייל אָדער ליכט פאַר באַלייכטונג. ער פלעגט דערציילן, ווי זיי פלעגן דעמאָלט ביי דער קאָמפּאַניע גנבענען אייל און שטיקלעך ליכט און זיי דערנאָך פאַרקויפן צו די אָרטיקע איינוווינער; אַ שטיק צייט שפּעטער האָט ער שוין געשמט אין סאַוט-ברוקלין ווי אַ היפּש-אָנגעזעענער וועטקעמפער אין

עפנטלעכע אַרענעס. אָט פון יענע צייטן — פון שטאַרקע בוכטשעס, וואָס ער האָט בשעת די וועט-קאַמפן געקראָגן — זענען עס ביי אים פֿאַרבליבן זיינע צעפּלעטשטע אויערן, צוגעקוועטשטע צום שאַרבן, — אַן אויסזען האָבן זיי געהאַט פון פֿאַרדרייטע און פֿאַרפּלאָנטערטע ים-מושלען.

איצטער איז ער שוין לאַנג געווען ביים אָנהויב פון זיינע מיטעלע יאָרן, אַ פערציקער : ער האָט שוין אָנגעווירן זיין אַמאָליקע גבורה. קיין סענט געלט איז ביי אים פון יענער צייט נישט פֿאַרבליבן כאָטש ער פלעגט תמיד קריגן גרויסע סומען פֿאַר זיין אַרויסטרעטן אויף דער אַרענע. ער האָט קיינמאָל נישט געוווסט פון אָפּשפּאָרן געלט.

האָט ער זיך געמוזט איצט לאָזן איינשפּאַנען אין אַ מאַשין. זיין אַמאָליקע אגרעסיווקייט, וועלכע ער האָט נאָך נישט אינגאַנצן אָנגעווירן, האָט אים אויך איצט אַרויסגעהאָלפן, און ער איז אין אַ גאָר קורצער צייט דערהויבן געוואָרן צו דער שטעלע פון אַ פאָרמאַן. ער האָט עס נעסין אַריינגענומען אין שאַפּ. ער האָט זי ערשט איצט צום ערשטן מאָל געזעען. ער האָט קוים געהאַט אַן אָנונג, אַז ער האָט גאָר ערגעץ קרובים אין רוסלאַנד.

נעסי האָט קיין באַקאַנטע נישט געהאַט, קיינעם נישט געקענט. בלויז ענדריוס פלעגט זי פון צייט צו צייט, געוויינלעך אין אַ זונטיק, „אויסנעמען״. אַמאָל פלעגן זיי גיין קיין קוני איילאַנד, אַמאָל צו אַ „בייזבאל״-שפּיל אויף די פּאָלאָ גראַונדס, אַמאָל צו אַ טאַנץ ערגעץ אין אַ שטיקנדיקן, עפנטלעכן טאַנץ-זאַל

וועלנדיק אַריבערשפּאַנען דעם פּלויט פון איינזאַמקייט, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט די ערשטע יאָרן און געשטערט איר זיך אויסמישן מיט דער אַרומיקער וועלט, האָט נעסי זיך געפלייסט תמיד אַרויסצוווייזן פֿאַר די אַרומיקע, אַז זי איז אַן אַמעריקאַנערין. זי האָט גיך אַריבערגענומען אַלע מאַניערן און אויסערלעכקייטן פון אַן אַמע-ריקאַנער „גורל״ פון אָט יענע קרייזן, אין וועלכע ענדריוס האָט זי אַריינגעפירט און אין וועלכע זי האָט אויסשליסלעך פֿאַרקערט.

אָבער אינעווייניק אין איר איז פֿאַרבליבן עפּעס פוסט. זי האָט דאָך געהאַט פֿאַרשטיקט אין זיך טעג און יאָרן און יונגע חלומות,

וועלכע האָבן זי באַגלייט די גאַנצע צייט פון דער נסיעה — פון דערהיים ביז סאַמע דער מינוט, ווען זי איז אַרויפגעטראָטן אויף דער ערד פונם נייעם לאַנד.

איז איינמאָל האָט זי זיך מישב געווען און אָנגעהויבן באַזוכן די אָוונט-מיטל-שול. אָט די „סקול" האָט עס געזאָלט אויספילן כאָטש אַ טייל פון אָט יענער אינערלעכער פוסטקייט, וואָס זי האָט אַזוי אָפט געפילט. און טאַקע: אין די אָוונטן פלעגט זי זיין געטרייסט, פלעגט זי זיך פילן ליכטיקער...

אָבער בלויז אַביסל, — זי האָט נאָך אַלץ געלעבט אין עפּעס אַזאַ טרוקענער, טומלדיקער, נישט-באַפרידיקנדער לופט: אַ פרעמדקייט אין דער שול, האָט אַלץ גענאָגט דאָס האַרץ.

אָשר האָט דאָס אַלץ נישט געוווּסט וועגן איר. זי האָט עס אים נישט דערציילט — זי איז געווען אַ שטאָלצע, אַן איינגעשפּאַרטע און אַ שווייגנדיקע. און אָשר אַליין האָט דאָך קוים באַמערקט דרויסנ-דיקע פאַקטן וועגן אַ מענטשן. נאָר זי האָט זיך בלינדערהייט דער-פילט נאָענט צו אים; אַז זי פלעגט רעדן מיט אים, פלעגן זיך אין איר ווידער אויפוועקן און ווירקלעך ווערן די חלומות פון איר יוגנט, די חלומות פון איר מיידלשאַפט: אין אָשרן האָט זיך געפילט עטוואָס אייגנס און נאָענטס צו איר.

אַזוי איז אָשר געווען אַ שווייגער און אַ צוריקגעהאַלטענער, נאָר מיט איר איז ער געווען זייער רעדעוודיק; ער, ווי בכלל מענטשן צוריקגעצויגענע, פלעגט ווערן רעדעוודיק אין דער געזעלשאַפט פון פרויען. מיט אָשרס באַקאַנטשאַפט איז נעסיס לעבן געוואָרן פאַר-ביקער, זאַפטיקער און אינהאַלטרייכער.

אין די ערשטע טעג, ווען אָשר איז אַריינגעקומען אין שאָפּ, האָט זי זיך געהאַלטן ווייט פון אים. זי האָט אַפילו געשפּירט צו אים אַ שטיק צייט אַ פיינטשאַפט: זי האָט אים אָנגענומען פאַר אַ גאַליציאַנער.

זי האָט פיינט געהאַט נעגערס און גאַליציאַנער...

די שנאה צו די ביידע האָט זי שוין דערוואָרבן דאָ אין אַמעריקע, אין אירע וואָלגאַרע, גרויסשטאָטיש-אַמעריקאַנישע קרייזן. זי האָט פיינט געהאַט די ערשטע, ווייל,—ווי זי פלעגט עס תמיד שאַרף און מיט זיכערקייט

דערקלערן, — זיי זענען פון אַ „נידעריקערער ראַסע". זי האָט פיינט געהאַט די לעצטע, ווייל זיי זענען „שנאָרערס און קאַרגע".

אָשר האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס זי האָט אים עפּעס אָנגענומען פאַר אַ גאַליציאַנער: אירע מאָדנע קאַפּריזן זענען אים תּמיד געווען אי פרעמד, אי צוציענדיק אַזוי.

— ווייל ער, אָשר, האָט עפּעס גערעדט אַזוי מאָדנע יידיש... מיט אַ סך דייטשע ווערטער... זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַ יידן רעדן אַזאַ סאָרט יידיש...

זי האָט בכלל נישט געקאָנט רעדן יידיש איידער זי איז אָנגעקומען אַהער קיין אַמעריקע. ערשט דאָ האָט זי זיך אויסגעלערנט אַ ביסל די שפּראַך, כאָטש זי האָט זי נישט ליב, דידאָזיקע שפּראַך...

— עפּעס קלינגט די שפּראַך אַזוי נישט שיין, אַזוי קאָמיש... זי וווּנדערט זיך, בכלל, ווי קאָנען עס גאָר מענטשן רעדן אַזאַ שפּראַך...

נאָר דאָ האָט זי זיך פונדעסטוועגן געמוזט אויסלערנען צו רעדן אַ ביסל יידיש. אָבער אָשר רעדט אַזוי מאָדנע, — דייטש! אַ ווינדאָו הייסט ביי אים „פענסטער"! און ער זאָגט אַלעמאָל „קינעמאַטאָגראַף", און „גאַס", און „זיידע" און „שוועבעלע".

— אַ שוועבעלע... כאַ, כאַ... אַ שוועבעלע! דאָס וואָרט קלינגט אַזוי „פאָני"...*) זאָל עס אָשר נאָכאַמאָל אַרויסרעדן...

און אַ סך מאָדנע ווערטער זיינע קאָן זי גאָרנישט פאַרשטיין: טאַקע נאָר גאַליציאַנער רעדן אַזוי... דערפאַר האָט זי אים אָנגענומען פאַר אַ גאַליציאַנער...

— מילא, נו, אַבי עס האָט זיך אויסגעלאָזן צו גוטן...

און זי האָט אים פייערדיק און מיט ליבשאַפט אַריינגעקוקט אין די אויגן.

אָשר האָט אויסגעהערט אירע רייד מיט אומגעדולד. ער איז אויגנבליקלעך אָנגעצונדן געוואָרן,—ווי תּמיד, ווען מען פלעגט אָנטרעטן אויף זיינעם אַ „פּרינציפּ". ער פלעגט גיכער דורכלאָזן אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג, איידער דולדן אַ גרינג, אָפּשפּאַטנדיק וואָרט וועגן אַ זאַך, וואָס איז אים טייער. און יידיש איז ביי אים געווען אַ הייליקע זאַך.

*) קאָמיש.

ס'איז אים נאָך הייליקער געוואָרן דורכדעם, וואָס דאָס יידיש־רעדן איז אים אָנגעקומען שווער, מיט עקשנות. אין דעם הויז, ווו ער האָט געוואוינט און צווישן די מענטשן, וועלכע פלעגן אַהין אַריינקומען, — אַלע געוועזענע יידישע פּאַרטיי־טוער און „ענערגישע געזעלשאַפטלעכע קעמפער" פון דער אַלטער היים אַרויס — איז דאָס יידיש־רעדן אויף אַ שטילן און אומגעזעענעם אופן פּאַמעלעך פאַרשוווּנדן,— פאַרשוווּנדן נישט פּלוצים, נישט מיטאַמאָל, אָבער נאָכאַנאַנד און זיכער.

דאָס יידיש־רעדן אין אָט יענע קרייזן איז געוועזן עפּעס ווי אַ קראַנקער און שווערער חולה, פון וועלכן מען האָט זיך אַלע מיאש געווען און ער גייט שטילערהייט אויס איינער אַליין, אַ פּאַרלאָזטער.

אָשר איז אינם הויז געווען דער איינציקער, וועלכער האָט אויף דערדאָזיקער באַציונג צו יידיש געענטפערט מיט אַ שווייגנדיקער פאַרביסענער עקשנות: ער האָט אָפּגעהיט די ריינקייט פון זיין שפּראַך ביז צו אומנאַטירלעכקייט. און כאָטש ער האָט געמעגט רעדן גאָר דעם געוויינלעכסטן, פּשוטסטן יידיש, פלעגט זיך עס די אַרומיקע וואַרפן אין די אויגן. אַ סך פון זיינע שטוביקע פלעגט עס דענערווירן: מען פלעגט אים באַטראַכטן ווי אַ פּאַזירער. אין בעסטן פאַל האָט מען אויף אים, — פאַר זיין איינגעשפּאַרטקייט צו רעדן יידיש, פּונקט ווי אַ „גרינער", — געקוקט ווי אויף אַ זונדערלינג, ווי אויף אַ מאָדנע, עפּעס אַ טשיקאַווע בריאה.

— איר זענט אַ אידעאַליסט! — פלעגט מען אים מיט אַ גוט־מוטיקן שמייכל באַמערקן. אָשר האָט אָבער פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט אין דעראמתן געמיינט: „איר זענט אַן אומפּראַקטישער טרוימער, אַ ייד אַ שוטה... איר זעט נישט, וואָס עס קומט פאַר אַרום אייך".

צוליב דעם אַלעם, איז ביי אים דאָס יידיש־רעדן נאָך טייערער און אָפּגעהיטער געוואָרן. האָט ער זיך דעריבער איצט אַריינגעלאָזן מיט זיין „קעגנער" אין אַ היציקן, אין אַ פלאַמענדיק־אויפגערעגטן געשפּרעך. אָנגעהויבן צו דערווייזן נעסין, אַז עס איז נישט ריכטיק פון איר זייט, וואָס זי רעדט קיין יידיש נישט.

— אַלע יידן דאַרפן רעדן יידיש!

בשעת ער האָט אַזוי היציק גערעדט, האָט זיין פּנים געפלאַמט און אַ רויטקייט איז אַרויפגעשטיגן אויף זיינע באַקן.

נעסי האָט אויף אים דעמאָלט געקוקט מיט ליבשאַפֿט און איבערגעגעבנקייט און בענקשאַפֿט. ער איז טאַקע געווען אַ מאָדנער, אַן אַנדערשדיקער... ער איז געווען אַזוי נישט ענלעך אויף אַלע יונגעלייט, וועלכע זי האָט געקענט. פֿון אים האָט געשמעקט מיט „יענער זייט", מיט „אינדערהיים".

אָשר האָט אַוועקגעוואָרפֿן פֿון זיך די צווענגלעך, דעם רינגדראָט, מיט וועלכן ער האָט געאַרבעט, און האָט אַזוי פֿאַרפֿלאַמט און יינגלש־איבערצייגט גערעדט און גערעדט און דערוויזן איר אַלץ די גערעכטיקייט פֿון זיינע רייד.

— עס איז נישט ריכטיק פֿון איר נישט ליב צו האָבן קיין נעגערס און קיין גאַליציאַנער! אַלע מענטשן זענען גלייך...

ער האָט שוין באַלד אינגאַנצן געברענט. אין זיין היציקייט האָט ער איר געזאָגט שאַרפֿע, באַליידיקנדע ווערטער.

נאָר נעסי האָט פֿון זיינע רייד גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. דער אינהאַלט פֿון זיין לאַנגער דרשה איז איר קענטיק קנאַפּ אָנגעגאַנגען: זי האָט זיך די גאַנצע צייט פֿון זיין רעדן נישט געקאָנט אָפּרייסן פֿון זיינע פֿרישע זאַפֿטיקע ליפּן... זי האָט נאָכגאַנאַנד געקוקט אויף אים, אים מיט קיין איינציק וואָרט נישט איבערגעשלאָגן. נאָר כאָטש אויף איר פּנים איז געווען אַן אויסדרוק פֿון דער העכסטער אויפֿמערקזאַמקייט, האָט זי גאָר אין דער אמתן די גאַנצע צייט געטראַכט אירע אייגענע מחשבות.

— פֿאַרוואָס נעמט ער זי קיינמאָל נישט אויס? פֿאַרוואָס לאַדט ער זי קיינמאָל אין ערגעץ נישט איין?

קוקנדיק אַזוי אויף אים און אויף זיין יונגשאַפֿט, האָט זי געצויגן אַזוי פֿיינלעך אָט סאַמע אין דערזעלביקער מינוט אַוועקצוּוואַרפֿן די אַרבעט, אַרויספֿאָרן מיט אים ערגעץ אין אַ וואַלד, אויף אַ לאַנגן שפּאַציר; אויף אַ טייך, זיך צערודערן, אין ים אַרויס, כאַפּן פֿיש.

— זיי ביידע, איינינקע אַליין, אין אַן איינזאַמען ווילדן פּלאַץ...

זי האָט זיך דערמאָנט:

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער זי טאַקע האַלב אומזיכער, האַלב פֿרעגנדיק, איינגעלאַדן פֿאָרן מיט אים אין סיטי איילאַנד זיך

באַדן. זי האָט אים אָבער דעמאָלט שאַרף אָפּגעזאָגט. זי האָט אים נישט דערקלערט אַפּילו פאַרוואָס זי וויל נישט אָננעמען זיין איינלאַדונג.

אָבער די אמתע סיבה איז געווען:

אין יענער מינוט האָט זי זיך דערמאָנט אָן אַ פּאָר ציניש̇ע באַמערקונגען, וואָס אשר האָט אין איר אָנוועזנהייט איינמאָל געמאַכט וועגן „פּרויען, געלט און מענער". זי האָט דעמאָלט אַריינגענומען גופ אין קאָפּ זיין באַמערקונג, ווי עס וואָלט געווען אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג. אָ, א פּנים, אַז זי פלעגט שוין בכלל געדענקען יעדעס וואָרט, וואָס אשר פלעגט אַרויסזאָגן...

אָשר האָט זיך אָבער אָן יענער באַמערקונג זיינער שוין לאַנג פאַרגעסן. בשעת ער האָט דידאָזיקע באַמערקונג ווויליונגעריש געמאַכט, האָט ער עס דאָך אויך נישט געמיינט.

פון זיין אייגענעם בלוט, פון זיין אייגענער דערפאַרונג, האָט ער דאָך גאָרנישט געוווּסט פון „פּרויען, געלט און מענער". וועגן אַלץ אָבער האָט דער יונגער אָשר געהאַט מיינונגען, מיינונגען זיכערע און איינגעשפּאַרטע. וועגן אַלץ האָט ער גערעדט מיט איר קלוג, אַזוי קלוג און רייף... ער האָט זי ליב געהאַט און ער האָט געוואָלט ביי איר אויסנעמען, און ער האָט דאָך נישט געהאַט קיין אַנדערע מעלות אויסער זיינע איינגעטעקשנטע „פּרינציפּן", זיין לעבעדיקע פאַנטאַזיע און זיין שאַרפע צונג.

איז ווען נעסי האָט אים אָפּגעזאָגט, האָט ער געדענקט, אַז נישט אַנדערש:

—איר שטייט נישט אָן... זי וויל זיך אויף אים נישט אומקוקן אַפּילו...

פון גרויס ווייטיק, פון באַליידיקונג, פון גרויסן צווייפל און אומזיכערקייט אין אירעווירקלעכע געפילן צו אים, איז ער דעמאָלט געוואָרן נאָך דאָמינירנדיקער און עזותדיקער אין זיינע באַציונגען צו איר. פון איצט אָן, און תמיד, ווען ער האָט גערעדט מיט איר, האָט ער אָנגענומען דעם טאָן פון אַ קלוגערן, פון אַן עלטערן, איז געווען שאַרף און בייסנדיק.

— זאָל זי נישט דענקען, אַז ער איז אַבי-ווער... זאָל זי נישט דענקען, אַז ער נעמט זיך עס צום האַרצן...

איז ביסלעכווייז האָט ער טאַקע מיט אַזאַ באַציונג צו איר דערגרייכט, אַז נעסי האָט געקריגן גרויס דרך ארץ פאַר אים. זי

האָט אָנגעהויבן האָבן אַ שרעקנדיקן אָפּשיי, פילן זיך געפאַלן און עפּעס נידעריקער אין זיין אָנוועזנהייט. זי האָט אָבער אויך אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אַזאַ יונגערמאַן, ווי אָשר, וועט זיך אין איר זיכער, נישט פאַרליבן...

רעדן פלעגט ער דאָך גערן צו איר קיינמאָל ווי צו אַ נאָענטער, ווי צו אַ גלייכן. ער פלעגט איר אַזוי אָפּט דערציילן אינטימע זאַכן פון זיין לעבן, פלעגט זיין צו איר אַזוי צוגעלאָזן. דאָס פלעגט איר פון צייט צו צייט געבן האָפנונג, אַז זי איז אים פאָרט געפעלן.

— איז פאַרוואָס נעמט ער זי אָבער קיינמאָל נישט אויס? נו, און אַז זי האָט אים איינמאָל אָפּגעזאָגט, איז וואָס?

זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זי שטאַרק בעטן, אַז ער זאָל באַשטיין אויף זיין פאַרלאַנג...

נאָר אָשר האָט עס נישט געטון. צוליב איר ערשטן אָפּזאָג, האָט ער זיך נזירדיק איינגעשלאָסן אין זיך. ער האָט ביי זיך פאַרביטערט געטראַכט, אַז אין אירע אויגן שטייען, אַפּנים, העכער אַמעריקאַנער יונגעלייט, ספּאָרטישע, טומלדיקע, טאַנצנדיקע און — דער עיקר! — גרויסע פאַרדינערס... האָט ער מער נישט געמאַכט קיין אָנשטרענגונגען צו געווינען זי. ער האָט זי אָבער די גאַנצע צייט, שטילערהייט, אַלץ ליב-געהאַט.

V

נעסי האָט ליב געהאַט צו לייענען רוסישע ראָמאַנען און דערציילונגען. זיי האָבן זי אַרומגערינגלט מיט דער לופט פון דער אַלטער היים, אין וועלכער זי וואָלט שוין אַוודאי קיינמאָל נישט זיין צוריק... איר טאָג-טעגלעך לעבן, וואָס האָט זי געשטיקט מיט די פיל פרנסה-זאָרגן, מיט דער טרוקנקייט און וואָכעדיקייט פון יעדן טאָג, מיט דער טומלדיקער איילנדיקייט בשעת דער אַרבעט, פלעגט דעמאָלט אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן. אירע פאַרבאָרגנסטע פאַרלאַנגען האָבן דאָ געפונען אַן אויסגאַנג, זענען דערפילט געוואָרן.

און בכלל: פון פריער קינדהייט אָן האָט זי שוין ליב געהאַט

צו לייענען אַלערליי שווערע און ערנסטע ביכער. איז אויך איצט, אין די פרייע אָוונטן, פלעגט זי לייענען אַזעלכע ביכער, ווי, צום ביישפּיל, די ווערק פון כעוולאַק עליס, די „פּסיכאָ-פּאַטאָלאָגיע סעקסואַליס״ פון קראַפט עווינג. אין די גאָר יינגסטע יאָרן אירע איז זי שוין געווען באַומרויִקט פון אַ סך פראַגן און צווייפלען, פון וועלכע אַפילו דאָס רוב דערוואַקסענע פילן זיך פריי. אַרבעטנדיק שווער טאָג נאָך טאָג און נישט האָבנדיק קיינעם צווישן אירע באַקאַנטע מיט וועמען זי וואָלט געקענט רעדן וועגן די אַלע זאַכן, וועגן וועלכע זי האָט געוואָלט וויסן, האָט זי אין די ביכער געזוכט אַ באַשייד פאַר זיי.

אָשר איז געווען דער איינציקער מיט וועמען זי פלעגט קאָנען רעדן איבער די ענינים, וועלכע פלעגן זי באַומרויִקן. ער איז שוין געוווינט געוואָרן, אַז זי זאָל אים שטעלן אַזעלכע אומדערוואַרטע פראַגן, בעטן אויסטערלישע דערקלערונגען. איינמאָל אין אַ פרימאָרגן האָט זי אים געפרעגט דעם טייטש פון עטלעכע לאַטיינישע ווערטער, אָן וועלכע זי האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַן ענגלישער איבערזעצונג פון ניטשעס אַ בוך, וואָס זי האָט דעמאָלט גראָד געהאַלטן אין לייענען.

אַ ווײַלע איז געוואָרן עפּעס אַזוי מאָדנע שטיל צווישן זיי. נישט קוקנדיק צומאָל אויף אים, דרייענדיק נאָכאַנאַנד איילנדיק-נערוועז די דראָטן אַרום דעם פורעם, האָט זי בשעת מעשה געטראַכט אירע טראַכטונגען:

— דוכט זיך אַזאַ אינטעליגענטער בחור — און אַזאַ מאָדנער... ער האָט געלייענט ניטשען, — טראַכט זי, — איז ער דאָך „פריי״... איז וואָס איז דער מער מיט אים...

זי האָט אַזוי געבענקט נאָך אַ ביסל ליבע. אַלץ אין איר האָט געוואַרט אָפן מאַן, אָפן שטאַרקן מאַן, וועלכער זאָל קומען און זי פאַרצוקן. און דאָ איז אָשר, איבערהויפּט נאָך די לעצטע צייט, אַזוי איידל-קאַלט מיט איר. אַ חוץ יענעם איינציקן מאָל, ווען ער האָט זי איינגעלאַדן אין סיטי-איילענד זיך באָדן, האָט ער זי שוין מער קיינמאָל ערגעץ נישט איינגעלאַדן אויף צו פאַרברענגען. נישט אין אַ וואָכעדיקן אָוונט, נישט אין אַ זונטיק. האָט זי איצט שוין

מיט זיכערקייט געטראַכט, אַז אים איז מסתמא גישט אינטערסאַנט צו פאַרברענגען מיט איר: ער איז דאָך אַזויפיל העכער פון איר.

— אָבער דאָך...

זי האָט זיך געפּלאָנטערט אין אַלערליי געפילן: ס׳האָט איר ווייגעטון.

די פולע, טראַגנדיקע שטילקייט צווישן זיי וואָס האָט זיך איינגעשטעלט היינטיקן פרימאָרגן, האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. זי, די שטילקייט, האָט אויך אָשרן שוין אַרומגעוויקלט. ער האָט געטראַכט, אַז לעצטנס באַמערקט ער עפּעס, ווי ענדריוס איז צו נעסין גאָר נישט אַזוי גלייכגילטיק. נאַטירלעך, צווישן זיי קען זיכער נישט פאָרקומען עטוואָס ערנסטעס. ענדריוס האָט גיכער אויסגעזען ווי אירער אַן עלטערער פעטער, איידער אַ געליבטער... האָט אָשר פאַרטריבן פון זיך דעמדאָזיקן פאַרדאַכט.

אַזוי זענען פאַרלאָפן מינוטן נאָך מינוטן. אין דעם הוזשען פון די מאַשינען אינם שאַפּ האָבן ביידע, אי נעסי, אי אָשר געפילט, אַפּנים, אין אָט יענעם פרימאָרגן, אַז די שטילקייט איז אַ בשותפות־דיקע, אַז אין איר וועבט זיך איצט אַ זאַך, וואָס גייט ביידן אָן... מיטאַמאָל דערהערט ער:

— כ׳האָב געוואָלט ביי אייך פרעגן, אָשר... וואָס דענקט איר: איז עס מעגלעך פאַר אַ פרוי ליב צו האָבן אַ מאַן, אַ פרעמדן... דאָס הייסט, וועלכער איז איר אינגאַנצן פרעמד... וועלכן זי האָט גייסטיק פיינט?

אָשרן האָט עס אַ זעץ געגעבן אין קאָפּ, ווי מיט אַ שווערן שטאַנג. דאָס וויל זי, הייסט עס, קריגן ביי אים אַ הכשר, אַ אינטעלעקטועלן הכשר פאַר אירע עראָטישע געפילן צו איינעם, וועלכער איז גייסטיק אַ סך נידעריקער פון איר... אָ, ער איז שוין באַלד ווידער געוואָרן זיכער, אַז דאָס האָט זי ליב נישט אים, אָשרן — נאָר אַוודאי איינעם, אַן אַמעריקאַנער בחור פון שאַפּ. מיט אים, אָשרן, אינטערעסירט זי זיך בלויז אויף אַזויפיל, אויף וויפל זי קאָן מיט אים רעדן וועגן ביכער. און דאָס גאָר.

ער האָט איר אין ענטפער עפּעס אומקלאָר אַ ברום געטאָן. פון דעמאָלט אָן האָט ער נאָך איינגעשפּאַרטער געשוויגן מיט איר.

* *
*

אין איינעם א ווארעמען זומערדיקן אָוונט איז אָשר געזעסן אין אן אָפּטיילונג פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק און געלייענט א יידישן בוך.

עס איז געווען שבת-צונאַכטס און מאָרגן האָט מען נישט גע־דארפט גיין צו דער ארבעט. דאָ איז געווען זיין ווינקל אין אזעלכע פרייע שעהן. דאָ איז געווען זיין אָפּרו.

אין הויז,ביים פעטער, האָט ער זיך אין פרייע שעהן קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. דאָרט פלעגט מען כמעט יעדן וואָכנ־דיקן אָוונט, גלייך נאָך וועטשערע, טון איינס און דאָס זעלבע: ארויפּברענגען פון סאלון א גרויס קענדל ביר. דער פעטער מיט די דערוואקסענע זין פלעגן טרינקען נאָכאנאנד. בשעת מעשה פלעגט פאָרקומען אזא מין אייגנארטיקער וועטשפּיל: זיי פלעגן שפּייען און כראָקען א סך, אין אזעלכע קונציק אויסגעבויגענע ליניעס, און באמיען זיך טרעפן אין די ווינקלדיקע שפּיי-קעסטלעך. דערנאָך פלעגט מען שפּילן א פּינאָקל ביז שפּעט ביינאכט.

דאָס איז געווען איינדערוואָכן. שבת אָוונט פלעגן די עלטערע, דער פעטער מיט דער מומען, אוועקפאָרן „דאון-טאון"*) צו זען א יידישע פּיעסע. די זין פלעגן זיך פריש אָפּגאָלן, זיך אויסשמירן די האָר מיט פּאָמאַדע און אלערליי טאָניקס, פלעגן א שטיק צייט טומ־לען און זינגען מאָדישע וואָדעוויל-לידלעך, פלעגן זיך קריגן וועגן דעם, ווער וועט זיין דער קומענדיקער שווער-געוויכט-טשעמפּיאָן, פלעגן זיך דערציילן וואונדער וועגן דעם באוווּסטן העלדישן יידישן „גרינג-געוויכט"-טשעמפּיאָן, פלעגן ספּעקולירן צי די „דזשייענטס"**) וועלן אין דער קומענדיקער גרויסער וועלט-סעריע-שפּיל באזיגן די, אָדער פאַרקערט. און לסוף פלעגן זיי, אויסגעפּוצטע און גלאַט-פּאַרקעמטע,

*) דאָס יידישע שטאָט-פערטל.
**) נעמען פון אמעריקאנישע בייז-באל-חברות.

ווי פאַבריקמאַכערס, אַרונטערפליען אַלע טרעפּ און אַוועקאײלן אין פאַרשיידענע ווינקלען פון ניו־יאָרק „אויסגעמען” זייערע „סוויטהאַרטס”*) אין אַ טאַנץ־זאַל, וווּ זיי פלעגן אָן אָטעם אָפּטאַנצן ביז שפּעט איינ־דערנאַכט אַריין.

צו דעם פעטערס מיידלעך אין שטוב פלעגן, פאַרקערט, יעדן שבת אָוונט קומען זייערע „בּאָיעס”, וועלכע האָבן געוואוינט ערגעץ ווייט אין דזשעמייקאָ. איינער פלעגט קומען מיט א באַנדזשא, דער צווייטער מיט אַ סאַקסאָפאָן. נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אַפילו אויסצורעדן בלויז אַ פּאָר ווערטער מיט זייערע געליבטע, מיט וועלכע זיי פלעגן זיך זען בלויז איינמאָל אין וואָך,—אַ גאַנצע וואָך, נאָך דער אַרבעט, איז געווען צו ווייט און צו שפּעט צו פאָרן צו זיי פון דזשעמיקאָ, אַ מהלך פון אַ פּאָר שעה — פלעגן שוין די ליידיקע חדרים אָנגעפילט ווערן מיט די מגושמדיקע, רויע, נידעריק־קערפּערלעכע געבלאָזערייען פונם סאַקסאָפאָן—טענער גראָבע, וועלכע פלעגן אופרעגן דאָס בלוט מיט זייער חיהדיקייט און אויסגעלאַסנקייט.

און באַלד פלעגט מען זיך לאָזן טאַנצן.

אָפּטאַנצנדיק אַזוי קעגן אַ פּאָר שעה, פלעגן די אויסגעמאַטערטע און שוויצנדיקע פּאָרלעך אויסדרייען דעם גאַז, פלעגן פאַרשפּאַרן די פּאַרלאַר־טירן, און אָפּזיצן אַזוי אָן אָטעם, און אָן אַ וואָרט, פאַרטאָ־בענערהייט און פאַרשטאָרבענע, אין די ווינקלעך, ביז וואַנען די עלטערן פלעגן קומען אַהיים.

אויף אָשרן פלעגט מען זיך נישט אומקוקן און נישט זשעניערן צוליב זיין אָנוועזנהייט אין הויז... ער איז דאָך געווען אַ „גרינער”, נאָך נישט קיין רעכטער מענטש.

איז אַזוי גיך ווי אָשר האָט זיך אַביסל אָריענטירט אין ניו־יאָרק, פלעגט ער תמיד מיטן אָנקומען פון שבת־אָוונט זיך אויסדרייען פונם הויז.

איז אָט אין דעם זומערדיקן אָוונט, זיצנדיק אַזוי אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק ביי אַ יידישן בוך, האָט אים מיטאַמאָל גאָר אומדערוואַרט, אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ, — ווי עפּעס גאָר וויכ־טיקס, נאָך קיינמאָל נישט געוועזנס און איבערגעלעבטס, וואָלט מיט

*) געליבטע.

אים באַלד, אָט גאָר באַלד געדאַרפט פּאָרקומען... וואָס האָט עס אַזוינס געקאָנט זיין?

ער האָט געזעגנט זיך מיט די אויגן פון די פּראַסטע זאַכן מיט, וויסנדיק, נאָך דערווייל אַליין צוליב וואָס, אויפגעהויבן די אויגן און אומדערוואַרט דערזען אין אַ ווייטן ווינקל נעסין, שטייענדיק אַזוי איבערגעבויגן איבער אַ ביכער-פּאָליצע מיטן רוקן צו אים... און מיטאַמאָל, גלייכצייטיק, האָט זיך אַ בילד, עפּעס אַ באַקאַנטס, פונאַנדערגעוויקלט פאַר די אויגן, — דאָס דאָזיקע באַקאַנטע בילד איז צו דערזעלבער צייט געווען אויך דערוווּנדערט, כאָטש דאָס איז דאָך ערשט פאָרגעקומען סך-הכל היינט אינדערפרי.

ס'האָט זיך שוין איצט, נאָענט און דערווייטערט, געדענקט, ווי היינט אינדערפרי, בשעת דער אַרבעט, איז געווען עטוואָס יום-טובדיקס אין דער לופט פון שאַפּ — אַ פאָרגעפיל פונם אָנקומענדיקן רו-טאָג, פונם זונטיק, איז שוין באַצייטנס געווען צו שפּירן אין דער לופט.

קיינער איז נישט געווען דעמאָלט ביי זייער אַרבעט-טיש, אויסער זיי ביידן. ענדריוס איז געווען אַוועקגעגאַנגען צוליב געשעפט. דעם אַנדערן אַרבעטער האָט מען נישט לאַנג צוריק „אָפּגעלייגט”. אינם פאַך איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ ווייניקער אַרבעט.

עס איז געווען היינט אַ ליכטיקער, אַ זוניקער טאָג. גאָר אינדער-פרי האָט זיך אַרומגעלאָזן אַ פאַרשפּעטיקטער זומערדיקער רעגן און די שטאָט איז אָפּגעפרישט געוואָרן. פון די דעכער, פון די הייזער-ווענט, פון די צופעליקע שטאָטישע בוימער צווישן די מויערן, זענען נאָך איצט גערונען וואַסערלעך אין דער זון, און אָפּגעשפּיגלט אין זיך זונען-העזעלעך אַרומטאַנצנדיקע.

ביידע, אָשר און נעסי, האָבן אַ ווײַלע אויפגעהערט אַרבעטן, ווי לויט אַ שטומען אָפּמאַך. זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַ פאַרשטויבטן פענסטער. מיט פאַרבענקטע אויגן פון מענטשן איינגעשלאָסענע אין אַ תפיסה האָבן זיי געקוקט אויף די וואַסערלעך, וועלכע האָבן פריש און אדר'דיק געפלייצט אומעטום, איבער שטיין און אייזן פון טענעמענט-הויז, איבער אַספאַלט און שטאָט-ברוק. און מאָדנע שטאַרק האָט זיך שוין נעסין אויף אָט דער מינוט פאַרוואָלט אויסטון די שיך, פאַרקאַטשען דאָס קליידל, פאַרשטעקן די זוימען אינם גאַרטל איבער די קני, ווי די וועשערינס פלעגן עס טון

ביים טייך אין דער היימשטאָט, אין דער אַמאָליקער יוגנט, — דער יוגנט, וואָס האָט זיך מיט יעדן פאַרלוירענעם טאָג אַלץ מער געדוכט, ווי אַן אויסגעטראַכטע... און פונקט ווי אין אָט יענער, ווי געחלומטער יוגנט, אויך איצט אָנהויבן אַרומשפּרינגען אין די קאַלוזשקעלעך, אַרומלויפן אינם וואַסער, לאָזן שיפלעך און פּליושקען זיך...

מיט פאַרצויגענע, פאַרטראַכטע און האַלב־שמייכלענדיקע אויגן האָט נעסי גערעדט אין פענסטער אַריין:

— כ׳האָב אַזוי ליב וואַסער... איר ווייסט, אָשר, יעדן שבת נאָכמיטאָג, אַז איך קום פון דער אַרבעט, נעם איך אַלעמאָל אַ וואַרעמע באָד... ס׳איז מיר דעמאָלט אַזוי גוט, אַז איך פויל מיך לאַנג, לאַנג אַרויסצוגיין פון וואַנע... שעהן גאַנצע קען איך אַזוי אָפּליגן אין דעם וואַרעמען וואַסער, ליגן אַזוי און קוקן אויף מיין לייב... מיין לייב איז זייער ווייס. נאָך אַ וואַרעמען באָד שטייגן פון אים אַרויס אַזעלכע פיינע ריחות. איך האָב זייער ליב מיין לייב. מיין לייב איז אַזוי ווייס.

זי האָט גערעדט, דוכט זיך, נישט צו אים, נאָר סתם אין פענסטער אַרויס: זי האָט דאָך, בשעת מעשה, אַפילו נישט געקוקט אין זיין זייט. זי האָט גערעדט שטיל אַזוי, מיט אַזאַ ליבע און איבער׳געגעבנקייט, ווי זי וואָלט נישט פון זיך גערעדט, נאָר פון אַ פרעמדן, פון אירער אַ געליבטנס לייב.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. אָשר איז געשטאַנען אַ פאַרחלשטער. אויף איין רגע בלויז האָט זי אויפגעהויבן אירע אויגן און אַ לויפנדיקן בליק געטון אויף אים. נאָר ער האָט, דוכט זיך, אַ צעטומלטער גאָרנישט, גאָרנישט באַמערקט. גאָרנישט, גאָרנישט געהערט. ערשט אין עטלעכע מינוט אַרום, נאָכדעם ווי זי האָט געענדיקט, האָט ער, דוכט זיך, ערשט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אירע ווערטער.

ער האָט אויף איר אַ בליק געגעבן. פויל האָט זי זיך איצט געפּעסטעט פאַר זיך, פאַרוואָרפן די הענט איבערן קאָפּ, ווי אַ בייגל. פון אָט דער באַוועגונג איז איר ברוסט נאָך העכער, נאָך בולטער אַרויסגעטראָטן פאָרויס. מיט פאַרזשמורעטע אויגן, ווי אַ קאַץ אויף דער זון, האָט זי זיך געלאַשטשעט אַליין, פאַר זיך, און אַנגענעם געגענעצט.

— א־א־א!.. און מאָרגן איז אַזאַ לאַנגער טאָג... און וווהין טוט מען זיך אַהין? א־א־א...

אָשר האָט איר דעמאָלט,—דאָס הייסט היינט, אינדערפרי,—אויף דעם גאָרנישט געענטפערט. ער האָט בלויז נאָכאַנאַנד און איינגעעקשנט געקוקט אויף איר: ער איז דאָך געווען זיכער. אַז דאָס רייצט זי זיך עס מיט אים...

און איצט, דערזעענדיק זי אינם אָוונט אין דער ביבליאָטעק, האָט אים עפּעס מיטאַמאָל א צי געטון ביים הארצן... עס האָט אים אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק קלאַפּן דאָס הארץ זיינס פון אַ געמישט געפיל, פון שרעק און פרייד, אַז ער האָט זיך אַ שטיק צייט נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

נאָר סוף-כל-סוף האָט גובר געווען די פרייד,—די פרייד, די נייע און באַנייענדיקע, וואָס ער איז געווען איצט, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, מיט איר אונטער איין דאַך, אין איין חדר... אין דעם שאַפּ האָט זיך דאָך נישט גערעכנט: דאָרט איז דאָך געווען אַזוי ווי אין אַ גאַס, אַ רשות-הרבים...

דידאָזיקע פרייד האָט אים אַזוי פאַרשיכורט, אַז ער האָט אַזש קיין כוח נישט געהאַט זיך אויפצוהויבן פון זיין אָרט און צוגיין צו איר. ער איז בלויז געזעסן ביים לייענטישל און נאָכאַנאַנד געקוקט אויף איר פריצייטיק-אַנטוויקלטער פיגור,—געקוקט נאָכאַנאַנד און מיט ליבשאַפט, כמעט ווי אַ מאַן קוקט אויף אַן אייגענער יונגער ווייב, ווען ער דערזעט זי מיטאַמאָל פונדאָסניי, אין זעלטענע מינוטן, ווען לייב און נשמה ווערן באַנייט. אַ נאָענטקייט און אַ היימישקייט האָט ער געפילט צו איר איצטער, ווי צו אַ לאַנגאָניקער באַשערטער.

מינוטן זענען אַזוי פאַרלאָפן נאָך מינוטן: ער איז אַלץ געזעסן און געזעסן און האָט נישט אַרונטערגענומען פון איר זיין בליק און איז צו איר נישט צוגעגאַנגען. צו וואָס? בלויז אין איר נאָענטקייט האָט ער געפילט די פולסטע צופרידנשטעלונג...

פון אָט דער פאַרשיכורטקייט האָט ער זיך ערשט אויפגעכאַפּט, ווען זי איז שוין געהאַט אַרויסגעגאַנגען פון ביבליאָטעק. אין איילעניש, מיטאַמאָל, איז זי פאַרשוואונדן פון זיינע אויגן, ווי צערונענער נעפּל. ער איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַן אונטערגעשאָסענער, האָט איבערקערט זיין שטול און זיך געלאָזט לויפן נאָך איר. די באַזוכער און לייענער אין דער ביבליאָטעק האָבן מיט ערשטוינונג אים נאָכגעקוקט.

ע׳געץ פרוּנטער גאַס האָט ער זי אָנגעיאָגט. ער האָט זיך גע-
וואָרפן איצט אינגאַנצן אין היץ.

— ער וויל זי באַגלייטן...

זי האָט גאָרנישט דערווידערט.

— אדרבא...

אַ שטיק אָוונט איז אָשר אַזוי געגאַנגען לעבן איר. ער האָט
גערעדט גיך, אַ סך, ווי עס פלעגט טרעפן מיט אים אין זעלטענע
מינוטין. די קלינגנדיקע טראַמוואיען, די טרומייטנדיקע אויטאָמאָבילן,
די טויזנטער דורכגייער, וועלכע האָבן זיך געריבן זייט ביי זייט קעגן
אים, — זיי האָבן פאַר אָשרן איצט נישט עקזיסטירט. זיין מוח איז איצט
געווען אָנגעשאַרפט און פייערדיק. ווערטער-פונקען האָבן נאָכאַנאַנד פון
אים געשפריצט. ער האָט גערעדט צו איר איצט פון די זעלטנסטע ביכער,
וועלכע ער האָט נאָר געוווּסט, — פון די ביכער פון לאַוּקאַדיא
ה. ירן און ווערלען, פון סווינבוירן און ווילליאם בלייק,
פון ראזעטי און רייזבאַ... ער האָט מיט היץ דערציילט איר וועגן
גרויסע און פרייע מענטשן, וועלכע האָבן געוווּסט, ווי אויסצולעבן זייער
לעבן אויפן פולסטן אופן, אָוועקבלאָזנדיק פון זיך אַלע באַריערן און
צאַמען, הנאה האָבנדיק פונם לעבן, וווּ און ווען עס האָט זיך נאָר געלאָזט;
באַוווּסטזיניק-אומבאַוווּסטזיניק, האָט ער אוודאי ערגעץ געצילט איצט...

נעסי איז געגאַנגען אים ביי זייט אַ דערשטוינטע, אַ צעטומלטע
דורכן מבול פון זיינע פלייצנדע און פאַרביקע רייד. זי איז געגאַנגען
לעבן אים מיט אַ ווירוואַריקן מוח און באַגייסטערטן בלוט.

און דערנאָך איז געווען דער קילער אָנהויב פון אַ זומערדיקער
נאַכט. עס האָבן זיך געצויגן שעהן זיסע און געווירצטע אין אַ טונקעלער
אַלעע פון צענטראַל-פּאַרק, — שעהן, וועלכע זענען אַלע אויסגעפילט
געווען פון אָשרס באַגייסטערטע, איבערצייגטע און פאַרכלינענדיקע רייד:
וועגן אַלץ, וועגן אַלץ דאָך דער יונגער אָשר געהאַט מיינונגען,
אָנשויאונגען און „פּרינציפּן". און ער האָט אין יענער נאַכט זיך אויפגע-
צונדן און געלויכטן פאַר נעסין מיט אַ שאַרף, פילקאָלירנדיק און שפּריצנ-
דיק פייערווערק-ליכט.

ערשט העט אין שפּעטנאַכט האָבן זיי זיך צעשיידט, אויפן
וועג צו זיך אַהיים האָט שוין דאָס בלוט אין אים געזונגען און מיט

אימפּעט טריומפירט; אָ, איצט איז ער געווען זיכער, אַז זי האָט אים ליב... האָט ער דאָך די גאַנצע צייט שטומערהייט געפּילט, ווי איבערגעגעבן-נאָענט נעסי האָט אויף אים די גאַנצע צייט פון זיין רעדן געקוקט...

VII

דורך די רעשט שעהן, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן פון דער נאַכט ביזן אָנהויב פון אַ דושנעם לאַנגן זומערטאָג, האָט זיך נעסי אַלץ געוואָרפן אויף איר געלעגער.

אַלץ אין איר איז געווען וואַך. יעדער אָדער האָט אין איר געציטערט און געקלונגען. אָשרס רייד האָבן זי אינגאַנצן אופגערודערט, זי האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, ביז זי איז לסוף אויפגעשטאַנען און זיך געזעצט אויפן פענסטער-שוועל.

ערשט דאָ איז איר געוואָרן גרינגער. די פאַרטאָגיקע וואַסער-לופט האָט געקילט איר צעהיצטן לייב. זי האָט אַראָפּגערוקט פון זיך איר נאַכט-העמד ביז אויף דער העלפט. זי האָט געגלעט אירע ברוסטן און זיי אַנטפּלעקט צו דער נאַכט און צו דער גרויסער, פולער פאַרטאָגיק-שטילער לבנה. זי האָט באַלד פאַרמאַכט אירע אויגן: דע-מאָלט האָט זיך איר געדוכט, ווי עמעץ אַן אַנדערער יואָלט עס געגלעט איצט אירע ברוסטן.

מיט איר יעדן קלינגענדיקן נערוו האָט זי איצט געפּילט, אַז זי האָט אָשרן ליב... זי האָט זיך דערמאָנט: אין פאַרק, מיט אַ פּאָר שעה צוריק, אין דער צעהיצטער, טונקעלער לופט, וואָס האָט זיי נאָענט אַרומגערינגלט, נישט קוקנדיק אויף דער קילקייט פון שפּעט-נאַכט, — האָבן אירע הענט זיך וואַרעם אַרויפגעלייגט אויף זיינע, נאָר אָשר האָט מיט קיין שום צייכן נישט אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט עס אפילו באַמערקט... האָט זי זיך דעמאָלט אים פאַרקוקט אַזוי אין די אויגן,— צעטומלטערהייט און חנעוודיק האָט זי אָנגעהויבן פירן מיט אים אַ שטילן פלירט. אויסגעזען האָט זי שוין דעריבער דעמאָלט, ווי אַ קינד, אויף וועמען אַ דערוואַקסענער האָט אָנגעשריען און עס וויל

נאָר ווייַנען, נאָר עס מאַכט זיך אַלץ האַרץ: עס גלויבט מכּלומרשט נישט דעם געשריי און קאָקעטירט נאָך שטאַרקער מיטן אָנשרייַער...

פּלוצים,—דוכט זיך: גאָר נישט צו דער זאַך,—גיט זי אים עפּעס אַ זאָג און דערבײַ לאָזט זי שעמעוודיק אַרונטער די אויגן:

— הע — הע... פאַר איר איז דאָך פּשוט אַ געפּאַר צו פלירטעווען אַביסל מיט אַ יונגנמאַן... באַלד נאָר עפּעס, פאַרליבן זיי זיך אין איר, די יונגעלייט... כאָטש זי, נעבעך, מיינט עס גאָר קיינמאָל נישט ערנסט... איז מוז זי דאָך זיין מיט אים אויך זייער פאָרזיכטיק, ניין?

זי האָט אים אָנגענומען פאַרן האַנט, און ווידער פאַרקוקט אים אַזוי אין די אויגן. און אָשרן האָט דאָס האַרץ פלוצלינג אָנגעהויבן זינקען... עס איז מיטאַמאָל באַדעקט געוואָרן מיט אייז. ער איז געוואָרן אינגאַנצן בלייך.

— זאָל זי זיך נישט שרעקן, נעבעך: מיט אים, מיט אָשרן, קען זי פלירטעווען, וויפל איר האַרץ גלוסט. כאָר אים איז עס נישט אַזוי געפערלעך...

און איצט, זיצנדיק אַזוי אַ נאַקעטע אויף דער פענסטער-שוועל, קילנדיק איר לייב אין דער פייכטקייט פון דער נאַכט, האָט זי איבערגעטראַכט זיינע ווערטער.

— אָ, ער האָט מסתּמא געשפּאַסט... אָ, ער האָט זי זיכער ליב... זי ווייס.

בלינדערהייט האָט זי דאָך געפילט, וואָס עס איז געווען הינטער דער שוימענדיקער אופגערודערטקייט פון זיינע רייד הייגטיקן אָוונט. אָבער פאַרוואָס האָט ער זי אַפילו נישט איינגעלאַדן ערגעץ אויף מאָרגן, אויף זונטיק... זי האָט דאָך אים אַזוי דייטלעך געגעבן וועגן דעם אָנצוהערן.

זי האָט געפילט: עפּעס פעלט אַלץ אין זיינע באַציונגען צו איר.

— אַז ער האָט זי שוין שפּעטער באַגלייט ביז צום הויז, איז פאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי געאיילט זאָגן איר אַ גוטע נאַכט?

אמת, זי איז טאַקע געווען די ערשטע, וועלכע האָט אַרויסגע-זאָגט: „נו, איך בין שוין אינדערהיים", און האָט דערבײַ געהאַט אַזאַ צו ר ענעם אויסדרוק אויף איר גאַנץ געזיכט... אָבער פאַרוואָס

איז ער נישט באַשטאַנען אויף דעם, אַז זי זאָל מיט אים שטיין אַ שטיקל צייט אין דער נאַכט אין טונקעלן קאָרידאָר, ווי אַלע יונגע־לייט טוען עס? עס איז דאָך געווען אַזוי שפּעט, און קיינער וואָלט זיכער פאַרביי זיי נישט דורכגעגאַנגען. יאָ, אָשר איז עפּעס זייער אַ מאָדנער, אַן אומפאַרשטענדלעכער.

עס איז שוין געווען איצט אוודאי גאָר שפּעט אינדערנאַכט. עס האָט זיך געזען דורכן פענסטער, ווי פרי־אויפגעשטאַנענע צייטונג־פאַר־קויפער האָבן געטראָגן אויף די אַקסלען שווערע פּעק מיט דיקע, קאָלירטע זונטיק־צייטונגען. אַ פאַרשפּעטיקטער ביינאַכטיקער טראַמוויי האָט זיך מיט אַ העלן געפּילדער דורכגעטראָגן דורך דער גאַס. עס איז געוואָרן אויף אַ ווײַלע שטיל אין די שוין גאָר שפּעטנאַכטיקע שעהן. און ווידער איז אָנגעפלויגן אַ געפּילדער: עס האָט דורכגע־דונערט איבערן ברוק אַ שווערער משא־אויטאָמאָביל, אַן אָנגעלאָ־דענער מיט פולע מילך־קאַנען; עס האָבן אָנגעהויבן דורכדונערן אויטאָמאָבילן מיט ברויט, וועגענער מיט פרוכט און מיט גרינסן... דער ריזיקער כרך האָט געפּרוווט אַרייננכאַפּן עטלעכע מינוט פון אַן איילנדיקן, רוגזדיקן דרימל און האָט נישט געקאָנט.

נעכי האָט זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט. עס איז איר געוואָרן עפּעס שטיקנדיק אַזוי, און ס'האָט אויסגעפּעלט לופט. זי האָט זיך אַלע ווײַלע אָנגעכאַפּט פאַרן האַלז. זי האָט אָנגעהויבן באַוועגן אַרויף און אַראָפּ מיט די אָרעמס, ווי זי וואָלט פון ערגעץ געפּרוווט שעפּן לופט.

זי האָט באַלד נאָך שטאַרקער פאַרמאַכט די אויגן אירע און זיך אָנגעהויבן פאָרשטעלן פאַרשידענע זאַכן. איר איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ מער און מאָדנע אומבאַקוועם אינם גאַנצן גוף, אי שווער אַזוי און אי אַנגענעם. זי האָט אַליין שוין נישט געפילט, ווי זי האָט אַלץ נידריקער און נידריקער געצויגן פון זיך דאָס נאַכט־העמד.

מיטאַמאָל האָט זי אויפגעציטערט. אויף איר נאַקעטן אַקסל האָט זיך אַנידערגעלייגט אַ שווערע, אַ וואַרעמע האַנט. אַ דערשראָקענע האָט זי זיך אומגעדרייט. דאָס איז ענדריוס אינמיטן שלאָף אויפגע־שטאַנען און געגאַנגען אַ טרונק טון.

ענדריוס און נעסי פלעגן ביידע שלאָפן אין איין צימער, אין

אַנטקעגנגעזעצטע ווינקלען פונם זאַל, ווייל אין שטוב איז געווען ענג. די מוטער און די קלענערע קינדער זענען געשלאָפן אין דעם איינציקן שלאָפצימער.

נעסי האָט אויף אים געקוקט און געקוקט, און האָט גאָרנישט געזען, ווי אַ נאַכטוואַנדלערין. כאָטש אירע אויגן זענען איצט געווען ברייט פונאַנדערגעעפנט אויף אים.

— וואָס זיצסטו עפּעס אַזוי שפּעט, נעסי?

אַז זי האָט אים נישט געענטפערט, האָט ער איר אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן שטערן. און ערשט איצט איז זי געקומען צו זיך.

עס האָט איר פּלוצימדיק אַ ברי געטון אַזוי פון דעם ריר זיינעם. אַזוינס, אָט אַזאַ דורכנעמענדיקן פּלוצימדיקן שטראָם האָט זי געפילט בלויז איין מאָל אין איר לעבן: ווען זי האָט איינמאָל מיט אַ נאַסער האַנט אומגערן אָנגערירט אַן עלעקטרישן קנעפּל.

איינגאַנצן אַ ציטערדיקע איז זי מיט איין ריס אַרונטערגעשפּרונגען פון פענסטער-שוועל, אָן אַ וואָרט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין און אַ דערשראָקענע איבערגעצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ.

אַ לענגערע ווײלע איז ענדריוס געבליבן שטיין אַזוי אָנגעשפּאַרט קעגן דער וואַנט. כאָטש ער איז געווען איצט אַ באָרוועסער, האָט ער פונדעסטוועגן גאָרנישט געפילט קיין קעלט. זיין האַרץ האָט אים מאָדנע געקלאַפּט איצט אין אָט דער שפּעט-איינזאַמער נאַכט-לופט. עס האָט אים געקלאַפּט פּונקט ווי אַמאָל, מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געהאַלטן אין די אָרעמס אַ מיידל — עפּעס אַן אָרעמע ווייסע מיידל, אַן אַרבעטערן פון אַ בייוול-פאַבריק, ערגעץ אין אַ שטילער שטאָט אין דזשאָרדזשיאַ.

אָ, אָ... ער געדענקט עס ווי איצט... ער איז דעמאָלט געווען אַ סאָלדאַט. ער האָט שוין אַ שטיק צייט נישט געהאַט דעמאָלט קיין אַרבעט, און ס'האָט זיך אים בכלל פאַרבענקט נאָך אַ פרייען, אַוואַנטוריסטישן לעבן,—האָט ער זיך אויף עטלעכע יאָר פאַרדונגען, ווי אַן אַרטילעריע-סאָלדאַט ביי דער אַמעריקאַנער רעגירונג. ס'איז געווען דעמאָלט אַ קילע נאַכט,—אַ קילע נאַכט, וואָס נאָך אַ בראָטנדיק-הייסן דרומדיקן

אָקטאָבער-טאָג. זייער רעגימענט פלעגט יעדן זומער אַרויספאָרן אויף מאַנעווערס אין אַ דערבייאיקן לאַגער. און דאָס מיידל פון אָט יענער שטילער שטאָט אין דזשארדזשיא פלעגט אים קומען באַגעגענען הינטערן אייזנבאַן-בריק, ביי די ברעגן פונם מוטנעם, זאַמדיקן געלן סאוואנא-טייך, וואָס פליסט צווישן דזשארדזשיאַ און דרום-קאראליינא. אָ, אַ נאַרישקייט געדענקט זיך גוט... זי האָט דעמאָלט אין זיינע אָרעמס שטיל און היסטעריש געלאַכט צי געכליפעט—ביי איר איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל.

ער איז אַ שטיק צייט אַזוי געשטאַנען און געטראַכט. זייט דעמאָלט האָט ער נאָך אַזוינס, אַזאַ מין האַרץ-ציטער קיין איין מאָל נישט געפילט. ער האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס נעסי האָט זיך אַזוי איבערגעשראָקן און איז אַנטלאָפן. ער איז שוין געלעגן אַזוי אין בעט נישט איינגעשלאָפענערהייט ביז פאַרטאָג, אַ דורכגענומענער מיט אַ מאָדנער, אַ זיסער אַזאַ אויפרעגונג. ער האָט געפילט שאַרף, קלאָר און לעבעדיק יעדע דורכלויפנדיקע מינוט און יעדן שאָרך פון דער נאַכט. און נאָך גאָר פרי, ווען אַלע אין הויז זענען נאָך געשלאָפן, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין געלעגער און איז אַוועק אַ זינגענדיקער שפּאַצירן איבער די זונטיקדיקע גאַסן אין פאַרק אַריין.

אויפגעשטאַנען איז נעסי יענעם פרימאָרגן זייער שפעט, ווען דער געוויינלעכער טאַראַראַם פונם זונטיק אינדערפרי האָט דערגרייכט דעם העכסטן פונקט. מען האָט זיך שוין געהאַט געקליבן עסן וואַרמעס.

זי איז אויפגעשטאַנען מיט אַ קאָפּווייטיק און מיט בלויע קישענעס אונטער די אויגן.

ווען דאָס הויזגעזינט האָט אָפגעגעסן, האָט מען זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצווייגן יעדער אין זיין וועג, אויף פאַרברענגען ערגעץ דעם זונטיק. ענדריוס איז אויך אַוועק. ער האָט מיט איר דעם גאַנצן פרימאָרגן קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט. זיי האָבן איינער דעם צווייטן אויסגעמיטן.

נעסי איז געבליבן איינע אַליין אין הויז. זי האָט זיך גענומען אויספּוצן, כאָטש זי האָט נאָך דערווייל נישט געוווּסט, וווּהין זי

וועט גיין. שטילערהייט, כּמעט אומבאַוווּסט, האָט זי געוואָרט און געהאָפֿט, אַז אָשר וועט איר קלינגען אין טעלעפֿאָן און זאָגן, אַז ער קומט.

אַ שעה איז אַזוי געלאָפֿן נאָך אַ שעה. אין שטוב איז געווען זונטיק־דיק־שטיל און פּוסט. זי איז געווען איינינקע אַליין אין הויז, און ס'האָט זיך אינם דאָזיקן שטילן און יום־טובדיקן זונטיק־נאָכמיטאָג אַזוי שאַרף געריסן זיך באַהעפֿטן מיט דער וועלט — שאַרפֿער, ווי ווען עס איז פֿריער.

דורכן פֿענסטער האָט זי געזען, ווי יום־טובדיק־פֿאַרפּוצטע פּאָר־לעך גייען הין און צוריק, אָדער איילן זיך סתּם ערגעץ — אויפֿן ביו־יאָרקער אופֿן. נאָר איר האָט זיך שוין געדוכט, אַז אַלע, אַלע זענען געגאַנ־גען איצט אין פּאָרלעך. אַפֿילו די יונגע קינדער, ייִנגלעך און מיידלעך זענען אויך געגאַנגען אין פּאָרלעך, זיך האַלטנדיק ביי די הענט... אַפֿילו אַלטע מענער זענען אויך געגאַנגען ביי דער זייט פֿון זייערע איינגעפֿאַלענע חורבות פֿון פֿרויען.

און אַלץ איז קיינער נישט געקומען. און אַלץ האָט קיינער נישט געקלונגען. עס איז שוין געווען אַרום דריי אַ זייגער. מיטאַמאָל האָט אַ קלונג געטון אין טיר. נעסי איז געווען זיכער, אַז דאָס איז ענדלעך אָשר געקומען. נאָר אין שטוב איז גאָר אַריין ענדריוס.

זי האָט זיך אַזוי פֿאַרוווּנדערט, אַז זי האָט אַ שטיק צייט קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן, — זי איז דאָך געווען זיכער, אַז ענדריוס איז איצט זייער ווייט פֿונדאַנען. יעדן זונטיק פֿלעגט ער גלייך נאָכ־מיטאָג אַוועקגיין, ערגעץ אַרויספֿאָרן מיט זיינע פֿריינט, און זיך אום־קערן אַהיים גאָר שפּעט אויפֿדערנאַכט.

זי האָט באַמערקט, ווי זיין אויסזען איז איצט אויך געווען אַזאַ נישט געוויינלעכער, אַזאַ אָנגעשטרענגטער, אַזאַ ערנסט־יום־טובדיקער. נישט מאַכנדיק קיין לאַנגע שהיות, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און איבער איר אָנגעשטעלט זיין זיכער, שווער, איצט אָנגעשטרענגט־שמייכלדיקן פּנים.

— וואָס, דו זיצסט די גאַנצע צייט אַליין אין הויז, נעסי? זונטיק? קום מיט מיר... היינט קומט פֿאָר נישט ווייט פֿונדאַנען אַ פּיקניק, — אַ גרויסער פּיקניק און אַ טאַנץ פֿון עפּעס אַ דייטשישן פֿאַריין.

נעסי האָט נאָך אַלץ נישט געעפנט דאָס מויל: זי האָט בלויז מיט שטוינונג און אין ווונדער אַלץ געקוקט אויף אים. ער האָט הנאה־דיק געריבן די הענט.

— טו זיך אָן... וואָס, דו ביסט שוין אָנגעטון? נו, איז דאָך גאָר גוט. דאָרט איז טומלדיק, פריילעך,—קום, לאָמיר גיין, נעסי...

VIII

געטומלט האָט זי זיך שפּעטער שעהען גאַנצע אין עפּעס אַ ריזיקן פּאַוויליאָן, אָן אָנגעפּילטן מיט דיקע בייכיקע דייטשן, מיט טומל און געפּילדער פון פּאַרקויפערס פון בופעט־מאַרקעס און מיט אַ ברייטן צופרידענעם געלעכטער און האָלדערן פון פרעמדער שפּראַך.

משפּחות גאַנצע דייטשן זענען געזעסן אַרום טישלעך מיט ביר פאַרגאָסענע און געזשליאָקעט נאָכאַנאַנד פון גרויסע קופּליעס ביר, וואָס זיי האָבן געצאַפּט פון נידריקע פעסלעך, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דער ערד ביי דער זייט. אַלע ווייַלע פלעגן צוגעקייקלט ווערן צו די טישלעך אַלץ נייע ביר־פעסלעך, פון די טישלעך.

אַן אָרקעסטער פון בלאָז־אינסטרומענטן האָט געשטורעמט. דרויסן פונם פּאַוויליאָן, אין גרויסן הויף, אונטער אַן־אויף־גיך אופגעבויטן אָפּדאַכל זענען געשטאַנען עטלעכע פעטע ריזן מיט אָפּגעקאָרמעטע רויטע קארקעס — מיטגלידער פון דער קצבים־אוניאָן, וועלכע זענען געקומען אַרויסהעלפן זייערע גענאָסן, די מיטגלידער פון דער בעקער אוניאָן, וועלכע האָט עס איינגעאָרדנט דעמדאָזיקן פיקניק — מיט ווייסע פאַרטעכער איבער זיך־פּאַלדעווענדיקע בייכער, ווי ביי עלטערע ווייבער, און אין ווייסע קוכער־היטלעך. אין גרויסע שוואַרצע קעסלען, וואָס זענען געשטאַנען פאַר זיי, האָבן זיך געדעמפּט גאַנצע זייטן און זאָדיקעס פון אַ גוואַלדיקן אָקס, וועלכן מע האָט ספּעציעל פאַר אָט דעם יום־טוב געקוילעט,—זיי האָבן געקאָכט איצט אַ „באַרבעקיו”. אַלע ווייַלע פלעגט עמעצער אַנדערש פון דעם זיך ווילדטוענדיקן עולם אונטערקומען מיט אַ קופל ביר אין דער האַנט. פלעגן קוכערס מיט

די לאַנגע קצבים־מעסערס זייערע אָפּשניידן אַ פּאַס פלייש און סערווירן עס אין קאַרטאָנענע טעלערלעך.

אויפן דאָזיקן פּיקניק פון די דייטשישע בעקער־אַרבעטער האָט זיך נעסי נאָכגעשלעפּט נאָך ענדריוסן. זי האָט זיך געפילט דאָ מאָדנע באַרויקט. אַרום איר איז געווען משפּחה־פריילעכקייט און זאַטע פרייד — יום־טוב פון עסן און געטראַנק. נעסי האָט טאַקע דאָ קיינעם נישט געקענט. נאָר גייענדיק לעבן דעם געזונטן אַטלעטישן ענדריוס האָט זי זיך געפילט אַרומגערינגלט מיט זיכערקייט און באַשיצונג...

זי האָט געטראַכט:

תּמיד, ווען זי איז מיט אָשרן, איז איר גאַנצער וועזן עפּעס אַזוי ציטערדיק־אויפגערעגט, אַזוי אומרויק, אַזוי אָנגעשטרענגט און אומזיכער. אָשר פלעגט זי תּמיד באַשיטן מיט אַ האָגל אַ גאַנצן פון ווערטער, וועלכע פלעגן פאַרטומלען איר מוח. ענדריוס, פאַרקערט, פלעגט כּמעט די גאַנצע צייט שווייגן. אויך זי האָט נישט געהאַט וואָס צו רעדן צו אים. נאָר וווּהין ענדריוס פלעגט זי נישט אויסנעמען, אפילו אין די פּרעמדסטע פלעצער, פלעגט זי מיט יעדן חוש אירן, מיט איר גאַנצן אויפגעברויזטן בלוט אַזוי מחיהדיק פילן דעם שאַרפן טעם פון לעבן.

מיט אַ ווירוואַריקן מוח האָט זי שפּעטער אַ ווײַלע שוין געשפּירט, ווי זי טאַנצט מיט ענדריוסן אין געדיכטן געמיש און געפלעכט פון גופים. אינם זאַל איז איצט געווען אַזוי געדיכט אָנגעפּאַקט, אַז עס האָט אויסגעזען, —דער גאַנצער זאַל איז אָנגעפולט מיט עפּעס איין שטיק, מיט עפּעס איין האַלב־פאַרגליווערטער מאַסע, וואָס באַוועגט זיך קוים הין און צוריק, באַוועגט זיך בלויז דעמאָלט, ווען די גרויסע ווענט, וואָס רינגלען זיי אַרום, באַוועגן זיך אויך, — אַ גרויס פאַס אָן אָנגעפילט מיט מענטשלעכע זשעלאַטין.

איינער האָט דעם אַנדערן געטראָטן אויף די פיס. נאָר נעסי האָט גאָרנישט געפילט, — קיין ווייטיק, קיין זאָרג: ענדריוס האָט זי געדריקט צו זיך מיט זיין שטאַרקייט, האָט זי אויפגעהויבן און געטראָגן אינדערלופטן. זי האָט זיך איינגעאַנצן אָפּגעלאָזן, געלאָזט טראָגן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. אָ, זי האָט געפילט, אַז זי איז איצט אין זיכערע הענט...

זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט איינמאָל איינגעלאַדן אָשרן

צו אַ טאַנץ, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט איינגעאָרדנט. האָט ער איר אויף דעם געענטפערט, — מיט שטאָלץ און מיט אַ מינע פון איינעם, וואָס איז דאָס אַלץ שטאַרק אַריבערגעוואַקסן, — אַז ער טאַנצט נישט... און זיין טאָן איז געווען אַזויפיל ביטול צו איר, אַז זי האָט זיך דעמאָלט פאַר זיך אַליין פאַרשעמט.

— כ'ווייס... אפשר איז טאַקע טאַנצן נישט אַזאַ שיינע זאַך?

זי איז יענעם אָוונט צום טאַנץ טאַקע נישט געגאַנגען. דעם גאַנצן שבת-צונאַכטס איז זי דעמאָלט געבליבן זיצן אינדערהיים, — אַן איינזאַמע, אַן אומעטיקע, אַ פאַרשעמטע...

IX

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען זיי האָבן זיך ביידע, נעסי און ענדריוס, געטראָגן אין אַ טעקסי אַרויפצו, איבער דעם רחבותדיקן גרענד-קאָנקאָרס.

דער וועג פאַר זיי מיט די אומצאָליקע אויטאָמאָבילן און מאָטאָר-ציקלעטן, וואָס האָבן פאַרבייגעשמאַיעט הין און צוריק, מיט די דורכשטעכנדיקע פייערהערנער פון די אויטאָמאָביל-לאַמטערנס, אינם פור-פורנעם אָוונט, האָט אויסגעקוקט ווי אַ גרויסער, אַן איינגעפאָרענער שאָסיי, — אַ ברייטער שליאַך, וואָס פירט צו אַ לאַנד פון אייביקן יום-טוב, צו אַ לאַנד פון אייביקן פאַרגעניגן, צו אַ לאַנד פון נאָכאַנאַנדיקן פריילעכן טומל.

דער אויטאָמאָביל זייערער האָט זיך געטראָגן מיט שטאַרקער שנעלקייט. פאַסן קויטיקע, פורפורנע און פלאַמענדיקע, ווילדע וואָלקן-שטיקער זענען זיי אַנטקעגן געפלויגן אויפן אָוונטיקן הימל.

מיט אַ פאַרטויבטן מוח, מיט קאָכנדיקע און שוימענדיקע בלוטן, איר גאַנצער גוף אין אַ הויכער, זעלטן יום-טובדיקער באַגייסטערונג — האָט נעסי נישט באַמערקט, ווי מיילן און מינוטן זענען ווייט הינטער זיי געבליבן, פונקט ווי די גאַנצע וועלט און צייט זענען פאַרשוווּנדן אין אָט דעם לאַנגן אָנאָטעמדיקן פלי.

דער פֿאַרנאַכט האָט שוין אָנגעוווירן זיין גאַנצע רויטקייט און איז וואָס אַ מינוט אַלץ טונקל־בלויער געוואָרן, ווען זיי זענען אָנגעקומען צו אן אומבאַקאַנטן ים־ברעג אין דער געגנט פֿון סיטי איילאַנד.

אין אַ רודערשיפֿל האָט זי ענדריוס אַרויסגעפֿירט צו אַ געדעקטער מאָטאָר־שיף, וואָס איז געשטאַנען געאַנקערט אין מיטן סיטי־איילאַנד־אויסגוס. דאָרטן האָט זיך געפֿונען איצט אַ געזעלשאַפֿט פֿון יונגע בחורים און מיידלעך — ענדריוסעס פֿריינט, וועלכע האָבן בשותּפֿות פֿאַרמאָגט דידאָזיקע מאָטאָר־שיף.

אַלע אויפֿן שיף זענען געווען איצט אָנגעטון אין באָד־קאָסטיומען. אָרעמס און נאַקנס נאַקעטע זענען געווען פֿאַרברוינט און פֿאַרבראָנזט. אַלע ווײַלע פֿלעגט איינער פֿונם עולם אַרונטערשפּרינגען פֿון מאָטאָר־באָוט אין ים אַריין, פֿלעגט אויף אַ ווײַלע פֿאַרשווונדן ווערן און פֿלעגט באַלד צוריק אַרויפֿשיסן מיטן יונגן שטייפֿן גוף צוריק אין דער בלויער לופֿט אַרויס. און דערנאָך האָבן שטאַרקע בראָנזענע הענט מיט אַ הילך געלייגט זיכערע, געמאָסטענע קלאַפּטערס ווייט אין דעם טונקל־ווערנדיקן וואַסער אַרויס.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען ענדריוס און נעסי שוין אויך געווען אויסגעטונענע און אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער אַריין. נעסי האָט נישט געקאָנט שווימען און האָט זיך דעריבער לכתּחילה געשראָקן אַריינצושפּרינגען אין מיטן ים אַריין. מען האָט אויף איר דעמאָלט אַרויפֿגעצויגן אַ רעטונגס־גאַרטל, און ווען זי האָט עס נישט באַמערקט,— זייענדיק פֿאַרטון אין אַ געשפּרעך מיט איינעם פֿון דער געזעלשאַפֿט,— האָט זי עמעצער פֿונהינטן אַראָפּגעשטויסן אין וואַסער אַריין. זי האָט אַרויסגעלאָזן אַ פֿלוצלינגדיקן דערשראָקענעם געשריי, נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט: זי האָט זיך מיטאַמאָל דערזען אַ הונדערט פֿוס ווייט פֿונם מאָטאָר־שיפֿל.

ענדריוס איז שוין מיט שטאַרקע, מעכטיקע קלעפּ געווען אַוועקגעשווומען ווייט אין ים אַרויס. זי האָט אים נאָכגעקוקט מיט פֿאַרערנדיקן שרעק: פֿונדערווייטנס האָט ער אויסגעזען, ווי איינער פֿון די פֿאַרצייטיקע שטאַרקע און מעכטיקע געטער, וועגן וועלכע זי האָט אין דער יוגנט געלייענט אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע.

נאָר אין דער טונקלקייט פֿונם אָוונט איז זיין אַטלעטישע פֿיגור

וואָס אַמאָל אַלץ אָפּגעווישטער געוואָרן. ס'האָבן זיך באַלד שוין בלויז געהערט הילכיקע, פּאַטשנדיקע קלאַפּטערס, — ווי דאָס פּאַטשן פון אַ ריזיקן ים-פיש, פון אַן אַנגעשוועמענעם פון ווייטע ימים וואַל-פיש.

אין דערוועלבער מינוט האָט זיך נעסי פּלוצים דערמאָנט: זי האָט אַמאָל געהערט פון אָשרן, אַז ער קען נישט שווימען. און זי האָט זיך איצט פאַרשעמט אויף אָשרס חשבון. זי האָט זיך פאָרגע-שטעלט, ווי זי וואָלט דאָ מיטאַמאָל דערזען אים אָשרן פּאַליושקען זיך באַם ברעג אַן אויסגעטונענעם — אַ דאַרן אַזאַ, אַ קליינינקן, אַ הילפלאָזן...

און ענדריוס איז אַלץ ווייטער אָפּגעשווומען אין ים אַרויס. און מיטאַמאָל האָט זי מיטן גאַנצן לייב אירן דערפילט, אַז דער אָפּגרונט אונטער איר איז טיף, זייער טיף... אפשר עטלעכע מיילן טיף. און זי איז דאָ איינע אַליין אינם אָוונט אויפן וואַסער. און כאָטש זי האָט געטראָגן אַ רעטונגס-גאַרטל, האָט זי מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט אַ גרויסער שרעק, אַ שוידער איז איר דורכגעגאַנגען איבערן גאַנצן גוף: טאָמער הויבט זי זיך אָן צו טרינקען, — אפשר איז דער רעטונגס-גאַרטל נישט גוט פאַרבונדן געוואָרן...

ציטערנדיקע מיידלשע געשרייען האָבן באַלד אָנגעהויבן זיך וויגן אַרויף און אַראָפּ אין דער אָוונט-לופט. ענדריוס איז גיך צוגע-שווומען צו איר און האָט זי אַרומגענומען מיט קאַלטע הענט, וועלכע האָבן זי געבריט.

ער האָט זי באַרויקט: אַך, נאַרישקייטן, זי איז אויסער יעדער געפאַר... ער האָט זי אָנגעהויבן לערנען שווימען. ער האָט זי אַנידער-געלייגט אויפן רוקן און זי אונטערגעהאַלטן מיט זיינע דיקע האָריקע אָרעמס. אַליין שווימענדיק לעבן איר פוס-טריט, האָט ער זי אַרומגע-טראָגן אַזוי איבערן וואַסער. פון שרעק, וואָס זי ליגט איצט איבער אַ טיפעניש פון טויזנטער פוס, האָט זי גלייך אַרומגעכאַפּט מיט אירע דינע הענטלעך ענדריוסעס קרעפטיקן אָדערדיקן האַלז, וואָס איז געווען ווי אַ בוים אַ פעסטער. און גלייך האָט זי זיך אויפגעהערט שרעקן, ווי זי וואָלט זיך געפונען איצטער ערגעץ אויף אַ פלאַכן ערטל באַם ברעג.

באַלד האָט איר עמעצער פון באָוט צוגעוואָרפן אַ שטריק. מען

האָט זי אַרויסגעצויגן פונם וואַסער, אַ דערפרישטע, אַ קיל-שמעקנדיקע, ווי אַ דורכגענומענע מיט מיצטע-ריח.

אַז זי האָט זיך אונטן אין קאַיוטע אין עטלעכע מינוטן אַרום איבערגעטון און איז אַרויס צוריק אויפן דעק, האָט דער עולם זיך שוין געזעצט עסן וועטשערע. דער וואַסער-שפּיגל צווישן די פיל קליינע אינזלען פונם סיטי-איילענד-אַרכיפּעלאַג איז געלעגן אַ רויקער, אַ קוים זיך באַוועגנדיקער, זיך געבלייכט און געמינעט קעגן לעצטן אָוונט-רויט, ווי פּערלמוטער.

פונדערווייט, פונם לאַנג-איילענד-דורכגוס אַרויס, האָבן איצט אַהער אָנגעהויבן אָנשווימען גרינגע אַזעלכע פּעדערדיקע קאַנוס*) אויפן וועג צוריק אַהיים, נאָכן טאָג-אויסגאַנג. אין די קאַנוס זענען געזעסן יונגע שטאָטישע חברה, בחורים און מיידלעך, נאָר אַן אויסזען האָבן זיי געהאַט פון עפּעס אַלטע גריכישע קריגערס, וועלכע קערן זיך אום איצט אַהיים פון אַ מלחמה ערגעץ אויף אַ ווייטן אינזל און ברענגען מיט זיך קריגס-געפאַנגענע – טעכטער און כלות פונם באַזיגטן שונא. וויאָלעטס האָבן אויפגעגלאַנצט קעגן אָוונט-רויט מיט אַרונטער-קאַפּנדיקע בלוטיקע טראָפּנס.

אָוונט איז מיט יעדער מינוט געדיכטער געוואָרן, אויף נאָענטע מאָטאָר-שיפן און יאַכטעס האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצינדן לאָמפּן. עס האָט זיך פון דאָרט געלאָזט הערן אַ כריפּיקע שפּילעריי אויף גראַמאָ-פאָנען. איבערן ים האָט זיך אָנגעהויבן שפּרייטן אַן אילומינאַציע פון טויזנטער פייערן און זיך געטוקט אין די וואַסערן. פון די ווייטע אַמוזירונגס-פּאַרקן אויפן ברעג האָבן זיך געזען אַהער ריזיקע, זיך דרייענדיקע, פייערדיקע רעדער מיט אָנגעהאָנגענע פּאַסאַזשיר-וועגלעך. סאַמעטענער אָוונט אויפן ברעג איז פאַרזעצט געוואָרן מיט פייערדיקע טורעמס, מיט אומצייליקע נאָדלדיקע ליכט-שפּיצן און לאַמטערנע-קראַנצן, וועלכע האָבן באַזוימט די פּאַוויליאָנען, די קאַרוסעלן און אַלערליי זומערדיקע בנינים.

נעסיס קאָפּ איז געוואָרן אינגאַנצן פאַרטומלט פון פרייד און פון בייקייט. נישט נאָר ענדריוסן האָט זי אין אָט דער מינוט גאָר פאַרגעסן, נאָר זי האָט פאַרגעסן אָן אַלץ און אָן אַלעמען. זי איז

*) שיפלעך גרינגע, וואָס ווערן געמאַכט פון איין שטיק אויסגעהוילטן האָלץ.

געזעסן מיט ברייט-פונאַנדערגענומענע אויגן. זי איז געווען איצט אין אַ ניילאַנד.

עטלעכע יונגעלייט זענען געשטאַנען איבערגעבויגן איבערן באָרט פונם מאָטאָר-שיף און אין דער פינסטער געכאַפּט אַאַלן*). עמעצער האָט אָנגעשטעלט די וויקטראָלאַ אונטן אין קאַיוטע. ס'האָבן זיך באַלד דערהערט קלאַנגען פון אַ מעלאָדישן פאָקס-טראָט, קלאַנגען פון דער „דאַרדאַנעלא".

שטילערהייט, שטאָנדיק איז ענדריוס צו איר צוגעגאַנגען, זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט, זי צוגעצויגן צו זיך און זיך אַוועקגעלאָזט מיט איר טאַנצן. ערשט נאָכדעם, ווי זי האָט אָפּגעטאַנצט מיט אים עטלעכע רונדן, האָט זי אים דערזען... ער האָט אויף איר, אין דער האַלב-בלויקייט, האַלב-טונקלקייט פונם אָוונט, געשמייכלט מיט אַזעלכע פייכטע גרויסע אויגן. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים — אַ קליינינקע, אַ יונגינקע, אַ ערשט אויפשפּראָצנדיקע: איר קאָפּ האָט אַפילו נישט דערגרייכט צו זיין ברוסט. זי האָט געפילט צו אים אין דער מינוט אַזאַ שטומע דאַנקבאַרקייט.

און ענדריוס האָט די גאַנצע צייט אַלץ געשוויגן. האָט ער איר דעריבער באַלד אויסגעזען ווי עפּעס אַ גרויסער גבור, ווי אַ כשוף-מאַכער, וועלכער האָט אויפגעצויבערט פאַר איר, צוליב איר פאַרגע-ניגן וועגן, אָט דעם גאַנצן וווּנדערלעכן אָוונט אויפן ים — און אַליין רעדט ער קיין וואָרט נישט אַרויס, נאָר שמייכלט אין זיין ברייטער באָרד אַריין, צייגט אָן מיט ברייטן ווּנק פון זיינע גוטמוטיקע אויגן אויף דאָס אַרומיקע לאַנד:

— זעסט, קינד... ס'איז אַלץ פאַר דיר... פאַר דיר.

מיטאַמאָל האָט נעסי זיך דערפילט הענגענדיק אינדערלופט. אין מיטן טאַנצן, אַז זי האָט זיך אין פאַרגעסנקייט צוגעטוליעט צו ענדריוסן, האָט ער זי, גיך און אויגנבליקלעך, אויפגעהויבן, אונטער אַלעמענס געלעכטער און דערמוטיגנדיקע צורופן. מיט איין האַנט האָט ער זי אַרומגענומען אַרום די אַקסלען, מיט דער צווייטער זי אַ הויב געטון אונטער אירע קני. ער האָט זי אַ פלאַטערנדיקע אויסגעשטרעקט איבערן באָרט, איבערן וואַסער. איבערן אויסגוס האָט זיך דערהערט נעסיס

*) שלאַנגענאַרטיקע פיש, וועלכע מען קאָן כאַפּן בלויז ביינאַכט.

פֿלוצלינגדיקער, דערשראָקענער אויסגעשריי. זי האָט זיך אָנגעהויבן צאַפּלען אינדער־לופֿט, ווי אַ קליין זומערדיק פֿלאַטערל. ווען מען האַלט צו ביי די פֿיסלעך.

אין די גאָר שפּעטע שעהן פֿון דער נאַכט האָבן זיי זיך אומגעקערט אַהיים.

אַלע אין הויז זענען שוין פֿון לאַנג געשלאָפֿן. ענדריוס און נעסי האָבן זיך שטילערהייט אויף שפּיץ־פֿינגער, אַריינגעגנבעט אין פֿראָנטצימער, וווּ זיי פֿלעגןביידע שלאָפֿן. נעסי האָט געבעטן ענדריוסן אויף אַ ווײַלע אַרויס פֿון צימער און קיך אַריין, ווי געוויינלעך, ווען זי פֿלעגט זיך דאַרפֿן אויסטון.

זי האָט אַרונטערגענומען דאָס קאָפּטל. נאָר אָנשטאָט זיך אויסצוטון ווייטער, איז זי געבליבן שטיין אַזוי מיט פֿאַרלייגטע הענט איבערן האַרצן דאָס אויסגעטונענע קאָפּטל אין די געקרייצטע הענט, אינגאַנצן אַ באַרוישטע פֿון די איבערלעבונגען פֿונם פֿאַרגאַנגענעם טאָג. זי איז פֿאַרזונקען געוואָרן אין גאָלדיקע זוניקע געדאַנקען, ווי אין אַ חלום. מינוטן נאָך מינוטן פֿון דער שפּעטער נאַכט האָבן אַזוי אַריבערגעטאַנצט אַריבער איר קאָפּ און זי איז אַלץ אַזוי געשטאַנען שטיל און אומבאַוועגלעך — אַ יונג ביימל אין אַ פֿרילינג־נאַכטיקן גאָרטן, וואָס וואַרט שטילערהייט אויף אַ רעגן. זי האָט אינגאַנצן נישט געהערט ווי ענדריוס, וועלכער האָט געדענקט, אַז זי האָט זיך שוין געהאַט אויסגעטון, איז אַריין אין צימער.

איר גאַנצער ווען מיטאַמאָל האָט אָנגעהויבן שווימען אין דער לופֿט. זי האָט קוים געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווי זי וואָלט זיך פֿלוצלינג אָנגעהויבן טרינקען, — ווי זי וואָלט זיך אָנגעהויבן טרינקען אַרויפֿצו־צו, — אין דער הויך... זי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן. זי האָט זיך אינגאַנצן געבאָדן אין היציקע כוואַליעס. ענדריוס האָט זי פֿונהינטן געהאַלטן אַרומגענומען. פּאַמעלעך און שטאַרק האָט ער זי באַלד אָנגעהויבן ציען צו זיך, צו זיין געלעגער. זי האָט זיך תּחילת געלאָזט נאָכשלעפּן, אַן אומבאַהאָלפֿענע. נאָר ווען זי האָט

זיך שוין דערפֿילט האַלבֿליגנדיק אויף זײַן בעט, האָט זי זיך מיטאַמאָל אַזוי דערשראָקן, אַז זי האָט שיר נישט געהאַט אויסגעשריגן פֿון שרעק. זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז זי קאָן נאָך מיט איר געשריי אויפֿוועקן די מוטער און יענע וועט נאָך עפּעס פֿאַרדעכטיקן. זי האָט דעמאָלט ענדריוסן מיט איר לעצטן רעשטל כּוח אַזאַ שטויס געטון פֿון זיך, אַז ער איז שיר נישט אומגעפֿאַלן.

אַ שווערסאָפּנדיקער, זײַן נאַסע צונג עטוואָס אַרויסגעשטעקט, זײַנע ליפּן — פֿײַכט, באַקן צונטערדיק, האָט ענדריוס זיך נאָכאַנאַנד געריסן צו איר... נאָר ער האָט פֿונדעסטוועגן נישט געוואָלט אָנמאַכן איצט קיין טומל. אַ פֿאַרשעמטער איז ער צוריק אַרויס אין קיך.

דערנאָך האָט די שטיקנדיקע זומערדיקע נאַכט אָנגעהויבן דער־ברענען אירע לעצטע טשאַדענדיקע שעהען.

X

אויף מאָרגן, מאָנטיק, איז נעסי אויפֿגעשטאַנען מיט אַ קאָפּווייטיק און מיט בלויע פֿלעקן אונטער די אויגן.

עס איז שוין געווען שפּעט, אַסך שפּעטער, ווי זי פֿלעגט געוויינלעך אויפֿשטיין יעדן טאָג. ענדריוס איז שוין געהאַט לאַנג אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט.

דאָס ערשטע, וואָס זי האָט דערפֿילט איז געווען: איר האָבן שטאַרק געצויגן און וויי געטון די פֿיס. אפשר איז עס פֿונם נעכטיקן טאַנצן, האָט זי זיך געטראַכט. דער קאָפּ אָבער האָט איר אויך שטאַרק וויי געטון. זי האָט זיך טאַקע דערמאַנט, ווי אַ גאַנצע נאַכט האָט איר עפּעס שטאַרק באַאומרויקט און געקלאַפּט אַזוי דאָס האַרץ.

האָט זי באַשלאָסן היינט נישט צו גיין צו דער אַרבעט אפשר אַז זי וועט פֿאַרבלײַבן אינדערהיים און זיך אָפּרוען, וועט זי זיך פֿילן בעסער. ערשט שפּעטער, אַז דער טאָג איז אויף איר געוואַקסן, האָט זי אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין: דאָס האָט זי דעריבער נישט געוואָלט גיין צו דער אַרבעט, ווײַל זי האָט געפֿילט, ווי זי וואָלט זיך איצט דאָרט, אין שאַפּ, געשעמט צו קוקן אָשרן אין די אויגן אַרײַן... אַ

געפיל פון חרטה האָט זי איצט גענאָגט אינגאַנצן. זי האָט זיך געפילט שולדיק קעגן אים, פונקט ווי זי וואָלט אים אָפּגענאַרט.

פאַר איר האָבן זיך אָנגעהויבן קלאָר אויסצושטעלן די שעהן פון דער אייערנעכטיקער נאַכט, דער שבת-צונאַכטס, וועלכע זי האָט פאַרבראַכט מיט אָשרן אין אַ היציקער, שוימיקער אָרגיע פון דרייסטע רייד... און איר איז בשעת-מעשה אייננעפאַלן:

— אָ, אָשרן וואָלט זיכער געפעלט דרייסטקייט צוצוטרעטן צו איר אַזוי גראָב, ווי ענדריוס האָט דאָס געטון נעכטן ביינאַכט...

גראָב... נאָר פאַרוואָס עפּעס גראָב? זי האָט זיך דערמאַנט אין די באַגייסטערטע ווערטער, וועלכע זי האָט געהערט פון אָשרן סך-הכּל מיט אַ נאַכט פריער וועגן „גרויסע פרייע מענטשן, וועלכע האָבן געוווּסט, ווי אויסצולעבן זייער לעבן אויפן פולסטן אופן"...

— זיי זענען געשפּרונגען איבער אַלע פּלויטן, און ווו געדאַרפט — זיי אינגאַנצן איבערגעבראָכן...

יאָ... דאָס איז אפשר טאַקע אַזוי... אַזוי איז, מעגלעך, טאַקע ריכטיק... און איר האָט שוין איצט פאַרדראָסן, פאַרוואָס זי האָט ענדריוסן אַזאַ שטויס געגעבן פון זיך. און עס האָט זי איצט אָנגעהויבן אַזוי ציען צו אים אין דער באַטאָגיקער ליידיקייט פונם הויז, אין דער אומגעוויינלעכער וואָכעדיקער און פויל-מאַכעדיקער ליידיקייט, אין וועלכער זי פלעגט זיך אַזוי זעלטן געפינען.

ס'האָט איר אויך צו דערזועלביקער צייט אָנגעהויבן צו פאַרדריסן איצט אויף אָשרן, — פונקט ווי ער, אָשר, און נישט ענדריוס, וואָלט זי געהאַט באַליידיקט נעכטן...

— שאַ... ווי אַז אָשר וואָלט פון אָט דעם, וואָס איז פאָרגעקומען נעכטן ביינאַכט, געוווּסט?

און זי האָט מיטאַמאָל דערפילט: ענדריוס האָט מיט זיין נעכטיקער האַנדלונג חוזק געמאַכט פון אָשרן, אַ פאַראַכטנדיקן טראָט געגעבן אויף אים... און מאָדנע: נעסי האָט זיך ביי דעם געדאַנק נישט געפילט באַליידיקט אויף ענדריוסן. פאַרקערט: אָשר איז גראָד פון דעם-אָ אין אירע אויגן געפאַלן, איז געוואָרן נישטיק אַזוי און צעבראָכן.

אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט זי זיך פונדעסטוועגן געפילט דערדריקט און שווער, און אין עפּעס שולדיק. ערשט נאָכמיטאָג איז איר פלוצלינג

געוואָרן גרינגער. איר איז אײנגעפאַלן, אַז עס איז גוט אַזוי, וואָס זי איז פאַרבליבן אינדערהײם. אין שאָפּ וועט דערווײל פאַרשפּרייט ווערן אַ קלאַנג, אַז זי איז קראַנק. וועט אָשר קומען אין אָוונט צו איר געוואָר ווערן.

— אָ, דאָס וועט זײן גוט אַזוי...

זי האָט באַלד אָנגעהויבן וואַרטן אויף זײן קומען, ווי אויף אַ דערלײזונג פונם דאָזיקן מוטשענדיקן פלאָנטער. זי האָט געפילט: אָשר דאַרף נאָר קומען, און זי וועט ווידער גלײך דערפילן צו אים די ליבשאַפט און געטרײשאַפט, וואָס זי האָט צו אים די לעצטע צײט געפילט.

כּדי צו פאַרשטאַרקן דאָס ליבשאַפט-געפיל, וואָס האָט איצט גע-האַלטן אין אָנכלינען אויף איר האַרץ, האָט זי זיך געפּרוּווט פאָרשטעלן אָשרן מיט זײן אײדלקײט און פאַרחלומטע אויגן, זײנע קלײנע קינדערשע הענט מיט זײן עקשנותדיקן, יינגלש-אײנגעשפּאַרטן מויל. אָבער מאָדנע — זי האָט אים איצט בשום-אופן נישט געקאָנט אַרויסברענגען אין איר דמיון. ער איז מיטאַמאָל, ווי אָפּגעווישט געוואָרן פון איר זכּרון. פאַר-קערט: ענדריוסעס געשטאַלט, וואָס זי האָט איצט באַוווּסטזיניק געוואָלט פאַרגעסן, איז אַלץ גרעסער און בולטער אויסגעוואַקסן. מיט שטאַרקײט און זעלבסט-זיכערקײט האָט עס נאָכאַנאַנד אַרויסגעשטופּט די זיך אָפּווי-שנדיקע פאָרמען און קאָנטורן פון אָשרס געשטאַלט.

נעסי האָט זיך פונדעסטוועגן געפילט שולדיק, ווי זי וואָלט באַגאַנ-גען איצט אַ זינד. זיך געהאַלטן אין איין באַרויקן.

— עס איז דאָך נאַריש... עס איז דאָך גאָרנישט... עס איז בלויז אַ צופאַל... זי וועט דאָך זיכער קײנמאָל נישט חתונה האָבן מיט אײנעם וואָס איז עלטער פאַר איר אפשר מיט אַ צוואָנציק יאָר.

אָבער דאָ האָט עס איר מיטאַמאָל אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ:

— שאַ... ווי אַזוי וועט זיך עס פאַרט ענדיקן — וואָס, אַן ערך, קען טאַקע זײן דער סוף פון די באַציִונגען צווישן איר און אָשרן? זי וועט דען מיט אים חתונה האָבן?

דער דאָזיקער געדאַנק האָט איר איצט אָנגעהויבן אויסקוקן מאָדנע ווילד. אָשר זאָל זײן איר מאַן? ער איז דאָך געווען אַזוי יינגליש, אַזוי עפּעס... זי האָט נישט געוווּסט ווי אָנצורופן עס. נאָר זי האָט אָנגעהויבן

פילן אַ מאָדנע אומזיכערקייט, כמעט אַ שרעק ביים געדאַנק, אַז זי זאָל דאַרפן פאַרבינדן איר לעבן מיט אָשרן. ער איז דאָך געווען אַזוי טרוי־מעריש, אַזוי אָפּגעלאָזן, אַזוי אומפּראַקטיש...

אָט געדענקט זי דאָך, ווי ער האָט איר אַ פּאָר מאָל מיט שטאָלץ און זעלבסטווערדע געזאָגט, אַז ער האָט גאָרנישט קיין ברעקל אַמביציע זיך „אַרויפצואַרבעטן".

— איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געטראַכט פון געלט!

און מאָדנע:

דוכט זיך, תמיד, ווען זי פלעגט נאָר הערן פון אים אַזעלכע רייד פלעגט ער ביי איר מיט דעם נאָך שטאַרקער אויסנעמען. דידאָזיקע „אידעאַליסטישע" רייד זיינע זענען געווען אַזאַ דערפרישונג אין איר וואָכעדיקן לעבן... דורך דידאָזיקע רייד וועלכע זי פלעגט הערן פון אים, איז זי ביי זיך אַליין אויסגעוואַקסן העכער, ווייל זי האָט דאָ בעצם צו דעם נישט איינגעשטימט...

אָבער איצט האָט עס איר אויסגעקוקט אַזוי ווילד, אַז אָשר זאָל ווערן איר מאַן. וועט ער דען, ווען עס איז, קאָנען פאַרדינען גענוג פאַר צוויי? זי האָט דאָך גוט געוווסט פון די אַלע פּלאָגעניש, וואָס ענדריוס איז דאָ אין לאַנד אויסגעשטאַנען. און עס האָט זי אַזוי שטאַרק געשראָקן דאָס, וואָס אָשר, וועלכער איז ערשט איין יאָר אין לאַנד, וועט נאָך ערשט דאַרפן דורכמאַכן אַזויפיל שווערע יאָרן.

אַזוי האָבן זיך די געדאַנקען געפּלאָנטערט אין איר אַ גאַנצן טאָג.

אָוונט־צו איז זי שוין געווען אַ פאַרמאַטערטע פון די אַלע ווידער־אַנאַנדיקע מחשבות. זי האָט איצט, אָן אויסגעמען טערטע, בלויז געוואַרט אויף איינעם — אויף אָשרס קומען. זי האָט זיך אַזש געביסן די ליפּן פון ווייטיק.

— אַך... ווי אַזוי האָט זי גאָר געקענט טראַכטן אַזעלכע אומוויר־דיקע געדאַנקען! אַז ווי קומט גאָר ענדריוס צו אָשרן...

זי איז האַסטיק אויפגעשטאַנען פון שטול, אויפגעשטאַנען מיט אַ באַשלוס, — זי האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז זי זאָל היינט זען אַזוי רודערן דאָס געשפּרעך, אַז ס'זאָל אַרויפקומען אויף אַ שמועס וועגן חתונה, סתם וועגן חתונות צווישן יונגע מענטשן... אָ, זי וועט שוין זען, אַז אָשר

זאָל זי נאָך היינט אָוונט בעטן חתונה האָבן מיט איר. ס'מאַכט נישט אויס – זי דאַרף נישט זאָרגן – אַלץ וועט זיין שוין שפּעטער גוט. – – –

אַ זייגער ניין אין אָוונט איז אָשר טאַקע געקומען. ער איז געווען אַ גאַנצן טאָג שטאַרק אומרויק ביי דער אַרבעט. ער איז דאָך שוין געוווינט געוואָרן צו זען נעסין יעדן וואָכעדיקן טאָג אין שאָפּ.

האָט ער דורך משונהדיק-פּאַרלעגנגערטע, טומלדיקע שעהן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן אָוונט, ווען ער וועט זי שוין טרעפן אין דער אָוונט-מיטל-שול, אין וועלכער זיי האָבן זיך ביידע געלערנט נאָך דער אַרבעט. אין שול האָט ער זי אָבער אויך נישט געטראָפן.

נאָר איצט אַז ער איז געקומען צו נעסין, האָט מען אָן אים שוין נישט געקאָנט זען, אַז ער זאָל זיין כאָטש אפילו אַביסל אויפגערעגט אָדער צעטראָגן. ער האָט מיט קיין וואָרט נישט אַרויסגעוויזן זיין אינער-לעכע אומרו. ער האָט געשמייכלט איידל-מאַנירלעך און זייער איינ-געהאַלטן.

ער האָט טאַקע געזעצן גלייך פון אָנהויב אָן קלאָר צו מאַכן צוליב וואָס ער איז געקומען אַהער.

– ער וויל זי, הייסט עס, איינלאַדן צו אַ קאָנצערט, וואָס וועט פּאָרקומען קומענדיקן שבת אָוונט..

ער האָט נישט געפרעגט ביי איר צי זי וויל גיין – ער האָט בלויז מיט פעסטקייט און אַבסאָלוטער זעלבסטזיכערקייט דערקלערט איר, אַז ער וויל זי איינלאַדן צו אַ שיינעם קאָנצערט.

– שוין לאַנג, אייגנטלעך, אַז ער גרייט זיך צו דעם..

אָבער וואָס ווייטער ער האָט גערעדט, אַלץ אומזיכערער און באַזאָרגטער איז ער געוואָרן איבער דעם, צי נעסי וועט אָננעמען זיין איינלאַדונג. זיין קול איז דעריבער געוואָרן נאָך באַשטייענדיקער, נאָך אַרויסרופנדיקער – כמעט העזהדיק.

זיי זענען דעמאָלט געזעסן ביידע אין קיך, וועלכע איז אויך געווען איינצייטיק דאָס עס-צימער און דאָס גאַסט-צימער. זי האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. זיין דרייסטער, שטאָלצער טאָן איז איר אויסגעקומען איצט מאָדנע קאָמיש, אירע ליפּן-ווינקלעך האָבן אַ צופּ געגעבן אַ שמייכל צו טון. נאָר זי האָט גערעדט פונדעסט-וועגן רויק, שטיל.

— ניין. זי קאָן נישט גיין מיט אים היינטיקן שבת אָוונט. זי איז, דוכט זיך, פאַרנומען,— דאָס הייסט, זי קאָן בכלל מיט אים, מיט אָשרן, נישט גיין...

— זי האָט דאָך אים שוין איינמאָל דערקלערט, פאַרוואָס זי קאָן נישט...

דאָס האָט אַלץ געהאַט צו טון מיט זיין אַמאָליקער צופעליקער און אייליקער באַמערקונג — אַ ציגישער באַמערקונג פון אַן אומשולדיקן יינגל, וואָס באַמיט זיך צו הכמענען זיך.

נעסיס געזיכט איז בשעת-מעשה געוועז קאַלט. אין אירע רייד האָט זיך אָנגעהויבן אַפילו אויף אַ מינוט הערן אַ טאָן פון גרויזאַמקייט, אָבער גלייך האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט.

— וואָס טוט זיך דאָ מיט איר, גאָט איינער... זי האָט דאָך גאָר באַשלאָסן צו רעדן מיט אים וועגן עפּעס וויכטיקס היינט ביינאַכט!

זי האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן און איז מימאַמאָל ווי איבערגעביטן געוואָרן — זי האָט אָנגעהויבן שמייכלען צו אים מיט איר גאַנצן פּנים, מיט איר גאַנצן וועזן, ווי זי וואָלט פריער גאָר קיין שלעכטס, גאָר קיין באַליידיקנדיקס מיט אירע ווערטער נישט געמיינט.

— איר ווייסט וואָס... קומט נאָר אַרונטער אין גאַס, אשר. אין דרויסן איז דאָך איצט אַזאַ לויטערער אָוונט...

און בכלל — גוט טאַקע, וואָס ער איז איצט געקומען. זי וויל קויפן אַ הוט, וועט ער מיטהעלפן איר אָנקוקן...

— וואַרט, אָט גיי איך אַריין אַ ווײַלע אין פראָנט-צימער זיך איבערטון.

זי איז גיך אַריין אין צווייטן צימער זיך פאַרפוצן. איר האַרץ האָט געקלאַפּט מיט פרייד איבערן גליקלעך-געפּאַסטן באַשלוס. זי האָט זיך שטאַרק געאײַלט: זי מוז וואָס גיכער אַרויס פון הויז, איידער ענדריוס וועט נאָך אָנקומען.

אַ שיינענדיקע אינגאַנצן איז זי באַלד אַרויס צו אָשרן. זי איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַזוי מלכותדיק-טעאַטראַליש אויף דער שוועל און האָט געקוקט אויף אָשרן אַ פאַרשעמטע אַזאַ, אַ זיך

רויטלעכדיקע, פונקט ווי זי וואָלט דאָרט, אין חדר, געטון עטוואָס אַזוינס, וואָס עס טוט איר שטאַרק הנאה, וואָס אָשר איז געווען בשעת-מעשה כאָטש אין אַ דערבייאיקן צימער און האָט עס געפילט, האָט עס זיך געקאָנט פאַרשטעלן... דאָס, וואָס זי האָט דאָרט געטון און ער האָט עס נישט געטאָרט זען, האָט, אפֿנים, אַ שייכות דווקא מיט אָשרן, — בלויז אָשר מעג עס וויסן און נישט קיין פרעמדער...

זי איז געווען איצט אַזוי גליקלעך פון איר איינפֿאַל, אַז זי האָט נישט באַמערקט: אָשר איז שוין געזעסן אַן אָנגעכמורעטער אַ לענגערע ווײַלע, אַן אָנגעפּילטער מיט ביטערן פאַרדרוס, פאַרוואָס זי האָט נישט אָנגענומען זײַן איינלאַדונג. ער האָט ברוגזדיקערהייט אַרויסגעוואָרטשעט.

— אַז ער פאַרשטייט כּלל נישט... צו וואָס דאַרף זי עס אים האָבן — וואָס פאַרשטייט ער דען אויף פרויען-הייט?

נעסי האָט זיך איבער אים דעמאָלט איבערגעבויגן און מיט אַ וואַרעמען, פייכטן בליק אַרײַנגעקוקט אים אין די אויגן. אירע ליפּן האָבן זיך שוין פאַמעלעך-שטיל פונאַנדערגענומען, גרייט אַרויסצוזאָגן אַ טייער, אַ ליב וואָרט.

נאָר ס'האָט זיך דערהערט אינמיטן דערינען הינטער איר אַ באַקאַנטער קלאַפּ מיט דער טיר. און כאָטש דערדאָזיקער קלאַפּ איז געווען אַ באַקאַנטער, האָט זיך דאָס מאָל איר פון דעם עפּעס אָפּגעריסן דאָס האַרץ.

דער אַרײַנגעקומענער ענדריוס האָט זיך פאַרווונדערט, ווען ער האָט דערזען נעסין אַ פאַרפּוצטע אין אַ מיטן מאָנטיק.

— זע נאָר... וווהין קלייבסטו זיך עס?

אין זײַן שטים איז איצט געווען כּמעט אַזאַ פאָדערנדיקער טאָן ווי בײַ אַ מאַן, וועלכער שטעלט אַ פראַגע זײַן אייגענער פרוי.

— אַ הוט קויפן — האָט נעסי אַרונטערגעלאָזן די אויגן. איר קול האָט געקלונגען אַזוי שטיל, שולדיק, זיך פאַרענטפערנדיק.

— נו, גוט, קום... איך וועל מיט דיר אויך גיין.

— ער האָט טאַקע אָקאָרשט באַמערקט אין אַ פענסטער-אויס-שטעלונג, אין אַ קלייט דאָ נישט ווייט, מאָדישע היט, — אַזעלכע וווּנדערבאַרע היט, מיט געלע פעדערן פון גן-עדן פייגל...

ער האָט זיך נאָך די גאַנצע צייט אַפילו נישט געהאַט אומגע־קוקט אויף אָשרן. ער איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל און אָנגעהויבן פאַריכטן זיין שניפּס.

— אָבער איך גיי דאָך מיט אָשרן... — האָט נעסי אָנגעהויבן שטאַמלען.

ענדריוס האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט. ער איז צו צום בעקן אונטער דעם קראַן פון דער וואַסערלייטונג און זיך אָנגעהויבן אָנגיסן אַ גלאָז וואַסער. מעגלעך, אַז ער האָט נישט געהערט אַפילו איר פראַגע. נאָר נעסי האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַזוי מאָדנע פאַר־שעמט פאַר אָשרן: ענדריוס האָט זיך, הייסט עס, מיט אים, קענטיק, גאָרנישט גערעכנט אַפילו...

און מאָדנע: אַנשטאָט צו באַליידיקן זיך אויף ענדריוסן דער־פאַר און זיך אָננעמען אָשרס קריוודע, האָט זי זיך געשעמט צו קוקן איצט אָשרן אין די אויגן.

זי האָט מער קיין וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט. זי האָט זיך אויפגעהויבן צו גיין, אַן אָנגעפולטע אינגאַנצן מיט אַ מאָדנער געהאָרכזאַמקייט.

נאָר שוין ביים טיר שטייענדיק, האָט זי זיך געווענדט צו אָשרן מיט אַ פראַגע, וועלכע האָט אָפּגעקלונגען מיט אַזאַ טויבער פרעמדקייט און אומוואַרשיינלעכקייט.

— איר קומט דאָך אויך מיט אונז, ווי?

— ניין — האָט אָשר געענטפערט מיט אַ שמייכל — צוליב וואָס? וואָס פאַרשטיי איך אויף אַזעלכע זאַכן?

— נו, גוט. טאָ וואַרט דאָ אויס אַ ביסל... מירן זיך דאָך באַלד אומקערן.

ווען נעסי איז צוריקגעקומען, איז שוין אָשר נישט געווען אין הויז.

זי האָט זיך קיין ברעקל נישט געוווּנדערט: עס איז דאָך שוין געווען גאָר שפּעט. נעסי האָט זיך אין גאַס באַמיט וואָס לענגער צו

פֿאַרזאַמען זיך. יעדע ווײַלע האָט זי זיך דערמאָנט, אַז, שאַ, זי דאַרף דאָך אײַנקויפֿן נאָך עטלעכע זאַכן... דערנאָך האָט זי זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן פֿילן שטאַרק דורשטיק, — זענען זיי אַ לענגערע ווײַלע געזעסן אין אַ קלייט פֿון קאַלטע געטראַנקען, געטרונקען און געגעסן געפֿרוירנס. אומקלאָר, פֿאַרטויבנדיק און פֿאַרשרײַענדיק דיזעלביקע האָפֿנונג, האָט זי דאָך געהאָפֿט, אַז ווען זי וועט קומען אַהיים, זאָל זי זיך נישט דאַרפֿן באַגעגענען מיט אָשרן...

דערנאָך איז געווען אַ שטיקנדיקע ניו־יאָרקער סוף־זומער־נאַכט, נעסי האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿן אין איר ווינקל. ענדריוס האָט זיך אויך געוואָרפֿן אויף זײַן געלעגער, אינם צווייטן ווינקל צימער. שוין גאָר שפּעט אינדערנאַכט האָט ער איבערגע־טראָגן זײַן געלעגער און זיך געלייגט שלאָפֿן אויפֿן דיל, נישט ווייט פֿון נעסין.

נעסי האָט דאָס אַלץ געהערט, נאָכגעפֿאָלגט מיט איר גאַנצן וואַכנדיקן גוף יעדע באַוועגונג ענדריוסעס אין דער פֿינסטער. זי איז געלעגן דורך דער גאַנצער נאַכט מיט פֿאַרטאַיעטן אָטעם און אָפֿענע טרוקן־ברענענדיקע אויגן — זי האָט זיי נישט געוואָלט און נישט געקאָנט צומאַכן. נאָר שוין גאָר טיף בײַנאַכט, אַז עס האָט אָנגע־הויבן ווערן אַ ביסל קילער און זי האָט מיטאַמאָל און ענדלעך דער־פֿילט אויף איר געלעגער אַ האָריקע שווערע האַנט לעבן זיך, — אַ האָריקע האַנט, וואָס האָט אומזיכער און אויספֿאָרשנדיק אַ שטיקל צײַט אַרומגעפּויזעט אַזוי אַרום איר — האָט זי דעמאָלט, צום ערשטן מאָל פֿאַר דער גאַנצער נאַכט, ערשט צוגעמאַכט די אויגן.

1922

רעזערווירט

אין דער מיטלוועסטלעכער שטאָט, ווו איך ווין שוין זייט אייניקע יאָרן, איז דאָס אייגנטלעך דער איינציקער פּלאַץ, וועלכן איך באַזוך.

קיין סך אַזעלכע פּלעצער זענען, איבעריקנס, אין אָט דער קליינבירגערלעכער פּראָווינץ־שטאָט נישטאָ. און קיין סך פריינט האָב איך דאָ אויך נישט. ס׳רעדט זיך אַזוי: קיין סך פריינט. איך האָב, אייגנטלעך, גאָר קיין פריינט נישט. מען קאָן זאָגן: קיין איינעם נישט. נאָר איך האַלט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אין דעם עפּעס אַן אויסנאַם. איך האָב שוין גענוג געלעבט, גענוג זיך אָנגעהערט און גענוג אָנגעזען. כאָטש איך בין ערשט אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, ווייס איך, אַז אַלע, אַלע מענטשן זענען איינזאַם. און דעריבער, אין אַ וועלט אַ גאַנצער פון איינזאַמע, איז מיר גאַנץ פריילעך, — איז מיר, אַלנפאַלס, צו דערליידן.

דאָס, וואָס איך האָב נישט קיין פריינט, איז, פאַרשטייט זיך, דורכויס מיין אייגענע שולד: איך לאָז קיין מענטשן צו נאָענט צו זיך נישט צו. און מאָדנע: איך ווייס דאָך, וואָס מענטשן, מיינע

באַקאַנטע, טראַכטן פון מיר, וואָס מען רעדט פון מיר אונטער די אויגן. מען האַלט, אַז איך האָב קיין מענטשן נישט ליב. אָבער דאָס איז אַ גרויס אומרעכט בנוגע מיר, אַן אומרעכט, וועלכן איך פאַרגיב מיינע באַקאַנטע. שוין דערפאַר אַליין, וואָס, איז עס אַן אומרעכט — איז עס נישט ריכטיק, אַרט עס מיך נישט.

נאָר, אַך, ווי קאָן מען עס גאָר אַזוינס וועגן מיר זאָגן... ווייל אין דער אמתן האָב איך דאָך מענטשן ליב, זייער ליב. איך נעם מיר דאָך אַזוי שטאַרק צום האַרצן זייער גורל, זייערע לעבנס. איך קאָן אַמאָל נישט אָפּשלאָפן גאַנצע נעכט נאָכאַנאַנד, טראַכטנדיק וועגן דעם גורל פון מענטשן, וועלכע זענען מיר ווילד-פרעמדע, — מענטשן, וועלכע איך האָב אפשר בלויז איינמאָל אָנגעטראָפן, אין גאַס אָדער ערגעץ אַנדערשוואו, און מיט וועלכע איך האָב אפילו קיינמאָל קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

איך גיי אַמאָל דורך אַ פּאַרק אין אַן אָנהויב-אָוונט און זע, למשל, אויף אַ זייטיקער אַלייע, ווי צוויי יונגע מענטשן, אַ בחור און אַ מיידל, זיצן אויף איין באַנק, און די פּנימער זייערע זענען פאַרצאָגט און פאַראומערט, און אָפּגעווענדט זענען זיי איינער פונם אַנדערן, און זיצן זיי, אָנשטאָט מיט ליכטיקע פּנימער, גאָר מיט זייערע ברוגזע רוקנס שטומערהייט איינער צום צווייטן — איז אַז איך דערזע אַמאָל אַזאַ פּאָרל — און ווי אָפט זע איך אַזעלכע! — פאַרכאַפּט מיר דעמאָלט אַזוי שטאַרק דאָס האַרץ, אַז איך קאָן דערנאָך אָפּזיצן ביי מיר אין צימער אַ שטיק צייט, טראַכטן אַלץ און וויינען איבער דעם.

אַ מענטש בין איך אַ סענטימענטאַלער, און אַז קיינער קוקט נישט, פאַרגיס איך אַמאָל אַ טרער. און, ווייסט איר, קיינמאָל וויין איך נישט איבער מיין אייגענעם גורל, ווייל די געטער — אָדער ווער עס האָט דאָרט צו טון מיט די גורלות פון די מענטשן — זענען צו מיר פערזענלעך געווען גוט גענייגט, און איך האָב שוין אין מיין קורצן לעבן מיין חלק פרייד און פאַרגניגנס אָפּגעהאַט, און געהאַט דווקא אין אַ זאַטער מאָס. איך מיין מיט דעם נישט צו זאָגן, אַז איך בין אַ מענטש אַן איבערגעזעטיקטער. חס-ושלום. פאַרקערט: אַ מענטש בין איך גראָד תמיד אַ הונגעריקער, תמיד אַ זוכעדיקער

און אַן אויסקוקנדיקער. איך בין אָבער הונגעריק נישט פֿאַר זיך — מײַנס האָב איך דאָך שוין אָפּגעהאַט. און איך בין מיר אַ שמח-בחלקי. איך בין אָבער הונגעריק פֿאַר אַנדערע.

און אַט, קאָן איך מיר דערנאָך אָפּזיצן בײַ מיר אין צימער אַ שטיק צײַט, טראַכטן וועגן אָט יענעם פֿרעמדן פּאָרל, וואָס איך האָב אין פּאַרק אַ ברוגזדיקס אָנגעטראָפֿן — דאָס פּאָרל מיט די רוקנס אײנער צום אַנדערן, — טראַכטן ביז קלעמעניש, טראַכטן ביז עס פֿאַרקוועטשט מיר אַזש דאָס האַרץ.

— נאַרישע, יונגע מענטשן... און דער אָוונט אויף דער וועלט האָט זיך דאָך ערשט אָנגעהויבן. און די נאַכט פֿאַר זיי איז נאָך אַ לאַנגע, אַ לאַנגע — אַ לאַנגע און אַ נישט-געדירטע. און זיי...

יאָ, איז מענטשן האָב איך זיכער ליב. איך האָב ליב אַפֿילו די סאַמע פֿרעמדסטע, די סאַמע אומבאַקאַנטסטע מענטשן. און וואָס איז גאָר שייך צו רעדן וועגן פֿרעמדע, אַז מיר ווערט אַמאָל נאָענט אַן אומבאַקאַנטער בוים אין אַ פּאַרק, אַ צופֿעליק-אָנגעטראָפֿענע חיה אין גאַס — איז וואָס איז דאָ שייך צו רעדן וועגן פֿרעמדע מענטשן!

מער נישט: צווישן מיר און צווישן די אַנדערע מענטשן האָט זיך, איך ווייס נישט ווי אַזוי, אָבער ס'האָט זיך אויפֿגעשטעלט עפּעס אַזאַ וואַנט.

אמת, די וואַנט איז אַ דינע און אַ דורכזיכטיקע, אַ גלעזערנע וואַנט. אָבער ס'איז פֿאָרט אַ וואַנט.

איז מענטשן געוויינלעכע, מענטשן גראָבע, וואָס מוזן אַלץ און אַלעמען באַטאַפּן, אָנטאַפּן מיט די הענט זייערע, איידער זיי איבער-צײַגן זיך, אַז אַ זאַך איז אַ זאַך — איז אָט דידאָזיקע מענטשן, כאָטש זיי קענען מיך דאָך זען, דוכט זיך, דורך דער גלעזערנער וואַנט, ווילן זיי מיך דאָך אָבער דווקא אָנטאַפּן און באַטאַפּן מיט זייערע מגושמדיקע הענט... נו, איז אַז זיי שטויסן זיך אָן אָן דער גלעזער-נער וואַנט, וואָס איז צווישן מיר און דער וועלט, הויבן זיי אָן בורטשען אומצופֿרידן צווישן זיך: „אָך און וויי, אָט דערדאָזיקער מענטש איז דאָך אַ שרעקלעך-פֿרעמדער מענטש, אַ ווילד-פֿרעמדע בריאה... זעט נאָר אַליין, ער איז דאָך אָפּגעטיילט פֿון אונז מיט אַ וואַנט..."

און די יעניקע פֿון זיי, פֿון אָט די מענטשלעכע באַטאַפּערס, וועלכע

פאַרשניידן זיך נאָך דערצו די הענט אָנם גלאָז פון מיין וואַנט, וואָס זיי צעברעכן,— הויבן שוין אָן גאָר צו קוקן אויף מיר פון דער זייט, צו קוקן אויף מיר מיט אומצוטרױען און חשד. און באַלד הויבן זיי אָן צווישן זיך צו גוואַלדעווען און טענהן, אַז ס׳טייטש,— אַ מענטשלעכער צוטריט צו מיר איז דאָך שווער, איז דאָך ממש אוממעגלעך... איך בין אַ מיזאַנטראָפּ!

נו, מילא. אָבער וואָס זאָל איך טון? איך ווייס פּאָרט, אַז איך האָב שוין גראָד יאָ ליב, אפשר צו־שטאַרק ליב, די מענטשן. מער נישט: איך קאָן מיך גאַנץ גוט באַגנוגנען מיט דעם, וואָס איך קוק אויף די מענטשן אַרום מיר דורך אַ וואַנט, — דורך אַ גלעזערנע וואַנט.

איז אַט:

אין אַט דער מיטלוועסטלעכער שטאָט, ווו איך וווין שוין זייט היפּשע עטלעכע יאָר, איז דער קאַבאַרעט „מולען רוזש" דער איינ־ציקער פּלאַץ, וועלכן איך באַזוך אַמאָל אין אַן אָוונט.

איך האָב שוין דאָרט אַן אייגענעם טישל אין אַ ווינקל, און אַלע קענען מיך שוין. מען ווייסט, אַז איך בין אַ „ריטייערד ביזנעס־מאַן"*). כאָטש מען וווּנדערט זיך, אַזוי פאַרשטיי איך, פאַרוואָס איך האָב מיך, נאָך זייענדיק אַזוי יונג, צוריקגעצויגן פון געשעפטן. אָבער קיינער פרעגט מיך נישט וועגן דעם... אַלע קענען מיך שוין.

איך מיין נישט, פאַרשטייט זיך, די באַזוכער פונם קאַבאַרעט, אַט די אַלע יונגע מענטשן און יונגע פרויען — אָדער די אַלטע לייט און אַלטע ווייבער, וועלכע שפּאַרן זיך איין און יינגלען זיך אַלץ און מיידלען זיך — וועלכע קומען אַהער צו פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט פון זייערע שעהן. אַט־די־אָ קוקן זיך אפילו אויף מיר נישט אום, ווייל אינם „מולען רוזש" זיץ איך תמיד איינער אַליין ביים טיש, אָן פריינד און אָן פרויען־פּאַרטניאָרן. און ווער, איך בעט אייך, קוקט זיך עס אום אויף אַן איינזאַמען?

אָבער דערפאַר האָבן מיר גראָד ליב די כאָריסטקעס, די טענצער־

*) אַ צוריקגעצויגענער געשעפטסמאַן.

קעס פונם קאַבאַרעט, און אפילו די מוזיקאַנטן. זיי האָבן אויסגעאַרבעט עפּעס אַזאַ פאַרהאַלטן זיך צו מיר, ווי צו אַן אייגענעם: ווי צו נאָך איינעם, נאָך אַ געשלאָגענעם פונם לעבן... פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אַ טעות. איך בין שוין גאָרנישט קיין געשלאָגענער פונם לעבן. נאָר מיך אַרט נישט. אַ דאגה, זאָלן זיי דענקען, וואָס זיי דענקען,—אַבי עס גיט זיי אַ צופרידנשטעלונג, אַבי עס גיט זיי אַ סאָרט טרייסט: נאָך איינער, הייסט עס...

און אפשר דענקען זיי גאָר, אַז איך בין רייך, און דעריבער זענען זיי צוגעלאָזן צו מיר? איז מיר אויך קיין זאָרג נישט. זאָלן זיי דענקען, וואָס זיי דענקען. איך אַליין ווייס דאָך, אַז איך בין נישט רייך. אַלנפאַלס, געלט האָב איך גאָר, גאָר ווייניק.

איז אין דעמדאָזיקן קאַבאַרעט קום איך גאַנץ אָפט, ווייל איך האָב נישט וווּהין אַנדערש צו גיין. און ווען נאָר איך קום אַהין, זעץ איך זיך אַנידער אינם ווינקל ביי מיין טישל. איך זיץ אין קאַבאַרעט ביז די קליינינקע, יונגינקע מאָרגנשטונדן הויבן שוין אָן געבוירן צו ווערן. איך זיץ ביז דער סאַמע לעצטער מינוט, ווען דער לעצטער באַזוכער גייט שוין אַוועק. איך האָב מיך דאָך נישט וואָס צו איילן. אַז קיין היים האָב איך נישט. „די גאַנצע וועלט איז מיין היים!" איך האָב אַמאָל געלייענט אַזאַ שורה ביי אַ פּאָעט. דאָס קלינגט זייער שטאָלץ. און איך האָב עס אָפט ליב פאַר זיך צו איבערחזרן, אַזוי ווי איך וואָלט דאָס אויך געקאָנט זאָגן וועגן זיך... פונדעסטוועגן בין איך אַ סך מאָל גראָד מקנא די מענטשן, וועלכע האָבן יאָ אַ היים. כ'מיין פּשוט: אַן אייגענע היים, אַ היים פון בלויז עטלעכע צימערן, אַרומגערינגלט מיט ווענט. און דאָס איז דער איינציקער ענין, וווּ איך ווער אָפט געשטרויכלט מיט דער שלעכטער מדה פון קנאה.

איז היינטיקן אָוונט זיץ איך מיר אויך אַזוי ביי מיין טישל. געקומען בין איך נאָך גאָר פרי, נאָך פאַר האַלבער נאַכט. דאָס מוזיקאַלישע פּראָגראַם האָט זיך ערשט אָנגעהויבן.

איך קוק מיך אַרום. מיינע אויגן פאַלן אויף אַ קיילעכדיקן קליינעם

טישל, נישט ווייט פון מיר, אויך אין ווינקל. דאָס טישל איז באַדעקט מיט אַ שניי־ווייסן טישטוך. אויפן טישטוך שטייט אַ קאַראַפין מיט קלאָרן וואַסער. אָנם קאַראַפין איז אָנגעשפּאַרט אַ היפּש קאַרטל מיט אַן אויפשריפט אין גרויסע, שוואַרצע בוכשטאַבן, — איין וואָרט: „רעזערווירט".

ס'איז קלאָר: די מענטשן, וועלכע האָבן אָט דאָס טישל רעזערווירט, זענען ווינציק אין צאָל. דאָס איז נישט קיין „פּאַרטיי"*). דאָס טישל איז אַ צו קליינס פאַר אַ „פּאַרטיי". ס'איז אַ טישל פאַר איינעם אָדער צוויי. ס'איז זיכער, אַז ס'איז פאַר אַ פּאָרל. מסתמא — מאַן און ווייב. זיי האָבן פאַר זיך אומישנע רעזערווירט טעלעפאָניש אַ טישל אין אַ ווינקל, כדי זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן צופיל דעם עולם אין די אויגן. ווער ווייס, מען קען נאָך דאָ אָנטרעפן באַקאַנטע... זיי שעמען זיך אוודאי דעם ערשטן מאָל אין „אַזאַ פּלאַץ".

און איך, נאָר, אַז איך דערזע אָט דאָס טישל, ווער איך שוין תיכף אָנגעפילט מיט פרייד. גוט אַזוי, גוט אַזוי... סאַראַ פיינער איינפאַל פאַר מאַן און פרוי צו גיין אין אַ קאַבאַרעט. שוואַכע מענטשן — ווילן כאָטש אַ שמעק טון די לופט פון „זינד". אַז קיין כּוח פאַר אמתע זינד איז דאָך נישטאָ. טאָ ווילן זיי כאָטש „זינדיקן" איינער מיטן אַנדערן — מאַן מיט ווייב. ווילן אַריינטראָגן אַביסל זינדיקע פרישקייט אין זייערע אָפּגעבליאַקעוועטע באַציונגען, באַציונגען, וואָס זענען שוין געוואָרן אַזוי איינגעפונדעוועט און אַזוי רוטינע, ווי דאָס אַרבעטן פון צוויי שרייפלעך פון איין און דער זעלביקער מאַשין. אָרעמע, שוואַכינקע... ווילן אַביסל פרישקייט אין זיך אַריינשפּריצן, אַביסל זינדיקע פרישקייט, כדי צו קאָנען ווייטער טראָגן זייער שווערן יאָך — דעם שווערן יאָך פון זיין מאַן און ווייב.

די מיידלעך זינגען דערווייל עפּעס פּאָפּולערע קופּלעטן. מאַכן, וואָס עס ווערט אָנגערופן, אויסגעלאַסענע באַוועגונגען מיט זייערע קערפּערס אין די קורצינקע אויפגעבלאָזענע קליידלעך ביז די קני, פאַררייסן הויך די פיס און צווינגען די מענערשע אויגן נאָכלויפן נאָך זיי. טאַנצן ווילדע האַוואַי־טענץ, שימען מיט די נאַקעטע אָנגעפּודערטע אַקסלען און פּלייצעס, מיט די שוין פון פיל, פיל העגט באַרירטע ברוסטן, אין די שטייף־אַרומגעצויגענע און זילבערנע שילדן, ווי אין האַלב־שאָלעכצן,

*) אַ הוליאַנקע.

און טוען נאָך אַזעלכע זאַכן, צו וועלכע איך בין שוין פון לאַנג-אָן איינגעאַנצן גלייכגילטיק. איך האָב עס זיך געגנוג אָנגעזען אין מיינע יינגערע יאָרן, ווען איך האָב געוווינט אין ניו-יאָרק און אין אַנדערע גרויסע שטעט.

אַז די מיידלעך ווערן פאַרטיק מיט זייערע נומערן, זעצן זיי זיך צו אין די אַנטראַקטן צו די טישלעך פון די געסט, דאָרטן ווו עס זיצן בלויז מענער. ריכטיקער, זיי ווערן אַהין צוגעפירט, כלומרשט „פאָרגע-שטעלט" דורך אַ ספּעציעלער פּרוי, וועלכע גיט זיך אָן ווי די „האָוסטעס", די ווירטין פונם פּלאַץ. און אַזוי ווי אין אָט דער קליינבירגערלעכער פּראָווינץ-שטאָט קומען די מענער מערסטנס שוין מיט זייערע אייגענע פרויען-פּאַרטנערס, סיי צוליב אַנשטענדיקייט און סיי צוליב עקאָנאָמיע, קומט אויס, אַז עס פאַרבלייבן שטענדיק, אַ היפּשע צאָל קאַבאַרעט-מיידלעך, וועלכע האָבן זיך נישט ווו צוצוזעצן. קלייבן זיך אַלע אַרום מיר און זעצן זיך ביי מיין טישל. זיי האָבן מיך ליב, דידאָזיקע מיידלעך מיט די געדיכט-אָנגעשמירטע באַקן, מיט די רויטע ליפּן, מיט די אונטער-געפירטע אויגן, די געפּענסילטע ברעמען, די געפאַרבטע וויעס, און מיט די גרויסע שוואַרצאַפּלען, וואָס זענען קינסטלעך פאַרברייטערט דורך די ארייגעשפריצטע טראָפּנס בעללאַדאָנאַ, כדי צו געבן זיי מער „אויסדרוק". זיי האָבן מיך באמת ליב. זיי רופן מיך אַפילו „פּאַפּ" און „דעדדי"*), און דאָס וואָלט אַן אַנדערן אויף מיין אָרט שטאַרק ווײַ געטאָן. און אַ חידוש איז עס מיר אויך פאַרוואָס זיי טוען עס, ווייל איך קוק נאָך אויס יונג און האָב נאָך, דוכט זיך, אַלע מיינע האָר אויפן קאָפּ, כאָטש זיי זענען שוין, אמת, אַביסל גרוי. נאָר אַ דאגה, בו, זאָלן זיי זיך ווויל טון.

ביזקל זיי וועלן פאַרטיק ווערן מיט זייער נומער און זיך ווידער אַרומ-שיטן אַרום מיין טישל, קוק איך מיר איבער, ווי געוויינלעך, אַלע טישלעך.

זיי ווערן וואָס אַמאָל אַלץ מער באַזעצט. עס באַווייזן זיך שוין עטלעכע חברות יונגעלייט, טאָטנס קינדער. עס איז שוין נאָך צוועלף.

— הייסט עס, אַז אייניקע כאָריסטקעס וועלן שוין האָבן ביי וועמען צוצוזעצן זיך...

*) טאַטעלע.

דאָס פאַרשאַפט מיר פיל פרייד. נישט ווייל זיי האָבן מיר דערעסן, אָדער איך זשאַלעווע די פאָר טאָלער, וואָס עס קומט מיר אויס צו שפּענדן אויף די מיידלעך, בעת זיי זיצן ביי מיין טישל. גראָד נישט דאָס. אָבער אייניקע פון זיי וועלן דאָך האָבן מיט וועמען צו גיין אַהיים אויף ביינאַכט, און די איצטיקע נאַכט איז אַ לאַנגע, — אַ לאַנגע, אַ ווינטערדיקע און אַ קאַלטע. און עס איז גוט פאַר אַ פרוי צו זיין מיט אַ מאַן אין אַזאַ נאַכט. מילא, איך, ווי איך. איך האָב מיר שוין מיין חלק אין לעבן אָפּגעהאַט. אָבער זיי זענען דאָך נאָך יונג, און זייער בלוט איז נאָך פריש, און קיין היים האָבן זיי נישט. איז אַז זיי וועלן נעמען מיט זיך אַ יונגנמאַן אינם האָטעל-חדר אָדער אינם „פוירנישער רום"*), וועלן זיי כאָטש היינט ביינאַכט האָבן די אילוזיע פון אַ היים. יאָ, יאָ... כ'ווייס, כ'ווייס וועגן די „פאָר טאָלער", וועגן דעם „גוד טיים"**) און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. אָבער מען דאַרף דאָך נישט זיין אַזוי ציניש!

איז פרייט מיך, דעריבער, ווען איך זע, וואָס די טישלעך ווערן וואָס אַמאָל אַלץ מער באַזעצט. אָבער אַז איך כאַפּ ווידער אַ קוק אויף דעם רעזערווירטן טישל אין ווינקל, זע איך: עס איז נאָך אַלץ ליידיק. ווערט עס מיר שוין אַביסל קשה. עס איז שוין נאָך צוועלף אַ זייגער, און דאָס פּאָרל, מאַן-און-ווייב, האָבן שוין זיכער לאַנג געדאַרפט קומען. וואָרים אַ מיטל-יאָריק פּאָרל וועט זיך נישט אַרויסלאָזן גיין אין אַ קאַבאַרעט אַזוי שפּעט ביינאַכט (און פון וואַנען האָב איך עס געוווּסט, אַז דאָס איז געווען אַ מיטל-יאָריק פּאָרל ?...) נישט אַנדערש, אַז זיי האָבן זיך אין דער לעצטער מינוט געמוזט צעקריגן. און דער קאַראַפין מיטן קלאָרן וואַסער שטייט איצט אויפן טישטוך, — אַן איינזאַמער קאַראַפין. די עלעקטרישע ליוסטרעס שפּיגלען זיך אָפּ אין די בלוילעכע פּריזמעס פונם געשליפענעם גלאָז. און ביים קלאָרן קאַראַפין, אויפן ווייסן טישטוך, ביי די ביידע זייטן, שטייען צוויי ליידיקע גלעזער, — איינזאַמע גלעזער.

איך קוק נאָכאַנאַנד אינם קאַראַפין... יאָ, דאָס פּאַסירט דאָך אַזוי אָפט ביי מאַן-און-ווייב. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך געגרייט, און ווער ווייסט — אפשר האָבן זיי אַ וואָך אַ גאַנצע, צי אַפילו אַ גאָר

*) מעבלירטע צימערן.
**) פאַרברענגען פריילעך.

חודש, געטרוימט וועגן דעמדאָזיקן אָוונט, געגאַרט נאָך אים אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאַרק... און היינט, ערב דעמדאָזיקן אָוונט, ערב דעם גליק זייערן, זענען זיי שוין געווען, דעריבער, ביידע גאָר, גאָר נערוועז. ער איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז זי זאָל זיך אויספוצן אין עסיק און אין האָניק. אפשר האָט ער שטילערהייט געהאָפט, אַז מענטשן, וואָס וועלן זיי זען צוזאַמען אינם קאַבאַרעט, וועלן דענקען, אַז דאָס איז נישט זיין פרוי, נאָר זיין געליבטע.

— וואָס האָסטו אָנגעטאָן אָט די לאַנגע זשופּיצע... — האָט ער ביטערלעך באַמערקט אין דער לעצטער מינוט, דערזעענדיק זי אַרויס־קומען פון איר צימער אַ פאַרפוצטע שוין און אַ שטראַלנדיקע.—וואָלסטו אָנטון אַ קורץ קליידל, אָט ווי עס איז היינט אין דער מאָדע... וואָלסטו אויסגעזען אויף אַ צען יאָר יינגער...

זי האָט זיך אין איין אויגנבליק אָנגעצונדן. הייסט עס, אַז אפילו אין דער סאַמע מינוט, ווען ער גייט מיט איר פאַרברענגען, איז ער מיט איר אויסזען נישט צופרידן! קוקנדיק איצט אויף איר, טראַכט ער מסתמא איינצייטיק אין די באַהעלטעניש פון זיין נשמה, אַז ס׳וואָלט געווען אַ סך בעסער, ווען ער גייט איצט אינם קאַבאַרעט מיט אַן אַנדער פרוי, — מיט אַ רייצנדיקער, מיט אַ נ י ע ר פרוי. האָט זי אַן אויפגעפלאַמטע, דעריבער אַרויסגעפּלאַצט:

— יינגער מיט צען יאָר... ס׳איז נאָך אַ וווּנדער, וואָס איך קוק נישט אויס גאָר ווי אַ באָביצע פון זיבעציק יאָר, נאָכדעם ווי איך בין שוין אַזויפיל יאָר פאַרהייראַט צו דיר...

האָט ער זיך אויך אָנגעצונדן:

— קיין אַנדער צייט, ווי די איצטיקע, האָסטו, הייסט עס, נישט פּאַסיקער געפונען פאַר אַזעלכע רייד? גראָד איצט, ווען איך לאַד דיך איין פאַרברענגען אַן אָוונט מיט מיר אין אַ קאַבאַרעט, דאַרפסטו מיך יאָדען?

אויף דעם האָט דאָס ווייב מיט פאַרביסנקייט געענטפערט:

— לאַדט מען איין עמעצן אַנדערש. . . מען לאַדט איין אַ יונג מיידל...

האָט דער מאַן שוין אַרויסגעשיפּעט:

— וואָס דענקסטו, איך האָב עס טאַקע געדאַרפט טון... אַז איך

וואָלט איינגעלאַדן אַ פרעמדע פרוי, וואָלט זי מיך זיכער נישט געיאָדעט...

הייסט דאָך עס, אַז זי האָט טאַקע געטראָפן... אָט דאָס איז עס טאַקע געלעגן אין זיינע געדאַנקען די גאַנצע צייט, אפילו היינטיקן אָוונט אויך. אַ פאַרביטערטע האָט זי גלייך אָנגעהויבן שלעפן פון זיך די זאַכן, צופּן און רייסן זיי:

— נו, געזונטערהייט... גיי לאַד איין אַ יונג מיידל. אויב אַזוי קאָן איך מיר דאָך דערוויילט אויסטון די לאַנגע זשופּיצע...

יאָ, איך ווייס זיי, דידאָזיקע פאַמיליען-סצענעס... און איך פאַרבייס מיט די ליפּן. אָט-אַזוי נעמען עס מענטשן און פאַרסמען זיך אליין דאָס לעבן. און צוליב וואָס?... צוליב וואָס?...

איך הער שוין איצט נישט, וואָס אַרום מיר טוט זיך. דער נומער האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט. אַ דריי-פיר מיידלעך זיצן שוין אַרום מיין טיש, מען צופּט מיך פון אַלע זייטן. מען ציט מיך ביים אויער, ביי דער טשופּרינע. מען כאַפּט מיך אָן ביי דער נאָז. איינע זיצט שוין ביי מיר אויפן שויס.

— פּאַפּ, הייס דערלאַנגען אַ גלעזל דזשין...

— פּאַפּ, וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרחושט?

— דעדדי דיער, אַ פלעשל וויין פאַר מיר...

— פאַר מיר—„ווירזשיניאַ דייר"; איך טרינק נישט קיין שטאַרקס...

נאָר איך הער זיי כמעט נישט. זאָגט נאָר אַליין, צוליב וואָס,— טענה איך אין דער שטיל מיט אָט די צוויי קיינמאָל-געזעענע און אומבאַקאַנטע מענטשן. — אַך, צוליב וואָס און פאַרוואָס?...

דאָס מאָל, מוז איך מודה זיין, בין איך געווען צופרידן, ווען די מיידלעך זענען פון מיר אַוועקגעגאַנגען, ביים אָנפאַנג פון אַ נייעם נומער.

און ווי זיי זענען נאָר אַוועקגעגאַנגען פון מיר, איז מיר מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן.

אָט אַ נאַר... פאַרוואָס זאָל איך עס דענקען בכלל, אַז דאָס טישל איז רעזערווירט געוואָרן פאַר אַ פאַרפאָלק, און נאָך פאַר אַ מיטליאָריקס? אַן איינפאַל אַ ביסל... אַ מיטליאָריק פאַרפאָלק וועט זיך נישט פאַרוקן אין אַ ווינקל ערגעץ. פאַרקערט, זיי וועלן זיצן אַזוי נאָענט, ווי מעגלעך, צו דער אויפגעהויבענער פלאַטפאָרמע אינמיטן קאַבאַרעט, ווו די כאָריסטקעס זינגען און טאַנצן. זיי וועלן רוקן זיך צוקוקן צו אַלץ, און אַלץ אַרייננעמען אין זיך, — מיט זיך גופא, איינער מיטן אַנדערן, וועלן זיי דאָך נישט זיין פאַרטון. זיי זענען דאָך גאָר, אַייגנטלעך, געקומען אַהער אַנטלויפן פון זיך... זיי וועלן זיך צוקוקן צו אַלץ און אַלעמען, צום עולם אַרום, און וועלן דערווייל אַלץ אין אַלעמען באַרעדן צווישן זיך, — פונם אייגענעם לעבן וועלן זיי דאָך נישט האָבן וואָס צו רעדן.

אָט-וואָס. דאָס מוזן זיכער זיין צוויי געליבטע, וועלכע האָבן געמאַכט דאָ אַ שפּעטנאַכטיקן ראַנדעוו. איז זיי האָבן זיך נישט וואָס צו איילן — זיי וועלן מאָרגן קאָנען איינשלאָפן ביז אין טיפן טאָג אַריין... זי מוז אַוודאי זיין אַ פאַרהייראַטע פרוי, וועמענס מאַן עס איז איצט נישטאָ אינדערהיים. און די ליבע צווישן איר און דעם יונגנמאַן מוז שוין אַוודאי אָנהאַלטן לאַנג-לאַנג. ס'איז געוויס אַ צי-טערדיקע, אַ זעלטזאַמע ליבע. באַגעגענען, באַגעגענען זיי זיך זעלטן, בלויז דעמאָלט, ווען דער מאַן אירער איז נישטאָ אינדערהיים. דערפאַר איז זיי אַזוי טייער יעדע שעה, וואָס זיי קאָנען זיין צו-זאַמען, דורכויס צוזאַמען, אָן דער אַריינמישונג פון אַ זייטיקן אויג. און זיי מוזן איצט אַוודאי אַרומשפּאַצירן, שווייגנדיק-צוזאַמענגעפלאָכטענע, איבער די שטילע, פאַרשנייטע גאַסן. אין דער שטאָט שלאָפן שוין איצט אַלע, און אָט די צוויי מענטשן הערן בלויז דאָס קלאַפּן פון זייערע הערצער, דאָס יאָגן פון זייער בלוט און דאָס סקריפּען פונם פרישן שניי אונטער זייערע פיס.

איצט איז מיר שוין גאָר קלאָר, פאַרוואָס זיי האָבן אויסגעקליבן אָט דאָס זייטיקע, פאַרוקטע טישל. דאָס ליידיקע טישל, מיטן ווייס פאַרשפּרייטן טישטוך און דעם פינקלענדיקן קאַראַפין, קוקט מיר איצט

אויס, ווי אַ שטילער אָפּגעזונדערטער מזבח. יעדע מינוט, ווען עמעצער קומט אַריין פון דרויסן, גיט מיר אַ טיאָכקע דאָס האַרץ: טאָמער זיי... איך וואַרף יעדע מינוט אַהין, צו דער טיר, איילּיקע, אומגעדולדיקע בליקן. יאָ, אָט דאָס טישל איז באמת „רעזערווירט" — אַ קליין ווייס אינזעלע, אָפּגעשיידט פונם אַרומיקן הפקרדיקן קאַבאַרעט־טומל.

און איצט וואַרט איך שוין אויף די צוויי פאַרליבטע מיט אַזאַ אומגעדולד, פּונקט ווי איך פלעג וואַרטן אויף מיין אייגענער געליבטער אַמאָל, גאָר אַמאָל... און כדי דידאָזיקע אומגעדולד מאַכן אַ ביסל גרינגער און דערטרעגלעכער, שטרעננ איך מיך אָן און קוק דערווייל אויף דער עסטראַדע אינם ווייטסטן גרונט פונם קאַבאַרעט, פּונקט קעגן מיר.

מיינע אויגן טרעפן זיך דאָרט אָן מיט די אויגן פונם טשעליסט. דאָס הייסט, נישט אַז ער זאָל קוקן דירעקט אויף מיר. בכלל, קוקט דער טשעליסט זייער זעלטן אויפן עולם. ווען ער שפּילט, האַלט ער זיין קאָפּ טיף אָנגעבויגן איבער דער וויאָלאָנטשעל. ער דרייט פּאַמעלעך מיטן קאָפּ הין און הער, הין און הער, אין איינקלאַנג מיט די באַוועגונגען פון זיין היפשן סמיטשיק. און אַמאָל צופּט ער בלויז אַזוי די סטרונעס פון דער וויאָלאָנטשעל און מאַכט זיי ווייברירן. דעמאָלט בויגט ער אָן זיין קאָפּ אַ ביסל אָן אַ זייט. ער ציט עפּעס אַרויס, ער מאַניעט אַרויס האַרבע אַזעלכע קלאַנגען פון די סטרונעס און פון דאָס אינעווייניקסטע פונם אינסטרומענט. אַז ער האַלט זיין קאָפּ אַזוי אָנגעבויגן איבער דער טשעלאָ, דוכט זיך, ווי ער וואָלט זיך עס צוגעהערט צו אַזעלכע ברומענדיקע און אומעטיק־האַרבע ווערטער, וועלכע די וויאָלאָנטשעל דערציילט אים איצט, — דערציילט אים אַליין, און מער קיינעם נישט. ער הערט קיינעם נישט, ער זעט קיינעם נישט אַרום אים.

אָבער ווען ער שפּילט נישט, ווען עס ערשיינען די טאַנץ־נומערן, למשל, — אַנדערע מוזיקאַנטן גייען אויף אַ ווײַלע ערגעץ אַרויס, אָבער נישט ער, דער טשעליסט. ער בלייבט דעמאָלט אויך זיצן. איז אָט דעמאָלט פּאַסירט עס, אַז מיינע אויגן טרעפן זיך אָן מיט זיינע. דאָס הייסט, איך וויל, אַז איר זאָלט מיך פאַרשטיין: דער טשעליסט ווייסט זיכער נישט, אַז איך קוק אויף אים. אָבער איך — יאָ. און איך

וויס איך, אַז ער קוקט אויף מיר,—כאָטש ביים טשעליסט קאָנט איר קיינמאָל נישט וויסן, וווהין זיינע אויגן קוקן. זייקוקן, דאַכט זיך, אויף דיר. אָבער באַלד דערזעסטו, אַז זיי קוקן גאָרנישט אויף דיר. זיי קוקן דורך דיר, איבער דיר, אויף יענער זייט „דו". אפשר זעען זיי דיך, אפשר נישט. גיכער — נישט. אָבער אַזוי ווי תמיד, ווען ער שפּילט נישט, קוקט ער אַהער, אין מיין ריכטונג, איז במילא טרעפן זיך שוין אונזערע אויגן אָן.

איצט, מער ווי אַלעמאָל, איז מיר קלאָר: ער זעט בכלל קיינעם נישט. ער שפּילט איצט אַ סאָלאָ. ער שפּילט טשאַיקאָווסקיס Andante Cantabile. דערדאָזיקער טשעליסט וווּנדערט מיך תמיד. ער קוקט מיר תמיד אויס, ווי אַ פרעמדער, ווי ער וואָלט דאָ אַהער, אין קאַבאַרעט, בכלל נישט געהערט. די זאַכן, וועלכע ער שפּילט, זענען קיינמאָל נישט קאַבאַרעט - מעסיק. פון זיין טשעלאָ רינען אַרויס אַזעלכע זאַפטיקע, אַזעלכע שווערע, צייטיק-שווערע, אומעטיקע טענער. טענער פון אונטערדריקטער ליידנשאַפט און שווערן פאַר-חלומטן אומעט. דידאָזיקע טענער רינען שווער אַרונטער פון זיין וויאָלאָנטשעל, — שווערע, געדיכט-געווירצטע טראָפּנס, ריטשקעלעך פון אומעטיקער ליידנשאַפט... ווי קומט ער אַהער?

אַז איך האָב אַנומלטן געפרעגט ביים אייגנטימער פונם קאַבאַ-רעט — אויף די פּריווילעגיעס פון אַן אַלטן, לאַנג-יאָריקן באַזוכער, לאָז איך מיך אָפּט אַריין מיט אים אין שמועסן — ווי קומט ער צו אַנגאַזשירן אין זיין קאַבאַרעט אָט אָ דעם טשעליסט, וועמענס שפּילן איז אַזוי נישט אין איינקלאַנג מיטן גאַנצן גייסט פונם אָרט, — האָט ער מיר אויף דעם געענטפערט, אַז פאַרקערט. ער ווייס אויף זיכער, אַז די באַזוכער האָבן יאָ ליב זיין שפּילן. נישט נאָר די עלטערע מענטשן, נאָר אַפילו די יונגעלייט און יונגע פרויען האָבן אויך ליב זיין שפּילן. „עס דערוועקט זיך אין זיי דערביי נאָך שטאַרקער די תאווה", האָט דער אייגנטימער מיר מיט אַ פעטן, געניטן שמייכעלע צוגעגעבן. איז מיר דעמאָלט קלאָר געוואָרן, אַז דער אייגנטימער פון קאַבאַרעט פאַרשטייט זיך אויך אויף מוזיק,—נישט נאָר אויף כאָריסט-קעס און טענצערקעס, וועלכע שימען מיט די ברוסטן, ווי מיט שטיקער זשעלאַטין, דרייען מיט די היפּטן, און מאַכן „היי-קיקס".

אָבער יענע צווי קומען נאָך אַלץ נישט. פונם ווייס-געדעקטן טישל שרייט נאָך אַלץ שווייגנדיקערהייט אַרונטער די שוואַרצע אויפ־שריפט: „רעזערווירט". ס'איז שוין אַזוי שפּעט, זיכער קרוב צו צוויי אַ זייגער ביינאַכט, און דאָס טישל איז נאָך אַלץ רעזערווירט... גאָט מיינער, וואָס-זשע האָט שוין דאָרטן געקאָנט פּאַסירן?

דער קאַבאַרעט פאַרמאַכט זיך אַרום דריי אַ זייגער פאַרטאָג, אָדער אַ ביסל שפּעטער. נו, וועלן מיר זען. וואָס צו איילן זיך האָב איך דאָך נישט. איך הייס מיר דערלאַנגען אַ פרישׂ פלעשל מוסקאָטעל. איך האָב ליב זיסן וויין. איך האָב דאָך שוין אויבן באַמערקט, אַז איך בין סענטימענטאַל. דערוויי[ל], כּדי צו פאַרטרייבן די אומרויקייט, וואָס וואַקסט מיט מיר אין יעדער מינוט, קוק איך מיך ווידער אַרום, און באַטראַכט די געמעלן אויף די ווענט פונם קאַבאַרעט.

איך ווייס. איך האָב געהערט, אַז עס איז דאָ אַ באַרימטער קאַבאַרעט אין פּאַריז, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מולען רוזש". אָט דער קאַבאַרעט, וואָס טראָגט דעם זעלביקן נאָמען, און אין וועלכן איך געפין מיך איצט, איז אַ בלויזע נאָכמאַכונג פון יענעם באַרימטן קאַבאַרעט. איך האָב גערעדט אַמאָל מיט מענטשן, וועלכע זענען געווען אין פּאַריז, האָבן זיי שטאַרק אָפּגעלאַכט פון מיין קאַבאַרעט.

— „אויך אַ „מולען-רוזש"... האָבן זיי געשפּעט. — עפּעס „אַ פּראָ־ווינציעלע מאַכערייקע... אַ געשמאַקלאָזע אימיטאַציע".

איז פאַרלאָז איך מיך איינגאַנצן אויף דעם געשמאַק פון מענטשן, וועלכע זענען אומגעפאָרן איבער אַלערליי לענדער, זענען אויסגעווען אַ וועלט. אָבער, ווי איך האָב שוין אייך אפשר דערעסן מיט מיין באַמערקונג, — איך בין גראָד אַ מענטש, וואָס באַניגנט זיך מיטן חלק, וואָס איז מיר באַשערט אויף דערדאָזיקער וועלט. איז אָט, זיץ איך מיר אין מיין „מולען-רוזש", האָב הנאה פונם פראַנצוי־זישן קינדער-לידל, וואָס עמעצער האָט מיט זיי דאָ איינגעשטודירט, און וואָס זיי זינגען מיט אַזאַ גוואַלטיק-שעלמישן צווינקען, פּונקט ווי די ווערטער, וואָלטן גאָט ווייסט וואָס געמיינט. איך בין זיכער, אַז זיי ווייסן אפילו נישט דעם טייטש פון די ווערטער, נאָר מיר געפעלט עס:

Tout Prés de ma blondie
Qu'il fait beau, fait beau, fait beau...
Tout prés de ma blondie
Qu'il fait beau dormir!

איך באַטראַכט מיר די ווענט אַרום, אויף וועלכע עס זענען דאָ פיל געמעלן פון באַרימטע בנינים, גאַסן און געגנטן אין פּאַריז. אַז פאַר מיר איז שוין די אילוזיע אַליין גענוג... און צו וואָס דאַרף איך נאָך אַרומפאָרן?

הינטער דער עסטראַדע, אויף דעם ווייטן הינטערגרונט, קינסטלעריש באַלויכטן מיט אומגעזעענע עלעקטרישע לעמפּלעך פון דער צווייטער זייט וואַנט, זענען רעפּראָדוצירט, אין אַ פּראָפּאָרציאָנעל-פאַרקלענערטער פאָרם, אַ ריי פּאַריזער באַרימטע בנינים און פּלעצער. איך זע דעם שווערן, מאַסיוון און פיל-טורעמדיקן קאַטעדראַל פונם נאָטר-דאַם. איך זע, ווי די נאָדל פונם אייפעל-טורעם שפּיצט זיך אַלץ העכער און העכער, און שטעכט ענדלעך דורך דעם בלויען, באַשטערנטן הימל. (דער עפעקט פון אַ געדיכט-באַשטערנטן הימל ווערט זייער פיין דערגרייכט דורך אַן אומגעהויערער צאָל דראָבנינקע, מאָנטשינקע עלעקטרישע לעמפּעלעך). איך זע דעם פּאָנט נעף, דעם בריק איבער דער סענע, וועלכע איז איצט, אינם אָוונט, באַדעקט מיט אומצייליקע מאָטאָר-שיפלעך און לאָדקעס. און נאָך אינם ווייטערן הינטערגרונט זע איך זיך טונקעלן דעם בולאָנער וואַלד, די עליזייער פעלדער, דעם פּאַנטאַנבליי, אַלץ ערטער, וועלכע זענען מיר שוין איצט גוט באַקאַנט און היימיש, ווייל איך זע זיי פאַר זיך אַזוי אָפט אין דעמדאָזיקן קאַבאַרעט, וואָס געפינט זיך אין אָט דער פּראָווינציאָנעלער מיטלוועסט-לעכער שטאָט.

און די איבעריקע ווענט פון דעם קאַבאַרעט זענען אויך אויסגע-דעקאָרירט אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן דערמאָנען אָן פּאַריז. עס געפינען זיך דאָ אויף די ווענט אַ גרויסע צאָל פּאָרטיקאָס, מיסטעריעזע אַריינ-גאַנגען אונטער רויטע אָפּדעכלעך; קליינע בוידעם-שטיבלעך און מאַנסאַרדעס אויף זייטיקע, האַלב-טונקעלע געסלעך; פענסטער און פענסטערלעך אונטער לאָדנס, דורך וועלכע עס זייען זיך דורך פייערן פון אינעווייניק-ברענענדיקע לאָמפּן; משופּעדיקע דעכער, געדעקט מיט טשערעפּיצע און רויטע קאַכליעס... און עס דוכט מיר אָפּטמאָל, אַז אָט אין דער נעכסטער מינוט, וועל איך זען אַרויסקומען פון אונטער איינעם פון די קליינע פּאָרטיקאָס, — פאַר וועלכע עס ברענען הענגענדיקע, אַלט-אייראָפּעיִשע לאַמטערנעס, וואָס מען זעט זיי גאָרנישט דאָ ביי אונז

אין לאַנד — געהיימניספולע באַנדיטן, יונגעלייט אין אַפּאַשן־קאָסטומען און נאָך אַזעלכע העלדן פון סיום און הוגאָס ראָמאַנען.

און איך פּלאָנטער אַלץ מיינע בליקן אין די בילדער, געמעלן און פּרעמדוועלטיקע בנינים אויף די ווענט. איך וויל זיי, די בליקן מיינע, אַלץ דאָרטן אָן עפּעס אָנהענגען, אָן עפּעס פאַרפּלאָנטערן... נאָר איך ווייס די גאַנצע צייט, אַז ציען ציט זיי גאָר אַהערצו, נעענטער צו מיר, צום ליידיקן טישל אין ווינקל, — צום ווייסן טישל מיטן שוואַרצן אויפשריפט „רעזערווירט״. פונם זייגער אויפן טורעם פונם נאָטר־דאַם הער איך שוין שלאָגן דריי. און איצט קוק איך מיך אום אויפן רעזערווירטן טישל. עס איז נאָך אַלץ ליידיק. איך זע שוין, אַז קיינער וועט אַהער היינטיקן אָוונט נישט קומען.

דער עולם הויבט זיך שוין אָן פונאַנדערצוגיין. אָט די מיידלעך, וועלכע זענען בשעת די אַנטראַקטן צווישן די נומערן נישט צוגעפּירט געוואָרן דורך דער „ווירטין״ צו די יונגעלייט־באַזוכער ביי די טישלעך, און וועלכע האָבן דעריבער מיט קיינעם זיך נישט צונויפגע־רעדט וועגן גיין אַהיים שלאָפן, — אָט דידאָזיקע איינזאַמע כאַריסטקעס האָבן אַלע אַרומגערינגלט איצט מיין טישל, ווי שפּעט־נאַכטיקע פלאַטער־לעך; איך זע און זע נישט זייערע פּנימער, וועלכע זענען אין אָט דער פּאַרטאָגיקער שעה אַזוי פאַרוועלקט און אָפּגעבליאַקעוועט. די פאַרב אויף די ליפּן זייערע ווערט בלייכער, נאָר ס׳לוינט זיך שוין נישט זיי פון דאָס ניי צו באַשמירן מיט דער ליפּנפּאָמאַדע. אין דרויסן איז קאַלט און אין די האָטעל־נומערן און אין די מעבלירטע חדרים איז נאָך איצט אפשר קעלטער, פיל, פיל מאָל קעלטער... די פאַרב אויף די וויעס צעקריכט אויך. פונם אָנגעשטרענגטן אַקראָבאַטישן טאַנצן רינען ביי זיי ריטשקעלעך שווייס און לאָזן איבער נאַסע סטעזשקעלעך איבער דעם געדיכטן שיכט פּודרע, וואָס איז אָנגעלייגט אויפן גאַנצן אָפּגעדעקטן לייב. די פריערדיקע שיינהייטן קוקן איצט אויס, ווי דורכגענעצטע הינער.

איך זע זיי און זע זיי נישט. איך זע פאַר זיך בלויז דאָס ליידיקע טישל אין ווינקל, דעם ווייסן טישטוך, די שוואַרצע אויפשריפט, דעם

קרישטאָלענעם קאַראַפין, און איך קוק נאָכאַנאַנד אין דעם קרישטאָלע־נעם פלאַש, אין וועלכן עס פינקלען אַזוי קלאָר און רויט די פלעמלעך פון די גרויסע עלעקטרישע שענדעליערס.

מען צעגייט זיך שוין. שוין צייט פאַר מיר אויך צו גיין אַהיים. י ע נ ע וועלן שוין זיכער נישט קומען. איך ווייס שוין, איך ווייס שוין וואָס דאָרטן האָט פּאַסירט.

אומדערוואַרטעט, אין דער סאַמע לעצטער מינוט איז דער מאַן געקומען אַהיים פון דער רייזע. נישט אַז ער זאָל האָבן עפּעס פאַר־דעכטיקט. חס-ושלום. ער פאַרדעכטיקט קיינמאָל נישט זיין פרוי. אים פאַלט אפילו קיינמאָל נישט איין, אַז זיין פרוי קען אים אָפּנאַרן. אים ק אָ ן גאָר אַזוינס נישט איינפאַלן. ער איז צו אַ זעלבסט-צופרידענער מענטש, אַז ער זאָל אַזוינס קאָנען פאַרדעכטיקן מצד זיין פרוי: וואָס איז, וואָס פעלט איר דען ביי אים?...

ער איז אַוועקגעפאָרן נאָך ביינאַכט אין אינדיאַנאַפּאָליס, כּדי צו זיין אָנוועזנדיק אויף דער באַרימטער פוט-באָל קאַמף-שפּיל צווישן די ריוואַלישע פוט-באָל טימס פון די שכנישע שטאַטן אָהייאָ און אינדיאַנאַ. געדענקט האָט ער, אַז ער וועט שוין דאָרטן היינט פאַר־בלייבן נעכטיקן. אַזוי האָט ער געזאָגט זיין פרוי. וואָס וועט ער זיך שלעפּן ביינאַכט גאַנצע זעקס שעה אָדער מער מיט זיין אַווטאָמאָביל? האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז די שפּיל איז געווען אַ קורצע שפּיל, און האָט זיך ערפאָלגרייך געענדיקט אַרום 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג. דער שטאַט אָהייאָ האָט געוווּנען! זעקס קעגן גאָרנישט! און דער באַרימ־טער טשעמפּיאָן פון דער אָהייאָ-טים, „היק" אָ י פ ל אָ נ י ג אָ ן, האָט געמאַכט גאַנצע פיר „טאָטש-דאָונס", און דער צווייטער צד — קיין איינעם נישט!

האָט ער גענומען, — דער מאַן פון דערדאָזיקער פרוי, וועלכע האָט גאָר ליב עמעצן אַנדערש,—האָט איינגעשפּאַנט דעם „קינג" זיינעם און היידאַ,—אַ שאָס געטון ווי אַ פייל פונם בויגן, פליענדיק מיט זיין מאַשין איבער די ריינע, ציכטיקע אַספאַלט-וועגן צו פופציק מייל אַ שעה, און אַפילו שנעלער — פליענדיק איבער די זאַפטיקע פליינען

פון אינדיאַנאַ, איבער שאָסייען און לאַנד-וועגן, וואָס קרייצן און צעקעסטלען דאָס לאַנד אַרום, איבער פעלדער און דורך טאָלן, פליענדיק דורך אומצייליקע ביינאַכטיק-פינסטערע און ביינאַכטיק-באַלויכטענע שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען צעשפּרייט איפן גאַנצן וועג פונם שטאַט אינדיאַנאַ אינם שטאַט אָהייאָ אַריין. פליענדיק, פליענדיק אָן אַן אָפּשטעל.

און אַז ער, דער מאַן, איז אָנגעקומען ענדלעך אין זיין היים-שטאָט אַריין, און עס האָבן אים באַגריסט די ריזיקע רויטע פייערן, וואָס האָבן געפלאַקערט דורך די ברענענדיקע פענסטער פון די אונטערשטאָטישע שמעלץ-פאַבריקן; און עס זענען דורכגעלאָפן פאַר-ביי אים, ווי בייטשלעך פייערדיקע פאַטשערקעס, די באַלויכטענע פענסטער פון די ערשטע פאַרביילויפנדיקע צוגן פון דער נאָענטער באַן-סטאַנציע, האָט אים, דעם צופרידענעם און געזונטן באַנקיר, אַרומ-גענומען אַזאַ גרויסער, געזונטער חיהשער חשק צום לעבן, צו לעבן...

און דאָ האָט נאָך אָנגעהויבן אַרונטערפאַלן אַן אָנהויב-נאַכטיקער טרוקענער, מיטווינטערדיקער שניי. דער זייגער אינם אויטאָמאָביל האָט ערשט באַוויזן עלף. און דער ספּידאָמעטער — אַרום 240 מייל. נישט שלעכט: אַ גוטער רעקאָרד! ער וועט נאָך אפשר אָנ-טרעפן זיין פרוי אַ וואַכעדיקע, אָדער גאָר — אינם ייִדענעם נעגליזשע, שטייענדיק אַזוי ווי אַ יאַפּאַנעזישע קוקלע, צווישן די טואַלעט-שפּיגלען ביי איר אין צימער, און צורעכט-מאַכנדיק די האָר פאַרן שלאָפן גיין. זיינע אויגן זענען געוואָרן פייכט און גלאַנציק. תּאווה-פייערלעך האָבן זיך אין זיי אַ פרעגל געטון. אַ, ווי זיינע אויגן האָבן זיך דאָך קיינמאָל נישט געקאָנט אַוועקרייסן פון איר אין אַזעלכע מינוטן... גוט, גוט...

...און ערגעץ אויף אַ ראָג, ביי אַ לאַמטערנע, אויף אַ שפּעט-נאַכטיקער גאַס, נישט ווייט פונם הויז, ווו זיין געליבטע האָט געוווינט, איז שוין אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, הין און צוריק דער יונגערמאַן — מסתּמא אַ סטודענט איפן לעצטן קורס פון דער אָרטיקער אוניווערזיטעט — ער האָט אַרומגעשפּרייזט און האָט אומגע-דולדיק געציילט די מינוטן, די רגעס, די אויגנבליקן...

הין און צוריק, הין און צוריק.

און אַז דער מאַן איז געקומען אַהיים, האָט ער טאַקע געטראָפן זיין פרוי שטייענדיק ווי אַ קוקלע צווישן די טואַלעט-שפּיגלען ביי זיך אין צימער. אָבער אָנגעטון איז זי איצט געווען מער ווי אין נעגליזשע. און פון איר האָט אָפּגעגעבן מיט אַ מאָדנעם ריח אַזאַ, וועלכער האָט זיך שוין לאַנג, לאַנג פון איר נישט געטראָגן. סיידן אפשר אין די גאָר ערשטע וואָכן פאַר זייער חתונה. זי איז געווען פאַרפּוצט, ווי אויף אַרויסצוגיין, — זי האָט זיך, קענטיק, געגרייט אָט איצט, אין אָט דער גאַנץ שפּעטער שעה, עמעצן מקבל פּנים צו זיין.

און דעם מאַן אירן איז געוואָרן אַזוי קלאָר, אַזוי קלאָר, אַז דאָס האָט זיך עס זיין פרוי געגרייט א י ם מקבל-פּנים צו זיין אויף זיין צוריקקער אַהיים, — אים און נישט עמעצן אַנדערש. און זיין האַרץ איז אין אים אויפגעקוואָלן פון אָט דעם באַווייז פון געטריישאַפט פון זיין פרוי... נאָך שטייענדיק אינם פוטערנעם שאָפער-פּעלץ, אין וועלכן ער האָט זיך דעם גאַנצן אויטאָמאָביל-וועג געפונען, האָט ער ברייט פונאַנדערגעשפּרייט זיינע אָרעמס — זעלבסטצופרידן, שטאָלץ, ווי אַ העלד, וואָס איז געקומען פון אַ געוווּנענער שלאַכט, נעמט אָן די פאַרדינטע טראָפייען; ווי אַ גיבור, וועלכער נעמט אויף גרויסמוטיק די וואַרטנדיקע געליבטע אין זיינע אָרעמס.

— דיין הערצעלע האָט דיר אָבער געזאָגט, געזאָגט, אַז איך וועל נאָך היינט קומען... און זע, ווי זי האָט זיך עס פאַרפּוצט צוליב מיין אָנקומען: דאַרלינג מיין! פּוסי-קעט!

אַז די פרוי האָט אים דערזען, איז זי צוערשט געוואָרן רויט, דערנאָך בלייך. און זי האָט זיך אַזש אַ שאָקל געטון, ווי אַן אונטערגעקאָשעטע יונג בוימל, פון נישט גוטקייט. דער מאַן האָט זי אָבער גיך אויפגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס. און אַן אויפגערעגטע און אַ ציטערנדיקע איז זי דאָך געווען נאָך אַ גאַנצן אָוונט, פון אומגעדולדיקער דערוואַרטונג פון דער פאַרשטייענדיקער באַגעגעניש און דער זעלטענער נאַכט מיטן געליבטן אירן, — האָט זי איצט דעריבער אין איר מאַנס אָרעמס אַזוי געציטערט, אַזוי געציטערט. און דער מאַן האָט זיך דעריבער אַזוי געפרייט, אַזוי געפרייט, וואָס ער האָט אַזאַ ליבנדיק, אַזאַ ציטערנדיק-אויפפלאַקערנדיק ווייבל...

און דערנאָך האָט זי שוין וואַרעם געגלעט דעם מאַנס באַקן, איז געזעסן ביי אים אויף די קני און אים נאָכאַנאַנד פאַרזיכערט:

— אַוודאי, אַוודאי, האָב איך עס צוליב דיר זיך פאַרפוצט, אַוודאי, אַוודאי... אָבער פונקט, ווי מיין האַרץ האָט עס מיר געזאָגט, אַז דו וועסט קומען... אַוודאי.

און דערנאָך?

דערנאָך איז שוין געווען שפּעט, און אין דרויסן איז געווען קאַלט. זי איז צו די גאַרדינען, אַריינגעשטעקט אַהין דעם קאָפּ און אַרויסגעקוקט אינם בלויען דרויסן. זי האָט געזען, ווי דער שניי פאַלט דאָרטן איצט נאָכאַנאַנד, פאַלט נאָכאַנאַנד, פאַלט אַזוי ווינטערדיק און שטיל, ווינטערדיק און שטיל. אָבער אינעווייניק אין איר האָט איצט געברענט: אינעווייניק אין איר איז דאָך סיי-ווי נאָך פון אָנהויב אָוונט אָן שוין אָנגעצונדן געוואָרן אַ פייער... דעם מאַנס אויגן האָבן זי פון הינטן געברענט און געפרעסן, און די נאָזלעכער האָבן זיך שוין באַצייטנס ביי אים אומרויִק אויפגעהויבן און געפאַלן — זיי האָבן זיך אומרויִק און אויפגערעגט אויפגעהויבן און געפאַלן, ווי ביי אַן אָגער ביים אָנבליק פון אַ יונגער שקאַפּע.

און דערנאָך איז געוואָרן האַלב-נאַכט, און ס'איז שוין געווען צייט צו לייגן זיך שלאָפן. אָט, ס'איז שוין נאָך האַלבע נאַכט. די צוויי ליגן שוין לאַנג אין בעט. אין דרויסן איז איצט ווייס, ליכטיק, ווינטערדיק און קאַלט. אָבער אינעווייניק אינם הויז, — און דערהויפּט אין דער געווירצט-שמעקעדיקער לופט, אינם שלאָף-צימער, וואָס איז אין דעם הויז, — איז איצט טונקל, און ברענענדיק אַזוי, און רויט-צעפלאַמט.

איז אַט :

אין אַט דער קלאָרער און "מאָדנע ליכטיקער נאַכט, אונטער די פענסטער פונם טונקעלן שלאָף-צימער, דרייט זיך שוין אַ לענגערע צייט אַרום דער יונגערמאַן, דער סטודענט.

געשען איז עס אַזוי : אַז ער האָט זיך אַ שטיק צייט אַרומגע-דרייט אַזוי אויף דער זייטיקער גאַס, נישט ווייט פון זיין געליבטערס הויז, האָט אויף אים מיטאַמאָל אָנגעהויבן שיטן אַ ווייכער, אַ פוכקער שניי. דאָס האָט אים אַוודאי זייער שטאַרק דערפרייט. אָבער זיין האַרץ איז דאָך געווען אומרויק. פאַרוואָס קומט זי אַלץ נישט ? זי האָט שוין לאַנג געדאַרפט קומען אַהער !

אַלע ווײַלע נעמט ער אַרויס זיין זייגער און קוקט זיך איין אין דעם ציפערבלאַט קעגן דער שיין פון דעם לאַמטערן. ער טוט עס אַזוי אָפט, צו אָפט, כאָטש ער ווייסט, אַז זינט דעם לעצטן מאָל, וואָס ער האָט אַ קוק געגעבן אויפן זייגער, איז אפשר אינגאַנצן פאַרלאָפן בלויז איין מינוט, נאָך אפשר ווייניקער.

„און עס איז געווען, אַז אירע טריט האָבן זיך פאַרזאַמט צו קומען" (דידאָזיקע עטלעכע ווערטער פונם תנך האָבן זיך מיר, איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, איינגעקריצט אין קאָפּ איינמאָל אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט, ווען איך בין געלעגן אינם האָטעל מ י אַ מ י אין דער שטאָט ד יי ט אָ ן , אינם שטאַט אָהייאָ, געלעגן אַזוי אַ גאַנצע נאַכט און נישט געקאָנט איינשלאָפן, ביז איך האָב ענדלעך אויפגעדרייט אַלע עלעקטרישע לאָמפּן אינם געראַמען חדר, און אָנגעהויבן לייענען דעם תנך — אַ שיין ספרל, געבונדן אין חזיר-פעל, — דאָס איינציקע ספרל, וואָס איז דעמאָלט געווען אין מיין האָטעל-חדר, ווו די „אַמעריקאַנער ביבל-געזעלשאַפט" האָט עס איבערגעלאָזן, ווי זי טוט עס אין אַלע אַנדערע האָטעלן. איך האָב גראָד אויפגעמישט אויפן פסוק : „און עס איז געווען, ווען אירע טריט האָבן זיך פאַרזאַמט..." און מער האָב איך שוין דעמאָלט אינם תנך נישט געלייענט. יענע נאַכט האָבן זיך פאַר מיר אויך — אינם דערמאָנטן האָטעל אין דער פרעמדער שטאָט, ווו איך האָב מיך ספּע-ציעל אָפּגעשטעלט אין דערוואַרטונג עמעצן דאָרטן צו טרעפן — יענע נאַכט האָבן זיך פאַר מיר אויך געוויסע טריט פאַרזאַמט צו קומען... נאָר וועגן דעם איז איצט נישטאָ וואָס צו רעדן).

איז, הייסט עס, „און עס איז געווען, אַז אירע טריט האָבן זיך פאַרזאַמט צו קומען", איז ער, אַן אומרויקער, אַוועקגעלאָפן צו איר הויז, כאָטש זי האָט אים שטרענג פאַרבאָטן, אַז ער זאָל זיך קיינמאָל נישט באַווייזן צו נאָענט לעבן איר הויז (אַ דאַמע איז זי געווען אַ וועלטלעכע און אַ געניטע, און זי האָט תּמיד געוווּסט ווי אָנצונעמען אַלע נויטיקע פאָרזיכטיקייטס-מיטלען, אַז אירע ליבע-ענינים זאָלן בלייבן אין שטרענגער געהיימניש).

אַז ער איז געקומען צו איר הויז, האָט אים מיטאַמאָל שטאַרק אַ קלאַפּ געטון דאָס האַרץ: ער האָט דערזען, ווי אַלע פענסטער זענען דאָרטן אין הויז שטאַרק און יום-טובדיק באַלויכטן. דאָס גאָלד פון די פענסטער האָט זיך געלייגט אויפן ווייס פונם אָקאָרשט גע- פאַלענעם שניי. אויפן ווייסן שניי איז דעריבער באַלד שוין אומרויק אַרומגעשפרונגען הין און צוריק אַ שוואַרצער, אַ ברענענדיקער פלעק— ער איז אַרומגעשפרונגען הין און צוריק, הין און צוריק, ווי אַ הונט, וואָס איז אין שפּעטער נאַכט אינדרויסן געבליבן. אַרומגעדרייט זיך און אַלץ אַרויפגעקוקט אינדערהויך צו די גאָלדענע, יום-טובדיקע פענסטער. דאָרט, אינעווייניק, איז זיכער פאָרגעקומען איצט אַ גרויסער יום-טוב... אַ גרויסער, אַן אייביקער יום-טוב.

דערנאָך, אַז דאָס גאָלד, וואָס האָט זיך געגאָסן אַזוי יום-טובדיק פון די פענסטער איז פלוצלונג פאַרשוווּנדן, — ווייל ס'איז שוין געווען מיטנאַכט—האָט זיך דער יונגערמאַן דערזען מיטאַמאָל איינער אַליין צווישן צוויי שטערנבאַשפּרינקלטע לײַלעכער. וואַרעמע און גאָל- דענע האָבן די שטערן אין אַ געדיכטער, גאָלדנגעשטריקטער נעץ, אַרונטערגעקוקט איצט פון הימל. פינקלענדיק בלוי און קאַלט — ווי פרישע, ווינטער-קאַלינעס, וועלכע זענען, אַגב, גאָר רויט — האָבן שטערנפלעמלעך אַרויסגעבלישטשעט אומעטום פונם שניי, וואָס האָט זיך מיט יעדער רגע אַלץ געדיכטער געשפּרייט איבער דער אויבער- פלאַך פון דער וועלט, איבער די אונטערשטאָטישע פוסטע פעלדער און איבער די שטאָטישע גאַסן. איצט זענען זיי שוין געווען ליידיק, די שטאָטישע גאַסן, ווייל ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, און אין אָט דער קליינער פּראָווינץ-שטאָט אין דער מיטלוועסט זענען די גאַסן אין דער שעה טויט און פוסט.

און דער יונגערמאַן האָט זיך אַלץ אַרומגעדרייט הינטער די פּענסטער פונם הויז. ער האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט אַלע ווײַלע אַרויפקוקן צו די איצט שוין טונקעלע פּענסטער, אין וועלכע אים האָט זיך אָבער אַלץ אויסגעדוכט צו באַמערקן אַזעלכע פייערדיקע אָפּגלאַנצן. אפשר פונם שניי, אפשר פון די שטערן, און אפשר פונם פייער ביי אים אין האַרצן.

און דערנאָך, גאָר אין שפּעט-נאַכט, האָבן זיך די שטערן איינע נאָך די אַנדערע אָנגעהויבן אויסלעשן, און עס איז אויפגעגאַנגען אַ גרויסע, אַ פולע און אַ ווייסע לבנה. איז איצט זענען זיי שוין געווען אין דערדאָזיקער שטילער ווינטערדיקער נאַכט זאַלבעדריט — און זאַלבעדריט וועלן זיי שוין פאַרבלייבן דורך דער גאַנצער נאַכט, ביזקל די ערשטע בלייכלעכע שעה פון דער פאַרטאָג-דעמערונג:

1) די גרויסע, פולע און ווייסע לבנה, אַרונטערקוקנדיק שווייגנדיק און שטיל, אַלץ ווייסנדיק און צו אַלץ גלייכגילטיק. 2) אַ ווינטערדיקער, שווייגנדיקער און נאַכטיש-איינגעשטילטער שניי און איבערן שניי — 3) אַן אומרויִקער מענטש, וועלכער האָט נאָכאַנאַנד דורך דער גאַנצער נאַכט געסקריפּעט אין דער ווייסער, שטילער נאַכט און געהאַלטן אַלץ אין איין אַרויפקוקן צו די טונקעלע פּענסטער אין דער הויך...

נו, מילא, איך הויב מיך שוין אויך אָן גרייטן צו גיין אַהיים. איך בין אין קאַבאַרעט געבליבן דער לעצטער. אַפילו אַ טייל מוזיקאַנטן זענען זיך שוין אויך צעגאַנגען. איך גיב נאָך איין קוק אויפן ליידיקן, מיטן ווייסן טישטעכל באַדעקטן טישל. איך עס מיך איין אין דעם פולן, נישט גערירטן קאַראַפין וואַסער, וואָס וועט שוין אַזוי בלייבן שטיין איינער אַליין אַ גאַנצע נאַכט, אַ וואַרטנדיקער און אַ פאַרשעמטער, ביזקל מען וועט אים מאָרגן פאַרנאַכט אויסגיסן.

יאָ, איך ווייס שוין אַלץ, אַלץ... און דאָס האַרץ וויינט. פון מיר וויינט, אפנים, אַרויס מיין אייגענע דערשלאָגנקייט. וואָס איז, איך

בין דאָך אַליין אויך אַרומגעגאַנגען אין די אַמאָליקע יונגע יאָרן מיינע, נישט איינמאָל, אונטער פרעמדע פענסטער... איך דערמאָן מיך, ווי איינמאָל (אָבער דאָס איז אַלץ געווען שוין לאַנג, לאַנג צוריק) בין איך אין אַ קאַלטן, ווינטערדיקן פאַרטאָג ענדלעך געקומען צו זיך אַהיים, נאָכדעם, ווי איך האָב זיך אַזוי אַ גאַנצע פראָסטיקע נאַכט אַרומגעדרייט הינטער פרעמדע פענסטער... אָבער דאָס איז שוין פאַר מיר געווען די לעצטע נאַכט. די לעצטע נאַכט נישט נאָר הינטער יענע פענסטער, נאָר בכלל די לעצטע נאַכט הינטער פרעמדע פענסטער. אַזוי האָב איך בײַ זיך דעמאָלט אָפּגעמאַכט. נישט, אַז ס'איז מיר זינט דעמאָלט געלונגען צו קאָנען זיצן אין אַזוינע פראַכט־פולע ווינטערדיקע נעכט אין אַן אייגענעם הויז, אינעווייניק, הינטער דער באַשיצונג און היימישקייט פון העל־באַלויכטענע, אייגענע גאָלדענע פענסטער. נאָר כ'האָב דעמאָלט מיטאַמאָל דערפילט, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע מאָל,— אַז בײַ מיר איז שוין ווייניק כוח פאַרבליבן אַרומצודרייען זיך דורך נעכט גאַנצע אונטער פרעמדע פענסטער. האָב איך גענומען דעמאָלט און אַרונטערגעשריבן אויף אַ פּאַפּירל אַ פראַנצויזיש ליד, וואָס האָט גראָד אויסגעדריקט זייער גוט מיינע דעמאָלדיקע געפילן. פאַרוואָס עפּעס גראָד אַ פראַנצויזיש ליד? איך ווייס אַליין נישט, אָבער אַזוי האָט עס פּאַסירט. דאָסדאָזיקע ליד האָב איך בײַ זיך אויפגעהאַלטן ביז איצט. איך לייען עס זייער אָפט, אַזוי, אַז איך ווייס עס כמעט אויף אויסווייניק:

Je voudrai oublier que je t'aimais,
Et que ton image si haute
Mon âme deserte et soufrante,
Dans l'oubli s'evanouise à jamais.
Je voudrais ne plus entendre ta voix,
Qui revient murmurer sans cesse
Les mots doux, la sainte promesse.
Les chants d'amour, les serments d'autre-fois...
Mon coeur qui ton amour a déserté,
Pour toi n'a plus aucun hommage,
Et liberté de l'esclave
Va refleurir dans la liberté.

אייניקע פון אייך וועלן זיכער דערקענען, אַז דאָס ליד איז נישט מיינס, אַז איך האָב עס פון צרגעץ אַרונטערגעשריבן. ריכטיק, איך לייקן עס נישט אָפּ. פונוואַנען זאָל איך קאָנען שרייבן לידער, און בפרט נאָך פראַנצויזישע? אוודאי האָב איך עס אַרוגטערגעשריבן, און נאָך מיט גרייזן דערצו, פון עפּעס אַ פראַנצויזישן לידער-ביכל, וואָס האָט זיך גראָד אין יענער מינוט געפונען ביי מיר אויפן טיש. אָבער איך האָב געהאַט אַ פולן רעכט דערויף. יאָ! דעמאָלט, אין יענעם ווינטערדיקן פאַרטאָג, איז דאָסדאָזיקע ליד געווען מער מיינס, איידער דעם פּאָעטס, וועלכער האָט עס אָנגעשריבן...

דאָסדאָזיקע ליד האָב איך עס דעמאָלט געוואָלט אַוועקשיקן, אָנשטאָט אַ בריוו, צו יענער פרוי, הינטער וועמענס פענסטער — אויך צוערשט גאָלדענע און דערנאָך טונקעלע — איך האָב מיך עס יענע גאַנצע פראָסטיקע נעכט אַרומגעדרייט... אָבער איך האָב עס סוף-כל-סוף נישט געטון. עס איז פאַרבליבן ביי מיר ביזן היינטיקן טאָג. איך האָב מיך באַטראַכט, אַז ס'איז גלייכער, אַז איך זאָל איר גאָר-נישט זאָגן — צוליב וואָס ווערטער? ס'איז גלייכער, אַז איך זאָל עס ענדיקן שווייגנדיק.

אָבער גרינגער איז מיר פונדעסטוועגן געוואָרן אויפן האַרצן, ווען איך האָב אַרונטערגעשריבן דאָסדאָזיקע ליד... כאָטש וואָס? דאָך בלויז ווערטער... און דידאָזיקע „פונאַנדערבליונג", וואָס איך האָב עס מיך געזאָלט פונאַנדערבליען, ווען איך וועל מיך שוין האָבן געהאַט באַפרייט פון מיין פאַרשקלאַפטקייט צו איר — דידאָזיקע פונאַנדער-בליונג האָט, איך פאַרזיכער אייך, קיינמאָל נישט פּאַסירט... פאַרקערט. זינט דעמאָלט האָב איך מיך נאָכמער איינגעשרומפּן און נאָכמער איינגעקאָרטשעט אין זיך. איצטער פאַרשטיי איך, אַז יענער קאַלט-נאַקעטער ווינטערדיקער פאַרטאָג איז עס געווען דער אָנהויב פון מיין זיך לאָזן גיין אויף אַ ברייטן וועג, — דעם וועג צום אַ ל ט - ו ו ע ר ן.

און וואָס איז שייך צו פרעמדע פענסטער... איז אמת, הינ-טער פרעמדע פענסטער בין איך שוין זינט דעמאָלט מער נישט אַרומגעגאַנגען אין די שפּעטע נעכט. איך האָב אָבער נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט נאָכצופאָלגן מיט דער גרעסטער באַזאָרגטקייט די טריט פון אַנדערע מענטשן, — יינגערע פאַר מיר, — וועלכע גייען נאָך אַלץ,

דורך די נעכט הינטער פרעמדע פענסטער — די אייביקע, אייביקע טריט פון אומרויקייט, די טריט פון יונגע מענטשן, וועלכע ברענען און צאַפּלען זיך אין ווינטערדיקע, שנייאיקע נעכט הינטער פרעמדע, גאָלדיק-באַלויכטענע פענסטער, — אייביק, אייביק הין און צוריק, הין און צוריק.

סוף-כל-סוף געלינגט עס מיר אַוועקצורייסן מיינע אויגן פונעם פולן קאַראַפין אויפן ליידיקן טישל. נו, איך גיי שוין.

לעבן דער טיר טרעף איך אָן דעם פעטן, שמאַלץ-פאַרגאָסענעם אייגנטימער פונעם קאַבאַרעט. צוליב זיין שטאַרקער פעטקייט קוקט עס אויס, ווי דער האַלז, די פּאָטיליניצע און דער נאַקן זענען ביי אים, ווי פון איין שטיק שמאַלץ אויסגעגאָסן. אָט פונקט, ווי ביים ים-הונט. ער איז אויך פונקט, ווי די ים-הינט, אינגאַנצן עפּעס נאַס אַזוי און גליטשיק. זיין פּעט שמייכלע, מיט וועלכן ער באַגלייט מיך אַרויס, פונקט ווי ער טוט עס מיט יעדן אַנדערן גאַסט, איז מיר נישט זייער שטאַרק צום האַרצן, נאָר, צוליב איידלקייט, גיב איך אויך אַ שמייכל און דערפּיל מיטאַמאָל, ווי איך זאָג אַרויס, מיט אַ פאַרשטייענדיקן ביטערן ווונק:

— זענען זיי טאַקע נישט געקומען...

— ווער?

— אָט יענץ פּאָרל, — צייג איך אים אָן מיט די אויגן אויפן טישל, מיט דער קאַרטל-אויפשריפט „רעזערווירט”, וואָס איז דאָרטן נאָך אַלץ געשטאַנען.

— אָ, — לאַכט ער זיך פונאַנדער — דאָס איז גאָרנישט. דאָס איז גאָרנישט... וואָסי, איר האָט עס ביז אַהער נישט באַמערקט? אָט דאָס טישל „רעזערווירט” שטייט דאָך ביי אונז יעדע נאַכט!

— כ'ווייס נישט, — זאָג איך אַרויס אין פאַרלעגנהייט, ווי איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל פאַרשטיין, אַז איך גלויב אים נישט — דוכט מיר, אַז איך האָב אַזאַ טישל ביז איצט

נישט באַמערקט... אַלנפאַלס, נישט אין אָט דעם ווינקל, לעבן מיין טיש.

— אַוודאי, אַוודאי, — פאַרזיכערט מיך דער קאַבאַרעט-אייגנטימער מיט זיין גליטשיקן שמייכעלע. — איר האָט עס זיכער באַמערקט. איר האָט עס זיכער געמוזט באַמערקן. יענער טיש מיט דער אויפשריפט שטייט שוין דאָרטן אַזויפיל נעכט, און דווקא אין אָט יענעם ווינקל... ס'טייטש, ווי האָט איר עס ביז איצט נישט באַמערקט?

און אַז ער באַמערקט דעם שטוינענדיקן אויסדרוק ביי מיר אויפן פנים, בויגט ער זיך צו מיר צו און רעדט ווייטער, שוין גלייך צו מיר אין אויער אַריין, אין אַ קאָנפידענציעלער שטים:

— דאָס איז דאָך אַלץ אָט דער צעדרייטער טשעליסט... צוליב אים... זיינס אַ קאַפּריזער איינפאַל! איך זאָג אייך — אַ משוגענער! ער באַשטייט נישט אַנדערש, ווי אויף דעם, אַז אין אָט יענעם ווינקל-אָ, וואָס קומט אויס פונקט אַנטקעגן אים, דעם טשעליסט, קעגן זיין אָרט, הייסט עס, אויף דער עסטראַדע, זאָל זיך געפינען תמיד אַ ליידיקער טישל... איר פאַרשטייט אַן איינפאַל! זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז, ווי איך ווייס, ווי אַזוי מען דערקלערט עס אייך, דעמדאָזיקן שטיקל משוגעת זיינעם, כאָטש ער אַליין, אָט דער צעדרייטער טשעליסט, האָט עס שוין מיר אַ פּאָר מאָל יאָ געפּרוווט דערקלערן... איר פאַרשטייט — האָט דער אייגנטימער אַזש געקנייטשט זיין גלאַנציקן פליך און אַלע מינוט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, וועלנדיק מיר אַלץ וואָס בעסער מסביר זיין דעם ענין — ס'איז אַזוי (ער האָט אָנגעהויבן מאַכן אַזעלכע באַוועגונגען מיט זיין האַנט אין דער לופט)... אַ ליידיק טישל... מיט אַ קאַראַפין וואַסער אויפן ווייסן טישטוך... מיט... מיט... בקיצור, אָט-אָ דאָס, טענהט ער, העלפט אים, הייסט עס, שפּילן... אַז ער ווערט פאַרטיק מיט זיין נומער, איז... איז, כ'ווייס, ווי זאָל איך עס אייך זאָגן? איז קוקט ער דעמאָלט אַהינצו נאָכאַנאַנד... ס'איז אים, זאָגט ער, אַ סך גרינגער צו שפּילן ווייטער, ווען ער רוט אָפּ אויף אַזאַ אופן...

און אָט-דאָ איז דער אייגנטימער אינגאַנצן אויפגעלעבט געוואָרן, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל, ענדלעך, נאָך לאַנגער זוכעניש, געטראָפן

דאָס ריכטיקע, דאָס געגאַרטע וואָרט, וואָס זאָל אים אַרויסהעלפן פונם דאָזיקן פּלאָנטער.

— אַז ער קוקט, הייסט עס, אויפן קאַראַפין, אויפן ליידיקן טיש, אויפן ווייסן טישטוך, א. אַז. וו., א. אַז. וו., קריגט ער, הייסט עס, דאַרף מען משער זיין, שטימונג...

— „שטימונג", — האָט ער מיט אַ ציניִשן סקעפּטיציזם אַרויס־געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט. — נו, ווי געפעלט אייך אַזאַ משוגעת, האַ?

דער עגאָאיסט

א

ביינאַכט איז אַ מענטש אין איילעניש אַרויסגעגאַנגען פונם הויף פון די אַסטאָרס. נישט אומקוקנדיק זיך אויף הינטן, איז ער האַסטיק דורכגעגאַנגען דורך די צוויי ווילד-צעוואַקסענע בוימלעך פון גלאַנציק-קאַלטע רהאָדאָדענדראָנס, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ מין פאָרטקע פונם הויף.

אַזוי ווי ער איז געווען אַ פרעמדער דאָ, האָט ער נישט איינגע-בויגן דעם קאָפּ בשעת ער איז דורכגעגאַנגען צווישן די צוויי האַלב-הויכע בוימלעך, — אַ זאַך, וואָס יעדער געניטער דורכגייער פלעגט תּמיד טון, ווייל אין דער הויך פון אַ מענטשס וווקס זענען די רהאָדאָדענדראָנס געווען שוין גאָר געדיכט צונויפגעוואַקסן צוזאַמען. די בוימער האָבן אים דעריבער דעם הוט אַרונטערגעריסן און צעקרעלט דאָס געזיכט. ווייל עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט — פון אַ זומערדיקער נאַכט — זענען די בוימער איצט געווען נאַס פון טוי. אַ קילע פייכטקייט האָט דעריבער באַנעצט דאָס צעהיצט-פלאַמענדיק פּנים פונם מענטשן, וועלכער איז געווען אַ פרעמדער דאָ.

עס איז דאָך געווען טוי, גאַנץ טוי, און דער מענטש וואָלט דאָך

געדאַרפט בענטשן און לויבן גאָט, וואָס זיין הויט האָט אַריינגעטרונקען אין זיך די ערשטע פרישקייט פון אָקאָרשט געפאַלענעם טוי אין אַ שפּעט-נאַכטיקער שעה: ער וואָלט דאָך געדאַרפט שטילערהייט אַרויס-ברומען פון זיך אַ דאַנק, וואָס ער איז געקומען אין אַזאַ נאָענטער באַרירונג מיט דעם שפעט-ביינאַכטיקן לייב פון פריש-געצוואָגענעם, וואַקסנדיקן בוים. נאָר דערדאָזיקער מענטש איז נישט געווען גענויגט צו אַזעלכע נאַרישקייטן. — קיינמאָל נישט געווען צו דעם גענויגט, און איבערהויפּט נאָך איצט. האָט ער געשאָלטן און געזידלט זיך אין דער נאַכט אַריין דערפאַר, וואָס זיין פּנים איז צעקרעלט געוואָרן און פאַר-שמירט געוואָרן מיט דער קאַלטער נאַסקייט פון וועלכער עס האָט אים איצט געעקלט. ער האָט אויך, אין איין אָטעם און אין איין גאַנג, געשאָלטן דעם מענטשן, וועלכן ער האָט אָקאָרשט איבערגעלאָזן הינטער זיך אינם הויז פון די אַסטאָרס — דעם צעפלאַמט-פאַרחלשטן יונגן און צעטומלטן מענטשן.

די קללות זענען אָבער אַ סך ווייטער פונם שעלטערס מויל נישט אַוועקגעגאַנגען. זיי זענען שוין אַזוי געבליבן הענגען אין דער נאַכט, ווי אַריינגעשטעקטע מעסערס אין אַ טונקעלן געוואַנט. דאָס האָט פּאַסירט דערפאַר, וואָס די נאַכט דאָ — דערעיקרשט דער טייל נאַכטיקייט, וואָס איז געלעגן איבער אָט דעם באַוועלדערטן ווינקל אינזל, איז געווען אַזוי פינסטער און אַזוי געדיכט, — אַ קאָנצענטרירטער עקסטראַקט פון וועלט נאַכט-חושכניש. אין אַרומיקע הייזער — וואָס האָבן אויסגעזען, ווי האָרבעס פון שלאָפנדיק-צעלייגטע הויקערס — זענען די פענסטער שוין לאַנג טונקל געווען, און דידאָזיקע הייזער האָבן גלאַנציק געדרימלט מיט די שויבן, וואָס אין זייערע פאַרצייטיקע אַלטע שמאָל-לענגלעכע פענסטער-דורכשניטן מיט די פאַרשפּיצטע רוימען אינדערהויך — זיי האָבן אויסגעזען, ווי פענסטער אין גאָטישע קלויסטערס.

דער פרעמדער מענטש, וואָס האָט זיך געלאָזט גיין פונם הויף פון די אַסטאָרס מיט אַזעלכע האַסטיקע טריט, האָט אָבער נישט געפילט דעם אומהיימלעכן כּישוף, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף דער גאַנצער געגנט אַרום, דער געגנט מיט די געדיכטע, עטלעכע-הונדערט-יעריקע עלם-בוימער, וועלכע זענען דאָ געוואַקסן נאָך פון די אַמאָליקע צייטן, די אינדיאַנערס צייטן; די געגנט מיט נאָך עד-היום פאַרבליבענע

טיף-זאַמדיקע וועגן אין וועלכע אויטאָמאָבילן האָבן מיט פיל שוועריקייט געקאָנט דורכפאָרן; די געגנט מיט די שווייגנדיקע פוסטקייטן פון די פאַרלאָזענע פעלדער און די עטלעכע ווייניקע מויערן אויף די בערגלעך אַרום, מויערן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מיטל-אַלטערלעכע פּאַלאַצן אויף שווער-באַשטייגבאַרע הויכן. בכלל: אין דערדאָזיקער שפּעט-ביינאַכ-טיקער שעה האָט די אַרומיקע געגנט בכלל שוין אויסגעזען ווי אַ נישט-ווירקלעך שטיק ערד, ווי אַ בלויזער חלום פון אַ שווער-טונקעלער מענטשלעכער פאַנטאַזיע.

דער מענטש — דער איינציקער, וואָס האָט איצט האַסטיק געשפּאַנט דורך דער נאַכט אינם דאָזיקן ברעקל פון אַ ווינקל פון דער וועלט — האָט באַלד עטלעכע מאָל אויסגעשפּיגן מיט האַרץ. זיינע פיס זענען טיף געזונקען אינם שאָסיי-זאַמד און אים איז געווען שווער צו גיין. ער האָט ווידער אָנגעהויבן עמעצן ביטער שעלטן, ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט.

דער וועג האָט זיך אַלץ געצויגן באַרג אַרונטער. דער מענטש איז געגאַנגען און געגאַנגען, און עפּעס האָט צום וועג גאָר קיין עק נישט גענומען. נישט אַנדערש, ווי ער האָט גענומען נישט דעם ריכטיקן וועג, אָדער ער טאָפּטשעט זיך אַלץ, פאַרכשופטערהייט, אויף איין און דעמזעלביקן אָרט... אָבער אַז ער האָט אויף אַ מינוט אויפ-געהויבן די אויגן — ער האָט זיי די גאַנצע צייט געהאַלטן אַרונ-טערגעלאָזן צו דער ערד, ווייל ער איז געווען פאַרטיפט אין זיך און אין דעם, וואָס איז אָקאָרשט הינטער אים, אינם הויז פון די אַסטאָרס, געשען; אויסערדעם איז דער וועג געווען אַ גריבלדיקער און אַן אומבאַקאַנטער און ער פלעגט אַלע ווײַלע מיט אַ קללה און אַ געברום אָן עפּעס זיך אָנשטויסן, אָן אַ שטיין, אַ ראָד — איז אַז ער האָט אויף אַ מינוט, אַז דער וועג האָט זיך גראָד פאַרקערעוועט, אויפ-געהויבן די אויגן, האָט ער דערזען זיך שפּרייטנדיק אין דער נאָענטער ווייטקייט: גרויסע לבנה-ליכט באַלויכטענע וואַסער-פעלדער,— וואַסער-פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן צו ס ע נ ד י ה ו ק צו, דעם טויער צום אַטלאַנטישן אָקעאַן...

הייסט עס: ער איז יאָ געווען אויפן ריכטיקן וועג...

דאָס ווייטע וואַסער איז געווען זייער שטיל אין דער נאַכט, שטיל און אומהיימלעך-ליכטיק.

שטאַרק-ליכטיק זענען איצט געווען די ווייטע וואַסער-פעלדער, וואָס האָבן זיך פונם בערגיקן וועג געזען.

אויפן הימל איז איצט געווען אָנגעהאָנגען אַ פולע לבנה, אַ לבנה פון די יונגע פּאַרטאָגיקע שעהן.

דער מענטש האָט דעמאָלט באַלד דערזען, אַז אינם קאַלטן, פּרעמדלענדישן און אויסגעפּשופטן ליכט, וואָס האָט מיט באַזונדערער קראַפט באַשפּרענקלט איינס אַ מיטלדיק שטיק פון די ווייט-נאָענטע וואַסער-פעלדער, באַשפּרענקלט מיט אומציילִיקע זילבערנע שופּן, — אַז אויף אָט יענעם אומהיימלעך-באַליכטענעם וואַסער-שטיק האָט זיך איצט געשוואַרצט אַ שיף.

איין שיף. אַ שוואַרצער געוויקס אויפן ווייסן געשפּענסטיקן וואַסער. עס איז שווער געווען צו דערקענען פון דאַנען, אויב די שיף דאַרט אין דער ווייט איז געשטאַנען איצט שטיל אָדער איז געפאָרן.

— טפוי -- האָט דער מענטש ווידעראַמאָל אויסגעשפּיגן, מיט נאָך מער האַסטיקייט. אַ סקרוך איז אים אַדורך איבערן לייב, ווייל איצט האָט ער שוין אויך שטאַרק אָנגעהויבן פילן די מאָדנע אומהיימלעכקייט, וואָס האָט געדויערט איבער דעם גאַנצן אַרומיקן לאַנד. אים, דעם גראָבן און פּשוטן מענטש, איז אויך סוף-כל-סוף דורכגעלאָפן דער געדאַנק, אַז ער גייט דאָ איצט אַרום, אין אָט דער שפּעט-נאַכטיקער שעה, נישט אַנדערש, ווי עפּעס אין אַ חלום—אין זײַן אייגענעם, אָדער אפשר גאָר אין עמעצן אַנדערשס אַ חלום...

ס'האָט זיך אים מיטאַמאָל אָנגעהויבן דוכטן, אַז ער גייט און גייט אַזוי שוין זייער לאַנג איבער אָט דער פינסטער-אומבאַקאַנטער געגנט, גייט נאָכאַנאַנד עפּעס אַזוי דרימלענדיק, דרימלענדיק...

מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטון. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט חשד:

— אָ, ער מוז זיין זייער פּראַקטיש... ער טראָגט דאָך איצט אין האַנט אַ האַק... פון איר בלישטשנדיקן שטאָלענעם שאַרף קאַפּעט דאָך נאָך איצט אויך אַרונטער רויט, וואַרעם בלוט, מענטשלעך בלוט.

די שווערקייט פון די לעצטע עטלעכע טעג האָט זיך דעמאָלט ווידער, דערדריקנדיק, אַרויפגעלייגט אויף זיינע אַקסלען. דער מענטש איז ווי מיטאַמאָל, אין איין כהרף-עין, עלטער געוואָרן... זיינע אַקסלען האָבן זיך, אָפּגעשוואַכט, אַרונטערגעלאָזט. זיין קאָפּ איז מיד אַרונ־טערגעהאָנגען. ער האָט שוין איצט שווער געפּלאָנטערט מיט די פיס.

דאָס האָט אָבער נישט געדויערט לאַנג. אַ האָן האָט ערגעץ זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָנלען אויף אַ לייטער-שטעקעלע, ווו ער האָט אַזוי אין הינערשן האַלב-דרימל, איבערגעכאַפּט די נאַכט. ער האָט אַ בשורהדיקן קריי געגעבן, איינמאָל און אַ צווייטן מאָל. און פונם דאָזיקן פריידיקן פּאַרטאָגיקן אָנזאָג זענען אינם שפּאַנענדיקן מענטשן די אברים אויפגעלעבט געוואָרן אַזוי פּלוצלינג, פונקט ווי זיי זענען אָנ־געפילט געווען מיט שטיינערנער שווערקייט ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק. דער כשוף פון דער פרעמדער, נאַכטיקער געגנט האָט זיך פון אים גלייך אָפּגעטון. אַ שווערער שטיין איז אים אַרונטערגעקייקלט געוואָרן פון הארצן, ווען אים איז מיטאַמאָל געוואָרן קלאָר, אַז דאָס אַלץ האָט זיך עס אים בלויז אויסגעדוכט.

— גאָט צו דאַנקען, עס האָט זיך כאָטש אויסגעלאָזן גוט... ער האָט סוף-כל-סוף טאַקע קיינעם נישט דערהרגעט.

ער האָט פונדעסטוועגן באַלד גענומען און אויפגעהויבן די רעכטע האַנט גאָר נאָנט צו די אויגן און זיך גוט אין איר איינגע־קוקט. ווייל ס'איז נאָך געווען שטאַרק פינסטער.

אויפהויבנדיק זי, האָט ער טאַקע געפילט, אַז די האַנט איז אים געווען אַזוי שווער, פונקט ווי אין איר וואָלט זיך געפונען איצט אַ גרויסע האַק, אָדער אַן אַנדערע, אַ שווערע מעטאַלענע זאַך. אָבער ער האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז זי איז פּאָרט געווען ליידיק, די האַנט זיינע.

די האַק האָט אים אָבער פונדעסטוועגן נישט אויפגעהערט צו בלישטשען. געבלישטשעט האָט זי אים אין צערודערטן קאָפּ און צעהיצטע געבליטן... ער האָט זי דערקענט, די האַק: דאָס איז דאָך

געווען די זעלביקע האַק וואָס איז געשטאַנען אין קיך ביי זיי אין הויז, און מיט וועלכער ער האָט זיך מיט׳ן אַ פּאָר טעג צוריק פאַר־מאָסטן אויף זיין פרוי. דאָס איז דאָך געווען די זעלביקע האַק, וועלכע ער האָט געהאַט בדעה מיטצוברענגען אַהער, כּדי זיך מיט איר הילף אויסצוטענהן מיט יענעם יונגנמאַן, וועלכן ער האָט מיט אַ ווײַלע צוריק איבערגעלאָזן כּמעט אַ פאַרחלשטן אין דעם ברוינעם, שלאָפנדיקן מויער פון די אַסטאָרס.

ער האָט ווידער אַרונטערגעלאָזן די אויגן. ער האָט אַזש אַ שוידער געטון באַם געדאַנק, ווי נאָנט ער איז עס געווען צום באַגיין אַ שווער פאַרברעכן, פאַר וועלכן ער וואָלט געדאַרפט אפשר לעבנס־לאַנג זיך פּלאָגן און מוטשען זיך אין „סינג־סינג״. נו, דעם עלעקטרישן שטול וואָלט ער זיכער נישט געקראָגן — לייענענדיק אָפט, כּמעט טאָג־טעגלעך, אין די צייטונגען וועגן ענלעכע פאַלן, האָט ער געוווּסט, אַז די געשוואָרענע ריכטער באַפרייען געוועגלעך אין אַזעלכע פאַלן דעם מערדער, אויפן גרונט פונם „נישט־געשריבענעם געזעץ״. אָבער אפילו אַז ער זאָל בלויז קריגן לעבנסלענגלעכע געפענגעניש — איז דען גוט?

און כאָטש, ביי דער דערינערונג פון אָט דעם אַלעמען, האָט דערדאָזיקער מענטש, וועלכער האָט איצט אַליין אין דער נאַכט געשפּאַנט האַסטיק אויפן וועג, וואָס האָט געפירט באַרג־אַרונטער, צו דער באַן־סטאַנציע, זיך ווידער פאַרטיפט אין דעם געמיש פון אויפ־געקאָכטקייט און בלינדער באַליידיקטקייט, וואָס האָט אים אין די לעצטע עטלעכע טעג אינגאַנצן, אינגאַנצן אויסגעפילט, — האָט ער דאָך געהאַט אין דערזעלבער צייט אַ געפיל פון דערלייכטערונג און באַרויקונג... ער האָט זיך אַלץ געהאַלטן אין איין קילן, איבערחזרן, אַז ס׳איז גוט, — ס׳איז גוט, וואָס ס׳האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזן — מיט גוטן... אַרום און אַרום האָט ער, דער מאַן, דאָך סוף־כּל־סוף דאָ אַריינגעכאַפּט אַ מציאה...

ב

ער איז געווען אַ היבש-הויכער פֿאַרשוין, אַ ברייטפּלייציקער און אַטלעטיש-געבויטער מאַנספּערשוין. ער פֿלעגט — אינם ליכט פֿונם טאָג, וואָס פֿלעגט אַ סך קליינע, ווערעמדיקע קנייטשלעך אויף זיין פּנים, דערעיקרשט אַרום די אויגן, אַרויסברענגען — מאַכן דעם איינדרוק פֿון אַן אויסגעשפּילטן „פּרייזפֿייטער“ (אַ קעמפֿער אויף אַן אָפֿענער אַרענע), וואָס איז שוין זינט עטלעכע יאָר אַרויס פֿונם „רינג“ (אַרענע). אַן אויער איז ביים אים געווען איינער אינגאַנצן אַ צוגעפּלעטשטער צום שאַרבן, אַ צונויפֿגעקנוילטער, ווי אַ ים-מייערל, — אַן אויער, וואָס עס קריגט כמעט יעדער פּרייזפֿייטער נאָך יאָרן און יאָרן פֿון באָקסן זיך.

דער שטערן זיינער איז געווען נידעריק און ברייט, ווי ביי אַ בולדאָג. פֿון זיין פּנים, נאָך מער ווי פֿון זיין גאַנצער פֿיגור, האָט טאַקע אָפּגעגעבן — און איצט נאָכמער ווי אַלעמאָל — מיט אויסגעשפּילטן העלד, מיט איינעם, וועלכער טראָגט אין זיך שוין בלויז די דערינערונג פֿון זיין אַמאָליקער גבורה — צוזאַמען מיט אַ פֿיינטשאַפֿט צו דער וועלט.

זיין נאָמען איז געווען אַלעקסאַנדער טערעם. רופֿן פֿלעגט מען אים אַלעקס. נאָך קורצער — „על“. און ער איז איצט געגאַנגען מיטן וועג, וואָס האָט געפֿירט צו דער נישט-ווייטער אייזנבאַן-סטאַציע.

ער האָט זיין פֿרוי שוין פֿון לאַנג נישט ליב געהאַט און פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן זיי ביידע נאָכאַנאַנד געוואַרט — זי נאָכמער באַשטימט און איינגעעקשנט איידער ער — אויף אַן אומבאַקאַנטער פּאַסירונג, אויף עפּעס אַ נס, וועלכער זאָל ענדלעך איבערשניידן דעם שטאַרקן פֿאָדעם פֿון געוווינהייט און אינערציע, וואָס האָט נאָך אַלץ געהאַט גענוג קראַפֿט זיי צוזאַמענהאַלטן — אין באַזונדערע חדרים: זיי האָבן שוין לאַנג נישט געלעבט צוזאַמען —

פון דערזעלביקער שטוב אין די בראָנקס. נישט קוקנדיק אָבער אויף דעם איז ע״ל דאָך געווען גאַנץ אויפריכטיק, ווען ער האָט זיך מיט אַ קורצער ווײַלע צוריק פּאַרמאָסטן צו שלאָגן אָט יענעם יונגנמאַן, וועלכן ער האָט אַן אײדל־שווײַגנדיקן און בלײַך־אויפגעפּלאָמטן געלאָזן מיט אַ ווײַלע צוריק הינטער זיך, אין דעם הויז פון די אַסטאָרס, וואָס שטייט אויפן הויכן פונקט פונם אינזל.

עס איז בײַ אים נישט געווען דער בלויזער אָנשטעל פון אײנעם אַן איבערגעשפּיצטן, וועלכער ווייס די צייט, ווען ער דאַרף פּרעטענ־דירן דאָס געפיל פון באַליידיקטער זעלבסטווירדע, פון רעכטפּערטיקטן צאָרן... אָ, אַזוי אײדל איז ער גאָרנישט געווען, ווי יענער, דער אַנדערער, צו אַלדע שוואַרצע יאָר... פון אַזעלכע פּאַרפײַנערטע קונצן האָט ער גאָרנישט געוווּסט.

ער האָט זיך טאַקע אין דער אמתן מיטן גאַנצן בלוט געפילט, ווי אַן אָפּגענאַרטער מאַן. ער וואָלט זיך געהאַלטן פאַר אַ צעקראָכענער בריאה, ווען ער וואָלט זיך נישט נוקם געווען אויף וועלכן ס׳איז נישט איז אויפן אָן יענעם, וואָס האָט בײַ אים אַרויסגענאַרט עטוואָס פון זײַן האָב און גוטס, כאָטש ע״ל האָט שוין לאַנג אַליין געוואָלט פון דעם פּטור ווערן...

— ז ײַ נ ס איז עס דאָך אָבער דערווײַל געווען!

ער האָט אָבער אינדערזעלבער צייט געדאַרפט זײַן פּאָרזיכטיק, אַלעקס, און נישט צעשטערן די גוטע רעזולטאַטן פונם שוין־געשעענעם.

— אַדרבא, זאָל זי בלײַבן בײַ אים, אויב יענער האָט גאָר־נישט קיין חרטה.

מיט זײַן געזונטער, חיהשער אינטואיציע, מיט זײַן פּרײַז־פייטערישן שכל־הישר האָט ער פּאַרשטאַנען, אַז יענער, דער נײַער, איז אַן אַנדער סאָרט מענטש אײדער די מענטשן, צו וועלכע ער, אַלעקס, איז בכלל ביז איצט געוווינט געווען. מיט פיזישע אַרגו־מענטען קאָן ער נאָך, אַלעקס, מעגלעך צעשטערן דאָס גוטס, וואָס קאָן פון דעם געשעענעם סוף־כּל־סוף אַרויסקומען... ווײַל אונטער דער אויפגעבראַוזטער באַליידיקטקייט און אויפריכטיקן צאָרן פון אַן אָפּגע־נאַרטן מאַן — פון אַן אָפּגענאַרטן אײגנטימער — האָט אין דערזעלבער

צײַט געשפּראָצט און געוואַקסן אין אים דער געדאַנק, אַז ענדלעך נעמט עס אַן עק.

— יאָ... ענדלעך נעמט עס אַן עק. פֿון איצט אָן ווערט ער באַפֿרײַט פֿון דער שווערער אחריות איבער דער צו־אײַדעלער, כרופּקער כּלי, וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן אין זײַנע הענט דורך אַ צופֿאַל, דורך אַ קאַפּריז...

אינם משך פֿון די עטלעכע אומרויִקע יאָרן פֿון זײַן פֿאַרהײַראַט לעבן מיט איר האָט ער דאָך סוף־כּל־סוף ביסלעכווײַז אָנגעהויבן צו באַגרײַפֿן, אַז זי איז אַן אַנדערע, אים אַ פֿרעמדע. מיט זײַן גאַנצער ברוטאַליטעט, פֿלעגט ער דאָך האָבן דורכלויכטונגען פֿון אײַנזען מיט איר, פֿון רחמנות אויף איר, זײַן פֿרוי, — ווי אַ מענטש האָט רחמנות אויף זײַנס אַ קלײן שוואַך הינטל, וועלכעס מען גיט אַמאָל אַ בריקע, אָבער מען איז צו דעם פֿאָרט געטרײַ. זײַער אָפֿט פֿלעגט ער אויך אָנגעפֿילט ווערן מיט אימרו און שרעק, טאָמער וועט ער דידאָזיקע „דין־קרישטאָלענע וואַזע" — אַזוי, צו זײַן שטוינען, האָט ער געהערט, ווי אָט יענער, דער נײַער, האָט זי אָנגערופֿן, — אַרויספֿאַלן פֿון זײַנע הענט, וועלכע, ווי זײַט פֿלעגט געפֿעלן ווערן זײַן מאַנסבילשער גאווה צו טראַכטן, פֿלעגן זי באַשיצן. אַזוי לאַנג ווי זי איז נאָך געוועזן זײַנע, האָט ער געדאַרפֿט דאָך אַכטונג געבן, אַז זי זאָל נישט אַרויספֿאַלן און זיך צעברעכן. אים פֿלעגט, דעריבער אויסקומען צו זײַן פּאַרזיכטיק, זײַער פֿאָרזיכטיק מיט איר. און דאָס־דאָזיקע שטענדיקע פֿאָרזיכטיקע באַלאַנסיר; פֿלעגט אים כּסדר אויפֿרעגן און דערצערנען — דאָס איז נישט געוועזן נאָך זײַן גוסט נאָך. נײַן, זי איז אים נישט געוועזן קײן פּאָר. ער האָט געזוכט אין אַ פֿרוי עפּעס פּשוטערס.

— ער איז דאָך נישט געוועזן יענער — דער נײַער!

אָבער איצט, גאָט צו דאַנקען, נעמט עס אַן ענד. דערנענטערנ־דיק זיך צו דער קלײנער שלאָפֿנדיקער באַן־סטאַציע, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ טעלכל צווישן צוויי נישט־הױבשע בערגלעך, האָט ער מיט קענטיקן פֿאַרגעניגן געפֿילט, ווי ער ווערט ביסלעכווײַז באַרויִקט, אָפּגעקילט. אַ שוין לאַנג נישט געפֿילטע רויִקייט נעמט אים באַלד

איינגאַנצן דורך אינם פאַרטאָג — אַן אַנגענעם-גרינגער געפיל פון באַפרייונג, באַפרייונג, באַפרייונג...

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין געזעסן אינם ליידיקן, שטאַרק באַלויכטענעם וואַגאָן פונם צוג, וועלכער שניידט דורך יעדע צוואַנציק מינוט דעם מערבֿדיקן טייל פונם אינזל סטעטן-איילאַנד, — פונם ברעג ים-אויסגוס, וואָס אויף זיין צפון-זייט, ביזן ברעג-ים-אויסגוס, וואָס איז אויף זיין דרום-זייט.

דער צוג האָט אים איצט געפירט צום האַפן פונם הייליקן געאָרג, ווו עס איז שוין געשטאַנען אַ וואַרטנדיקע שיף. —

אַ שיף, וועלכע האָט אים אין אַ האַלבער שעה אַרום אָפגעפירט אין זיין היים, קיין ניו-יאָרק.

ג

אין דעם הויז פון די אַסטאָרס, וואָס האָט אַריבערגעטונקלט מיט ברוינער, שטיינערנער שווערקייט פון אַלטן פאַרצייטיקן מויער, — נאָך אַ געדיכטערע, שווערערע טונקלקייט, איידער די אַרומיקע נאַכט איבער דעם זאַמדיקן לאַנדוועג, — האָבן איצט אויפן דריטן, דעם אויבערשטן שטאָק, נאָך געלויכטן די פענסטער.

דוד, אַ בלייכער און איינגאַנצן אַן אויסגעמאַטערטער, איז געלעגן איצט אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּע, מיט פאַרמאַכטע אויגן. פון דעם, וואָס די ווייעס און די אויגנדעקלעך האָבן אים נאָכאַנאַנד געצופּט, איז געווען קלאָר צו זען, אַז אינווייניק אין זיין וועזן זענען אים איצט אַוודאי פייערלעך דורך די נערוון נאָכאַנאַנד אַרומגעשפּרונגען, ווי איבער אומרויק-צאַפּלענדיקע קאַנאַלעכלעך. ער האָט זיי בשום אופן נישט געקאָנט קאָנטראָלירן. מחמת ער איז געלעגן איצט מיט אַזאַ אויסערלעך-שטילן גוף, האָט ער געהאַט דאָס געפיל, ווי קליינע, צופּנדיקע היהלעך שפּרינגען איצט אַרום איבער אים און אין אים און בייסן נאָכאַנאַנד זיין שוין טויטן גוף.

ער האָט זיך געפילט איצט פּוסט און אויסגעליידיקט, דוד, ווי עס פילט איינער נאָך דעם טויט פון אַ נאָענטן מענטשן. אָדער — אַ

מילדערער פאַרגלייך — ווי איינער פּילט נאָכדעם, ווי ער האָט גערעדט אַ סך, זייער אַ סך, און — עס האָט גאָר נישט געהאָלפן...

און גערעדט האָט ער די לעצטע עטלעכע שעה אַ סך, זייער אַ סך — און איצט האָט עס אים טאַקע שטאַרק, זייער שטאַרק פאַרדראָסן.

פאַרדראָסן האָט עס אים נישט אַזוי דערפאַר, וואָס ער האָט גערעדט וועגן זאַכן, וועגן וועלכע מען דאַרף שווייגן. כאָטש אין זיינע ווערק און אין זיינע געשפּרעכן—וואָס זענען געווען, ווי פּוסטע פאַרביקע באַלאָנען, וואָס מען האָט געקאָנט מיטן שאַרף פון אַ קליין שפּילקעלע דורכשטעכן — אין זיינע געשפּרעכן מיט זיינע פאַרערערינס-מיידלעך פלעגט ער זייער עלאָקווענט און זייער באַגייסטערט רעדן, — מיט פאַטעטיש-אויסגעפלאַמטן הויך אויף זיינע בעקלעך און מיט פייכט-פאַר-חלומטן גלאַנץ אין די אויגן, — וועגן דער הויכער מדרגה, וועלכע עס דערגרייכן די יעניקע מענטשן, וועלכע הויבן אָן שווייגן...

אָבער נישט דערפון האָט ער איצט געהאַט אַזאַ שטאַרקן פאַרדרוס. יאָ... אין משך פון די לעצטע עטלעכע שעה האָט ער אַ סך, זייער אַ סך גערעדט. צום אַלעס ערשטן, האָט ער דאָך געוואָלט אַרויסשטעלן זיך אין אַ שיינעם ליכט. — אַז עס איז, הייסט עס, נישט געווען ער, וועלכער האָט זי צוגערעדט אָדער אָפּגערעדט פונם מאַן. פאַרקערט: מילדרער — אַזוי האָט געהייסן אַלעקסעס פרוי און דודס געליבטע — האָט זיך גאָר אַרויפגעוואָרפן אויף אים, אויף דודן, איז נאָכגעלאָפן אים, פאַרפלאָנטערט אים אין אַ נעץ, אין וועלכן ער איז ממש קעגן זיין איי-גענעם ווילן אַריינגעפאַלן...

— אָט... זאָל אַלעקס פאַרשטעלן זיך אַליין אין אַזאַ לאַגע, אין וועלכער ער, דוד, האָט זיך געפונען... וואָלט ער דען געווען בעסער?...

ער האָט גערעדט מיט איידעלע אָנצוהערענישן, מיט העפלעכע אָנדייטונגען און מיט אַן אומשולדיק-באַגזלטער מינע פון איינעם, וואָס וואָלט נאָך אייגנטלעך געקענט אַ סך, גאָר אַ סך דערציילן וועגן זיין אייגענער אומשולדיקייט און ריינקייט... נאָר וואָס דען, — ער איז צופיל פון אַ לייטישן און ראַפינירטן מענטש, ער זאָל וועגן איינעמס אַ נאָענטער און אינטימער פערזאָן — „זי איז דאָך פאָרט געווען אייער פרוי, מר-טערעם!" — וועלן, אָדער בכלל קאָנען פלאַפלען איבעריקע רייד און דערצעלן אירע שוואַכקייטן...

און נאָך אַ צווייטער מאָטיוו איז געווען אין דודס פילע רייד, אין זיינע „הייסע און אויפריכטיקע" רייד פון דערקלערונג און פאַרטייטשונג. אָהאָ... נישקשה — אפילו אין די מינוטן פון ווייכן און כלומרשט אויפריכטיק-האַרציקן ווידוי האָט אים נאָך דער קאָפּ נישט אויסגעדאַרט...

דוד האָט זייער נישט געוואָלט דערלאָזן צו אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל.

דורך אָט די אַלע שפּעט-נאַכטיקע שעהן, וועלכע זענען דורכגעלאָפן צווישן זיי ביידן — ווילד-פרעמדע מענטשן, וועלכע האָבן זיך ביז איצט קיינמאָל נישט געזען, און דאָך שוין, דוכט זיך, ווי פאַרבונדענע אויף אייביק מיט אַ בלוטיקער קרובהשאַפט — דורך די אַלע שעהן, וואָס זענען פאַרלאָפן אין אָט-דעם איינציק-באַלויכטענעם צימער אינם שטילן שלאָפנדיקן מויער, פלעגט דודס האַרץ אָנהויבן שטאַרק קלאַפּן יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט העכערן זיין שטים אָדער אויפהויבן אַ האַנט און זיך בלויז פאַרמעסטן צו שלאָגן...

ניין, דוד האָט זיך זיכער נישט געשראָקן דערפאַר — אָ, ער איז דאָך געווען פון די „שטאָלצע און נישט-פחדנותדיקע!" ער האָט אָבער זייער און זייער נישט געוואָלט, מען זאָל זיך איצט אויפכאַפּן אין שלאָפנדיקן הויז, און אַלע זאָלן זיך דערוויסן פונם סקאַנדאַל, און די פּאָעטישקייט פון זיין ראָמאַנטיש-לינקער פאַרהעלטניש מיט מילדרערן זאָל אויף אַזאַ שרייענדיק-פּראָזאַאישן אופן פאַרשוועכט ווערן, אַריינפאַלן אין לייטישע, ציניש מיילער... פאַרוואָס דוד איז געווען זייער אַ ראַפינירטער מענטש און האָט געהאַט זייער אַ פאַראיידלטע, פיינפילנדיקע נשמה...

און אָט דאָס איז עס דאָך אויך אייגנטלעך געווען, וואָס האָט אים צום סוף, ווען אַלעקס איז שוין אַוועקגעגאַנגען, אַזוי שטאַרק פאַרדראָסן.

— אַזאַ שיינער חלום איז אויף אַזאַ גראָבן אופן צעשטערט געוואָרן...

יאָ... דוד האָט געלייגט, ווען אַלעקס איז דאָ געווען, — ער האָט געמוזט לייגן... נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער פלעגט אַלעמאָל טראַכטן, אַז אין אַזעלכע „אַנטדעקונגס - פאַלן" וועט ער האַנדלען

שטאָלץ און אומדערשראָקן... נאָר וואָס האָט ער זיך דען איצט געקאָנט העלפן ? די שעה איז געווען אַ שפּעטע. דאָס הויז איז געווען אַ פּרעמדס. אויף אַלע זייטן, אין אַלע הדרים, איז מען שוין לאַנג געשלאָפן. און דאָ אַנטקעגן איז געזעסן דער אַטלעטישער ע ל מיט זיינע ריזיקע פּויסטן און האָט איינפּאַך און פּראָזאַאיש געדראָט מיט זיי גלייך אים, דודן, אין פּנים אַריין.

אמת, ווען יענער פּלעגט שוין גאָר שטאַרק העכערן זיין שטים אָדער ווען זיין אויפגעהויבענע האַנט איז שוין געווען גאָר נאָענט צום שלאָגן זיך, פּלעגט אים דוד מיט אַ שטאָלץ-מאַיעסטעטישן, צאָרנדיקן בליק אָפּשטעלן. אָ, ווי האָט ער עס בשעת מעשה טריאומפירט, וואָס זיין שטרענגער, בכבודיק-דערווייטערטער בליק ווירקט אַזוי אויפן איינפּאַכן, נישט איבערגעשפּיצטן אַלעקסן ! קיין געזיכט-מוסקול פּלעגט זיך ביי דודן בשעת מעשה נישט באַוועגן. ס'איז געווען קלאָר, אַז ער, דוד, איז ווייט פון אַזעלכע אַרגומענטאַציאָנס-מיטלען, ווי די, וועלכע אלעקס האָט איצט געוואָלט געברויכן... ס'איז אויך געווען קלאָר פון דער רויקייט פון זיין געזיכטס-אויסדרוק, אַז ער איז טיף איבערצייגט, אַז אַלעקס וועט זיך אַזוי ווייט נישט דערנידעריקן אויף צו געברויכן קעגן אַ ליבע-קאָנקורענט גוואַלט... און ער האָט טאַקע געטראָפן, דוד : אַלעקסן האָט אַזוי אימפּאָנירט אי דודס אומדערשראָקנקייט — אַזאַ קליינינקער, אַזאַ שוואַכינקער קעגן אים, און דאָך ! — און אי דאָס, וואָס דוד האָט פון אים, פון אַלעקסן, אַזאַ לייטישע מיינונג... פּלעגט ער טאַקע זיך צווינגען באַרויקן, פּלעגט אַרונטערלאָזן די האַנט, און פּלעגט זיך אָנטון אַ כח און שטילער ווערן...

יאָ... קיין געזיכטס-מוסקול האָט זיך ביי דודן בשעת מעשה נישט באַוועגט. נאָר דאָס איז דאָך געווען דערפאַר, וואָס דוד איז געווען אַ גרויסער מייסטער צו פאַרדעקן זיינע אינווייניקסטע געפילן. אינווייניק, אין אים, האָט עס אים אָבער שטאַרק, גאָר שטאַרק געשראָקן, און דאָס האַרץ זיינס האָט זיך מער ווי איינמאָל קיל אָפּגעשטעלט.

— ווער ווייסט... טאָמער הויבט יענער זיך טאַקי אָן באַלד צו שלאָגן ?...

דוד האָט די גאַנצע צייט זיך דעריבער באַמיט אַרויפצוהויבן דאָס

געשפּרעך און דאָס געשעענע אויף אַ העכערן גרונט... ער פּלעגט אַלע ווײַלע, ווען ע ר פּלעגט נאָר אָנטשוויגן ווערן, אָנהויבן מיט אַזאַ מין זײַטיקן, פאַרשעמטן בליק נאַאיווּ-אומשולדיק רעדן, רעדן וועגן זײַנע שיינע און הויכע געפילן צו מילדרערן... און זיך באַלד אָבער פאַרכאַפּן:

— אַך... און צו וואָס רעד איך דאָס גאָר אײַנגאַנצן... איר וועט מיך דאָך סײַ ווי נישט פאַרשטיין!..

און אַלעקסן איז שוין באַלד זייער שטאַרק געגאַנגען אין דעם, אַז דוד זאָל גלויבן, אַז ער, אַלעקס, פאַרשטייט אים יאָ... אַז ער איז גאָר נישט אַזאַ גראָבער יונג, ווי יענער וויל עס גלויבן... דער גרויסער ברייט-ביינִיקער, חיהדיק-פּשוטער ע ל איז טאַקי סוף-כּל-סוף אײַנגאַנצן געבליבן פאַרווירט פון דעם געפּלאָנטער פון געאײדלטע האַלב-געפילן און שטימונגס-ניואַנסן, אין וועלכן דוד האָט זיך, אפשר בכיון, באַמיט אים אַרומ-וויקלען און פאַרוועבן.

ביז דוד האָט צום סוף געפילט, אַז ע ר, ער האָט געזיגט...

ד

נאָר איצט איז שוין געווען נאָך אַלעמען.

יאָ, דוד האָט געזיגט. אָבער וואָס דען האָט ער געוואָלט טון? נישט דאָס האָט אים דעריבער פאַרדראָסן, — פאַרדראָסן האָט אים גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש...

— אַזאַ שיינע, פאַרפּלאָנטערטע און זיס-ווייטיקדיקע פאַסירונג... אַזאַ ראָמאַנטישע ליבע... נעמען כאָטש, צום בײַשפּיל, די היינטיקע נאַכט אַליין — אַזאַ מיסטיש-שיינע נאַכט אויפן אינזל... און אַזאַ פּשוטער, גראָבער, אַלץ-אַנטפּלעקנדיקער סוף: געשרייען, דראָאונגען, מיאוסע נעמען, אומאויפריכטיקע טענות און פאַלשע דערקלערונגען...

— אַך, ווי מיאוס...

און ער — אַ קלייניקייט, ער! — ער, דוד, האָט נאָך געמוזט זיך פאַרטיידיקן... און שאַ... האָט אַלעקס נישט אויפגעהויבן זײַן האַנט אויף אים מער, ווי איינמאָל? דודס בלוט האָט בײַ דערדאָזיקער דערמאָנונג אַזוי שטאַרק אָנגעהויבן רוישן אין קאָפּ, אַז אים

איז אויף אַ ווײַלע אפילו שווער געוואָרן צו טראַכטן- ער האָט אײַנ־ געגנצן געציטערט פון באַליידיקונג; דיקע אָדערן, ווי בלויע קייטלעך, זענען אים אַרויסגעטראָטן אויף די שלייפן. אָט איז ער אויפגעשפּרונגען און האָט אָנגעהויבן קריגעריש אַרומלויפן איבערן חדר. אָט האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אַרויסגעסטאַרטשעט זיין ברוסט פאָרויס, און זיין פּנים האָט אָנגענומען אַ דראָענדיקע מינע, — ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויפן שונא... נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער שפּילט דאָך בלויז אַ פאַנטאָמימע, — און די צושויער זענען בלויז די פיר ווענט און די לויכטנדיקע לאָמפּ אויפן טיש... איז ער צו־ ריקגעזונקען אויפן שטול — צוריקגעזונקען, ווי אַ דורכגעלעכערטער פּענכער. מיט איינגעבויגענעם קאָפּ האָט ער אַ שטיק צייט געביסן די ליפּן פון פאַרדרוס און שאַנד און באַליידיקטער זעלבסט-ווירדע.

אָבער גאָר אינגיכן איז דער כעס-פּאַראָקסיזם זיינער פאַר־ בייגעגאַנגען, זיך אָנגעהויבן אויסוועפּן. אָ, דוד איז שוין געווען גוט באַקאַנט אין דעם ווערט פון דידאָזיקע געפילן... און נאָכמער — אין די פאַרשידנסטע קאַזואיסטישע אופנים, ווי צו טרייסטן זיך און ווי צו פאַנאַנדערגלידערן די איינפאַכסטע מענטשלעכע איבערלעבונגען, אַזוי, אַז די גאַנצסטע און שאַרפסטע פון זיי זאָלן אָפּגעשוואַכט ווערן און אויפ־ געלייזט ווערן אין איין גרויסן קאָמפּלעקס פון שוואַך-צוזאַמענגייענדיקע, בלייכע געפילכלעך, ברעקלעך, שאָטנדלעך, שפּליטערלעך, וועלכע עס איז שוין געווען זייער גרינג בייצוקומען...

וואָרום, אַז מען וויל האָט אים אַלעקס גאָרנישט באַליידיקט.

— וואָלט ער, דוד, זיך געפילט באַליידיקט, ווען אַ פערד וואָלט אים, צום ביישפּיל, אַ בריקע געטון?.. צי ווען אַ שטעכנדיקע בהמה וואָלט אים באַפאַלן?..

אַי, וואָס ער, דוד, האָט זיך דאָך פאַרטיידיקט, האָט געדרייט מיט דער צונג, האָט געזאָגט ליגן — איז עס אָבער גאָרנישט אַזאַ שרעקלעכע זאַך, ווען מען באַטראַכט עס פון אַן אַנדער ווינקל.

— וואָרום, וואָס האָט ער דען געקאָנט טון? אויפן פלאַך פון פיזישער כּחות-פאַרמעסטונג איז ער, דוד, פאַרט דער שוואַכערער... זיין, דודס, פאַרטיידיקונג איז די צונג און דער מוח, פונקט ווי אַלעקסעס איז — די פויסט...

אָבער דאָס הייסט דאָך נאָך נישט, אַז ער איז אַ מינדערווער־טיקער און נידעריקערער מענטש פון אַלעקסן...

— אַ פערד איז נאָך שטאַרקער... נו, איז אַ פערד דעריבער העכער פון אים? פאַרקערט, די גאַנצע מענטשלעכע אַנטוויקלונג...

אָבער נאָך דעם גאַנצן פלאָנטער, וואָס זיין זעלבסטפאַרענטפע־רונג האָט פילפאַכיק און קונציק נאָכאַנאַנד געקניפּט ביי אים אין קאָפּ, איז אין אים צום סוף פאָרט געבליבן אַן אָפּשטעלעכץ פון פּוסטקייט, פון אויסגעליידיקטקייט, און דערנידעריקטקייט... ער, — וואָלט נאָך כאָטש דאָ אין לאַנד עקזיסטירט דער מנהג פון דועלירן, אַ מנהג, וועלכער גיט ביידע צדדים דיזעלביקע מעגלעכקייטן, נישט קוקנדיק אויף דעם חלוק אין זייערע פיזישע כחות... אָ, דעמאָלט וואָלט ער —

ער האָט אָבער געוווּסט בשעת־מעשה, דוד, אַז ער טרייסט זיך מיט חלשות, אַז ער איז צו קלוג און צו אויסגערעכנט, כּדי צו שטעלן זיין לעבן אין געפאַר צוליב אַזאַ לופטיקער, נישט־ממשות־דיקער זאַך, ווי באַליידיקטער כבוד... און נאָך דערצו — צוליב אַ פרוי... אָבער אין דערזעלביקער צייט איז דוד אויך געווען צו פאַר־פיינערט, אַז ער זאָל נישט פילן אויף אַ גאַר שאַרפן און שטעכע־דיקן אופן די גאַנצע ביטנדיקייט פון דערדאָזיקער באַליידיקונג...

ער האָט אַזוי שעהן און שעהן נאָכאַנאַנד דורך דער נאַכט געבערענט אויף רויט־הייסע קוילן פון אַלערליי ווייטיקן.

ה

פון דרויסן, פון דער טונקל פון דער אינזל־נאַכט, האָבן זיך פּלוצים דערהערט לאַכעדיקע שטימען.

דוד האָט אַרויסגערוקט זיין קאָפּ דורכן פענסטער.

אינם „פריייער טאַק מענאָר״ — אַן אַריינפאָר־הויז, וואָס אויפן קעגנאיבערדיקן בערגל איבערן וועג, — האָבן זיך אינמיטן דער פינ־סטערניש, פענסטער אָנגעהויבן אָנצוצינדן. און באַלד האָבן זיך פון דאָרט געלאָזט הערן פּיאַנאָ־אַקאָרדן פון מאָטיוון און מוזיק־שטיקער,

וועלכע אַקאָמפּאַנירן געוויינלעך גריכישע טענץ. און נאָכדעם האָט זיך פֿון דאָרט אָנגעהויבן טראָגן אַ כאָר־געזאַנג אין דער נאַכט אַריין; אַ געקלימפּער פֿון מאַנדאָלאַס, האַוואַיִשע גיטאַרעס און באַנדזשאָס האָט נאָכגעפֿאָלגט.

שפּעט־נאַכטיקע הוליאַנקעס צוזאַמען מיט די שוישפּילערינס, וואָס האָבן אין אָט דעם „מענאָר" געוווינט, האָבן, אַפּנים, זיך אָקאָרשט אומגעקערט פֿון ניו יאָרק, פֿון טעאַטער און קאַבאַרעט אויף בראָדוויי. אַ קאָנצערט פֿון נאַכט־מענטשן, אַ הוליענדיקע נאַכט־וועלט, וואָס איז נאָך אַלץ הונגעריק נאָך פֿרייד, איז איצט אויפֿן אינזל אויסגעכּשופֿט געוואָרן און האָט זיך מיט עזות אַריינגעשטאָכן אין דעם אינזלס שווערן, טיפֿן דרימל.

די פֿרויען־שטימען, וואָס האָבן אין דער נאַכט אַריין אָט גע־זונגען בענקענדיק־איידעלע ראָמאַנסן, אָט תּאווהדיק־פֿרעכע „דזשעז"־מאָטיוון, האָבן דודן נאָך אומרויִקער געמאַכט. ער האָט זיך אַזוי געצאַפּלט נאָכאַנאַנד, ביז אינדרויסן איז ביסלעכווייז געוואָרן ווידער שטיל, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן די שעהן פֿון פֿאַרטאָג.

די פֿאַרשטאַרקטע נאַכטישע שטילקייט, וואָס צו פֿאַרטאָג־צו, איז דאָ אין חדר נאָך אינטענסיווער געווען צוליב דעם בינטל עלעקט־רישע לעמפּלעך, וואָס האָבן דאָ אַ גאַנצע נאַכט געברענט און אַ שטאַרק־געלע ליכטנדיקע שטילקייט אין אַלע ווינקעלעך געשפּרייט. אינם געלן ליכט, וואָס האָט באַגאָסן דודס פּנים, האָט עס אויסגעזען איצט קליין, צעקנייטשט, האַרט, ווי פֿון מעש אויסגעגאָסן: אַ קינסט־לעך מענטשל, אַ האָמונקולוס, וואָס איז דורך דער נאַכט נאָכאַנאַנד און אין געוואַלדיקער אויפֿרעגונג אַרומגעשפּרונגען, ווייל זיין באַשאַ־פֿער האָט אַלע ווײַלע ערגעץ אַ פֿאַרבאַהאַלטענעם קנעפּל אין אים אַ דריק געטון. אָבער אונטער דעמדאָזיקן מעטאַל־פֿאַרגליווערטן פּנים זענען די גאַנצע צייט אומגעלאָפֿן און זיך איינס דאָס אַנדערע דורכ־געשטאָכן אַ סך, גאָר אַ סך פֿאַרפֿלאָנטערטע געפֿילן.

ביז צום אויבערפֿלאַך האָט זיך באַלד דורכגעשלאָגן איין געפֿיל, אַ שטאַרקערער — אַ בויגלעך געפֿיל פֿון נצחון.

— אַ, ער וועט שוין זען דאָ אויך אַרויס דער זיגער!

דוד האָט שוין פון לאַנגער דערפאַרונג געוווּסט, ווי אַזוי ער ווערט פּטור פון אָט־דעם סאָרט קנוייליקן פּלאָנטער דערעסנדיקע, קרענקלעכע געפילן, געפילן פון דערנידעריקטקייט און באַליידיקונג, וועלכע זוכן נאָכאַנאַנד און גיריק פאַרשײַדענע וועגן פון נקמה — אַ פּלאָנטער, וואָס פּלעגט זיך אָפּט פונאַנדערוואַקסן אין זיין נשמה, ווי אַ בייזע, שוואַרצלעכע פּלאַנץ מיט פּירות, וואָס צו זיי איז קיין גלייכן נישטאָ אין דעם זיס־ביטערן תּענוג זייערן — דוד האָט שוין לאַנג געוווּסט, אַז פון אָט אַזאַ קנויל, דוכט זיך, נישט פונאַנדערצעפּלאָנטערן, ווערט ער פּטור אַזוי שנעל, ווי ער גיט אַ טראַכט:

— ווען־עס־איז וועט ער עס נאָך „ארויסשרייבן" פון זיך... וועט ער אויסליידיקן פון די פאַרהוילנסטע נשמה־ווינקעלעך זיינע דעם גאַנצן סם... וועט ער דאָס פּסולע פון די דערנידעריקסטע און באַליידיקנדיקסטע איבערלעבונגען איבערשמעלצן אין גאָלד...

און, ווי ער האָט נאָר פון דעם איצט אַ טראַכט געטון, האָט זיך זיין שטורמדיקער מוח גלייך איינגעשטילט.

— און שאַ, פאַרוואָס טאַקע נישט איצט, טאַקע שוין?

אָט, און זיין בלוט, און זיין גאַנץ וועזן, הויבן ווידער אָן צו ווערן אַזוי ציטערנדיק־אומרויִק. נאָר דאָס מאָל איז עס שוין אַן אַנגענעמע אַזאַ אומרויִקייט. ער גיט זיך באַלד איבער אינגאַנצן אין די ווייך־שטעכנדיקע נעגל פון דעם זיסן געפיל איצט געהערט ער שוין גאָרנישט זיך, נאָר דעם פּאַפּיר...

א, דאָס איז געווען, ווי אַ שטאַרקער, שטאַרק־שעדלעכער, נאָר צופרידנשטעלנדיקער וויין, אַ ווייַן וואָס שטילט און רעגט ווייטער אויף; א ווייַן וואָס פאַרפולט דעם קאָפּ מיט אַלערליי פאַנטאַזיעס און אַמאָליקע געשטאַלטן.

— אַהאַ, ער איז ווידער דער זיגער!

דוד זעצט זיך באַלד צום טיש און פאַרטיפט זיך ווידער אין דער שרייבערישער אַרבעט, מיט וועלכער ער איז שוין אַ לענגערע צייט געווען פאַרנומען. אומבאַמערקט פאַר אים, זענען אין דער אייביקער וועלט אַרום איצט נאָכאַנאַנד געלאָפן די שעהן — אַרונטערפירנדיקע טרעפּ צו פאַרניכטונג, צו אונטערגאַנג, צום טויט... ער האָט אָבער איצט גאָר נישט באַמערקט — ער האָט געלאַכט פון פאַרניכטונג און פון

אונטערגאַנג: ער האָט דאָך געראַטעוועט איצט אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט, — ער האָט טריאומפירט אפילו איבערן טויט!...

אויפן פּנים האָבן זיך אים בשעתן שרייבן, נאָכאַנאַנד געביטן יעגע אינטימע, שאַטנדיקע און ליכטיקע אויסדרוקן, וואָס זענען געווען זיין אייגנס, און וועלכע קיינער וועט קיינמאָל נישט זען. אָ, ער, דוד, האָט נאָך באַזעסן אַזוינס, וואָס קיינער, חוץ אים, האָט עס אודאי נישט פאַר-מאָגט... און אָט דאָס איז געווען זיין גרעסטע טרייסט — און זיין זיכערסטער פּאַנצער.

עס האָט שוין גענומען שאַריען אויף טאָג. די נאַכט-טונקלקייט איז שוין דורכגעגאַנגען אַלע שאַטירונגען צווישן טינט-שוואַרץ און ווייס-לעך-גרוי פון אש — אש פון אויסגעברענטער נאַכט. נאָר דוד האָט עס נישט באַמערקט. ער האָט איצט גאָרנישט, גאָרנישט באַמערקט. ערשט שוין גאָר שפּעטער, אַז ער האָט אַ מידער און אַן אויסגעשעפּטער אויף עטלעכע מינוטן אויפגעהויבן זיינע אויגן פונם פּאַפּיר, האָט ער ערשט דעמאָלט דערזען, אַז אין דרויסן איז שוין איצט גאָר ליכטיק, קענטיק, עס איז שוין לאַנג טאָג געוואָרן.

ז

אויפן לאַנד איז נאָך געווען שטיל.

די ווייסלעכע, אָפּגעשיילטע שטאַמען פון אַ פּאָר אַלטע סיקאַמאָרס האָבן זיך געהויבן אַזש ביז צום דריטן שטאָק אַרויף און פרימאָרגנדיק אָנגעקלאַפּט מיט די אויבערשטע טרוקענע צווייגן זייערע אין די פענסטער פון דודס צימער.

עס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן דערהערן די ערשטע פרימאָרגן-גערוישן: אַ בלאָזן פון אַן אויטאָמאָביל-האָרן; אַ וואָגן, וואָס האָט ערגעץ געסקריפּעט, אינם זאַמד; אַ ווייטלעכער טרומפּייט אין אַ סאָלדאַטן-לאַגער ערגעץ אויפן אינזל, וואָס האָט אויסגעשלאָגן דעם פרישן און אויפמונטערדיקן „רעוועילי" (זאָריעס).

דוד האָט זיך געפילט מיד, אָבער ער איז געווען רויק ער האָט דאָך געוווסט, אַז דאָס איז די מידקייט, וואָס קומט אויף אים תמיד אָן

נאָך אַ פּאָר שעה קאָנצענטרירטער אַרבעט, — און ערלעכע, פּאַרדינטע מידקייט...

אָבער ווי נאָר ער האָט אויפגענומען די ערשטע פּרימאָרגן-הילכן, האָט זיך זיין פּנים אָנגעהויבן אומרויק צו צוקן און וואָלקענען.

— די נאַכט איז שוין, הייסט עס, איינגאַנצן אַוועק —

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער שוין אָנגעהויבן אומגעדולדיק און אויפגערעגט העפטיק צו וואַרפן און שאָקלען מיטן קאָפּ און אַוועקמאַכן עפּעס מיט דער האַנט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט איצט אַוועק־געטריבן פון זיך אומאַנגענעמע געדאַנקען און בילדער, וועלכע האָבן אויף אים אָנגעהויבן פליִצן, האָבן אים געשטערט דאָס שרייבן און זיך גע־פּלאָנטערט צווישן די „בויטיקע״ געדאַנקען און בילדער. עך, דאָס וואָס ער האָט אָקאָרשט אָנגעשריבן, איז טאַקי געווען פאַרבנרייך אַזוי און טרוימעריש, באַגאָסן מיטן חן פון פאַרגאַנגענע טעג, און האָט אים גע־שטילט דעם געמיט. אָבער דאָס, וואָס ס׳האָט זיך איצט מיט גוואַלד אָנגעהויבן אַרויפצווינגען אויף אים, - האָט אים פּייליק געשמיסן איבערן פּנים, געשמיסן, שטאַרק געשמיסן מיט שטעכנדיקער נאַקעטקייט, מיט ביטערער אָנגעווייטיקטקייט — אמתדיקייט...

צוערשט איז ער געוואָרן שטאַרק בייז אויף זיך, פאַרוואָס אים געלינגט נישט מער צו קאָנטראָלירן זיינע מחשבות און אַוועקטרייבן דאָס „איבעריקע״, דאָס „אומנויטיקע״ — דאָס, וואָס שטערט אים אין זיין אַרבעט. ער האָט אַפילו אָנגעהויבן שפּעטן פון די „סענטימענטאַלע און רחמנותדיקע געפילן״, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן איצט אויף אים אָנרוקן פון אַ סך פאַרבאָרגענע מוט-באַהעלטעניש — ס׳איז שוין געווען אַ סימן אַז ער גיט זיך אונטער... אָבער געענדיקט האָט עס זיך מיט דעם, וואָס ער האָט זיך טאַקע אונטערגעגעבן: אַן אויסגעמאַטערטער, בייז-אָפּ־שפּעטנדיק פון זיך אַליין, האָט ער פאַרמאַכט זיינע אויגן, פאַרמאַכט אומגערן, געצוווּנגען.

עס איז שוין געווען איצט גאַנץ ליכטיק אין דרויסן. דער פּרי־מאָרגן דאָרטן אין דרויסן איז שוין געווען רייף, כאָטש אין אַ דער־בייאיקן וועלדל איז ער נאָך געווען בלוילעך-פאַרצויגן, ווי אַ צייטיקע פלוים. נאָר עטוואָס איז ביי דודן אויך אין אינווייניק אין די זעלביקע מינוטן צייטיק געוואָרן.

ז

איצט האָט ער שוין געמוזט אויפשטיין פון טיש. עס האָט שוין קיין רייד נישט געקאָנט זיין פון ווייטערדיקער אַרבעט. ער איז אַריין אינם צווייטן צימער פונם קליינעם בעטשלאָר־אַפּאַרטמענט, וועלכן ער האָט פאַרנומען. האָט אינם עלעקטרישן „פּערקיולייטאָר” אָנגעהויבן אויפקאָכן זיך אַביסל קאַווע.

וואַרטנדיק ביז עס וועט אויפזידן, און קוקנדיק פאַרטראַכט אויף די בלויע עלעקטרישע פייערלעך אונטערן „פּערקיולייטאָר” — אינם צווייטן צימער זענען די שטאָרן געווען אַרונטערגעלאָזן און דאָרט איז נאָך געווען טונקל — האָט ער זי, מילדרעדן, פּלוצים דערזען. דאָס, וואָס ער האָט פריער פון איר געטראַכט, בשעתן שרייבן, איז דאָך געווען אומבאַשטימט און נעפּלדיק; איצט האָט ער זי טאַקע ד ע ר ז ע ן — דערזען מיט דער דייטלעכקייט און אומהיימלעכקייט פון אַ האַלוצינאַציע, זי, מילדרעדן.

פונקט ווי מיט אַ פּאָר טעג צוריק, איז זי דאָ איצט געשטאַנען און האָט אויך, ווי דעמאָלט, געקאַכט די קאַפּע. יאָ, ער האָט זי איצט געזען, פונקט ווי דעמאָלט: בויגיקע גלידער, לאַנגע וויעס, וואָס שאָטענען איבער די אויגן: הויכע קין־באַקן, שמאָל־לענגלעכע אויגן, וואָס גיבן איר אויסזען צו עטוואָס מאָנגאָלישעס. זי זעט אויס ווי אַ קליינע יאַפּאַנעזישע פרוי. אין איר ברייט־אַרבלדיקן, שמעטערלינג־פאַרביקן שטוב קימאָנאָ און זי שטייט אַזוי און שמייכלט...

ער געדענקט זי שוין פון תמיד אָן מיט אָט אָ דעם קוים־באַמערקבאַרן שמייכעלע אַרום די דינע, רויטלעכע, תמיד געפאַרבטע ליפּעלעך. דוכט זיך, אַז ער דעקט עפּעס אויף, דערדאָזיקער שמייכל... נאָר ס׳ווערט באַלד קלאָר, אַז מער ווי ער דעקט אויף, באַהאַלט ער. די אויגן אירע זענען אַרונטערגעלאָזן ביי אים, אַזוי אַז ס׳איז דעריבער נאָך שווערער צו וויסן דעם באַדייט פון איר שמייכעלע נאָר — טראַכט איצט דוד — די אויגן אירע זענען געווען דאָך תמיד אַרונטערגעלאָזן די מייסטע צייט... אַז זי פלעגט שוין אַמאָל יאָ פאַמעלעך אויפהויבן די וויעס, איז

עס געווען, ווי זי וואָלט גוטמוטיק דערלויבט אים בלויז אויף אַ ווײַלע אַרײַנצוקוקן אין איר אינעווייניקסטער וועלט — דאָס וואָס ער האָט ווייניקער פון אַלץ געוווּסט אין איר שוין אַפילו נאָכדעם ווי ער האָט זי „באַזיגט״...

און דוד שטייט אַזוי, קוקט אויף דער שמייכלענדיקער מילדרעד און וווּנדערט זיך אַלץ:

— וואָס שמייכלט זי עס פון אים, דוכט זיך אַזוי... אַזוי... גרינגאָפּשפּעטנדיק?

ער הויבט זיך אָן מיטאַמאָל פילן מיאוס, בילויק אַזוי: אים דוכט, אַז זי פאַרשטייט אים... זי זעט אים דורך און דורך. הויבט ער אָן ריידן צו איר, זיך אויסטענהן, דערקלערן איר די אורזאַך פון דעם, וואָס איז פאַרלאָפן הײַנטיקע נאַכט צווישן אים און אַלעקסן, זײַנע געפילן דערבײַ, זײַן „שטאַנדפּונקט״... נאָר דאָ הויבט מילדרעד אויף אירע לאַנגע וויעס, דרינגט אים דורך מיט אַ שפּאָטישן פאַר־עכטלעכן קוק און פאַרשווינדט. דוד איז אַזוי געבליבן אינמיטן טענהן, מיט אַן אָפענעם מויל און פוסט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

דעמאָלט ווערט דוד שרעקלעך אויפגעבראַכט. הייסט עס, עס שטייט איר אַפילו נישט אָן זיך אויסצוטענהן מיט אים? ער גיט זיך אַ לאָז צו איר, און קערט איבער דעם הייסן עלעקטרישן גע־שטעל מיטן פּערקיולייטאָר, אין וועלכן די קאַווע האָט שוין אָנגע־הויבן זידן און קאָכן. דאָס ברענגט אים צוריק צו זײַנע געדאַנקען. ער כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ:

— גאָט מײַנער... וואָס טוט זיך דאָ מיט אים? ער האָט דאָך טאַקע אַן אמתע האַלוצינאַציע... דאָס איז געווען דאָך מער נישט ווי מילדרעדס געשטאַלט, וואָס זײַן דמיון האָט פון זיך אַרויסגעוואָרפן— וועט ער זי ווידער אַהער ברענגען!

מיט באַשלאָסנקייט און עקשנות האָט ער זיך אַנידערגעוואָרפן אויף אַ שטול. שטאַרק אָנגעשטרענגט, מיט כּונה, האָט ער געקוועטשט די פּענע אין זײַן האַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסקוועטשן פון איר מיט געוואַלט דאָס ווידערשפּעניקע, אָפּשפּעטנדיקע געשטאַלט מילדרעדס, וואָס איז פון אים אָקאָרשט אַנטלאָפן.

— אָ, ער איז דער מושל! ער איז דער הערשער! ער! ער!

נאָר מינוטן זענען פאַרלאָפן נאָך מינוטן — מינוטן, וואָס זענען געווען געגליכן צו שעהן. ס׳איז אַלץ געווען אומזיסט. ער האָט בשום אופן מער נישט געקאָנט אַרויפברענגען קיין בילד פון איר, פון דער פרוי, וועלכע איז די גאַנצע פאַרגאַנגענע נאַכט, נישט-געזעענערהייט, געשטאַנען דאָ צווישן זיי.

ח

יאָ... אָט-אַזוי-אָ איז זי טאַקע געשטאַנען דאָרט, אינם צווייטן צימער, פאַרטראַכט געקוקט אין די עלעקטרישע פלעמלעך פונם ני-קעלנעם פערקיולייטאָר, און דערביי אַלץ פאַר זיך שטיל דערוווייטערט געשמייכלט.

אָט העַנגט דאָך נאָך אויף דער וואַנט פונם צווייטן טונקעלן צימער איר קימאָנאָ, וועלכע זי לאָזט אַלעמאָל דאָ איבער ביי אים, ווען זי גייט אַוועק. דוד האָט זיך דערשראָקן ביים געדאַנק, וואָס עס וואָלט געווען, ווען על וואָלט אַריינגעקומען אין אָט יענעם צימער — נישט נאָר די קימאָנאָ, מילדרעדס גאַנצער ווילד מיסטישער ריח האָט באָך פון נעכטן פרימאָרגן אָן אַזוי פריש געטוליעט זיך צווישן די ווענט און דאָרט שטילערהייט געבליט.

און ערשט איצט האָט זיך דוד קלאָר דערמאָנט:

די גאַנצע צייט פון זיין היציקן נערוועזן געשפּרעך מיט אלען — אַ געשפּרעך, וואָס האָט זיך דאָך די גאַנצע צייט געדרייט, אייגנטלעך, אַרום איר — האָט ער גאָרנישט געטראַכט פון איר, פון מילדרעדן... איר נאָמען איז אים אויסגעקומען טאַקע צו דערמאָנען אין יעדן צווייטן אָדער דריטן זאַץ, אָבער זי אַליין, די לעבעדיקע מילדרעד, איז געווען אים דעם גאַנצן אָוונט ווי אַ זייטיקע, ווי אַ פרוי, וועלכע איז שוין אַוועקגעפאָרן אין דער ווייט; ווי אַ שוין טויטער מענטש...

כאָטש וואָס אמת איז: אַפילו זייענדיק מיט איר פלעגט ער דאָך אויך זייער אָפט האָבן דאָס געפיל פון אומרעאַליטעט, עפּעס איז זי אים תמיד פון צווישן זיינע פינגער דורכגעדרונגען, ווי זי וואָלט געווען אַ לופטיקע אַזאַ, אַ נישטדאָיקע פרוי; גיכער אַ שוין-לאַנג-געוועזענע

פּאַסירונג אין זיין לעבן איידער אַן אינטים-נאָנטער מענטש. ער האָט קיינמאָל נישט, נישט אַפילו אין די אינטימסטע מינוטן מיט איר, געהאַט דאָס געפיל, אַז ער באַזיצט זי אינגאַנצן; אַפילו איר קערפּערלעכע אָנוועזנהייט לעבן אים פלעגט קיין ענדערונג אין דעם נישט אַריינברענגען. פאַרקערט: ער פלעגט נאָך שאַרפער און פיינלעכער פילן דאַמאָלסט: אָט דער וואַרעם-כּרופּקער קערפּער, וועלכן ער נעמט איצט אַריין אין זיך — דאָס איז נישט זי, נישט זי...

מילדרעד איז שוין געווען פון אַ שטיק צייט שטאַרק קראַנק. זי האָט געהאַט אַ געפערלעכן האַרצפעלער, וועלכער פלעגט זיך ביי איר זייער אָפט לאָזן פילן. די דאָקטוירים האָבן אים, דודן, איינמאָל געזאָגט, אַז מען קען נישט וויסן, ווען די לעצטע, די פאַטאַלע אַטאַקע קאָן נאָך אַמאָל אָנקומען. די אַטאַקע קאָן אָנקומען אַמאָל אין מיטן פון אַן אויפגערעגטן געשפּרעך, אין מיטן פון אַ באָד-נעמען, אַ צו-הייסע אָדער אַ צו-קאַלטע באָד, — אין מיטן פון אַ געשלעכטלעכן פאַרקער, — אומדערוואַרטעט, פּלוצלינג קאָן קומען דער סוף.

און אין דודן, וועלכער איז איצט געווען אויסגעמאַטערט און מיד, אויסגעמאַטערט און מיד פון דער נאַכט מיט אַלעקסן און פונם פאַרטאָג מיט דער שרייבערישער אַרבעט — האָט איצט ווידער אויפגעבליצט דער געדאַנק, וועלכער האָט אים שוין נישט איינמאָל פריער אויפגעבליצט:

—? וואָלט עס שוין גיכער פּאַסירט... וואָלט שוין ענדלעך גענומען אַ סוף צו דערדאָזיקער פיינלעכער און מוטשענדיקער ליבע...

ער האָט געוווּסט, אַז ערשט דעמאָלט וואָלט ער געקאָנט זיך ענדלעך באַרויִקן, געקאָנט פאַרענדיקן זיין אַרבעט, וועלכע ער האָט שוין עטלעכע מאָל אָנגעהויבן און אַוועקגעוואָרפן, צוליב שטענדיקער אומרו — אַלץ צוליב איר — — —

דערדאָזיקער געדאַנק האָט זיך אין אים זייער אָפט, אַ סך מאָל אויפגעוועקט. צוערשט פלעגט ער אים שרעקן, דוד פלעגט אַנטלויפן פון דעמדאָזיקן מיאוסן ווונטש, זיך שעמען פאַר אים. אָבער ביסלעכווייז האָט ער זיך צו אים צוגעוווינט. ער ווינטשט דאָך אויף איר חס-ושלום, נישט דעם טויט— „דאָס" מוז דאָך סיי-ווי אָנקומען, פריער

אָדער שפּעטער: די דאָקטוירים האָבן אים דאָך אַליין געזאָגט... ער האָט בלויז געוואָלט, אַז דאָס זאָל פּאַסירן אַביסעלע פריער.

אַז דוד האָט אָפּגעטרונקען זיין קאַפּע, אויפגעגעסן אַ פּאָר שטיקלעך טאָוסט, און זיך ווידער געפּרוווט זעצן צום שרייבטיש, איז שוין דער טאָג געווען אינגאַנצן אַן אויסגעוואַקסענער. ווידער איז ער געווען גרייט צו שרייבן. נאָר פּלוצים האָבן זיך ביי אים די אויגן ברייט פונאַנדערגעעפנט.

— אָבער פאָרט... וואָס, אַן ערך, טוט זי איצט, מילדרעד —

ע ל איז שוין ביי אָט דער צייט זיכער געקומען אַהיים. ער האָט אַוודאי געמאַכט אַ סקאַנדאַל... ער האָט אויסגעקלאַפּט אַ פּאָר שויבן און אַוועקגעשליידערט אויף דער ערד דאָס געפעס... אָדער ליגט זי נאָך איצט ביי זיך אין בעט, מילדרעד עפנט אָקאָרשט אויף אירע אויגן און מיט אַ פאַרצויגענעם, נישט-אויסגעשלאָפענעם בליק קוקט זי אָן איצט על'ען, וועלכער גייט ערשט איצט אַריין צו איר אין צימער? — און צוליב וואָס גייט ער אַריין צו איר אין צימער? און וואָס מיינט זי עס מיטן דאָזיקן פאַרצויגן-פרעמדן בליק, מיט וועלכן זי לאַשטשעט אים אַזוי ווייבעריש, ווי זי וואָלט פון גאָר־נישט געוווסט? און וואָס ציט זי זיך איצט אויס אַזוי, און וואָס חנדעלט זי זיך אַזוי אויפן בעט? און וואָס וועט זיין נאָכדעם, אין אַ פּאָר מינוטן אַרום? — אָ, זי וועט שוין, אַפּנים, וויסן ווי אים איבערצובעטן.

די לעצטע געדאַנקען האָבן אים אפשר נאָכמער באַאומרויקט און צעפּלאָנטערט ווי וועלכע ס'איז פריערדיקע געדאַנקען: זיי האָבן אינגאַנצן אויפגעקאָרטשעט זיין נשמה. און אין אים איז מיטאַמאָל, טאַקע אין אָט דער מינוט, געוואָרן צייטיק אַ סמיק-פלאַמענדיקע פרוכט.

— ניין... ער מוז זען, אַז צו דעם זאָל גלייך נעמען אַן ענד! דאָס איז שוין צופיל!

ער טאָר נישט דערלאָזן, אַז דאָס זאָל זיך ווייטער ציען אַזוי

אומבאַשטימט, ווי פריער. ער דאַרף ערשט זיין איצט פאַרזיכטיק: ער האָט אָנגעהויבן צו צוטראַכטן פּלענער, ווי אַזוי צו פאַרמיידן איר אַרויפוואַרפן זיך איצט אײנגאַנצן אויף אים, ווי אַזוי אָפּצורעדן זי פון פאַרלאָזן איצט איר מאַן...

ער האָט אָנגעהויבן פיבעריש אַרומלויפן איבער זיין צימער און האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, ער האָט געזוכט פּלענער, פּלענער... נאָר די מידקייט האָט ענדלעך געטון אירס. דוד איז דאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. אים האָבן זיך אָנגעהויבן קלעפּן די אויגן.

— אָ... אפשר איז גוט דאָס, וואָס איר מאַן האָט זיך סוף־כל־סוף פון דעם דערוווסט...

דוד האָט אין דעם דערזען אַ צייכן פון זיין מזל, אַז ס'איז זיכער דאָ אַ באַרמהערציק אויג, וואָס גיט אַכטונג אויף אים, ער האָט אַפילו אָנגעהויבן דאַנקען איצט, — איידער ער האָט זיך אויס־געצויגן אויף זיין געלעגער און איז פולשטענדיק איינגעשלאָפן — דעם באַשעפער פון דער וועלט און אַלץ, וואָס איז אין איר, דעם באַשאַפער פונם מענטשן און פון אַלע ריינקייטן און פון אומריינ־קייטן, וואָס אין אים — דאַנקען גופא פאַר אָט דער שטאַרקער מידקייט, וואָס האָט אים איצט באַהערשט... דאָס איז דאָך געוועזן איצט זיין איינציקער פאַרלאַנג: אַז ער וועט זיך לייגן שלאָפן, וועט ער האָבן רו — וועט ער האָבן כאָטש צייטווייליקע רו...

.1920

איך בין גליקלעך

דער קאַמף צווישן דעם פֿאָרפֿאָלק האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן,— האָט אָנגעהאַלטן מיט אַן עקשנות און אַ פֿאַרביסנקייט, האָט אָנגעהאַלטן שווייגנדיק און אין דער שטיל, דורכויס פֿאַרהוילן פֿון אַ זייטיקן אויג.

אָט אַזוי האָבן זיכער געמוזט קעמפֿן צוויי פֿאַרצייטיקע, אור־אַלטע־ווילדע מענטשן, ווען זיי האָבן זיך אין אַ דורות־אַלטן, פּרי־מיטיוון וואַלד איינער אויפֿן אַנדערן צום ערשטן מאָל אָנגעשטויסן, אָנגעשטויסן זיך און איבער עפּעס, איבער אַ גאָרנישט, איבער אַ בלויזן פֿאַרדאַכט, איבער אַן אומבאַגרינדטן שרעק איינער פֿאַרן צווייטן — פֿאַרן אומבאַקאַנטן אָפּבילד פֿון זיך אַליין,— אַרויפֿגעוואָרפֿן זיך איינער אויפֿן אַנדערן, אַריינגעשטאָכן די נעגל איינער אינעם צווייטן, און זיך אַריינגעלאָזט אין אַ ביטערן, אַ שווייגנדיקן געראַנגל.

אַרום און אַרום זיי, אויף דער גאַנצער וועלט, איז דעמאָלט קיינער נישט געווען, אויסער די הויכע, דיקע און גלאַנציקע, ווי לעדערנע, אוראַלטע בוימער אַרום זיי, — בוימער, אויף וועלכע די קאָרע אַליין איז שוין אוודאי טויזנטער יאָרן אַלט געווען.

און וואָס האָבן אָט דידאָזיקע צוויי זיך־ראַנגלדיקע מענטשן געהאַט וואָס צו שרייַען ?

די ריזיקע, פרעמדע, לעדערנע בוימער, וואָס האָבן זיי אַרומגערינגלט, האָבן אויך געשוויגן, קאַלט און גלייכגילטיק געשוויגן.

פון צייַט צו צייַט בלויז האָט זיך אַ פאָרגעשיכטלעכע חיה, אַ חיה פון די ריזיקסטע מאָסן און גרויס, אַ מאַמאָט־חיה, אַן אַלט־אַלטע באַשעפעניש, אַ חיה, אויף וועלכער די פעל איז שוין געווען פונקט אַזוי לעדערדיק און פאַרהאַרטעוועט, ווי די קאָרע אויף די טויזנט־יעריקע בוימער, — פון צייַט צו צייַט בלויז האָט זיך אַזאַ קאָלאָס־חיה דורך די שווערע געדיכטע בוימער דורכגעשטופּט, פאַרבייגעקראַצט און דורכגעריסן זיך דורכן געדיכטן, מאָכיקן און פאַרפלאָנטערטן פּאַפּאָראָטניק־געוויקס, — און געזען בלויז האָט אַזאַ מין קאָלאָס־באַשעפעניש פון אַ ווינקל אויג, ווי אָט די צוויי זיך־ראַנגלענדיקע מענטשן האָבן נאָך אַלץ שווייגנדיק און פאַרביסן אָנגעהאַלטן זייער געראַנגל ; האָבן אַלץ געראַנגלט זיך און געשוויגן, אַלץ געראַנגלט זיך און געשוויגן.

און גוט האָבן זיי געטון, אָט יענע צוויי פאַרצייטיקע מענטשן, וואָס האָבן מיט פייער־אויגן זיך איינער אין דעם אַנדערנס האַלז און פּנים אַרייַנגעריסן, וואָס זיי האָבן אַזוי טויט־פאַרביסן געשוויגן.

וואָס האָבן זיי דען געהאַט וואָס צו שרייַען ? פון אָט יענע זייער־צייַטיקע, מאַמאָט־חיות האָבן זיי דאָך סיי־ווי אַ קנאַפּע הילף געקאָנט דערוואַרטן...

דערייבער, אַז ביים ענד פונם לאַנגן טראָפּישן טאָג האָט דער פאַרנאַכט נאָך מער פאַרשטאַרקט די שטילקייט אין אָט יענע פאָרגעשיכטלעכע וועלדער, האָבן די צוויי אור־ערשטע מענטשן זיך נאָך אַלץ געראַנגלט שווייגנדיק און מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם, געראַנגלט אויפן מאָכיקן תּמיד־פייַכטן גראָז אין די אור־אַלטע וועלדער. מער נישט : זייערע פּנימער זענען איצט שווייגנדיק געווען באַגאָסן פונם בלוטיקן שייַן פון דער זיך־זעגנדיקער זון, — אַ גרויסער, אַ פול־קייַלעכדיקער פייער־קויל, אַ פייַערדיקע וועלט — אַ באַזונדערע, וואָס האָט די איינזאַמקייט פון אָט יענעם זיך ראַנגלענדיקן מענטשן־פּאָר אינם שטילן פאַרצייַטיקן וואַלד נאָך מער פאַרשטאַרקט.

און אַז די נאַכט איז שפּעטער אַ ווײַלע, בלויז מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער, פּלוצלינג אָנגעפֿאַלן — ווי עס פֿאַלן פּלוצלינג און אומדערוואַרטעט אָן די נעכט אין די טראָפּישע לענדער — און אַז די נאַכט איז פּלוצלינג און אומדערוואַרטעט אויף אָט יענע צוויי אָנגעפֿאַלן,— אָנגעפֿאַלן ווי נאָך איינער אַ מיט־ראַנגלער, אַ דריטער, אַ נאַכט־גזלן, — האָבן אָט יענע צוויי אור־מענטשן אין דער פֿינסטערניש פֿון דער אָנשטערנדיקער, — מעגלעך ערשטער — נאַכט אויף דער וועלט זייער קאַמף נאָך אַלץ פֿאָרטגעזעצט...

און נאָך שפּעטער, אַז די לבֿנה איז אַרום מיטן נאַכט אויפֿגעגאַנגען, האָט זי נאָך טויטלעכער און פֿאַרביסענער געמאַכט דעם שווײַגנדיקן אויסדרוק אויף די בלייכע פּנימער פֿון אָט יענע צוויי מענטשן, וואָס האָבן דורך דער מיטן־נאַכטיקער, לבֿנה באַגאָסענער שטילקייט — אַ שטילקייט, וואָס איז בלויז פֿון צײַט צו צײַט איבערגעריסן געוואָרן דורך שווערע שאָרכן פֿון פֿאַרצײַטיקע ריזן־חיות, וואָס זענען זיך געגאַנגען זייער וועג — אינם אוראַלטן וואַלד נאָך אַלץ פֿאָרטגעזעצט זייער איינזאַמען, איינזאַמען געראַנגל.

דאָסדאָזיקע פּאָר פֿאָלק, פֿון וועלכן איך וועל דאָ דערציילן, אָט דאָס איצט־מענטשלעכע פּאָר פֿאָלק אינדעם גרויסן הײַנט־וועלטיקן כּרך, האָבן זיך די גאַנצע צײַט פֿון זייער געראַנגל זיכער נישט ווייניקער איינזאַם געפֿילט... און דאָך האָבן זיי נישט געשריען: פֿון די ריזיקע וואָלקנקראַצער טענעמענט־הײַזער האָבן זיי קיין אויער, וואָס זאָל זיך נויגן צו זייער באַזונדערן געשריי, נישט געקאָנט און נישט געוואָלט מאַכן. און פֿון די מיליאָנען מענטשן אין דער ריזן־שטאָט האָבן זיי קיין ענטפֿער, קיין אָפּקלאַנג אויף זייער געשריי, דאָך אויך סײַ־ווי נישט געקאָנט דערוואַרטן — ווײַל כּמעט יעדעס פּאָרל אין דער גרויסער שטאָט, יעדעס מענטשלעך פּאָרל פֿון מאַן און ווײַב, איז געווען דעמאָלט פֿאַרטון אין איר אייגענעם, איינזאַמען און אייביקן געראַנגל.

האָט דאָסדאָזיקע פּאָר פֿאָלק, וועגן וועלכן עס ווערט דאָ דערציילט,

פריבער געקעמפט שווייגנדיק און שטיל, פאַרהוילן פון אַ זייטיקן מענטשלעכן אויג, — פאַרהוילן אפילו איינער פונם אַנדערן.

מער נישט:

נישט פאַרהוילן פון זיך אַ ל יי ן איז געווען דערדאָזיקער קאַמף, — נישט פאַרהוילן פון דער אייגענער, געפייניקטער נשמה.

ס'איז באמת נישט געווען קיין איין-איינציקע זאַך, קיין איין-איינציקע באַזונדערע פּאַסירונג, אויף וועלכער מען האָט געקאָנט אָנווייזן, ווי אויף דער אמתער אורזאַך פונם נאָכאַנאַנדיקן קאַמף פונם דאָזיקן פּאָרל. עס זענען אַפילו נישט געווען אין זייער פאַל אָט די יעניקע קליינוקייטן, וואָס פאַראורזאַכן עס — אַלנפאַלס, אויבערפלעכלעך, — דאָס קעגנזייטיקע נישט-שטימען אין כמעט יעדן פאַרהייראַטן לעבן. דער אמת איז, אַז זיי האָבן זיך אַפילו גאָר קיינמאָל נישט געקריגט. דער אמת איז, אַז זיי האָבן זיך אַפילו זעלטן, גאָר, גאָר זעלטן דורכגעוועריטלט צווישן זיך.

דער וואָרצל פון זייער גערּאַנגל איז געווען אַלט, אַזוי אַלט...

אי ער, אי זי האָבן זיך אַליין אָפט, אין איינזאַמע פאַפלאָנטערטע חשבון-הנפשן, געפּרוּווט קלאָר ווערן, פאַרוואָס זיי קאָנען עס נישט שטימען איינס מיט אַנאַנדער, און פאַרוואָס זיי פילן זיך אַזוי געדריקט אין זייער צוזאַמענלעבן, אַזוי פּיינטלעך איינער צו דעם אנדערן. געפּרוּווט אַסך מאָל — אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט אָנטאַפּן די גענויע אורזאַך.

אָ, זיי זענען ביידע געווען צו קלוג און צו שכלדיק, און האָבן שוין ביידע פון לאַנג-אָן געוווּסט, אַז קיין צו-גרויסע האַרמאָניע איז נישט צו דערוואַרטן אין אַ פאַרהייראַטן לעבן. זיי האָבן ביידע וועגן דער מענטשלעכער נאַטור לכל הפחות געוווּסט גענוג אויף צו פאַרשטיין, אַז עס זענען סוף-כל-סוף נישטאָ קיין דורכויס-גוטע און קיין דורכויס שלעכטע מענטשן.

נו, האָבן זיי דאָך איינער דעם אַנדערן געוווּסט, ווי אַ סך צו פאַרגעבן; האָבן זיי דאָך אַוודאי געוווּסט, אַז פּאָר מענטשן צופיל צו דערוואַרטן איינער פון דעם צווייטן איז נישטאָ וואָס.

און פונדעסטוועגן...

ס'איז שוין איצט געווען פאַרביידן קלאָר, אַז עס זענען נישט געווען אָט דידאָזיקע טיראַניזירנדיקע קליינינקייטן, אָט דידאָזיקע שטעכעדיקע ברעקלעך — די אמתע שטרויכלונגען אינם גליק פון דאָס רוב חתונה־געהאַטע מענטשן — וואָס האָבן דעם קאַמף צווישן זיי פאַראורזאַכט. דער קאַמף צווישן זיי איז געווען אַ טיפערער, אַ לאַנגאַניקערער; אינאיינעם מיטן אויפשפּראָצן פון זייער ליבע איז שוין ערגעץ אין אַ ווינקעלע פון זייערע פרישע לעבנס גלייכצייטיק אויך פאַרזייט געוואָרן דאָס קערנדל פון זייער קעגנזייטיקער שנאה.

און עס איז וואָס אַמאָל אַלץ געוואַקסן, אַלץ מער און טיפער געוואַקסן דאָסדאָזיקע קערנדל. און זיי האָבןביידע אומזיסט געזוכט די סיבה דערפון, פאַרוואָס זיי — ליבנדיק איינער דעם צווייטנס גוף אַזוי שטאַרק און אַזוי פאַרפאַלן — האָבן דאָך נישט געקאָנט זיין צופרידן איינער מיטן צווייטן, האָבן דאָך שטילערהייט און פאַרבאָרגן ביידע געטראַכט פונם געבענטשטן טאָג, ווען זיי וועלן זיך איינער פונם צווייטן ענדלעך באַפרייען.

ווייל זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז דאָס האָרי זיי זיך כּיינט פּשוט דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך צו־שטאַרק ליב — זיי האָבן זיך ליב אַזוי שטאַרק, אַז זיי קאָנען שוין מער און לענגער דעמדאָזיקן יאָך פון ליבע נישט אויסהאַלטן; זיי בענקען דעריבער נאָך באַפרייונג: נאָכן ענד פון זייער פאַרשקלאַפונג איינער צום אַנדערן. פאַר זיי אַליין איז נישט געווען קלאָר, אַז זיי וואָלטן געוואָלט אַפילו איינער דעם אַנדערן אויפעסן אינגאַנצן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַזוי, אַז יעדער איינער פון זיי זאָל דערפילן יענעם, דעם צווייטן, ענדלעך אין זיך, — אין זיך אויף אייביק און אַלעמאָל.

דער ער אין אָט דעם פּאָרל איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן קלאָרע סימנים, אַז ער איז שוין מיד פון אָט דעם אַלעם און וואָלט זי, די פרוי, געוואָלט פאַרלאָזן.

אפשר האָט זיך עס גענומען דערפון, וואָס אַ מענטש איז דעראָזיקער ער געווען אַן עגאָאיסטישער, כאָטש ער איז געווען בלויז אַ קליין ביסל מער עגאָאיסטיש, ווי דער דורכשניטלעכער מענטש. נאַטירלעך, ער האָט שוין געהאַט דערפאַר זיין דערקלערונג: ער האָט, הייסט

עס, אַ באַזונדערע מיסיע אין לעבן... זיין הויפּט־אַרבעט דאָ, אויף דער וועלט, איז זיין אַרבעט, זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. און ער טאָר דעריבער זיך נישט לאָזן אויפעסן פון אַזאַ שאַרפער זאַך, ווי ליבע.

ער האָט אָנגעפירט שוין אַ לענגערע צייט אין ערנסטע אונטער־זוכונגס־אַרבעט אין איינעם אַ מלוכהשן באַקטעריאָלאָגישן אינסטיטוט, ערגעץ אינם ניו דזשוירזי שטאַט, — און אַרבעט אויף אַ גאַר נייעם און אָריגינעלן געביט.

ער האָט זיך, נעמלעך, אונטערגענומען אויסצופאָרשן, וואָס זענען עס אַזוינס, וואָס איז עס דער כאַראַקטער פון אָט יענע באַקטעריאָ־כעמישע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין די סאַמע אויבערשטע שיכטן, — אין די אַזוי־גערופענע אָרגאַנישע שיכטן פון אַ גרונט, פון וועלכן עס וואַקסן אַרויס תבואות, גרינסן אָדער אַנדערע פלאַנצן.

ווען עס וועט אים ענדלעך געלינגען אויסצוגעפינען דעמדאָזיקן פּראָצעס, אָדער די גאַנצע ריי פּראָצעסן א. אז. וו., פון דער באַקטעריע־אַקטיוויטעט אין די אָרגאַנישע ערד־שיכטן, וואָס געפינען זיך גלייך אונטער דער אויבערפלאַך פון פעלדער און גערטנער, האָט ער געוווּסט אַז דאָס וועט אָנמאַכן אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין דעם געביט פון אַגרי־קולטור... מען וועט דעמאָלט קאָנען קינסטלעך דידאָזיקע באַקטעריאָלאָ־גישע פּראָצעסן אַרויסרופן; דורך קינסטלעכע קולטיווירונגען אינם גרונט פון די געהעריקע סאָרטן באַקטעריעס. מען וועט דעמאָלט קענען קאָנ־טראָלירן דידאָזיקע באַקטעריאָלאָגישע פּראָצעסן, פאַרניכטן די שעדלעכע סאָרטן באַקטעריעס, און דער עיקר — מען וועט דעמאָלט קאָנען זען פאַרמיידן, אָדער לכל הפּחות, אויסמיידן דעם קאַמף צווישן די פאַרשי־דענע סאָרטן באַקטעריעס: די גוטע און די שעדלעכע, אַ קאַמף, וואָס גייט תמיד אָן אונטער דער ערד, און פון וועלכן עס ליידן אומזיסט גראָד די גוטע סאָרטן באַקטעריעס... און דעמאָלט וועט מען קאָנען וויסטע ערד פאַרוואַנדלען און פרוכטבאַרער, און בלויז זאַפטיקע און שיינע און נוצלעכע גרינסן וועלן אומעטום זיין, אומגעשטערט שפּראָצן פון דער ערד־אויבערפלאַך, — און דער קאַמף פון די באַקטעריעס, דאָס פיינטלעכע לויערן פון די שעדלעכע באַקטעריעס אויף די נוצלעכע וועט ענדלעך אָפּגעשטעלט ווערן...

אַזוי האָט ער געהאָפט, אָט דערדאָזיקער יונגער געלערנטער. און

צוליב דעם האָט ער עס געוואָלט פרידן און רו אין זיין נשמה-לעבן. ער האָט געברויכט קאָנצענטרירטקייט. ער איז נישט געווען קיין מענטש פון דעם סאָרט מענטשן, האָט ער זיך געזאָגט, וואָס קאָן זיך ערלויבן דעם לוקסוס אָוועקצושענקען זיין לעבן איין און איינציקער זאַך — ליבע.

ניין, ער איז עס נישט געווען...

איז אַזוי טאַקע האָט ער עס איר איינמאָל, דער פרוי זיינער, אין אַן אָנפאַל פון אָפנהאַרציקייט, געזאָגט.

און אפשר האָט ער דעמאָלט זיך — און נישט נאָר זיך... — בלויז גענאַרט, ווען ער האָט עס אָנגענומען, ווי אַן אָפנהאַרציקייט פון זיין זייט. מעגלעך, אַז דאָס איז נישט נאָר נישט קיין אָפנהאַרציקייט, נאָר גאָר אַ גוט-פאַרשטעלטער ליגן, כיטרער איינפאַל זיינער... ווייל אין דער אמתן האָט אים דאָך איר ליבע נישט דערעסן.

אָבער אַזוי צי אַזוי, — געשמייכלט האָט עס אים שטאַרק די-דאָזיקע „אָפנהאַרציקייט" זיינע.

— אָ, איך, הייסט עס, האָב נאָך מוט צו זיין אָפנהאַרציק... — האָט ער זיך ווי איבערגענומען.

און דאָס, וואָס ער האָט, הייסט עס, „געהאַט מוט" צו זאָגן איר איז געווען:

— פאַרלאָז מיך, — האָט ער איר געזאָגט, און זיך כמעט געבעטן ביי איר — פאַרלאָז מיך, ווייל, זעסט דאָך, איך האָב דיך נישט ליב... ניין, נישט, אַז איך האָב דיך נישט ליב... נאָר מיט דיר, אין אָט דער ליבע אונזערער, פיל איך זיך נישט גליקלעך. טייערע, — האָט ער איר ווייטער געזאָגט, און זיינע אויגן זענען אַזש פייכט געוואָרן מיט אַ גלאַנץ פון אָפנהאַרציקייט — נו, וואָס זאָל איך טון דערצו?... אַז איך פיל מיך פאַרט מיט דיר נישט גליקלעך...

און אָט דידאָזיקע אָפנהאַרציקייט — אַן אמתע צי בלויז אַ נאָכ-געמאַכטע — איז עס טאַקע געווען זיין באַגרעבעניש.

געהאָפט האָט ער אויף דעם, וואָס זי וויל זיך דאָך אויך פון אים באַפרייען, באַפרייען זיך נישט אפשר אַזוי פון אים פערזענלעך, ווי פון אָט דער פאַרצויגענער און איבערגעצויגענער ליבע — אַ שטראָף פאַר מענטשן איינגעשפאַרטע, וועלכע ווילן, אַז ליבע צווישן מאַן און פרוי זאָל געדויערן מער, וויפל זי קאָן געדויערן.

געוווּסט האָט זי דאָך גוט — אוי, ווי גוט — פון דעם שטילן פאַרביסענעם געראַנגל, וואָס קומט פאָר די גאַנצע צייט צווישן זיי ביידן.

— איז אפשר — האָט ער געטראַכט — האָט זי קיין האַרץ נישט איז זי צו שוואַך צו מאַכן דעם ערשטן שריט... אפשר וויל זי נישט זיין די ערשטע צו זאָגן אָט די טיף באַליידיקנדיקע ווערטער, אַז זי וויל מאַכן, הייסט עס, אַ סוף צו דעם...

נו, וועט ער איר אין דעם אַרויסהעלפן; וועט ער אויף זיך נעמען די „גראָבקייט" צו זיין דער ערשטער צו זאָגן די ווערטער, וועלכע מוזן דאָך זי טיף באַליידיקן.

און איצט, אַז ער האָט זיך שוין באַשלאָסן אַזוי צו האַנדלען, האָט דעם „ער" טייל פון אָט דעם גרויס-שטאָטישן פּאָרל שוין נאָך אפילו ווי עפּעס געשמייכלט: עס האָט אים שוין געשמייכלט איצט דערדאָזיקער גאַנץ דעליקאַטער אַלטרויזם זיינער...

אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז ער האָט געמאַכט גאָר, גאָר אַ שטאַרקן טעות אין חשבון.

ווייל יענע נאַכט, ווען ער האָט עס איר געזאָגט — זיי זענען דעמאָלט געלעגןביידע אין בעט, און עס איז געווען דעמאָלט די שטילקייט נאָך זייערע געווייניכלעכע מאַן-און-פרוי לאַסקעס, און די נאַכט און די וועלט אַרום איז געווען אין אָט יענער שעה שטיל און נאַכטיש, און האָט זיך שטיל און נאַכטיש צוגעקוקט און צוגע-הערט דעמאָלט צו אַ סך, אַ סך אָט אַזוינע פּאָרלעך — איז אין אָט יענער נאַכט האָט זי אַ גאַנצע, גאַנצע נאַכט געוויינט... זי האָט געטוליעט זיך צו אים און נאָכאַנאַנד געוויינט:

—אָ, דו האָסט מיך נישט ליב... — האָט זי ווי צום ערשטן מאָל ערשט איצט אַנטדעקט — איך פאַרשטיי אַלץ... דו ביסט אַן איידעלער מענטש, און דו ווילסט מיך נישט באַליידיקן. דעריבער זאָגסטו, אַז דו האָסט מיך דווקא יאָ ליב, נאָר אַז דו פילסט זיך אומגליקלעך סיי-ווי, גראָד מחמת אָט דער ליבע... אָבער איך פאַר-שטיי דאָך אַליין: דו פילסט זיך נישט גליקלעך פשוט דערפאַר, ווייל דו האָסט מיך נישט ליב...

און האָט שוין אַ גאַנצע נאַכט דערנאָך נישט געשלאָפן אַליין

און אים אויך נישט געלאָזט שלאָפן. ביזן סאַמע פאַרטאָג — ווען זי האָט זיך שוין אָנגעהויבן שעמען צו קוקן אים גלייך אין די אויגן אַריין — האָט זי זיך צו אים ווילד און ליידנשאַפטלעך געטוליעט און אים באַדעקט מיט אַ רעגנבויגן פון לאָסקעס.

— אָ, טייערער, דו האָסט מיך נישט ליב... ניין, דו האָסט מיך נישט ליב...

און נאָך יענער נאַכט איז אויף תמיד שוין, קענטיק, אַלץ פאַרלוירן געגאַנגען.

ער האָט שוין געמוזט, ווייזט אויס, אויפגעבן זיין האָפנונג אויף זיך שיידן מיט איר. איר ליבע צו אים איז געוואָרן איצט משונה־ווילד, איז אַרויס פון אַלע גרענעצן. זי פלעגט באַנוצן אַלע זעלטענע מיטלען, — וואָס ער, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פיל־גע־פרוּווטן אין די וועגן פון ליבע, האָט גאָרנישט פאַרדעכטיק, אַז פרויען בכלל, און זיין פרוי בפרט, ווייסן דערפון, — כדי צוצוגעבן אַ נייקייט אַ רעגנבויגעדיקייט, אַ קאָלירפולע פאַרשידנאַרטיקייט און אַלץ אַ נייערע פרישקייט צו זייערע אינטימע באַציִונגען.

אַ גאַנצן טאָג, אַפּנים, פלעגן אי ער, אי זי, אַרומגיין שווייגנדיקע און דערשראָקענע: ער — אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט באַוויזן פון איר זיך צו באַפרייען, זי — אַז טאָמער וועט איר דאָך נישט געלינגען אים איינצוהאַלטן, און ער וועט זי סוף־כל־סוף פאַרלאָזן.

אָבער אַז עס פלעגט קומען די נאַכט, פלעגט זי גאָר אויפגעלעבט ווערן. אָ, דעמאָלט איז געוועזן איר צייט. שפּאָגל נייע כּחות פלעגן צו איר קומען. נייע ליבעס־קוואַלן פלעגן אין איר אויפשלאָגן.

— אָ, זי וועט אים נאָך איבעראַשן, זי וועט אים נאָך איבעראַשן...

ער וועט מוזן, מוזן, זי אָנהויבן ליב צו האָבן. ער וועט מוזן, מוזן איינזען, אַז אַזאַ פרוי, ווי זי, וועט ער אין דער גאַנצער וועלט, אַז ער זאָל זי

אויספאָרן אין דער לענג און אין דער ברייט, קיינמאָל נישט קאָנען געפינען.

און זי פלעגט אים באַרעגענען מיט די ווילדסטע לאַסקעס, וואָס בלויז געציילטע און זעלטענע ווייסן פון זיי, און ס'איז נישט אָנגענומען, אַז מען זאָל זיי גאָר באַשרייבן, — צוליבן כבוד, הייסט עס, פונם „געדרוקטן וואָרט".

און אין אים, אין דעם מאַן, איז געוואַקסן די פאַרצווייפלונג מיטן זעלביקן גראַד, וואָס אין איר איז געוואַקסן די עקשנות, אים מיט אַלע מעגלעכקייטן צוצוהאַלטן, אַז ער זאָל זי נישט פאַרלאָזן.

ס'איז אמת טאַקע, אַז זי האָט אַליין די גאַנצע צייט געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, ווען זי וועט אים קאָנען פאַרלאָזן, און סוף-כל-סוף כאָטש אַפילו אומבאַשטימט און נישט קלאָר, האָט זי דאָך אַליין געחלומט פון אָט יענעם באַפרייונגס-טאָג. אָבער איצט...

איצט האָט זי דאָך אים נישט געקאָנט פאַרלאָזן, ווען זי האָט פון אים אַזוי קלאָר געהערט, אַז ער אַליין וויל עס. איצט, אַז ס'וואָלט אים פאַרשאַפט אַזוי פיל פרייד — זיכער נאָך אַסך מער פרייד, וויפל ער האָט דעם מוט אַרויסצוווייזן — איצט, ווען ער וועט אוודאי האָבן אַזוי פיל פרייד, ווען זי פאַרלאָזט אים — איז צי דען האָט זי עס איצט געקאָנט טון?

און זיין פאַרצווייפלונג איז פון דאַמאָלס אָן, אין אים אַלץ שטאַרקער, אַלץ פאַרקניפּטער, אַלץ ענגער געוואַקסן.

צוערשט האָט ער אויך, פון זיין זייט זיך נאָך מער אייגנעשפּאַרט. אַפילו בשעת זי פלעגט אים אַרויסוואַרפן אירע איבערגעבנסטע, אירע ווילדסטע לאַסקעס, פלעגט ער זיין גרויזאַם צו איר. און אויף אירע תּמידע פראַגן:

— פילסטו זיך איצט, כאָטש איצט גליקלעך, מיין טייערער?

פלעגט ער מיט עקשנות, מיט פאַרפאַלנקייט, מיט רוגזה איר ענטפערן אַלץ:

— ניין... ניין... אז וואָס זאָל איך טון!.. אַז וואָס קאָן איך העלפֿן... אַז איך פֿיל מיך פּאָרט נישט גליקלעך אין אונזער היים...

אָבער זיין קאַלט וואַסער איז בלויז געווען, ווי איל אויף איר פייער — אויף איר פֿלאַמענדיק פייער פון ליבע, פון שנאה און נקמה...

ביז ער איז סוף־כּל־סוף איינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. און דעמאָלט פלעגט זי אַ גליקלעכע אָנהויבן טראַכטן, אַז דאָס גיט ער זיך אונטער, ווייל ער קאָן שוין נישט ביישטיין איר רייץ...

איז דעמאָלט ערשט פלעגט זיך די שנאה צו אים אין איר שטאַרקן. דעמאָלט ערשט פלעגט זי שוין אָנהויבן ווידער חלומען, אַז איצט איז שוין אַוודאי געקומען די צייט, —מען דאַרף אים איצט טאַקע פאַרלאָזן: איצט וואָלט עס שוין נישט אויסגעמאַכט... גראָד איצט האָט זיך עס איר שטאַרק, גאָר שטאַרק געוואָלט נעמען פון אים נקמה פאַר אָט די אַלע דערנידעי־רונגען, פאַר אָט די אַלע קנעכטישקייטן און מיאוסקייטן אין אירע ליבעס־באַציונגען, וואָס זי האָט אויף זיך פרייוויליק די לעצטע צייט גענומען. און ווייל ס׳איז אַלץ געווען פרייוויליק, און נישט ער האָט זי צו דעם געצוווּנגען, און נישט ער האָט ביי איר עפּעס געבעטן — דערפאַר דווקא האָט עס איר נאָך מער וויי געטון, און געשמיסן אַזוי מיט פּיין, אַזוי שאַרף און ביטער געשמיסן.

נאָר זי האָט פונדעסטוועגן באַשלאָסן, אַז זי וועט נאָך אַ ביסל וואַרטן, — זי וועט וואַרטן נאָך אַ ביסל, ביז ער וועט שוין גאָר איינגאַנצן פאַלן אין איר זייט. און וועט, שוין אויף תמיד, אויפהערן אַפילו צו טראַכטן צו פאַרלאָזן דאָס הויז, — ווייל ער וועט זיך מיט אַן אמתן אָנהויבן פילן גליקלעך.

דעמאָלט ערשט וועט די נקמה זיין זיס...

און ווידער איז דער קאַמף צווישן דעם פּאָר־פּאָלק פאַרטגעזעצט געוואָרן — נאָר פאָרטגעזעצט געוואָרן איז ער איצט נאָך שטילער און שווייגנדיקער, נאָך מיט מער עקשנות און פאַרביטערטקייט, נאָך מער פאַרהוילן פון אַ זייטיק אויג — אפילו איינער פון דעם אַנדערן האָבן

זיי עס פֿאַרהוילן. פֿאַרהוילן האָבן זיי עס בלויז נישט געקאָנט פֿון זיך אַליין, פֿון די אינווייניקסטע באַהעלטענישן פֿון זייערע לעבנס.

אָבער איר וואָפֿן איז איצט געווען אַ שטאַרקערער — דער וואָפֿן פֿון איר ליבע, וועלכן זי האָט תּמיד פֿונדאַסניי געהאַלטן אין איין פֿייערדיקן שמידן און קעגן וועלכן ער האָט נישט געקאָנט ביישטיין. און עס האָט שוין טאַקע געהאַלטן דערביי, אַז ער האָט שוין באַלד די האָפֿנונג אויף באַפֿרייונג אינגאַנצן אויפֿגעגעבן; ער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך ביי איר אויפֿן האַרצן.

ביז איינמאָל האָט עס אין אים אויפֿגעשטראַלט — אַ שוואַך אָבער האָפֿנונגספֿול ליכט איז אים אין זיין גרויסער פֿאַרצווייפֿלונג ווידער אויפֿגעגאַנגען. ער האָט עס מיט אַמאָל אָנגעהויבן פֿאַרשטיין — אינגאַנצן, גאָר אינגאַנצן און אין אַ ניי ליכט האָט ער אָנגעהויבן פֿאַרשטיין אירע געדאַנקען, — און אים איז עס קלאָר געוואָרן, ווי אַזוי ער קאָן זיך פֿון איר באַפֿרייען: ער מוז זי זען מאַכן גלויבן, אַז ער פֿילט זיך מיט איר גליקלעך, זייער גליקלעך... ערשט דע־מאָלט וועט זי ביי זיך קאָנען באַשליסן צו פֿאַרלאָזן אים.

איז פֿון דעמאָלט אָן, האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעביטן. ער איז געוואָרן צו איר צוגעלאָזן, מאָדנע און אונגעוועגלעך צוגעלאָזן... אין די אינטימסטע מינוטן, אין די זעלטנסטע מינוטן, ווען זי פֿלעגט אים איצט, ווי תּמיד די לעצטע צייט, מיט אַ פֿאַרשטיקטן אָטעם און אַ באַהאַלטענעם נקמה־פֿייערל פֿרעגן:

— פֿילסטו זיך כאָטש איצט גליקלעך, מיין טייערער, — כאָטש איצט?

האָט ער איר איצט שוין אָנגעהויבן ענטפֿערן אַנדערש:

— יאָ — האָט ער זיך ליידנשאַפֿטלעך געטוליעט און געוואָר־קעט קעגן איר, און זיין האַרץ האָט אים פֿונדעסטוועגן אַזוי געצי־טערט, נאָך אַלץ געציטערט, טאָמער גלויבט זי אים פֿאָרט נישט, — אַז טאָמער וועט שוין דאָס אויך נישט העלפֿן. — יאָ, מיין טייערע... איך פֿיל מיך איצט גליקלעך... יאָ, מיין איינציקע, איך בין איצט אַזוי גליקלעך, אַזוי גליקלעך...

1923

אַ נאַכט אין אַ דרום־שטאָט

אָרע איז געגאַנגען איבער די גאַסן און האָט געזונגען.

געזונגען האָט ער שטיל, נישט אַזוי מיטן קול, ווי מיטן בלוט און מיט די אויגן. עס איז געווען שפּעט-אָוונט. די טיפע בלויקייט איז געווען אין איר הויך אָנגעפּינטלט מיט שטערן, און דורך דער ברייטער נידער פאַרזייט מיט שטאָטישע פייערן. ביימער, נאָך אין פולער בליונג, האָבן באַשאָטנט די הייזער מיט אַ קילקייט. עס האָבן אַרויס-געבלייכט פון צווישן זיי מאַרמאָרנע קאָלאַנאַדן פון רייכע איינוווינערס הייזער — ווייסלעכע סימנים פונם שוין פאַרגאַנגענעם טאָג.

די שטאָט אויף די בערגלעך האָט אויסגעזען, ווי אַ פּאַרציי-טיקער אַלט-אסירישער הענגענדיקער גאָרטן.

אינם שפּעט-אָוונט האָט עס אים באַלד פאַרשמעקט מיט קילן אָנהויב-ווינטער און אויסגעטריקנטע גראָזן, און אויוועלעך, וואָס צינדן זיך אָן ביינאַכט.

אָרע איז געגאַנגען שוין לאַנג אַזוי איבער די גאַסן. ער האָט זיך גאָרנישט געפילט מיד פונם טאָג שווערער אַרבעט אין דער סענט ד ז ש א ז ע פ ס קירך, ווו ער אַרבעט שוין אַ לענגערע צייט אַלס

מוליער. די מידקייט אין די ביינער, וואָס ער האָט אַ גאַנצן טאָג געצויגן און געבראָכן אויף די רעשטאָוואַניעס אונטער די הויכע קירכן-סופיטן, האָט ער איצט גאָרנישט געפילט.

עס איז שוין אַרום האַלבע נאַכט באַלד. וואָס אַמאָל ווערט עס שטילער. די נאַכט ווערט פאַרהוילענער און פאַרטראַכטער.

ער דערנענטערט זיך צו אַ הענגענדיקער בריק איבער אַ קאַנאַל. ער פילט זיך גוט און יונג, און אַלץ אין אים זינגט מיט אַ שטילן געזאַנג.

— אָט איז אַ נייע שטאָדט, אַ נייע שטאָט!

און אַזויפיל נייע שטעט זענען נאָך דאָ אויף דער וועלט...

אים איז פריידיק און ליכטיק, — ער וועט דאָ אַליין וווינען און געפינען רו, רו פון אַ ליכטיק-גרויער בייטאָגיקער איינזאַמקייט.

פאָרנדיק נאָך דרום-אַמעריקע, איז אים געפעלן געוואָרן דער קלאַנג פון דערדאָזיקער שטאָט מיטן שפּאַנישן נאָמען, — אויגוסט א. עס איז אַן אַלט-אַמעריקאַנישע שטאָט. די ערשטע שפּאַנישע אימי-ראַנטן האָבן זי אויפגעבויט און איר אַ נאָמען געגעבן די „דערהוי-בענע", — זי געפינט זיך אויף אַן אויפגעהויבענעם באַרגיקן לאַנד.

און אפשר האָבן יידן-אַנוסים זי אויך געהאָלפן בויען, — האָט דעמאָלט אָרע אַ טראַכט געטון.

אין פאַרגאַנגענע צייטן — און גאָרנישט אַזוי לאַנג צוריק — איז דאָס לאַנד אַרום געווען געדיכט-פאַרוואָקסן מיט הויכע גרעזער און פאַרצווייגט - פאַרפלאָנטערטע אור-אַלטע וועלדער. רויט-הויטיקע שבטים האָבן מיט זייערע שאַרפע העק, די טאָמאהאָקס, וועגן זיך דורכגעהאַקט, נאָך הירשן זיך געיאָגט, פון אויסגעהוילטע בוימער-קאָרעס קאַנוס זיך געמאַכט, איבער די טייכן געוואַנדערט און געזונ-גען לידער...

דערנאָך זענען אָנגעקומען די טונקל-ווייסע שפּאַניער און די טונקל-ווייסע יידן, און יעצט קומט ער, אָרע... און אפשר איז ער שוין דאָ אַמאָל געווען — אין דעם בלוט פון זיינע אייגענע, אין דעם בלוט פון זיינע אַמאָליקע קרובים.

ביי דערדאָזיקער השערה נעמט אַרום אָרען אַ היימיש-וואַרעם געפיל.

אומעטום זענען דאָ יידן, אָדער זענען געווען, אָדער וועלן זיין, ווייל זיי זענען ברייט און אייביק-דויערנדיק, ווי די וועלט.

און אומעטום האָבן זיי צום לאַנד אַ היימיש-פרעמד געפיל... אפשר וועלן זיי אין די שפּעטערדיקע צייטן דערפילן בלויז אַ היימישקייט — ערגעץ אין אַ ווייט-אייגענעם לאַנד?...

און מיטאמאָל דערהערט זיך אַ ווילדער געזאַנג: ווילד בלוט האָט אויפגעזונגען אין דער היימיש-פרעמדער נאַכט.

— אַ—הו—ו—ו...

דאָס געשריי איז אַזוי ווילד, אַז אָרע ווערט אַ פאַרציטערטער, און אַ שטראָם בלוט גיט אים אַ לויף אַדורך פון די שפּיץ פּיס-פינגער ביז צו די וואָרצלען האָר אויפן קאָפּ. ער בליצט אויס אַ פּאָר פייער-אויגן אין דער נאַכט אַריין, און הויבט אויך אָן צו שרייען אין דער שטילקייט אַריין — פון פרייד און פון ווילדקייט און פון אויפגעוועקטער אומרו. ער כאַפּט זיך אַזש אָן מיט די הענט אָן די שטאָלענע פאַרענטשעס פונם בריק, הויבט זיי אָן בויגן און רייסן פון פלאַץ, און — לאָזט אַרויס אַ ווילדן רויצן רעווען אין דער נאַכט אַריין.

דאָס זענען נעגערס, וועמענס זינגען עס הערט זיך פון דער ווייט. אָרעס ציינער הויבן אָן בלישטשען אין דער פינסטער, ווי ביי אַ וואָלף, ווי ביי אַן איינזאַמער אויסגעהונגערטער חיה, וואָס זוכט פאַרצוקונג, און ער לאָזט זיך אַראָפּ פון דער בריק און שפּאַנט אַוועק מיט פאַרגיכערטע טריט אין די זייטיקע געסלעך פונם נעגערשן קוואַרטל אַריין.

די הייזלעך זענען דאָ קליינע, איינגעפאַלענע, צעפוילט-הילצערנע. אַ סך אויסגעבראָכענע שויבן; פאַרשטעקט מיט פּאַפּיר און שמאַטעס.

די פענסטער זענען דורכן טאָג פֿאַרמאַכט מיט לאָדנס, ווי ווילדע אָרגיעס וואָלטן דאָרט כּסדר געפּראַוועט געוואָרן. אָבער איצט, אין דער נאַכט, שטייען אַלע טירן אָפֿן, ווי אין אַן אַפֿריקאַנישן דאָרף.

די נאַכט איז אַ ליבלעכע, אַ דרומדיקע.

אויף איינעם אַן עק־גאַס האָבן זיך צונויפֿגענומען אַ היבש ביסל נעגערס און נעגערטעס, בחורים און מיידן.

די עלטערע זענען האַלב־אויסגעטון, און טונקעלע, שוויצעדיקע ברוסט־קאַסטנס שוואַרצן זיך פֿון די צעעפֿנטע העמדלעך אַרויס.

עמעצער שפּילט אויף אַ באַנדזשאָ אַ תּאוותדיק ליד, אַ ווילדן „רענטיים"־געזאַנג.

דאָס בלוט ווערט אויפֿגעקאָכט. ציינער בלישטשען אין דער נאַכט, ווי שוים אויף אַ שוואַרץ־בייַנאַכטיק וואַסער. מען לאָזט זיך אין אַ טאַנץ.

הע־ליאַ־ליאַ־ליאַ...

זידט דאָס בלוט שטאַרקער און לאָזט אַרויס פֿון זיך קלאַנגען און ריחות און שווערע פּאַרעס, ווי פֿון גרויסע קעסלען קאָכעדיק וואַסער. אַלע אבֿרים, אַלע גוף־טיילן טאַנצן.

די אויגן פֿאַרגלייזן זיך ביי די פֿרויען: שוואַרצאַפּל פֿאַרקייקלען זיך אַוועק ערגעץ אין דער טיף, און ווייסלעך פֿאַרנעמען דאָס גאַנצע אויג, ווי ביי טויט־פֿאַרחלשטע. עס וואַרפֿן זיך בריסטן און אַקסלען אינם ווילדן שימי־טאַנץ.

— טאַנץ... טאַנץ...

אָט איז דער טאַנץ שטיל־שעמעוודיק און זיס אַזוי, און שפּי־לעוודיק, מיט אַ פֿאַרשעמט־פֿאַרשלאָפֿענעם שמייכעלע, — די טאַנץ־באַוועגונגען זענען אַזעלכע פֿאַמעלעכע און וויינענדיק־זיך־בעטענדיקע, ווי אַ הונט, וועלכער וואַיעט דרויסן פֿאַר אַ טיר און בעט מען זאָל אים אַריינלאָזן אינעווייניק.

און אָט ווערט דער טאַנץ שטאַרקער, וועלפֿיש־אַרויסדרינגענדיק, חיהדיק־גיך, — מען נעמט זיך אַלע אַרום אין אַ פֿאַרציקענדיק דריידל...

יונגעלייט שטייען אין אַ קאַראַהאָד און פּאַטשן צו צום טאַקט.

פֿון אַ קופּקעלע יונגע נעגערשע בחורים זינגט אַרויס אַ הייזע־

ריקע שטים צום געצימבל פון אַ מאַנדאָלע, און דער אַרימגעקליבענער עולם כאַפּט אונטער אין אַ פאַרצויגן-בענקענדיק כאָר:

– O, tell me how l-l-long
Do I have to wait?
Do I getjounow,
Or must I hesitate?

פון צייט צו צייט האָט זיך אָפּגעטיילט אַ פּאָרל פון דעם המון, און, אַ געפּלאָכטנס צוזאַמען, זיך אַוועקגעשלעפּט ערגעץ אין אַ זייטיקע קאַנורע.

פּאַזע דער לענג גאַס זענען אין קרומע שורות געשטאַנען די איינגעפּאַלענע הייזלעך, ווי ליימענע כאַטקעס פון אַ ווילדן שבט. די אָפענע לעכער-טירן — ווי אַריינפירונגען צו אונטערערדישע היילן, וווּ מען פּראַוועט ווילדע גאָט-דינסטן צו אַ פאַרצייטיק-היידנישן גאָט.

ווי טונקעלע חיות האָבן די טיר-עפענונגען ביי די זייטן גאַס געלונגט, אַז אַ פּאָרל זאָל אַריינפאַלן אין זייער אָפענעם פּאַסטקע-מויל, און דעמאָלס פלעגט זיך דאָס מויל גלייך פאַרמאַכן.

דעמאָלס פלעגן זיך רויטע פייערלעך אָנצינדן דאָ און דאָרט אין אַ הייזל — פייער-אויגן פון אַ געצנדינערישן אָפּגאָט, פאַר וועמען מען וועט באַלד ברענגען אַ קרבן...

אינעם עולם האָט עס וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער געברענט און געפיבערט.

עס האָבן זיך געהערט התלהבותדיקע אויסגעשרייען און פאַרחלשטע קרעכצן, ווי אויף אַ דבקותדיקן נעגערשן עוואַנגעלישן מיטינג.

גוף האָט זיך געהעפט צו גוף אין אַ ליידנשאַפטלעכן „פאַקסטראָט”. מיט פאַרגלאָצטע אויגן האָבן די מיידלעך זייערע היפשע קלודעס געדרייט.

בויגיק האָבן זיך מיידלעשע קערפּערס איבער יונג־ברוינע נע־גערשע אָרעמס אַריבערגעוואָרפן.

שלאַנגיק האָבן זיך אָרעמס אַרום בראָנזענע און קאַפּע־קאָלירנדע העלזער אַרומגעפלאָכטן.

צונגען פלאַמען האָבן פון די צונויפגעדרייטע קופקעלעך אַרויס־געדישעט, און רויכן, — ווי פון פלייש, וואָס ווערט געסמאָליעט אין אַ היץ, — האָבן אין דער לופט געשלאָגן.

עס איז געווען אַ ווילדער יום־טוב פון פלייש און בלוט.

און איידער אָרע האָט עס באַמערקט, האָט ער שוין דערפילט זיין שלאָגנדיקע ברוסט זיך דריקנדיק קעגן די שפּיציק־לענגלעכע בריסטלעך פון עפּעס אַ נעגערשער דאַמע, און זיי האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע אַרומגעוואָרפן אין אַ טאַנץ, אין אַ מין „קייק־אָלאָק".

די נאַכט האָט זיך געצונדן מיט אויגנגלאַנץ און בלוט־פייער.

ווי פון אַ שווערן חלום האָט זיך אָרע מיטאַמאָל אַ כאַפּ־אויף געטון.

אַ גלאָקנקלאַנג האָט זיך פון צרגעץ דערהערט.

אפשר איז דאָס געווען אַ טורעם־זייגער, וואָס האָט די חצות־שעה אָפּגעציילט. און אפשר — אַ קירכנגלאָק, וואָס האָט פרומע קריסטן צו דער פרימאָרגן־מעסע גערופן, ווייל מאָרגן איז געווען זונטיק.

אָרע האָט אַ שפּיי געטון. מיט איינעם אַ מעכטיקן שטויס איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון דער צוזאַמענגעפלאָכטענער קופּע און איז אַוועק זיין וועג.

און מאָדנע: ער האָט זיך געפילט איצט גוט אַזוי... באַפרייט פון עטוואָס זינדיקס און מיאוסעס. פאַרקערט נאָך: ער האָט זיך איצט אָנגעהויבן פילן ריין, קלאָר און טראַכטעריש. . . און וואָס ווייטער אין דער קילער נאַכט אַריין ער איז געגאַנגען, אַלץ שטילער איז עס געוואָרן — שטילער אין דרויסן און שטילער אין אים.

1919.

אַ באַגעגע ש

ווען אָרע האָט זיך אָנגעהויבן אומקערן אַהיים, נאָך אַ לאַנגער נאַכט אַרומוואַנדערן אין דער פרעמדער שטאָט, האָבן זיך שוין אין די זונטיק־פרימאָרגעדיקע גאַסן באַוויזן די ערשטע דורכגייער.

דאָס זענען געווען פרומע קאַטאָליקן, וועלכע זענען מיט קליינע תפילה־ביכלעך אין די הענט געגאַנגען צו אַ פריער פּאַרטאָגיקער מעסע.

אַ שטיל־לויטערער קלאַנג פון גלאָקן האָט זיך געצויגן אין דער לופט פון אַ ווייטלעכער אומגעזעענער קירך.

אָבער אָרע האָט דעמאָלט געטראַכט: ער האָט שוין לאַנג נישט געזען, ווי פרומע יידן גייען שבת אינדערפרי אין שול אַריין, מיט די טליתים אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען אונטער די שוואַרץ־זיידענע און אַטלאַסענע סורדוטן, און קליינע קינדער ביי דער זייט טראָגן זיי נאָך די סדורים.

וועט ער דאָס זוכה זיין צו זען נאָכאַמאָל אין זיין לעבן?

ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, אָנגעשפּאַרט אָן אַ קליינער פּאַלמעטטא, וואָס איז געוואַקסן ביים זייט טראָטואַר.

מיטאמאָל דערפילט ער, ווי עמעצער רירט אים אָן ביי דער האַנט אײדל אַזוי, ווי אַ שטילער לאַטשטשענדיקער רייבן זיך פון אַ הינטל. ער קוקט זיך אום: עס איז אַ פרוי. אַרומגעוויקלט מיט אַ טונקעלן טוך אַרום קאָפּ, האָט זי כּמעט דאָס אויסזען פון אַ היימישער פרומער יידענע. אירע האָר זענען זיך אַרויס גלאַט פאַרקעמט פון אונטערן טוך, ווי אַ פלאַטשיקער שייטל. נאָר זי האָט אַ קופּער-הויטיק פּנים, אַ שאַרפלעכע אָדלער-נאָז און אַ פּאָר ווילדע אויגן. איצטער זענען זיי גלאַנציק-פייכט, אירע אויגן, אין דער גרוי-ווערנדיקער לופט.

ער ווייס נישט ווער זי איז, די פרוי, און פאַרוואָס זי קוקט אויף אים מיט אַזעלכע חנעוודיק-קאָקעטישע אויגן; זי דערמאָנט אים אָן עפּעס. זי האָט אויך אַ תּפילה-ביכעלע אונטערן אָרעם. זי גייט מסתּמא צו דער מעסע. וואָס-זשע וויל זי פון אים?

דאָס האָט פּאַסירט אַרום דער 13-טער גאַס, לעבן דעם גרויסן שאָסיי „רייטס באָרא ראָאַד", וואָס פאַרנעמט זיך קיין פלאָרידאַ. עס איז שוין גאָרנישט ווייט פון אָרעס הויז, די פרוי פרעגט ביי אים דעמאָלט מיט אַ קינדישן געמאַכטן שמייכעלע, וואָס קליידט זייער נישט איר עלטער-ווערנדיקן געזיכט, פאַרוואָס ער איז לעצטן פרייטיק נישט געקומען צו איר.

איצט דערקענט אָרע אין איר איזאַבעלאַן, דעם סעקסטאַנס, דעם קירכן-שמשס שוועסטער. ער דערמאָנט זיך, ווי זי האָט פאַר די לעצטע פּאָר וואָכן, וואָס ער אַרבעט אין דער אַלל סעינט טשעפּעל, זיך אַלץ געדרייט אַרום אים, געפּרוווט פאַרפירן שמועסן, ווען נאָר זי פלעגט קומען אין קירך. דער טייוול ווייסט, וואָס זי וויל פון אים!

די בעלי-מלאכות, מיט וועמען ער אַרבעט דאָרט בשותּפות, פלעגן אַלעמאָל רעדן עפּעס איראָניש און מיט כיטרע, ווייסנדיקע אויגן-ווינקעלישן וועגן מר. קעמפּן, דעם קירכן-שמש, און וועגן בעלן זיין שוועסטער. זיי פלעגן מיט עפּעס אַ געהיימער באַדייטונג אונטערשמייכלען, אַרויסרעדנדיק דאָס וואָרט „שוועסטער"...

— האַ-האַ — פלעגן זיי אַ הירזשע טון, אויסשפּייען אַ היבש-לעכע טייכעלע קיי-טאַבאַק סלוניע, ווי ציין-בלוט, אַרויסשלעפּן דאָס פּעקעלע „טשוינג טאָבעקאָ", וואָס זעט אויס ווי געפּרעסטע פייגן,

אָפּברעכן אַ שטיקל, פאַרשטופּן עס צווישן די יאַסלעס, און ווידער אָנהויבן מעלה-גרהן און רעדן מיט אָנגעפּילטע מיילער.

— האַ-האַ, אַ „שוועסטער"! אַזעלכע שוועסטער אויף אונז בעזאָגט געוואָרן צו האַלבע טויט!...

אָרע האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זייט פון די איבעריקע אַר־בעטער, האָט ווייניק וועגן דעם אַלעמען פאַרשטאַנען, און נישט געוווּסט, פאַרוואָס זיי האָבן אַזוי שעלמיש אונטערגעשמייכלט צו אים, ווען זי האָט אים איינגעלאַדן צו זיך אין הויז. זי איז שוין אַוודאי אַלט אַ יאָר 35, און פון סאַמע פאָרנט גלאַנצן ביי איר דריי גאָל־דענע ציין. און אַ טונקעלע איז זי. אַז זי פּודערט זיך אָן, קוקט זי אויס, ווי אַ שוואַרצע קאַץ אויסגעשמירט אין מעל, כאַ-כאַ...

נו, אָרע איז טאַקע יינגער און העכער פון זיי אַלעמען, און אַזאַ חנעוודיק-פאַרטראַכטער, איז ער איר, אַפּנים, געפעלן.

אָבער כאָטש ער קאָן דאָך צוליב דעם אָנווערן זיין איצטיקן דזשאַב — וואָס ס'איז אים זייער שווער אָנגעקומען צו קריגן — האָט אָרע באַשלאָסן, אַז ער וועט לאַנג נישט לאָזן זיך דרייען פון איר קיין ספּאָדיק.

איז ענטפערט ער איר איצט גראָבלעך:

— לעצטן פרייטיק האָב איך נישט געקאָנט קומען, ווייל איך בין געווען פאַרנומען.

— וועט איר קומען היינט נאָכמיטאָג אום דריי אור? — בעט זיך איזאבעלא ביי אים. — עס טוט מיר אַפילו באַנג, וואָס מיין ברודער, מר. קעמפּ, וועט נישט קאָנען זיין אינדערהיים גראָד אין דער צייט. איר פאַרשטייט, גראָד אין דער צייט קומט פאָר אין דער קירך עפּעס אַ גרויסער מיטינג.

זי שמייכלט שטיל און שעמעוודיק, מיט אַ מינע פון אַ קליין אומשולדיק שול-מיידעלע. אָרען נעמט אַרום פון דעם אַ געפיל פון מיאוסקייט. ער זאָגט איינגעשפּאַרט:

— ניין, איך וועל נישט קאָנען קומען, איך האָב שוין אַן „אַפּוינטמענט" פאַר דער צייט מיט מיינער אַ „ליידי-פרענד".

און ער דעקט צו דאָס מויל מיטן פויסט, וועלנדיק דערשטיקן אַ געגעץ.

אַז ער פילט זיך אַזוי פאַרשלאָפן !...

אַז ער איז שוין לאַנג געווען אויפן וועג אַהיים, איז זי נאָך לאַנג, לאַנג אַלץ געשטאַנען אויפן זעלביקן פּלאַץ ווי פריער, מער נישט.

דאָס געבעט-ביכל האָט זיך ביי איר אַרויסגעגליטשט פון דער האַנט: זי האָט עס אָבער נישט אויפגעהויבן.

רעדן פלעגט בעלל, דוכט זיך, אַזוי איידל און מילד. אויגן האָט זי אָבער געהאַט אַזעלכע, וואָס פלעגן אָפט אויפפלאַמען מיט אַ פייערל, ווי מיט אַ שטאָלענעם מעסער. אַרויסגעקומען איז זי, לויט דער מסורה אין איר משפחה, פונם שבט פון דיווילדע טשעראָקאַ-אינדיאַנער. איר פאָטער איז געווען אַן אינדיאַנער, וואָס האָט אַהער אין די געגנטן פאַרבלאָנדזשעט, חתונה געהאַט מיט אַן אָרטיקער ווייסער פרוי, וואָס האָט אויך געשטאַמט פון די גאָר-גאָר אַלטע „סעטלערס", און דאָס ערשטע קינד זייער איז געווען בעלל. איר הויט איז געווען רויטלעך, ווי נישט-געשייערטער קופּער. אירע האָר זענען געווען מאַט-טונקל און לענגלעך-גלאַט, און אַ נאָז האָט זי געהאַט אַן אויסגעבויגענעם, אַ פליישיקן.

פון אירע אויגן האָט איצט אַ פיינטשאַפט אַרויסגעפייערט און אַ בייזלעכער שוים האָט זיך אַרום אירע מויל-ווינקלען געבלעזלט. זי איז אַזוי געשטאַנען און אים נאָכגעקוקט; אירע נאָז-פליגלען האָבן זיך געהויבן און געפאַלן. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי מען וואָלט איר לעבעדיקערהייט דאָס לייב געשניטן; איר בלוט רינט, און זי קוקט אויף דעם שווייגנדיק, ווי אַ פרעמדע... זי האָט טאַקע געפילט איצט אַ טעם פון בלוט צווישן אירע שאַרף-צונויפגעפּרעסטע ליפּן.

— דהי דוירטי דזשו... ע ר וויל נאָך נישט.

נאָר אָרע איז שוין איצט לאַנג געווען אינדערהיים. ער האָט,

זוי געווייניגלעך פאַרן שלאָף אויפגעעפנט דעם „חובת הלבבות“ וואָס איז אַלע מאָל געלעגן ביי אים אויפן טיש, און אַ צייט אין דעם געלייענט. דערנאָך איז ער אַנידערגעזונקען אין אַ שווערן שלאָף.

און בעלל איז אַוועק אין קירך צו דער פרימאָרגנדיקער מעסע מיט אַ קאָכנדיק-באַליידיקטן געמיט. אַז זי איז דורכגעגאַנגען די סאַנטיאַנאַ-גאַס, פאַרביי אָ״עס הויז, האָט זי זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, און אינם פאַרטאָג געשאָלטן קעגן זיין אויפגעפראַלטן פענסטער, אין וועלכן זונען-גלאַנצן האָבן שוין אָנגעהויבן צו שפּילן זיך.

1919

אַרום דער דריטער אשמורה

הויבט זיך אָן די געשיכטע אַזוי:

חיים בערשאַנסקי איז אַ יונגערמאַן, וואָס האָט אַ פרוי מיט דריי קינדער. דאָס עלטסטע איז בלויז פינף יאָר אַלט. ער איז געווײנלעך נישט צופרידן מיט דעם, ווי אַזוי זיין לעבן האָט זיך צוזאַמענגעלייגט. וואָס־זשע איז דער מער מיט חיים בערשאַנסקי? אָט וואָס:

זייענדיק אַ בחור, געדענקט ער, האָט ער געשטרעבט צו גרויסע צילן, זיך פאָרגעשטעלט אַ ליכטיק־שטראַלנדיקע צוקונפט, — ווי אַ זון אַרום פיר אַזייגער נאָכמיטאָג אין אַ תמוז־טאָג. און זיין איצטיק לעבן...

זיין איצטיק לעבן אָבער איז זייער וואָכעדיק. אַ גאַנצן טאָג אַרבעט ער שווער און אין אָוונט איז ער געווײנלעך פאַרנומען מיט שטוב־אָנגעלעגנהייטן. מען דאַרף די קינדערלעך אויסטון און לייגן שלאָפן, ווייל די ווייב זיינע איז אַ קראַנקע, און אָפט וואַשט ער אַליין אויך די געפעס ער מוז זיי אפילו וואַשן מיט קאַלטע וואַסער; דאָס ביסל וואַרעמע, וואָס מען קאָן אָפּצאַפּן פונם קראַן, באַדאַרף מען פאַרן ייִנגסטן קינד אויף אַ בעדעלע. ער וואַשט אַליין די געפעס, ווייל דאָס ווייב זיינס ליידט פון רעוומאַטיזם, און ביי איר ווערן די פינגער געשוואָלן, ווען

זי נעצט זיי איין אין קאַלטע וואַסער. און אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס, איז ער געוויינלעך, הייסט עס, נישט צופרידן. שטאַרק אַפילו נישט צופרידן.

אָבער ווען נישט ווען טרעפט עס, אַז חיים האָט נישט קיין חרטה און בענקט נישט צוריק נאָך זיין אַמאָליקן „פרייען" בחור־לעבן. עס טרעפט אַמאָל, אַז ער כאַפּט זיך אויף ביינאַכט, אַזוי, אין דער דריטער אשמורה, ווען דער גוף איז שוין אויסגערוט, און ער קאָן עפּעס מער נישט איינשלאָפן, חיים. אין שטוב איז שטיל, טונקל. ער קוקט אַרויס אין דעם האַלב־בלוילעכן דרויסן, ווו אַלץ איז רויק און אַזוי איינגעהאַלטן אין זיך. און בלוי, און שטיל, און ווייט־רונדיק, ווי די פונאַנדערגעלאָזענע פּעדערן פון אַ גרויסן פּאַווע־עק.

אַ שוואַך ציטערן, ווי דער פאַרגייענדיקער קלאַנג פון אַ סטרונע, הערט זיך דעמאָלט אין דער שטילקייט. חיים הויבט זיך האַלב אויף פון זיין געלעגער און פירט פאַמעלעך זיינע אויסגעשלאָפענע בליקן אין דעם טונקעלן אַרום אויף די אָפּגעווישטע חפצים. ער הערט זיך אין עפּעס איין, חיים... און דער שטערן־צונויפקלייב אויף דער בלויער סטעליע פון דער נאַכט הערט זיך אויך איין. און ביידע פאַרנעמען זיי אַ געזאַנג, אַ גאָר־ווייטן און פאַרגייענדיקן געזאַנג. הויבט ער אָן צו שמייכלען און פילט זיך גוט.

דעמאָלט קוקט ער אַריבער צו זיין ווייב און קליינע קינדער, וואָס שלאָפן אין דעם זעלביקן צימער. און אַ רחמנות־געפיל נעמט אים דורך, קוקנדיק אויף דעם שוין אַביסל פאַרוועלקטן בלייכן גע־זיכט פון זיין פרוי, מיט די צוויי גרויסע קנייטשן, ווי האַלבע לבנות אַרום די מוילווינקלען. ער קריכט שטיל אַרונטער פון זיין בעט, דערנענטערט זיך צו זיינע שלאָפעדיקע קינדער און קושט זיי שטיל און שמייכלענדיק. ער דעקט אַביסל איין זיין ווייב מיט דער קאָלדרע, וואָס האָט זיך פון איר אַרונטערגעגליטשט. דאָס רעשטל פון דער נאַכט פאַרברענגט ער שוין ביים פענסטער, אַרויסקוקנדיק אין דרויסן, ווו אַלץ איז אַזוי רויק, און איינגעהאַלטן אין זיך, און בלוי, און שטיל, און ווייסרונדיק, ווי די פונאַנדערגעלאָזענע פּעדערן פון אַ גרויסן פּאַווע־עק.

און אַמאָל פּאַסירט עס, אַז עמעצער פון זיינע שטוביקע ווערט געפערלעך קראַנק. און איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז זיינס אַ קינד איז געשטאָרבן. אין אַזעלכע פאַלן איז ער געוויינלעך נאָכמער שווייגנדיק און נאָך מער פאַרטון אין זיך, אויף אַזוי פיל, אַז אַ זייטיקן דוכט זיך אויס, אַז דאָס אַרומיקע רירט אים גאָרנישט אָן... אַזוי פרעמד קוקט ער אויף אַלעמען און ווי נישט קיין היגער.

אָבער נאָך אַ שטיקל צייט פון אַזאַ אינעווייניקסטער פאַרטראָגנקייט ווערט זיין פּנים באַלויכטן און עפּעס אַזוי יסורימדיק־שמייכלענדיק: ער הויבט אָן, קענטיק, שטאַרקער צו פילן דעם טעם פון לעבן... עס איז גוט, — טראַכט ער, — וואָס אויף דער וועלט זענען פאַראַן ליידן. עס רייניקט אַ מענטשן. עס מאַכט אים ליב האָבן, — ליב האָבן דאָס באַרישע מיאוסע לעבן און זיינע קוויטיקע מיטמענטשן... עס עפנט איינעם אויף די אויגן אַפילו אויף דער שיינקייט פון לעבן און צייט אַוועק אַביסל דעם פאָרהאַנג, וואָס הענגט איבער דעם ציל און דעם וועג פון איינעמס זיין אויף דער וועלט.

— דאָס געוויינלעכע און אַלטעגלעכע פאַרמאָגט דאָך אַזוי פיל שיינקייט... — טראַכט ווייטער חיים. און נאָך טראַכט ער וועגן פאַרשידענע זאַכן, וועגן וואָס ער קאָן נישט אַרויסזאָגן. נעמט ער פּלוצלינג אַרום זיין פרוי און קושט איר שוין אַ היפּש ביסל אָפּגעבליט פּנים. קאָן זי עס נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס עפּעס אַזוי פּלוצלינג — און הויבט אָן צו וויינען. קוקט ער איר אין די אויגן אַריין און זאָגט בלויז:

— אַך, וואָס ווייסטו... עס איז דאָך אַזוי ווויל צו לעבן!..

נאָר ער האָט דאָס אַפילו אויך נישט געזאָגט: ער האָט עס בלויז געטראַכט.

און עס מאַכט זיך אַמאָל פאַרקערט: ער געפינט זיך אין אַזאַ קאַלטער און צו־אַלץ גלייכגילטיקער שטימונג... פירט זיינע אויגן אָן אַ מיין איבער די בלעטער פון אַ צייטונג. מיטאַמאָל הויבט ער אויף זיין קאָפּ, הערט זיך אַ ווײַלע איין און גייט צו צום פענסטער.

אין דרויסן איז רעגנדיק און נאַס. אַ קאָמפּאַניע יונגע-לייט שטייטביים בלייכן שיין פון אַ טונקל-בלישטשענדיקער לאַמטערן. שטייען אַזוי, איינגענעצטע און באַגאָסענע, מיט די דזשיקעס אַריבער-געדרוקט איבער די אויגן, מיט די הענט אַריינגעשטעקט אין די קע-שענעס, און זינגען אין דער פייכטער נעפּלדיקער לופט אַריין...

אַזוי זאָרגלאָז און האָפונגספול, ווי זיי וואָלטן געזונגען אַ סע-רענאַדע צו דער לאַמטערן ביי נאַכט.

קריצן זיך איין דידאָזיקע ווערטער מיטאַמאָל, מיט אַ פּלוצלינג-דיקער וויכטיקייט, אין זיין געהירן:

— אַ לאַמטערן ביינאַכט.

די לאַנגע נאַכט. אַמאָל איז ער דאָך אויך געווען אַ בחור און האָט געזונגען, ווי דידאָזיקע יונגעלייט. דידאָזיקע יונגעלייט, ווידער, וועלן דאָך אויך עלטער ווערן און, דענקענדיק, אַז זיי זענען אָפּגע-נאַרט, אויך חרטה האָבן, ווי ער.

אָט אַזוי, אַפּנים, גייט עס שוין און אַזוי וועט עס שוין גיין פון דור צו דור. מען האָפט אין דער יוגנט, מען קוקט זיך גאָר-נישט אַרום, ווי מען קומט אָן אין די מיטעלע יאָרן און אַז מען דערזעט, אַז מען איז שוין אין די מיטעלע יאָרן, דוכט זיך: מען האָט עפּעס דאָס לעבן אַריבערגעאיילט. מען האָט אַזוי געאיילט, אַז מען האָט עפּעס פאַרפעלט — פאַרפעלט, דוכט זיך צו לעבן.

און דאָך זינגען זיי איצט, דידאָזיקע יונגעלייט... ווען זיי וועלן עלטער ווערן, וועלן זייערע קינדער זינגען. אָפּזינגען זייער ליד, זיך צוועקבויגן צו דער עלטער און אויף זייער אָרט וועלן זיך באַווייזן אַנדערע. פון אייביקייט צו אייביקייט. אַ שיינער חלום. אַלץ איז פאַרבייגייענדיק און פאַרגענגלעך, אָט ווי דאָס אַמאָליקע פרישע שיינע געזיכט פון זיין פרוי. און אַזוי וויל איז צו די יעניקע, וואָס פאַר-מאָגן אַן אויג, וואָס זאָל אַרומכאַפּן די פאַרגאַנגנהייט מיט דער צוקונפט. אין דער פאַרגאַנגנהייט האָבן מיר אַליין געזונגען, אין דער צוקונפט וועלן אַנדערע זינגען. אַנדערע—אָבער דאָך זינגען...

ווערט דעמאָלט חיימען גוט, פאַרשטייענדיק; און אַ לויטערער און אַ רויקער לייגט ער זיך שלאָפן.

1913

II. צום נייען האָפן

(חלום־דערציילונגען)

צום בײַען האָפן

פֿאַרטאָג פֿלעגט עס פֿאַרקומען, יעדן פֿאַרטאָג. עס איז אַזוי לאַנג פֿאָרגעקומען און אַזוי פּינקטלעך און צו דער צײַט, ביז װאַנען ער האָט שוין אַליין אָנגעהויבן װאַרטן אויף דעם מיט דער גרעסטער אומגעדולד. און געװאַרט האָט ער אײַנצײַטיק אי מיט ציטערדיקער האָפֿנונג און אי מיט אומדערקלערבאַרן שרעק.

— װאָס האָט עס געזאָלט באַדײַטן?

װײַל געװען איז ער דאָך מער נישט, װי אַ סטאָליער, — מענדל סטאָליער, נאָך פֿון דער היים אַרויס. דאָ, אין אַמעריקאַ, איז ער טאַקע באַקאַנט געװען מיטן נאָמען „מענדל דער קאַרפּענטער". ער האָט זיך אָפּגעאַרבעט אַלע זײַנע טעג און יאָרן בײַ זײַן מלאכה, כשר און ערלעך פֿאַרדינט זײַנע פּאָר גראָשן. איצט האָט ער אויף די הענט זײַנע שוין מער קיין מאזאָליעס נישט געהאַט, נאָר בערגלעך אַזעלכע און אָנװוּקסן פֿון פֿאַרהאַרטעװעטן װילד-פֿלייש, װי אויף פֿערדס קאָפּיטעס, זײַנע הענט זענען געװען באַצויגן מיט דיקער הויט, װי קאָרע, און דער קאָפּ זײַנער דער מאַרך, — כאָטש ער איז נישט געװען אַזוי דיק-פֿאַרהאַרטעװעט, װי די הויט אויף זײַנע הענט, — איז אָבער אויך נישט געװען פֿון אַ צו-

איידעלען שטאָף. ער האָט זיך מיט קיין סך פאַלדן און קנייטשן נישט אויסגעצייכנט, דער מאַרך זיינער.

פלעגט אינדערפרי דער מאַרך זיינער האַלטן אין איין טראַכטן, פאַר אַ גאַנצער שעה פאָרויס, אַז ס'איז שוין באַלד פינף מינוט צו זיבן, — מען דאַרף שוין אויפשטיין: ער קאָן נאָך פאַרשפּעטיקן זיין עקספּרעס-צוג דאַון-טאַון. בייטאָג פלעגט ער טראַכטן, וואָס איז בעסער און ביליגער צו עסן פאַר „לאָנטש", אַזוי, אַז עס זאָל נישט קאָסטן קיין סך און דאָס עסן זאָל אויך אַנטהאַלטן אין זיך אַלע נויטיקע שפּייז-אינגרעדיענטן. און פאַרן שלאָף פלעגט ער אָנשטעלן דעם וועק-זייגער אויף דער ריכטיקער צייט און אַנטשלאָפן ווערן נאָך איידער ער האָט באַוויזן זיך גוט צוצודעקן מיט זיין קאָלדרע. אַזוי מיד איז ער געווען.

פאַרגייט אַזוי אַ טאָג, און אַן אַנדערער.

ער פלעגט, מער פון אַלץ, אַרבעטן. דערנאָך — עסן, טרינקען טיי, לייענען אַ צייטונג, גיין אויף מיטינגען, אַמאָל צו אַ בענעפיס-טעאַטער-פאָרשטעלונג — און גאָרנישט. ער איז געווען צופרידן מיט זיין פּלאַץ אויף דער ערד, מיט זיין לעבן, — מיט דער גאַנצער וועלט.

און די וועלט — די וועלט האָט בכלל נישט געוווּסט, אַז ער, מענדל סטאָליער, איז גאָר דאָ אויף דער וועלט.

און איצטער — — —

פאַרטאָג פלעגט עס פאָרקומען, יעדן פאַרטאָג.

שוין אַ היבש שטיקל צייט אַזוי. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז עס אין אים געוואַקסן, דידאָזיקע אומרויִקייט, אויף צו־להכעיס אַזאַ אָנגענעמע, — כאָטש זי האָט דאָך אים אַ שטיק פון דער נאַכט שלאָפן נישט געלאָזט. און גאָר אין שפּעט-נאַכט, אַרום דער דריטער אשמורה, פלעגט זיך די אומרויִקייט אין אים אַזוי פונאַנדערוואַקסן, אַזוי פונאַנדערשפּרייטן, אים איינגאַנצן אַזוי אָנפילן, אַרומכאַפּן, ווי מיט אַ נעפּלדיקער איינוויקלעכץ — אַז ער פלעגט אויפשטיין.

ער פלעגט מוזן אויפשטיין. ער האָט זיך דאָך שוין מער ווי איינמאָל געהאַט איינגעשפּאַרט, אַריבערגעצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ, געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען איינצושלאָפן, זיך פאַרשטאָפּט די אויערן צום רוף — נאָר אומזיסט. עס האָט צו-שטאַרק גערופן. עס האָט צו-שטאַרק געזונגען אין דער נאַכט.

אַ ווילנלאָזער, ווי אַ נאַכטוואַנדלער, פלעגט ער דעמאָלט פון בעט אַרויסקריכן און צוגעצויגן ווערן צום פענסטער. ביים פענסטער פלעגט ער צוקלעפן זיין פנים צום שויב און מיט ברייט-פונאַנדער-געעפנטע, — בלינד - זעענדיקע אויגן — אַרויסקוקן אין דער נאַכט אַריין.

די נאַכט איז געדיכט-בלוי, — קוים וואָס מען זעט דעם הימל אַרויס. און אינם הימל — אין איין נאַכט אַ קיילעכדיקע, גאָלדענע און היפשע מטבע, און אין אַן אַנדער נאַכט — בלויז אַ פענעצל פון אַן אַפעלסין, און תמיד — שטיל אַזוי. ער הערט קלאָר, ווי ס'זינגט.

דער געזאַנג דער ווייטער, האָט מענדלען אַזוי שטאַרק געצויגן, אַז ער פלעגט דאַרפן מאַכן אַ גרויסע אָנשטרענגונג, ער זאָל נישט נעמען, מענדל, און אַרויסשפאַנען אינם בלויען דרויסן גלייך דורכן פענסטער אַרויס.

און ער האָט דאָך געווינט אויפן פיפטן עטאַזש.

נישט אַנדערש: דינע אומגעזעענע, גאָלדענע אָדער זילבערנע, שטריק זענען פון ערגעץ פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אים, אויף מענדלען און האָבן אים געצויגן אַהין, פון וואַנען זיי זענען פאַרוואָרפן געוואָרן, אומגעזעענע. גאָלדענע אָדער זילבערנע שטריק.

און אַז עטלעכע נעכט זענען אַזוי פאַרלאָפן, איז אים איינגיכן שטום אַזוי קלאָר געוואָרן: דער פלאַץ, וווּהין עס ציט אים, איז נישט קיין אומבאַקאַנטער. — ער איז שוין דאָרטן אַמאָל געווען. עס האָט אים איצט בלויז אהין צוריק געצויגן.

און אין נאָך אַ פאָר נעכט אַרום האָט ער שוין געוווסט, מענדל סטאָליער, די ריכטונג פונם וועג, אין וועלכער עס ציט אים אַזאַ לאַנגע צייט. זיינע אויגן האָבן זיך שוין דאַן אומאָפהאַלטלעך געפלאָנטערט אינם געפלעכט פון פייערן און מאַסטן-סילועטן אויפן וואַסער, — אויפן וואַסער, וואָס האָט אין דער טונקלקייט געשימע-רירט אויפן ווייטן זוים פון דרויסן.

דאָסדאָזיקע וואַסער איז געווען דער לאָנג איילאנד סאונד.

אַ טונקעלער, אַן אומהיימלעכער פּאַס שוואַרצקייט... דאָ און דאָרט פֿלעגט עס אויפֿשימערן מיט גאָלדענע שופּן, ווי מיט האַלבע אייער-שאָלעכצן. און שיפֿן זענען דאָרטן געשוווּמען, שיפֿן מיט קליינע, לויכטענדיקע פֿענסטער: זיי האָבן אַזוי געוואַלטיק-אומהיימלעך געריסן דאָס האַרץ מיט זייער רוף. שיפֿן פֿונעם נידעריקן ניו-יאָרק בעי, וועלכע האָבן מיט טויזנטער פֿענסטערלעך געפֿינטלט אין דער נאַכט אַריין, ביז זיי זענען געוואָרן פֿאַרשווּנדן מיטן וואַסער אַרויפֿצו, אויפֿן וועג קיין ניי-ענגלאַנד.

בייטאָג, ביי דער אַרבעט, פֿלעגט ער דערנאָך נאָכאַנאַנד אַרומגיין מיט אין-זיך פֿאַרזונקענע בליקן: אַן אומהיימלעכע דערווייטערטקייט האָט מענדלען איינגענצן אַרומגעכאַפּט. ער האָט אָנגעהויבן אויסצוווייכן צו קוקן מענטשן גלייך אין די אויגן אַריין, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז ער באַהאַלט וואָס פֿון זיי. ער האָט אָבער אויך מורא געהאַט צו דערציילן עס אַ זייטיקן און האָט זיך אַפֿילו געשראָקן, טאָמער וועט עס עמעצער פֿון זיינע אויגן סיי-ווי אַרויסליינען.

יעדע נאַכט. ווי נאָר ער האָט זיך שלאָפֿן געלייגט, פֿלעגט אים אַ חיהדיקער שרעק אַרומנעמען און צוזאַמען דערמיט אויך אַ האָפֿנונג, — אַ האָפֿנונג אַז היינטיקע נאַכט וועט עס נישט פּאַסירן... אָבער באַלד דערויף פֿלעגט ער מיט אַ נאָגנדיקן ציטער דערשפּירן, אַז אין די טיפֿסטע ווינקעלעך פֿון זיין נשמה וויל ער, דווקא אַז עס זאָל יאָ פּאַסירן... אַן אומרויִקער, אַ זיך-שלאָגנדיקער מיט דער דעה, אַ שרעקעדיקער אַ נישט-פֿאַרשטייענדיקער, פֿלעגט ער דערנאָך פֿאַרמאַטערטערהייט איינשלאָפֿן.

און פֿאַרטאָג, אַרום דער דריטער אשמורה, פֿלעגט עס אים ווידער אַ ברי טון, אַרויסרייסן פֿון בעט און צושלעפּן צום פֿענסטער. די שיפֿן, וואָס זענען אַרויף דעם לאָנג-איילאַנד סאונד געשוווּמען, האָבן פֿאַר אים אַ פֿייערדיקן וועג געצייכנט, — אַ פֿאַרטאָגיקן שליאַך, אויף וועלכן עס האָט אים מיט אומאָפּהאַלטבאַרע כחות געצויגן. ער האָט זיך שוין אַפֿילו איינמאָל דערזעען גייענדיק אַזוי איבערן וואַסער, — אַ נאַקעטער, אין דער נאַכט, — איבערן ווייסן וואַסער-דונג.

— איז װער־זשע צינדט עס אים אָן און ברענט אים פונאַנדער יעדן פּאַרטאָג ?

ביז װאַנען ער האָט אין אײנער אַ נאַכט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן: אַ האַלב אָנגעטונענער װי אין היץ, איז ער אין דרויסן אַרויסגעלאָפן.

גיך־גיך איז ער אין דער ריכטונג צום װאַסער געגאַנגען, אַזוי אַז די אומגעזעענע שטריק װאָס האָט זיך פון זײַן חדר צום ברעג געצויגן, איז װאָס אַמאָל אַלץ קורצער געװאָרן. ער איז געגאַנגען דורך פאַרשלאָפענע, אָפּגעלײדיקטע גאַסן, צװישן אויסגעלאָשענע מויערנקאַסטנס. און ער איז באַלד געװען בײַם קלײנעם, זײַטיקן האַפן, אויף דער הונדערט־עטלעכע־דרײַסיקסטער גאַס, און איז געבליבן דאָרט שטײן: אַ שטילער און אַ װאַרטנדיקער... ער האָט זיך איצט שוין געװונדערט, צו װאָס ער איז עס גאָר אינגאַנצן ערשט געקומען אַהער.

דער קלײנער פאַרלעגענער פּיער¹) איז געװען איצט פּוסט. אַמאָל פלעגן פון דעמזעלביקן פּיער אָפּגײן שיפן צו אַ װײַטלעכן אינזל אין דעם סטײטען־אײלאַנד ים־דורכגאַנג. נאָר איצטער האָבן דידאָזיקע שיפן אויפגעהערט צו קורסירן. אַ פּאָר מאָל דורכן טאָג בלויז פלעגן אָפּגײן פונדאַנען קלײנע, פאַרלאָשענע און כריפּענדיקע מאָטאָר־שיפלעך צום מצורעים שפּיטאָל, װאָס האָט זיך געפונען אויפן נאָענטן ברעג אויף יענער זײַט װאַסער.

נאָר אַז מענדל האָט זיך שאַרפער אַרומגעקוקט, האָט ער דערזען:

אַן אַלטער פאַרשלאָפענער מאַטראָז האָט זיך געפּאָרעט דאָ אַרום דער קלאַדקע און געדונערט מיט די קײטן. גרויסע קאַסטנס פּראָװיאַנט־שפּײַז פאַרן נאָענטן שפּיטאָל — זענען געװען אָנגעװאָרפן אַרום און אַרום. ס'איז געװען קאַלט, פאַרטאָגלעך, רוי.

פון יענער זײַט פּיער האָט געבלאָזן אַ דורכנעמענדיקער,

---

1) דעבאַרקאַדער

געזאַלצן-וואַסערדיקער ווינט. און דורך דער פיער-עפענונג צום וואַסער-
צו האָט זיך געזען אַ גרויסע, בייכיקע שיף שטיין, — אַ שיף מיט
געלע, אומעטיק-לויכטנדיקע פענסטער, — ווי אַ גרויסע אויפן-וואַסער
טרומנע. אַ קילע, אַ פאַרגליווערטע שיף. אַפילו קיין קנוילן פאַרע
האָט זי פון זיך נישט אַרויסגעלאָזן. אַן אויסגעטראַכטע, אַ נישט-היגע
שיף.

— וווהין גייט די שיף? — האָט מענדל, אין אַן איילִיקער
שטים, ווי אַן אַנטלויפנדיקער גנב, געפרעגט דעם אַלטן, עובר-בטל-
דיקן מאַטראָז, וועלכער האָט זיך אַ שאָטנדיקער און איינגעבוי-
גענער אַרומגעדרייט דאָ איבערן אָפגעלעגענעם פיער אין דעם קאַלטן
פרימאָרגן.

— קיין נ י ו - ה י י ו ע ן — האָט זיך אַ טרוקענער, אויסגעהוילטער
ענטפער דערהערט. דער מאַטראָז האָט זיך אַפילו אויף אים נישט
אומגעקוקט: זיין פנים איז געווען געבויגט צו דער ערד, פאַרטיפט
אין זיין שליחות.

— קיין ניו-הייווען — האָט מענדל איבערגעחזרט אין דער
שטיל. אים איז געוואָרן עפעס קיל פונם ענטפער און אַ סקרוך איז
אים אַדורך איבערן לייב: קיינמאָל האָט ער נישט געהערט, אַז פון
אָט דעם פיער זאָלן אָפגיין שיפן קיין ניו-הייווען... ער האָט אָבער
אין דערזעלביקער צייט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס א י ז ע ס, —
אויף דעם האָט ער עס געוואַרט זיין גאַנץ לעבן... זיכער: אַהער
האָט עס אים די גאַנצע צייט געצויגן.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צום בילעטן-פענסטערל.

נאָר באַלד האָט ער זיך אַ כאַפ געטון צוריק. וואָס איז ער,
משוגע געוואָרן, צי וואָס? צוליב וואָס וועט ער דאָס פאָרן אין אַן
אומבאַקאַנטער שטאָט, אין דער שטאָט ניו-הייווען, אין וועלכער ער
איז אין זיין לעבן נישט געווען? וועמען קען ער דאָרט און וועמען
ווייס ער דאָרט? און וואָס וועט ער דאָרט טון?

ער האָט דריי מאָל אויסגעשפיגן. שנעל, אַנטלויפנדיק, האָט ער
זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג, ער האָט אַפילו אַ מאָדנעם שמייכל
געטון — ווי איינער, וואָס כאַפט זיך אויף פון אַ שרעקלעכן חלום

און אַ באַגאָסענער מיט שווייס, שמייכלט ער, וואָס עס איז מער נישט געווען ווי אַ חלום.

און די שטילע שיף איז דאָרט די גאַנצע צייט געשטאַנען: זי האָט געפייערט מיט אַלע אירע קיל-רויטע פענסטערלעך אין דער נאַכט אַריין און רויק געוואַרט.

און ווי ער האָט געהאַלטן ביים אַרויסגיין, דערזעט ער, מענדל, ווי אויף דער ערד ליגט אַ פעקל מאָרגן-צייטונגען, — פרישע, נאָך שמעקעדיקע מיט דרוק-פאַרב. פריער, ווען ער איז אריינגעקומען, זענען זיי דאָרטן נישט געווען, די צייטונגען. איצטער איז אויך קיינער נישט געשטאַנען לעבן זיי. עמעצער האָט זיי אַוודאי געמוזט ברענגען און דאָ אַוועקגעלייגט, זיי זאָלן זיך אַליין פאַרקויפן.

אַ שטיין איז געלעגן אויפן פעקל.

און ער נעמט אַרויס א „וואָירלד" און הויבט אָן אויטאָמאַטיש צו לייענען די „פאַרלאַנגט"-אַנאָנסן — דאָס אייגנציקע, וואָס עס איז אים ווען-עס-איז אויסגעקומען צו לייענען אין אָט דער צייטונג:

— אַ גרויסע אַרבעטס-ביורא זוכט אַרבעטער סטאָליאַרעס, וועלכע זאָלן פאָרן קיין נ י ו - ה י י ו ע ן אַרבעטן — היגיענישע אַרבעטס-באַדינגונגען, הויכער געהאַלט און לייכטע אַרבעט; רייזע-קאָסטן באַצאָלט.

האָט עס אים, מענדלען, גלייך אַ לויכט געגעבן אין קאָפּ.

— אָט, האָט ער דאָך אַן אויסרייד פאַר זיך, צוליב וואָס צו פאָרן אַהין, וווּהין עס ציט אים אַזוי שטאַרק...

און אפשר איז דאָס גאָרנישט קיין אויסרייד — אָט דאָס איז עס טאַקע... אָט דאָס האָט עס אים די גאַנצע צייט אַזוי געצויגן אין דער אומבאַקאַנטער שטאָט, — זיין גליק, זיין פאַרשפּעטיקט גליק, בייט ענדלעך אויף...

קיין מינוט מער נישט פאַרלירנדיק, איז ער ווידער צוגעגאַנגען צום בילעטן-פענסטערל.

— אַ בילעט קיין ניו-הייווען.

נאָר דאָרט איז אָבער קיינער נישטאָ — דאָרט איז ליכטיק און פּוסט. און אין אַ ווײַלע אַרום, אַז ער שטייט אַזוי און וואַרט, עפנט זיך דאָרט, אינם קעמערל, אויף אַן אינווייניקסטע טיר, און עס קומט אַרײַן, ווי פון אַ וואַנט אַרויס, אַט יענער אײַנגעבויגענער, צובער-בטלדיקער מאַטראָז, — דאָס איינציקע לעבעדיקע באַשעפעניש, אויסער מענדלען, וואָס האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט אויפן פּיער. ער פאַרקויפט אים אַ בילעט שווייגנדיק, נישט אויפהויבנדיק אַפילו דעם קאָפּ אַ קוק צו טון אויף אים.

און אינדרויסן אויפן קאַלטן, פּליעסקענדיקן וואַסער, האָט אַלץ געוואַרט אויף אים די שיף, — אַ שטילע, אַ שווייגנדיקע, אַ רויקע און זיכערע... און געלויכטן האָט זי אין דער סוף-נאַכטיקער לופט אַרײַן מיט אירע הונדערטער רויטע אויגן.

און שפּעטער איז מענדל סטאָליער געזעסן אין אַ ווינקל פון שיף, אַן אומגעדולדיקער, מיט אַ פריידיקער אומרו אין האַרצן. זיין פאַנטאַזיע איז פאַרלאָפן פאָרויס, אין דער אומבאַקאַנטער ווייטער שטאָט — „דער נייער האַפן“ — דער שטאָט, וואָס ער איז נאָך קיינמאָל אין לעבן דאָרט נישט געווען. איינס האָט ער איצט קלאָר געוווּסט: פאָרן מוז ער אַהינצו, אַז ער האָט אַנדערש נישט געקאָנט טון, און אַז אַלץ וועט זיך שוין אַוודאי אויסלאָזן צום גוטן.

דער טאָג האָט גענומען שפּראָצן פון וואַסער אַרויס. אַ גרויער ים האָט זיך גענומען אַרויסשיילן פון זיין ביינאַכטיקער שאָלעכץ. און ביים אָנבליק פונם פעלד צעשמאָלצענעם פערלמוטער האָט זיך די פרייד אין מענדלען נאָכמער פאַרשטאַרקט.

און אַז דער טאָג איז אונטערגעוואַקסן, אַ גרויסער פּולצווייגנ-דיקער בוים פון ליכטיקייט, — און האָט זיך געברייטערט איבער דער וועלט אַרום, זענען זיי פאַרבייגעפאָרן די שטאָט ברידזשפּאָרט, די שטאָט, וואָס איז אַ בריק צו ניו-הייווען.

די רו און זיכערקייט האָט זיך דעמאָלט געשטאַרקט אין אים. מיט פרייד און האָפנונג האָבן אַרויסגעקוקט די טורעמס, די הויכע הייזער שפּיצן און די קוימענס, פון די פילע וואפן-פאַבריקן פון דער שטאָט ברידזשפּאָרט.

און די שיף איז ווייטער געפאָרן, אַ שווייגנדיקע און שטילע. אַלע אירע ליכטער און פענסטערלעך זענען שוין געווען איצט אויס-געלאָשן, ווייל ס'איז געווען גרויסער טאָג.

מענדל האָט אַפילו נישט געזען, אויב אויפן שיף זענען דאָ נאָך פּאַסאַזשירן, אָדער ער איז דאָס בלויז איינער אַליין. אים איז עס געווען, ווי אויפן שיף איז גאָר קיינער נישטאָ, אויסער דעם איינפאַלנדיקן און צעפאַלנדיקן מאַטראַז — אַזוי פאַרטיפט איז ער געווען אין זיך-וווּנדערן איבער דער גרויסער פרייד, וואָס עס וואַרט אויף אים מסתמא אין דער אומבאַקאַנטער שטאָט.

עס איז שוין געווען שטאַרקער בייטאָג, ווען די שיף מיט מענדלען איז אָנגעקומען קיין ניו-הייווען. די זון האָט געברענט אינ-מיטן הימל. די שטאָט איז געווען אַ נייע, מיט אַסך פּיל-פענסטער-דיקע און פּיל-גאָרנדיקע הייזער, וועלכע האָבן זיך געהויבן ביים ברעג, ווי הויכע טאַפּאָלן.

און אַ טומל האָט דאָרט געהערשט און אַ געפּילדער אַן אום-געוויינטלעכער — אַ טומל און אַ געפּילדער פון אַ נייעם לאַנד.

יאָ... אין איינעם אַ פּלאַץ פון אָט דעם רוישיקן גאַסנפּלאָנטער האָט אויף מענדלען געוואַרט אַ גרויסע פרייד: זי איז עס געווען, וואָס האָט אים געשלעפּט אַהער מיט די אומגעזעענע, גאָלדענע אָדער זילבערנע שטריק.

מענדל האָט זיך געלאָזט גיין איבער די גאַסן מיט אַ לויכטנ-דיקן פּנים, אַ ווילנלאָזער און אַ געצווונגענער. די אויגן האָט ער די גאַנצע צייט געהאַלטן פאַרריסן אינדערהויך — ער האָט אָנגעקוקט מיט גרויס אינטערעס די נייע מויערן, וואָס אין דער נייער שטאָט,

אין וועלכער עס האָט אים אַזוי שטאַרק געצויגן יעדן פאַרטאָג־יעדן פאַרטאָג.

און אַז ער איז אַזוי ווייטער געגאַנגען מיט די פאַריסענע אויגן אינדערהויך איז אַ טראַמוואַי אָנגעקומען, האָט אים אומגע־וואָרפן און פאַרגליווערט אַ זיך־וווּנדערנדיקן שמייכל אויף זיינע עטוואָס צעעפנטע ליפן, פון וועלכע אַ ריטשקעלע בלוט איז גערונען.

און דער טאָג איז נאָך גאָלדיקער געוואָרן. די זון האָט נאָך שטאַרקער געלויכטן. עס איז שוין באַלד געווען פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג.

ווי איך האָב געזען גאָט

אַז איך בין געווען נאָך גאָר אַ קליין ייִנגל, אַ יאָר צען־צוועלף, האָב איך זיך אַריינגענומען אין קאָפ, אַז איך מוז זען גאָט. כ'האָב שוין לאַנג געהאַט געוואָלט זען גאָט, זען אים מיט מיינע מענטשלעכע אויגן. כ'האָב געוואָלט האָבן אַ בילד פון אים, אַ בילד פונעם וועזן, אין וועמעס אַנוועזנהייט אויף דער וועלט — נישט ערגעץ, נאָר טאַקע אויף אונזער וועלט — כ'בין געווען אַזוי זיכער פונקט, ווי איך בין געווען זיכער, אַז כ'האָב געהאַט אין דער ווייטער שטאָט קיעוו אַ פעטער, כאָטש כ'האָב אים קיינמאָל נישט געזען. נאָר ביז דעמאָלט, ביז אָט יענעם מאָל, וועגן וועלכן איך וועל דאָ דערציילן, האָב איך בלויז געהאַט אַ געדאַנק פון אים, פון גאָט, אָבער נישט קיין פאָרשטעלונג.

איז איינמאָל גייענדיק פון חדר אַהיים, גייענדיק פאַמעלעך אַזוי אַרויף אַ באַרגיקער גאַס — אונזער שטאָט איז אינגאַנצן געלעגן אויסגעשפרייט אויף די שפועס פון בערג ביים ברעג פון אַ טייך, און אונזער גאַנצע געגנט איז געווען באַקאַנט, ווי די פאָלעסיער שווייצאַריע — איז גייענדיק אַזוי אינם גאָלדיקן פאַרנאַכט, אונטער אַ פערלמוטערנעם הימל, האָב איך זיך אַזוי געטראַכט:

— — אַז מען נעמט זיך אַריין עפּעס זייער שטאַרק אין קאָפּ, אַז מען טראַכט וועגן אַ זאַך נאָכאַנאַנד און עקשנותדיק, האָט מען סוף־כּל־סוף וועגן דער זעלבער זאַך אַ חלום. די בײנאַכטיקע חלומות, האָב איך נאָך אין חדר געלערנט ערגעץ אין אַ גמרא, קומען פון די פאַרשידענע צופעליקע געדאַנקען און פאַרשטעלונגען, וואָס לויפן דורך אַ מענטשנס מוח דורך די טעג, דורך די וואָכעדיקע טעג. אויב אַזוי, פאַרוואָס קען איך נישט זען גאָט? איך וועל טאָג נאָך טאָג, טאָג נאָך טאָג, דערהויפּט פאַרן שלאָפן־גיין — אָוונט נאָך אָוונט וועל איך טראַכטן, אַז איך ווי ל, איך ווי ל, איך ווי ל זען גאָט. וועל איך אים סוף־כּל־סוף דערזען.

די טעג און די אָוונטן פאַרן שלאָפן־גיין זענען ביי מיר דעמאָלט געווען זייער פּאַסיק פאַר אַזעלכע טראַכטונגען. מיינער אַ קלענערער ברודערל איז געווען געפערלעך קראַנק אויף סקאַר אַטינע און האָט גאַנצענע טעג און נעכט גערעדט פון היץ. מיך האָט מען אַוועקגעשיקט צו אַ ווייטן קרוב אין אַן אַנדער טייל שטאָט, ביז מיין ברודער וועט געזונט ווערן. מיין ברודערל איז קיינמאָל נישט געזונט געוואָרן. נאָר וועגן דעם, ווי אויך וועגן אַ געבאַקטן עפּל, וואָס איז געווען די אורזאַך פון מיין ברודערלס טויט, וועל איך אייך אפשר אַן אַנדערש מאָל דערציילן.

דער קרוב אונזערער איז געווען אַ „בעזדיעטניק", און איך האָב נישט געהאַט מיט וועמען צו שפּילן זיך. מיט די קינדער פון גאַס פלעג איך מיך קיינמאָל נישט קאָנען אַזוי גיך באַפריינדן. פלעג איך זיצן אין די אָוונטן, נאָך וועטשערע, אויף דער הויז־פּריזבע. נו, פלעג איך אָפּזיצן גאַנצע אָוונטן און טראַכטן, אַז איך דאַרף, איך ווי ל, איך וועל זען גאָט.

אויף דער פערטער נאַכט האָב איך געזען גאָט.

געקומען איז ער צו מיר אין דער געשטאַלט פון אַ הויכער, זייער הויכער יידענע, מיט ריזיקע, ברייטע גלידער, — אַ יידענע, וואָס איז ווי צונויפגעקנאָטן פון פינף יידענעס. די יידענע איז געשטאַנען ביי אַ גרויסן אויוון, — אַ קאַלך־אויוון — און האָט געהאַלטן אין איין אַריינלייגן און אַרויסנעמען פון דאָרטן גרויסע סקאוואראדעס, ברייט און גרויס אַזוי, ווי ריזיקע באַליעס.

דער אויוון און דער צימער, אין וועלכן ער איז געשטאַנען, האָבן

זיך געפונען אין אַ גרויסער פֿאַבריק, ווו מען מאַכט שוועבעלעך, אַזאַ פֿאַבריק האָט זיך טאַקע געפונען אין אונזער שטאָט. אין דעם צימער, ווו דער אויוון איז געשטאַנען, פֿלעגן עס די שפּעטערדיקע צינד-העלצלעך געטונקען ווערן אין גרויסע טונען צעשמאָלצענעם שוועבל. קינדווייז בין איך איינמאָל געווען אין אָט דער פֿאַבריק. מיינע אַ שוועסטער האָט דאָרט געאַרבעט.

און אין דעם אויוון, לעבן וועלכן עס איז געשטאַנען דער יידענע-גאָט, איז אַזוי טרוקן און הייס, ווי פּרייטיק אינדערפֿרי אין אַ קליינשטעטלדיקן, יידישן אויוון, איידער מען זעצט אַריין די חלה, איידער נאָך מען האָט דורכגעפּירט איבער די צונטערדיקע ציגל מיט אַ נאַסער פּאָמעלע, זיי אָפּצוקילן. קיין פֿייער זעט מען נישט אין דעם אויוון, און דאָס שרעקט אַזוי מאָדנע אָפּ. די היץ שפּאַרט אַרויס, נישט אַנדערש סאַמע פֿון די אָנגעגליטע רויטע ציגל און שטיינער, ווי פֿון דעם פֿאַרע-אויוון אין אַ באָד.

איך, אַ קליינינקער, שטיי, נאַטירלעך, היפּשלעך ווייט פֿונם אויוון. כ׳וואָלט פֿאַרברענט געוואָרן פֿון דער בלויזער הייסער לופֿט, וואָס שטראַלט אַרום דעם אויוון. נאָר די ריזיקע יידענע שטייט דאָרט גאָר נאָענט. געשעפּטסמעסיק און נישט גערירט, מיט אַ קאַלטן און פֿאַרטאָנענעם פּנים, האַלט זי אַלץ אין אַרויסנעמען איין סקאָוואָראָדע נאָך דער אַנדערער. אַז זי נעמט אַרויס די סקאָווארֿאדע, קערט זי איבער עפּעס, וואָס פּרעגלט זיך דאָרט, אויף דער צווייטער זייט, און רוקט זי ווידער אַריין אין אויוון אַריין, די סקאָוואראדע.

די גרויסע יידענע, וועלכע איז געווען גאָט, איז געווען איינגעוויקלט אין אַן אומגעהייערן טלית. דער טלית איז געווען פֿאַרוקט איבערן קאָפּ, און אַן עטרה איז געווען אויפֿן שטערן — אַ זילבערנע עטרה, נאָר שוין פֿאַרטונקלט היפּש און פֿאַרשוויצט, פֿאַרסמאַליעט און פֿאַרשמירט עפּעס אין קויטיק בלוט? — ווי דער טלית ביי אַן אַלטן נגיד, אַן איינגעעקשנטן יורד. פֿונם קאָפּ אויבן, אַרומרינגלענ-דיק אים ווי מיט אַ קרוין, האָבן אַרויסגעשאָסן ליכט-שטראַלן, ווי אויף די בילדער פֿון משה רבנו, וועלכע איך האָב קינדווייז געזען. און פֿון דעם, אפֿנים, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען גאָט.

כ'בין געשטאַנען די גאַנצע צייט און געגאַפּט, געגאַפּט.
צום סוף האָב איך מיך איינגעשטעלט און צוגעגאַנגען נענטער צום אויוון, האָב איך דערזען:
אויף די סקאָוואָראָדעס ליגן מענטשן, — קליינע, פֿאַרשוואַרצטע און פֿאַרקוילטע מענטשעלעך, איינגעדאַרטע, שוין כּמעט מער נישט, ווי ביינער. בלויז מיט פֿאַרבליבענע, פֿאַרסמאַליעטע שטיקלעך פֿלייש אויף זיי. די גרויסע יידענע האָט זיי פֿאַר מיינע אויגן אויף דער סקאָווראָדע איבערגעקערט פֿון איין זייט אויף דער צווייטער זייט, ווי מיין מוטער פֿלעגט איבערקערן די פּלעצלעך פּרייטיק אינדערפֿרי, זיי זאָלן זיך מער באַקן — אפשר בעסער אויסבאַקן?...
צום סוף, אַז זיי פֿלעגן שוין פֿאַרטיק ווערן, דידאָזיקע גאָטס מענטשן-מאכלים — דוכט זיך, נאָך אַזויפֿיל מי — פֿלעגט גאָט די יידענע ערשט אַרויסנעמען מיט אַ לאָפּעטע די ריזיקע סקאָוואָראָדעס, זיי איבערקערן און אַריינוואַרפֿן די מענטשעלעך-סקעלעטן אין אַ גרויסער פֿאַס וואַסער, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן. ס'האָט זיך געלאָזט הערן אַ סז-ז-ז-שען און אַ ציש-ש-שען.
איז נאָכדעם, הייסט עס, ווי די מענטשן האָבן זיך אַ לאַנגע צייט געבראָטן אינם קאַלך-אויוון, זענען זיי דערנאָך ערשט אַרומגע-שווומען אינם קאַלטן, פֿרירנדיקן וואַסער.
נו, איך האָב געדענקט, אַז איצט זענען שוין די מענטשעלעך זיכער טויט. נאָר ניין.
אַרומשווימענדיק אין וואַסער, האָבן זיי זיך געצאַפּלט און געדריגעט מיט די פֿיסלעך, און אַרויסגעלאָזן פֿון זיך אַזעלכע קליינע, רחמנותדיקע פּישטשען, ווי פֿלעצלעך לאָזן אַרויס פֿון די אויפֿגע-שוואָלענע פּוזירטשיקעס, ווען מען גיט זיי אַ קוועטש.
כ'ווייס נישט, ווי לאַנג איך בין אַזוי געשטאַנען פֿאַרכאַפּט און פֿאַרכשופֿט. נאָר באַלד האָב איך מיך איינגאַנצן אַ טרייסל געגעבן.
אַפֿילו נישט אומקוקנדיק זיך אין מיין זייט, האָט די הויכע, אומגעהויערע יידענע מיט די גראָבע, מגושמדיקע ליפּן, מיטן צע-פֿלאַמט-רויטן געזיכט, און גרויסן בראָדעווקע-וואָרצל — ווי אַ צווייגל, אַ גאַנצער, — אויפֿן קופּערנעם שטערן, באַלד האָט זי אַרויס-געבורמט:

— גיי אַוועק, ייִנגעלע, דיין צייט איז נאָך נישט געקומען, ייִנגעלע.

און איך בין צוריק אַוועקגעבלאָזן געוואָרן אויף מיין פריער־דיקן אָרט...

און ווידער, — קאַלט, גלייכגילטיק־זיכער, אָבער פלינק, מעשה גוטע באַלעבאָסטע, — האָט די יידענע, איינגעוויקלט אין אַ גרויסן טלית, איבערגעקערט די מענטשעלעך אויף די סקאַווראַדעס פון איין זייט אויף דער אַנדערער און זיי ווידער געפּרעגלט. אַ שטיקל צייט פלעגט זי זיך פּאָרען אַזוי מיט דער קאָטשערע אין אויוון. אַז זי פלעגט דאָרטן פאַרטיק ווערן, פלעגט זיך דורכן גרויסן ליידיקן זאַל, וווּ דער אויוון איז געשטאַנען, דורכקייקלען אַ דונערדיקע שטים. כ׳האָב נישט געוווּסט פון וואַנען, מיין אויג האָט אינם גאַנצן בנין גאָרנישט באַמערקט, אויסער דעם אויוון.

— שוין פאַרטיק? — האָט עס פון ערגעץ געדונערט.

— פאַרטיק, — האָט געענטפערט גאָטס געשעפטסמעסיק־גלייכ־גילטיקע שטים, די שטים פון דער פרוי, מיט פרווילעך־ברייטע און שווער־פליישיקע אברים. און ווידער דאָס זעלביקע: אַ פאַרקוילטער, צעברענטער שוין־אויסגעבאַקענער מענטש ווערט אַרויסגעוואָרפן פון דער צונטער־הייסער סקאָוואָראָדע אין וואַסער־פאַס אַריין. עס דער־הערט זיך אַ „סיז־ז־זען" און אַ רחמנותדיק, זיך־באַקלאָגנדיק פּישטשען. עס צאַפּלט זיך דאָס מענטשעלע אַ קליינע ווײַלע, און גייט, אַפּנים, באַלד אויס.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס כ׳האָב געזען גאָט.

דער „קרישטאָלענער באַרג"

אַז איך וועל סוף־כּל־סוף דערגרייכן צום שפּיץ פון קרישטאָלענעם באַרג — אין דעם האָב איך די זיכערקייט קיינמאָל נישט אָנגעוואָרן, ווען נאָר כ׳האָב וועגן דעם באַרג געחלומט און אויף אים, אין חלום, געקלעטערט, און מיר דוכט זיך — ניין: איצט געדענק איך טאַקע, כ׳געדענק אויף זיכער — איך האָב אַ סך מאָל, דורך אַ סך נעכט, וועגן אָט דעם באַרג געחלומט. ווייל איך דערמאַן מיך, ווי אין אייניקע נעכט, בשעת אַזאַ מין חלום וועגן דעם קרישטאלענעם באַרג, פלעג איך האָבן דאָס זיכערע געפיל, — אינם שלאָף טאַקע, — אַז אָט דער קרישטאָלענער באַרג איז מיר גוט באַקאַנט און אַז איך בין שוין דאָ, אין דער געגנט, פריער אַ סך מאָל געווען, און אויף אים, אָט דעם באַרג, געקלעטערט... און איצט, דאָס מאָל, בין איך דאָ ווידער... מער נישט — איך געדענק נישט צום וויפילטן מאָל שוין.

און דאָס אינטערסאַנטסטע דערביי איז דאָס, וואָס כאָטש איך בין איצט זיכער, אַז כ׳האָב אַ סך מאָל וועגן דעם זעלביקן באַרג געחלומט — אַזוי, אַז חלומענדיק וועגן מיין קלעטערן אויף דעם קרישטאָלענעם באַרג פלעג איך כמעט תמיד האָבן דאָס געפיל פון אַ פאָרטזעצונג, פון אַ

ווייטער-גיין אויפן זעלביקן וועג, פון אַ ווייטער-גיין פון אָרט, ווו איך האָב פריער איבערגעלאָזן – פלעג איך זיך אָבער אויפכאַפּנדיק, אינגאַנצן אָן דעם פאַרגעסן. אַזוי טאַקע, לחלוטין אינגאַנצן, פלעגט מיר דער חלום אָפּגעווישט ווערן, ווי נאָר כ׳פלעג מיך אומקערן צום וואָכעדיקן לעבן.

נישט נאָר האָב איך דעם אינהאַלט פון דעם חלום מער נישט געדענקט, נאָר כ׳האָב אפילו נישט געוווסט, נישט געדענקט, אַז איך האָב בכלל געהאַט אַ חלום. מיין וואָכעדיק לעבן און מיין חלום לעבן זענען געווען באַזונדערע רשויות, אומאָפּהענגיקע איינע פון דער אַנדערער.

* *

דערפאַר אָבער פלעג איך בשעת די חלומות גופא וועגן דעם קרישטאָלענעם באַרג און מיין קלעטערן אויף אים האָבן אָפּט אַזעלכע מינוטן, מאָמענטן פון דערווייטערטקייט. ווען איך פלעג שטיין אַזוי צו זאָגן, אָן אַ זייט פון דעם חלום, און טראַכטן, אַז דאָס איצטיקע איז נישט קיין נייער חלום, נאָר איז שוין אַ פאָרטזעצונג פון אַ פריערדיקן חלום, וואָס איך האָב געחלומט אין אַ פריערדיקן דאָ-זיין, וועגן זעלביקן ענין.

נאָר אַז איך פלעג מיך אויפכאַפּן, פלעג איך מיך אָן אַלץ פאַרגעסן.

ביזוואַנען ס׳איז געקומען אַ סוף צו דעמדאָזיקן צושטאַנד. און וועגן דעמדאָזיקן סוף וועל איך עס אייך דאָ דערציילן.

* *

*

אין דער ערשטער צייט פלעג איך נאַכט-איין, נאַכט-אויס — דאָס פלעגט נישט זיין גראָד איין נאַכט גלייך נאָך דער צווייטער; צווישן איינעם אַזאַ חלום און זיין פאָרטזעצונג פלעגן קאָנען פאַרלויפן טעג, וואָכן און חדשים. נאָר אין חלומען פלעג איך נישט וויסן

וועגן דעם, וועגן אַט די אינטערוואַלן; וועל איך אים עס בעסער זאָגן אַזוי:

אין דער ערשטער צייט פלעג איך מאָל-איין, מאָל-אויס חלומען ווי איך גיי אַזוי איבער אַ גרויס פעלד, אַ גרויס, שוואַרץ-גרין, אָקאָרשט-צעאַקערט פעלד. און פון דעם פעלד שיינען אַרויס קעגן דער זון שטיקלעך קרישטאָל. און איך גיי פון איין בלישטשנדיק אָרט צום צווייטן, און הויב זיי אויף, די קרישטאָל-שטיקער, און גראָב זיי אַרויס, — ווי אַ וורובל. וועלכער פיקט פלייסיק קערנדלעך פון דער ערד. און טאַקע נאָר אַ סך פון דידאָזיקע שטיקלעך בלישטשנדיקע קרישטאָל זענען געווען אַריינגעשטעקט אין דער ערד, ווי שטויביקע און פאַרוואַקסענע געוויקסן. איך רייס זיי אַרויס און שטויב זיי אָפּ.

דער גאַנג איז געווען זייער אַ שווערער. אַזוי ווי דאָס פעלד איז געווען אַ פריש-צעאַקערטס, פלעגן מיינע פיס זיך שטרויכלען און אויסגליטשען איבער די גרויסע הרודעס און קלומפּעס ערד; פלעגן אָפּט זינקען אינם ווייכן גרונט, אַריינפאַלן צווישן די ווערסטן-לאַנגע מעזשעס. די בערגלעך, וועלכע דער אומבאַקאַנטער אקער האָט אויפגעוואָרפן, זענען נאָך געווען ווייך און פלעגן זיך ברעקלען אונטער די פיס. נאָר עס האָט מיך נישט געאַרט; איך בין אַזוי גוואַלטיק געווען פאַרטון אינם נאָכאַנאַנדיקן בויגן זיך, אויפהויבן, אָפּשטויבן און אָנקלייבן די שטיקלעך קרישטאָל, — איך בין פון דעם שווערן וועג קיינמאָל נישט מיד געוואָרן.

* *

*

אָבער וואָס אַמאָל איז עס געוואָרן פאַר מיר אַלץ שווערער, דער וועג.

נישט אַז איך זאָל האָבן געוואָרן מיד פון דער אַרבעט, נאָר מיר האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרומנעמען אַ מין שטילע פאַרצווייפלונג; וואָס ווייטער אין פעלד איך בין געגאַנגען, אַלץ מער און פולער זענען פאַר מיר אויסגעוואַקסן די קרישטאָלענע שטיקער... און איינמאָל, אין אַ בלענדנדיק ליכטיקן טאָג, ווען די זון האָט געשיינט

מיט א תפארתדיק ליכט פון אַ זומער־בײטאָג, גיב איך אַזוי אַ קוק און דערזע: דאָס גאַנצע פעלד פאָרויס, וועלכן כ'האָב נאָך נישט באַוויזן דורכצוגיין, האָט זיך געשפרייט פאַר מײנע אויגן אומגעהייער ווייט און ברייט, און עס האָט אײנגאַנצן געבלישטשעט מיט קרישטאָ־לענע פלאַנצן און געוויקסן — און מיין אויג איז פאַרכאַפּט געוואָרן, און מיין מוח איז פאַרווירט געוואָרן און מיין בלוט איז צעטומלט געוואָרן.

— ווי אַזוי וועל איך דאָס קאָנען, מיט מײנע קלײנע כחות, אויפקלויבן אַפילו אַ העלפט פון דעם, וואָס מײנע אויגן זעען?

איך בין געבליבן אין אָט יענער מינוט שטיין אינמיטן פעלד, אוממוטיק, מיט אַרונטערגעלאָזענע הענט. איך בין זיך מודה: איך האָב קײנמאָל נישט געפילט אַזאַ מידקייט פונם באַשטענדיקן בויגן זיך, קלויבן און אויסרייסן די קרישטאָל־שטיינער, זיי אָפּשטויבן און שייערן און וואַרפן זיי אויף הינטער מיך, אַלץ אויף הונטער מיך, אין מיין גרויסער קופּע אַריין, — ווי איך האָב געפילט איצט, ווען איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אַן אָפּהענטיקער אינמיטן פעלד.

דער לויף פון מײנע פרישע און מוטערע בלוטן האָבן זיך דעמאָלט אויך כמעט אָפּגעשטעלט. אַ שטאַרקע אָפּהענדיקייט איז מיר באַפאַלן:

— אַך צוליב וואָס די אָנשטרענגונג... כ'וועל די קרישטאָלן, וואָס מײנע אויגן זעען, וואָס מיין בליק נעמט אַריין אַפילו אין איין מינוט, דאָך סײוי קײנמאָל, קײנמאָל נישט קאָנען אויפקלויבן...

און אין גרויס פאַרצווייפלונג האָב איך מיך פּלוצלינג אומגע־קערט און שוין געהאַט געוואָלט גיין צוריק. נאָר אינגיכן האָב איך דערזען, אַז איך קאָן שוין נישט גיין צוריק.

* *

*

הינטער מיר האָט מיר פאַרשטעלט דעם וועג אַ הויכער באַרג, אַ באַרג פון קרישטאָל.

אַז די ערשטע מינוטן פון פאַרוואונדערונג און דערשטוינונג

זענען אריבער, האָב איך באַלד פאַרשטאַנען — ווייל אַז איך בין געגאַנגען דעם גאַנצן וועג ביז אַהער, בין איך קיין שום באַרג נישט פאַרבייגעגאַנגען: ס'איז אַלץ געווען אַ פלאַך, ברייט פעלד — האָב איך איצט פאַרשטאַנען, אַז דערדאָזיקער באַרג איז עס אַוודאי געוואַקסן אַזוי פּאַמעלעך און נאָכאַנאַנד און איז ביסלעכווייז אויסגעוואַקסן פון די שטיקלעך קרישטאָל, וואָס כ'האָב אַלץ געקליבן און געריסן פון פעלד, און נאָכאַנאַנד געוואָרפן, נישט אומקוקנדיק זיך אַפילו אויף הינטער זיך... דעמדאָזיקן באַרג האָב איך אַליין, הייסט עס, מיט מיינע אייגענע הענט אויפגעשטעלט... און איצט —

און איצט האָט זיך שוין דער באַרג געטורעמט הערשעריש און מושלדיק איבער מיר — אַ הויכער באַרג איבער אַ קליינינקן און שוואַרצינקן מענטשעלע...

און שטעלט אייך פאָר, אַז געשען איז דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס מ'האָט אייגנטלעך געקאָנט דערוואַרטן:

ערשט דאָ, דערזעענדיק דעם הויכן טורעמדיקן באַרג פון קרישטאָל פאַר זיך, האָבן מיינע בלוטן ווידער אויפגעלעבט אין מיר און נייע, אָפּגעטאַיעטע כחות, זענען אין מיר פריש אָנגעקוואָלן... כ'האָב מיט אַמאָל גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אָן מיין אָקאָרשטיקע אָפּהענדיקייט, אָן מיין פריערדיקן ווילן גיין צוריק — פאַרקערט: כ'האָב מיט אַמאָל אַ זאָג געטון מיט אויפגעוועקטן הנעהדיקן פּאַרמעסט:

— אויב אַזוי... אויב אַזוי וועל איך טאָקע איצט ערשט אָנהויבן קלעטערן אויפן באַרג, ביז וואַנען איך וועל דערגרייכן דעם שפּיץ!

איך בין געווען זיכער — סאַמע אין אָט דער זעלבער מינוט איז מיר טאַקע די זיכערקייט געבוירן געוואָרן — אַז פון שפּיץ פונם דאָזיקן באַרג פון קרישטאַל, ווען איך וועל אים נור דערגרייכן, וועל איך ערשט דערזען אַזעלכע זאַכן... זאַכן, וואָס כ'האָב ביז אַהער נישט געזען, און נישט געקאָנט זען: איך בין דאָך געגאַנגען ביז אַהער אויף אַ פלאַכן נידעריקן פעלד...

* *

און כ׳האָב מיך גלייך געלאָזט גיין אַרויף באַרג.

כ׳האָב געקלעטערט אויף אים, נישט מיד ווערנדיק אַ לאַנגע צייט — געקלעטערט טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט.

ווען אַפילו אַ ספק איז אין מיר איינמאָל דורכגעלאָפן וועגן דעם, צי די זאַכן, וואָס איך וועל דערזען פון באַרג־שפּיץ, וועלן מיר פאַרשאַפן אַן אויפלעבנדיקע און אַן אויפמונטערנדיקע פרייד, אָדער גאָר טויטנדיקן צער — האָב איך מיך אָבער דעמאָלט געטרייסט, אַז איינס איז דאָך על־כּל־פּנים זיכער: ווען איך וועל דערגרייכן דעם שפּיץ באַרג, וועל איך איינמאָל פאַר אַלעמאָל קאָנען זען די גאַנצע גרויס, די ווייטסטע גרענעצן פון דעם פעלד, אויף וועלכן עס זענען פאַרזייט און צעוואָרפן די שטיקער קרישטאַל, — איך וועל ענדלעך דערזען, ווי גרויס איז דאָס פעלד מיט די קרישטאַל־שטיקער, וואָס איך האָב פאַר זיך.

און מיט דעם געדולד, וואָס האָט זיך אין מיר ביסלעכווייז אַנטוויקלט, זינט איך האָב אָנגעהויבן פאַרנעמען זיך מיטן באַשטענדיקן איינבויגן זיך אין אַרויסרייסן די שטיקער קרישטאַל, האָב איך געקלעטערט אויפן באַרג אַרויף, תּמיד אַרויף.

נאַכט־איין, נאַכט־אויס — מאָל־איין, מאָל־אויס — האָב איך אַזוי אַ לאַנגע צייט געקלעטערט... דער באַרג־רוקן איז געווען זייער אַ משופּעדיקער און אַ שאַרפער, דער קרישטאַל אינגאַנצן אַ גלאַטער אַזאַ און אַ גליטשיקער — נישט געווען אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטן. נאָר איך האָב אַלץ געקלעטערט, נאַכט נאָך נאַכט, נאַכט נאָך נאַכט. און איך האָב נישט באַמערקט, קלעטערנדיק אַזוי, דעם באַרג, וואָס העכער איך בין געשטיגן, האָבן זיך אין דער זעלבער צייט די ספקות אין מיר פאַרגרעסערט...

* *
*

און איינמאָל, אין אַ טונקעלן, וואָלקנדיקן טאָג — פאַרשטייט זיך, דאָס איז גאָר געווען ביינאַכט, אַלץ אין מיין חלום — האָב איך

אין קרישטאָלענעם באַרג דערזעען מיין געשטאַלט, וואָס האָט זיך מיר אַנטקעגן אַרויסגעשפּיגלט.

אַ קלייניקער, אַ שוואַרצינקער, אַ קורצינקער מענטשעלע, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ פליג, וואָס קריכט אויף אַ גרויסער, ריזיקער שויב פון גלאָז. „גלאָז" — האָט עס מיר דאָ אַ קלאַפּ געטון אין די שלייפן, — שאַ... „אפשר איז גאָר דער באַרג, אויף וועלכן איך קלעטער נישט פון קרישטאָל, נאָר פון גלאָז?"

* *
*

באמת, האָב איך ווייטער געטראַכט, דאָס קלעטערן אויף דעם באַרג קומט מיר טאַקע אָן אַזוי שווער, אָט פּונקט, ווי איך וואָלט עפּעס געקראָכן אויף גלאָז.

אויב אַזוי — האָב איך ווייטער אָנגעהויבן אַנטדעקן — זענען, מעגלעך, די שטיקער קרישטאַל, וועלכע איך האָב דורך אַזוי פיל נעכט, דורך אַזוי פיל יאָרן געקליבן און געריסן פון פעלד און הינטער זיך געוואָרפן, און אַ באַרג אַ גאַנצן אויפגעשטעלט — זענען זיי אויך אפשר נישט קיין קרישטאַל, נאָר גלאָז, פּשוטע גלאָז?

— מעגלעך, — האָט דורכגעדונערט אַ שווערע, גראָבע און קאַלטע שטים פון אויף יענער זייט באַרג, צו וועמעס שפּיץ איך בין איצט אויף אַלע פיר געקראָכן, — מעגלעך.

ס'איז געווען, ווי אַ ריזן-שטיין, אַ גבורהדיקער, פאַרצייטיקער באַרג-פעלז האָט זיך אָפּגעריסן און מיט אַ דונער-עכאָ זיך געלאָזט קייקלען אין טאָל. די לופט אַרום האָט אַזש געציטערט פונם דונערן.

און אין מיר האָט זיך איצט אויך אַלץ אָנגעהויבן וואַרפן... איך האָב געדאַרפט אָנווענדן די גרעסטע און די לעצטע כּחות, איך זאָל בלייבן קלעפּן מיט מיין קליין שוואַרצן גופל צום באַרג.

* *
*

נו, וואָס איז דאָ פאַראַן נאָך דערציילן... אין די ווייטערדיקע נעכט האָב איך פונדעסטוועגן ווידער געקלעטערט אויפן באַרג.

וואָס דען האָב איך געקאָנט טון — אַרונטערגיין, נאָכדעם ווי איך האָב אַזוי פיל מי אויפן אַרויפגאַנג אוועקגעלייגט, נאָכדעם ווי איך האָב אַזויפיל טרוימען פון אַזויפיל טעג-נעכט מיטן שפּיץ קרישטאָל-באַרג פאַרבונדן?

אוודאי האָב איך ווייטער געקלעטערט, אָבער אַלץ איינס: אין האַרצן האָט מיר שוין די גאַנצע צייט געקילט אַ שרעק — אוועקמאַכן מיט דער האַנט האָב איך זי שוין נישט געקאָנט:

— אַז איך וועל שוין דערגרייכן דעם שפּיץ באַרג... איז וואָס — אָ, גאָט, — איז וואָס וועל איך דעמאָלט דערזען? וואַרט אויף מיר דאָרט, ביים ענד פונם שווערן קלעטערן באַרג-אַרויף, אַ באַלוינונג, אָדער אַ שטראָף? איז די דונערדיקע, רויע און אומברחמנות-גלייכגילטיקע שטים פון אויף יענער זייט באַרג געווען אַ וואָרנונג, אָדער בלויז אַ פּרווו?

מינוטנווייז האָט מיר אָנגעהויבן איינפאַלן, אַז ס'וואָלט געווען גלייכער, איך זאָל מיך צוריק אַרונטערגליטשן אויפן פלאַכן פעלד און בעסער בלייבן אין טאָל, אין טאָליקער אומזיכערהייט, איידער דערוויסן זיך דעם אמת — דעם אמת, וועגן וועלכן איך ווייס נישט, וואָס ער וועט מיר ברענגען. נאָר אַ מענטש בין איך דאָך — האָט מיר דאָך זייער ווי געטון דאָס האַרץ אָנווערן אָט יענע הויך פונם באַרג-שפּוע, צו וועלכן איך האָב מיט אַזוי פיל מאַטערנישן שוין דערלאַנגט.

און איך האָב ווייטער געקלעטערט... נאָר איצט— שוין אָן פרייד. אַז איך וועל סוף-כל-סוף דערגרייכן דעם שפּיץ פון באַרג, אין דעם בין איך נאָך אַלץ געווען זיכער. אָבער וואָס איז עס פאַר אַ באַרג — קרישטאָל, צי גלאָז?... און וואָס וועל איך דערזען פונם באַרג-שפּיץ, אויף יענער זייט באַרג-שפּיץ?

* * *

מיין טייערע פרוי האָט מיך אויפגעוועקט אין איינעם אַ פאַרטאָג (שפּעטער, מיט חדשים און יאָרן שפּעטער, פלעג איך טראַכטן פונם

דאָזיקן פֿאַרטאָג, ווי פֿון אָנהויב פֿון גאָר אַ נייעם לעבן...) זי האָט מיך אויפֿגעוועקט און דערציילט, אַז זי האָט מיך גע מוזט אויפֿוועקן, ווייל איך האָב געוויינט פֿון שלאָף און געשריגן אַזוי יאָמערנדיק־הויך און אויף אַ קול. איך בין טאַקע געלעגן איצט, ווען מען האָט מיך אויפֿגעוועקט, אַ מידער אויפֿן בעט, אַן אָפּגעלאָזענער און אַ פֿאַרשוויצט־אָפּגעשוואַכטער.

און ערשט איצט — צום ערשטן מאָל אויף דער וואָר — האָבן זיך די חלומות פֿון די פֿיל פֿאַרגאַנגענע נעכט, די חלומות פֿונם קרישטאָל און קרישטאָלענעם באַרג, אָנגעהויבן צונויפֿקניפּן אין מיין וואַכנדיקן באַוווסטזיין אין איין גאַנצער, אין איין פֿולער געשטאַלט. אָבער איינציטיק האָב איך דערפֿילט איצט:

— מער וועל איך שוין איצט נישט חלומען פֿונם קרישטאָלענעם באַרג...

דאָס האָב איך איצט געוווּסט קלאָר, אַזוי קלאָר, ווי מען קאָן נאָר וויסן זאַכן בייטאָג, וואַכנדיקערהייט.

— אַן עק צו מיינע ספֿקות וועגן קרישטאָל און גלאָז, און אַן עק אויך צו מיינע חלומות וועגן דעם קרישטאָלענעם באַרג...

איינס אָבער האָב איך נאָך איצט אויך נישט געוווּסט:

איך האָב נישט געוווּסט, צי איך זאָל איצט וויינען פֿון גרויס ווייטיק אויף אַן אייביק פֿאַרלאָרענער שיינער און זעלטענער זאַך; אָדער איך זאָל גאָר איצט אויפֿשרייען פֿון גרויס פֿרייד. — פֿון פֿרייד איבער אַ געווינס, — איבער אַ נייעם טאָג, איבער דעם אָנהויב פֿון אַ ניי, אַ זיכער לעבן...

ווּעגן פליען

כ'האָב אָפט אַזעלכע חלומות — חלומות אין פאָרטזעצונגען. צווישן איין פאָרטזעצונג און דער אַנדערער פאָרטזעצונג פונם זעל־ביקן חלום קאָנען אָפט אַוועקגיין מאָנאַטן. איך אָבער — ווען איך געפין מיך אין אַ געוויסער פאָרטזעצונג פון אַ חלום — ווייס נישט דערפון, אַז דאָס איז נישט קיין נייער חלום, נאָר בלויז אַ פאָרט־זעצונג: בשעת דעמדאָזיקן חלום, דורך אַלע זיינע פאָרטזעצונגען, לעב איך אַ נאָכאַנאַנדיק, נישט איבערגעריסן לעבן; די שטיקער חלום ווערן צונויפגעגאָסן אינאיינעם. צווישן איז גאָרנישט פאַרלאָפן — נישט נאָר נישט קיין נעכט און טעג, נאָר אַפילו נישט קיין שעהן, קיין איינציקע שעה...

אָט, צום ביישפּיל:

איר לייענט אַ בוך, וואָס פאַרכאַפּט אייך געוואַלטיק און רייסט אייך גאָר אינגאַנצן אַרויס פון דער וועלט פון אייער ווירקלעכקייט. אָבער איר ווערט אָפט געצוווּנגען איבערלאָזן דאָס לייענען אינמיטן, צוליב אַלערליי אורזאַכן. איר זענט דאָך אַ מענטש, זענט איר במילא ביי דער וועלט אין גלות, און איר מוזט טון אַלערליי זאַכן, וואָס

איר האָט נישט ליב. פון צייט צו צייט, אַפילו, ווערט איר ביי זיך מאָדנע האָפּערדיק און איר טרייסט זיך, אַז דאָס — אייער פאַרשקלאַפּט זיין צו דער וועלט — איז בלויז צייטווייליק, און אַז סוף־כּל־סוף וועט איר זיך פון איר באַפרייען, — איר וועט אָנהויבן פירן דעם אופן לעבן, וואָס איז אייך ליב און טייער... מילא, נו. איז זייער אָפּט, איידער איר זעט זיך אַרום, איז שוין גאָר צו־שפּעט. — אָבער דאָס האָט נישט צו טון מיט דעם ענין, וואָס איך וועל אייך דאָ דערציילן.

און אַזעלכע האָפּערדיקע מינוטן האָט איר אָפּט גראָד בשעת עפּעס אַ טאָג־חלום אייערן, — אַז קיינער קוקט אויף אייך נישט, און מען לאָזט אייך צו־רו, פאַרקריכט אָפּט אייער מחשבה גאָט ווייס ווו, אין וועלטן, וואָס זענען גאָר „אויף דער וועלט" נישטאָ, אָבער וואָס איז דער חילוק — איר ווייסט דאָך, כאָטש איר קאָנט קיינעם עס נישט איבערצייגן, אַז זיי זענען יאָ דאָ, — אָט יענע וועלטן, וואָס זענען גאָר „אויף דער וועלט" נישטאָ — און אַז גוט איז טאַקע נאָר דאָרט... איר האָט זיי אויך, דידאָזיקע טרייסטנדיקע און אויפהויבנדיקע מינוטן, בשעת איר לייענט אַ בוך, וואָס פאַרכאַפּט אייך.

נאָר דאָס בוך, ווי מיר האָבן אָקאָרשט געזען, מוזט איר אָפּט צוליב אַלערליי אורזאַכן איבערלאָזן. ביז וואַנען איר האָט צייט נאָך אַמאָל נעמען דאָס זעלביקע בוך אין דער האַנט אַריין, פּאַסירן מיט אייך פאַרשידענע זאַכן. אָבער אַז איר כאַפּט זיך ווידער צו צו דעם, ווערט איר אין אים, אינם בוך, פאַרזונקען אין איין אויגנבליק, און אַלץ, וואָס עס האָט מיט אייך פּאַסירט זינט איר האָט דאָס לעצטע מאָל דאָס בוך אַרויסגעלאָזט פון האַנט, ווערט מיט איין מאָל אָפּגעווישט — איר באַמערקט אפילו נישט, ווי אַזוי עס ווערט אָפּגעווישט... אייער איצטיקע מינוט גיסט זיך אינגאַנצן צונויף מיט דער לעצטער מינוט, וואָס איר האָט פאַרבראַכט אינם בוך־לייענען. איר האָט דעמאָלט דאָס געפיל פון קאָנטינואיטעט, — פון איין פּאַסירונג, וואָס צ י ט זיך.

* *
*

אָט אַזוי האָב איך אויך אַ שטיק צייט — זיכער: יאָרן און יאָרן — אָפּגעלעבט אין חלום. אין אַזאַ באַזונדערער וועלט, כמעט אין אַ באַזונדערער שטאָט. נישט אין דער שטאָט ניו-יאָרק, אין וועלכער איך וווין שוין אַזוי פיל יאָרן — ביז וואַנען, גאָט? ביז וואַנען? — און איך ווייס נישט, וויפל נאָך יאָר איך וועל דאָרט אַזוי צעפּטרן. אין דער שטאָט, וווּ איך האָב געוווינט אין חלום, האָב איך געקאָנט פליען.

די שטאָט, אין וועלכער איך פלעג קאָנען פליען, האָט אויסגעקוקט גאָר אַנדערש, ווי די שטעט, וועלכע כ'האָב ווען נישט איז געזען אין מיין לעבן, דאָרט איז אַלעמאָל געווען ליכטיק און זוניק, ווי אי טאָג, אי נאַכט וואָלטן זיך דאָרט צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרויסן תמוז-טאָג. די הייזער זענען דאָרט געווען אומגעוויינלעכע: מיט אָן אַ שיעור שפּיציקע בוידעמס, הויכע און טורעמדיקע (אַזעלכע הייזער האָב איך נאָר געזען אויף בילדער און האָלצשניטן פון מיטלאַלטערלעכע דייטשע שטעט). פאַרקערט, די גאַסן — אומגעהויער-ברייטע און ריין-אויסגעפּלאַסטערטע מיט מאָדערנע קוביקעס — ווי גרויסע פּראָספּעקטן און בולוואַרן פון אַ היינטוועלטיקער אייראָפּעישער שטאָט.

איז אָט דאָרט, אין יענער שטאָט, פלעג איך עס פליען.

* *
*

איך פלעג פליען זייער אָפט. ביי מיר פלעגט עס נישט זיין קיין אומגעוויינלעכע זאַך, קיין „פּאַסירונג". צום ביישפּיל: איך גיי אַזוי איבער דער ליכטיקער גאַס, צווישן אַ יום-טובדיקן עולם, אָדער אפילו איינער אַליין. און — עס פאַרווילט זיך מיר מיטאַמאָל צו פליען, ווי עס פאַרווילט זיך איינעם צו-פאַרויכערן אַ פּאַפּיראָס, נעם איך און — פלי.

פשוט: איך הויב אָן מאַכן מיט די הענט, אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ פויגל מיט די פליגלען, און עס הויבט מיך אויף אין דער לופט.

כאָטש אָפטער פלעגט עס פּאַרקומען אַזוי: איך לייג מיך אַנידער אויפן רוקן אין דער לופט אויפן זעלביקן אופן, ווי ווען איך שווים אויפן רוקן אין וואַסער, און איך שווים — אָדער פלי — אין דער לופט. אַמאָל פלי איך אין אַ האָריזאָנטאַלער ליניע, און אַמאָל — אין אַ סקאָסנער.

איך געדענק נישט, אַז מיין פליען זאָל האָבן אָנגעמאַכט אין דער שטאָט אַ וועלכן ס׳איז נישט רושם. איך פלעג מיר פליען פּריוואַט, אַפּנים, אַז אין יענער שטאָט איז דאָס פליען נישט געווען אַזאַ זעלטענע זאַך. איך שטעל מיר איצט פאָר, אַז די איבעריקע איינוווינער פון יענער שטאָט פלעגן אויך פליען, ווען נאָר זיי פלעגן וועלן, מער נישט: איך האָב זיי קיינמאָל נישט געזען.

* *
*

איז אָט:

דאָס פליען אַ ר ו י ף-צ ו, דאָס אויפהויבן זיך, פלעגט מיר אָנקומען טאַקע זייער גרינג. איך פלי צו צו אַ דאַך, צו אַ טורעם, צו אַ קלויסטער-שפּיץ, צו אַ באַרג. נאָר אָט, ווען מיין האַרץ פלעגט מיר אָנהויבן איינפאַלן פון שרעק. דאָס פלעגט זיין דעמאָלט, ווען, פליענדיק אַזוי, דערפיל איך מיטאַמאָל, ווי איך הויב זיך אַלץ העכער און העכער אין דער לופט: העכער ווי איך האָב לכתחלה געוואָלט: איך קאָן מיך מער נישט אָפּשטעלן.

ווייל מיין ענד-ציל פלעגט דאָך זיין בלויז דער דאַך, דער טורעם, דער קלויסטער-שפּיץ אָדער דער באַרג. און דאָ פיל איך, אַז איך קאָן מיך שוין נישט פאַרהאַלטן ביי קיינע פון דידאָזיקע אָפּשטעל-פונקטן. איך באַוועג איצט מיט די הענט, ווי מיט פליגלען. פון אונטן אַרויף, — איך וויל אַרונטער, נאָר איך הויב מיך אויף נאָר אַלץ העכער. איך בין, ווי אַ קינדער-באַלאָן, וועלכער האָט זיך אָפּגעריסן פון שטריקל.

הערט איר... איך האָב מיך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט גע-

טרונקען. איך שטעל מיר אָבער פאָר, אַז אַזוי-אָ מוז זיך פילן איינער, וואָס טרינקט זיך, ווען ער איז נאָך ביים באַוווסטזיין און פילט: ער זינקט און זינקט אינם וואַסער, און דער גרונט איז נאָך אַלץ ווייט. אָט אַזוי פלעגט אויך מיין הארץ זינקען, פילנדיק, ווי איך פלי אַלץ העכער און העכער, און — דער אויבערשטער גרונט איז נאָך אַלץ ווייט...

וואָס פון מיר פלעגט סוף כל סוף ווערן, געדענק איך נישט. מסתמא, פלעג איך פליען אַזוי הויך, ביז איך פלעג וואָס אַמאָל ווערן אַלץ קלענער און קלענער, ביז צו אַ קליינטשיק פינטעלע, און נישט-ווערן אין די שווינדלענדיקע הויכן.

* *

*

אָט פאַר דעם — פאַר אַזאַ מין אויסגאַנג פלעג איך מיך אָפט שרעקן, ווען איך פלעג אָנהויבן פליען. — ס'איז אמת — כ'האָב טאַקע ליב געהאַט דאָסדאָזיקע פליען. אָבער איך האָב קיינמאָל נישט געוואָלט, — פשוט נישט געהאַט קיין מוט, אָדער גוסט — אַרויספליען העכער פון יענע לופט-שיכטן, ווו עס זענען נאָך דאָ דעכער, בוימער-קרוינען, טורעמס און קלויסטער-שפּיצן.

און נאָך עפּעס איז געווען, וואָס פלעגט מיר פאַרשטערן דעם ריינעם געפיל פון פליען:

מאַנכמאָל, — בשעת מיין לעבן אין אָט יענער שטאָט, ווו איך פלעג פליען, פלעג איך מיר אין חלום דערמאַנען, אַז אייגנטלעך האָב איך נאָך אַ לעבן; איך לעב נאָך ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט, צווישן אַנדערע מענטשן — אין אַ מין חלום-וועלט (דאָס הייסט, באַטירלעך, אין דער ווירקלעכער וועלט, אין וועלכער איך געפין מיך איצט, ווען איך שרייב אָט די שורות, און איר, ווען איר לייענט זיי). און דאָרט, אין אָט יענער וועלט, איז אַן אומגלויבלעכע זאַך, אַז אַ מענטש זאָל פליען! תמיד, ווען איך פלעג מיך, בשעתן פליען, דערמאַנען אָן יענער „חלום-וועלט" און אָן מיינע פיל באַקאַנטע דאָרט, פלעג איך זיך אָנזאָגן מיטן הארבן וואָרט, אַז ווען איך וועל

דאָרט זיין ווען עס איז ווידער אַמאָל (די ערדישע וועלט איז פאַר מיר אין חלום געווען בלויז אַ ווייטע, נישט-קלאָרע אַנונג), זאָל איך למען השם זען פליען פאַר אַלעמען אין די אויגן...

— פאַרוואָס זאָלן עס מיינע באַקאַנטע אויך נישט זען? ווי באַלד אַז דאָס פליען קומט מיר אָן זייער גרינג...

דאָס פלעגט מיר אָבער קיינמאָל נישט געלינגען. איך פלעג מיך תמיד פאַרגעסן אויף דער ערדישער וועלט דעם סוד פון דעם, ווי אַזוי גרינג, אָן אָנשטרענגונגען צו פליען. אומזיסט איז געווען די מי... חוץ דעם: איך פלעג גלייך איינזען, אַז ס'איז אַ נאַרישקייט.

* *
*

און איינמאָל, אין י ע נ ע ר ש ט אָ ט, האָב איך זייער אַ סך פון דעם געטראַכט... געטראַכט אַ סך און אָנגעשטרענגט, און זיך אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אַז איך מוז סוף כל סוף דערווייזן מיין פליען אויך פאַר מיינע ערדישע פריינט.

כ'האָב דעמאָלט, בעת איך האָב געטראַכט אָט דידאָזיקע מחשבות, גראָד געהאַלטן אין אַ גראַציעזן לופטיק אַרומפליען. כ'האָב געמאַכט דעמאָלט, פון בלויזער הנאה וועגן, פאַרשיידענע קונצן אין דער לופט; ווי עס טוט עס דער פּילאָט פון אַן עראָפּלאַן. און אין דערזעלבער צייט האָב איך הארב און איינגעשפּאַרט געטראַכט, אַז איך מ ו ז, מ ו ז דאָס זעלביקע איבערחזרן אויך אויף דער ערדישער וועלט, — אויף י ע נ ע ר וועלט.

אין דער מינוט בין איך אינמיטן פליען אַרונטערגעפאַלן און כ'האָב מיך אויפגעכאַפּט.

* *
*

מער האָב איך קיין חלומות פון פליען שוין קיינמאָל נישט געהאַט.

נאָר אין אַ צייט אַרום – ווער ווייס, ווי לאַנג שפּעטער – שוין אין דער ווירקלעכער וועלט, האָב איך מיך איינמאָל דערמאָנט, אַז איך פֿלעג אַמאָל, גאָר אַמאָל, האָבן אַזעלכע שיינע חלומות, פֿלי־חלומות... ס'האָט מיר אין אָט דער מינוט זייער ווי־געטון דאָס האַרץ, וואָס מער האָב איך שוין נישט אַזעלכע חלומות פֿון פֿליִען,– וואָס מער פֿלי איך שוין נישט. נאָר פּאָרט בין איך אַפֿילו אין אָט דער מינוט פֿון דערמאָנונג געווען אָנגעפֿילט מיט דער זיסקייט און ציטערדיקער אָנגענעמקייט פֿון אַ סוד.

– איך האָב דאָך פּאָרט, הייסט עס, געלעבט אַ שטיק צייט, – כּמעט זייענדיק אַ מענטש צווישן אַלע אַנדערע מענטשן, – אין אַ באַזונדער אין אַ נייער שטאָט, פֿון וועלכער קיינער האָט נישט געוווּסט!

דעם בלויזן סוד, די בלויזע דערינערונג פֿונעם פֿליִען אַמאָליקן האָב איך אַ שטיק צייט געטראָגן אין זיך, און עס האָט מיך אויך געוואַרעמט און געטרייסט – שוין אַ היפּשע צייט נאָכדעם, ווי איך האָב אויפֿגעהערט פֿליִען.

נאָר איינמאָל, אַזוי ווי איך האָב מיך תּמיד ליב צו באַריִמען פֿאַר מיין פֿרוי, אַז איך בין אַ מענטש גאָר אַן אומגעוויינלעכער, און איך האָב אַזעלכע זעלטענע אייגנשאַפֿטן, וואָס קיין אַנדערער, חוץ מיר, האָט נישט, – האָב איך עס איר דאָס אויך דערציילט. זועגן מיין פֿליִען, הייסט עס.

מיין פֿרוי איז זייער אַ געבילדעטע, – זי געהערט צו יענע פֿרויען, וואָס ווייסן אַלץ. פֿאַר אַלץ האָט זי דערקלערונגען, נישט אַבי־וואָסערע, נאָר טאַקע די אמתע, די וויסנשאַפֿטלעכע דערקלע־רונגען. האָט זי עס מיר גלייך אָנגעהויבן דערקלערן, פֿונוואַנען מיינע אַמאָליקע חלומות פֿלעגן זיך נעמען.

– איך פֿלעג פֿליִען אינדערהויך, – האָט זי מיר דערקלערט – ווייל איך האָב געמוזט האָבן אין יענער צייט אַ שלעכטן מאָגן... גאַזן פֿלעגן זיך שפּאַרן פֿון מיר אַרויסגיין, פּונקט, אַ שטייגער, ווי די גאַזן, וואָס הויבן אויף אַ שטיק טייג אין אַ דייזשע.

–אָבער פֿאַרוואָס־זשע פֿלעג איך אַלעמאָל פֿליִען אינדערהויך, נאָר אינדערהויך און פֿלעג נישט קאָנען פֿליִען אינדערנידער?–האָב איך טריומפֿירט

נאָר מיין פרוי איז פון אָט דער טענה מיינער אויך נישט נתפעל געוואָרן. זי האָט אויף דעם אויך געהאַט אַ קלאָרן, אַ וויסנ-שאַפטלעכן ענטפער.

— דאָס איז פשוט,—האָט זי מיר אין אַ קילן טאָן דערקלערט. און דערביי האָט זי געהאַט אַ מינע פון אַ דערוואַקסענעם, ווען ער רעדט צו אַ קינד. — דאָס איז גאָר פשוט... דאָס האָט שוין צו טון מיט „מעכאַניקס”. דו האָסט דעריבער נישט געקאָנט האָבן די אָפּגאַ-רעריי פון פליען אין דערנידער, ווייל דאָס בעט, אויף וועלכן דו ביסט געשלאָפן, האָט דיך נישט געלאָזט... דו האָסט איינפאַך נישט געקאָנט האָבן אַזאַ מין אילוזאָרישן געפיל.

די באַציונגען מיינע מיט מיין פרוי זענען, באמת, זעלטענע; איך זאָג איר, דוכט זיך, זעלטן אַ בייז אָדער שלעכט וואָרט. נאָר איך בין מודה, אַז אָט יענעם מאָל האָב איך אַ לענגערע ווײַלע געשטאַרט אַזוי אויף מיין פרוי. ס׳קאָן זיין, אַז כ׳האָב געקוקט אויף איר דעמאָלט מיט אַזאַ שנאה, ווי אויף אַ רוצחטע.

פרייד-צער

לעצטן מאָל האָט עס מיט מיר פּאַסירט, פּונקט ווי אַלע אַנדערע מאָל, עס איז פאָרגעקומען געננוי אַזוי, אָט ווי איך באַשרייב עס דאָ.

איך גיי אַזוי אין גאַס — איך מוז דאָך אָפט גיין אין גאַס, אין דער פּיל-מענטשנדיקער גאַס — און עס באַפאַלט מיך פּלוצלינג אַ מאָדנע שוואַכקייט, — אַזאַ מידקייט, אַז איך קאָן פּראָסט-פּשוט נישט בלייבן שטיין אויף מיינע פיס, זיי ווערן מיר אונטערגעהאַקט מיט אַמאָל, און איך הויב מיך אָן שאָקלען אַהין און צוריק, ווי אַן אונטערגעקאָסעטער קוסט. ס׳איז נישט, אַז איך זאָל דערביי הלשן — איך בלייב דאָך פונדעסטוועגן ביי מיין פולן פאַרשטאַנד. נאָר אין דעם באַשטייט עס טאַקע דער גרויסער ווייטיק, וואָס איך בלייב אַלץ ביי מיין פולן פאַרשטאַנד.

מיר נעמט אָפּ מיטאַמאָל אַ פוס, אַמאָל ביידע... מיינע פיס, וואָס פלעגן מיך טראָגן אומעטום, צו די ערטער פון מיינע פאַרלאַנגען, ווערן פּלוצלינג אינמיטן גאַס אַזוי ווייך, ווי פון וואַקס. זיי צעקריכן ממש אונטער מיר, און איך מוז מיך גלייך אַרונטערלאָזן אויף דער ערד אויפן זעלביקן אָרט, ווו די דאָזיקע שוואַכקייט באַפאַלט מיך. עס בלייבט מיר אפילו דעמאָלט נישט קיין כוח זיך ערגעץ צוצושלעפּן, ווו מענטשן זענען כּמעט נישטאָ.

דאָס פּאַסירט מיט מיר זייער אָפט. נאָר איך קאָן מיך קעגן דעם אויף פריער נישט באַוואָרענען. ס׳באַפאַלט מיך פלוצלינג, אומגעריכ־טערהייט, — וואָס זאָל איך דעמאָלט טון? איך פאַל, איך מוז דעמאָלט פאַלן, אין מיטן העלן טאָג, אין מיטן דער שמייענדיקער, פיל־מענטשנ־דיקער גאַס.

אַמאָל:

איך ליג אַזוי ביינאַכט אויף מיין געלעגער, אַרום און אַרום, די גאַנצע וועלט. איז שטיל, איך שלאָף נישט און טראַכט פאַרשידענע זאַכן. און מיט אַמאָל: דידאָזיקע שוואַכקייט באַפאַלט מיך. ריכטיקער: זי שטייגט אַרויס פון ערגעץ אַ באַהעלטעניש אין מיר גופא. און איך קאָן שוין נישט רירן מיט קיין האַנט, קיין פוס, קיין אבר. פילן פיל איך און הערן הער איך אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אַרום מיר. איך שריי אפילו נאָך הילף, אָבער איך קאָן נישט אַרויסלאָזן קיין קול.

מיך הויבט אָן אַזוי מוראדיק שרעקן. כ׳ווייס, אַז איך קאָן נאָך אַזוי צוועקשטאַרבן אין דער נאַכט, און אַרום מיר איז דאָ אַ פול הויז מיט מענטשן, און אַרום דעם הויז איז דאָ אַ פולע שטאָט מיט מענטשן — און גאָרנישט. דוכט זיך, אַז איך שריי זייער שטאַרק מיטן גאַנצן צעשראָקענעם האַרץ מיינעם, אָבער קיינער, אַפנים, הערט מיך נישט.

זיכער, הערט מיך קיין מענטש נישט. וואָרום אויב יאָ, וואָלט מען דאָך געקומען צו מיין הילף, ניין?

* *

*

אָבער ערגער פון אַלץ איז, ווען דאָס פּאַסירט מיט מיר בייטאָג, און נאָך אינמיטן גאַס.

אינמיטן העלן טאָג, גייענדיק אַזוי איבער אַ גאַס, אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, — ווי דאָס האָט מיט מיר פּאַסירט לעצטן מאָל — פאַלט אויף מיר אָן דידאָזיקע חלאת. מיינע פיס ווערן מיר אָפּגענומען, אָבער אַזוי טאַקע אינגאַנצן אָפּגענומען. איך קאָן זיי גאָר, גאָרנישט באַוועגן, ווי קלעצער וואָלטן מיר אויף זייער אָרט אויסגעוואַקסן. אַמאָל טרעפט עס מיט מיר אפילו סאַמע אינמיטן פון אַ גאַנג־באַוועגונג, ווען איין פוס

איז אויסגעשטרעקט פאַרויס. און איינער איז נאָך פאַרבליב פון הינטן, און איך פאַל פּלוצלינג אַזוי אום אַ פונאַנדערגעגומענער, — אַ סאָלדאַטיקל, אַ קינדער-שפּיל, פון וועלכן מען האָט עפּעס אַ ספּרוזשינע אַרויסגענומען.

נאָר, גאָט מיינער, איך בין דאָך כּאָרט נישט קיין הילצערנער מענטש — איך פּיל דאָך אַלץ, און איך זע די מענטשן פאַרבייגיין, און די טראַמוואַיען קלינגען, און די משא-אויטאָמאָבילן רודערן און האַרמי-דערן, און דאָס שיינע לעבן פליצט פאַרביי מיר, פאַרביי מיר...

* *
*

איך שריי:

— פאַרוואָס קומט עס מיר? איך בין דאָך נאָך גאָר אַ יונגער מענטש... די יאָרן, וואָס איך האָב אָפּגעלעבט, האָב איך נאָך גאָרנישט געלעבט.

און אויב שוין יאָ פאַלן, טאָ פאַרוואָס דערדאָזיקער בזיון, אַז אַלע אַלע זאָלן מיך זען אין מיין פאַלן?

ביז אַהער, ביז מיט גאָרנישט לאַנג צוריק, האָב איך נאָך געקאָנט באַהאַלטן עס פון אַלעמען, טראָגן דעם דאָזיקן מיאוסן סוד מיינעם פאַר-גראָבן אין זיך. און איצט — אינמיטן גאַס!

איך ליג אַזוי אַן אויסגעצויגענער אינמיטן גאַס, און עס באַפאַלט מיך די גרעסטע שרעק, די גרעסטע מורא: אָט וועט זיך עמעצער אָפּ-שטעלן, מיך אָנהויבן באַוווּנדערן — „איי-איי-איי... דאַכט זיך, נאָך גאָר אַ יונגער, געזונטער מענטש? אַי-אַי-אַי..." מען וועט מיך באַדויערן, — מיך פּרווון אויפהויבן. אַ רעדל וועט זיך אויפקלויבן און קוקן אויף מיר, און באַטראַכטן מיך... באַטראַכטן מיך מיט אָט יענעם סאָרט באַ-דויערונג, הינטער וועלכער עס וואַרעמט זיך אַ פרייד, וואָס מיט זיי, גאָט צו דאַנקען, האָט עס טאַקע נישט געטראָפן... און דערביי קוועטשן מיט די אַקסלען:

— און ביי אים זענען דאָך נאָך אַזעלכע שיינע, אַזעלכע געזונטע פּיס!

איז זיך נישט וועלנדיק דערוואַרטן אויפן געזעמל, פלעג איך

באַצייטנס שוין פאַרמאַכן די אויגן. נאָר ליגנדיק אַזוי אויסגעצויגן אינמיטן גאַס, מיט פאַרמאַכטע אויגן, פלעג איך מיך פונדערסטוועגן מיט שרעק און אַ קלאַפּנדיק האַרץ צוהערן, צוהערן און אומגעדולדיק וואַרטן.

— אָט, אָט הויבט מען שוין אָן צוגיין, זיך זאַמלען אַרום מיר... אָט, אָט.

* *
*

נאָר די שרעק איז געווען אַן אומזיסטע...

אַרום מיר האָב איך אונטער די פאַרמאַכטע אויגן, נישט געפילט קיין עולם, אפילו קיין איינציקן אָנקוקער.

— איז די גאַס מיטאַמאָל פּוסט געוואָרן?

איך האָב אויפגעעפנט די אויגן. די גאַס איז פול. מען גייט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, מענטשן, ווי מוראַשקעס. נאָר קיינער שטעלט זיך לעבן מיר נישט אָפּ. איך ליג דאָך אינמיטן טראָטואַר, פאַר אַלעמען אין די אויגן, אונטער אַלעמענס פיס. נאָר אַלע גייען פונדערסטוועגן פאַרביי מיר. לעבן מיר, אַרום מיר, מיט מיר. קיינער שטעלט זיך נישט אָפּ. ק י י נ ע ר ב אַ מ ע ר ק ט מ י ך נ י ש ט.

איך קוק צו, שוין מיט אָפענע אויגן, ווי יעדער איינער גייט זיך זיין וועג, אַרום מיר און אַפילו אַריבער מיר, — אַריבער מיין אומגעפאַלענעם, סאַמע פאַר מענטשנס אויגן אויסגעשטרעקטן גוף. יעדער גייט זיך זיין וועג... קיינער, הייסט עס, באַמערקט נישט מיין מיאוסע שוואַכקייט?

* *
*

און אין האַרצן הויבט זיך אָן וועקן עפּעס אַ מאָדנע געפיל... קיינער באַמערקט נישט מיין שוואַכקייט, חזר איך פאַר זיך.

אין דעם איז זיכער דאָ אַ טרייסט, אַפּילו אַ שטיקל פרייד. ניין, טאַקע אַ גרויסע פרייד!

אַזוי האַלט איך אין איין חזרן צו זיך אַליין, אָבער איך פיל דאָך, ווי קיין פרייד איז פון דעם פּאָרט עפּעס נישטאָ אין מיין האַרץ. אָנשטאָט פרייד, הויבט גאָר אָן אויפשטייגן ביי מיר אין האַרצן עפּעס אַ נייער געפיל, אַ מאָדנער געפיל... און באַלד דערקען איך עס — דאָס איז דאָך ווידער אַ געפיל־שרעק — דאָס מאָל שוין אַ נ יי ע ר שרעק.

— אַ שרעק איבער דעם, וואָס קיינער באַמערקט מיך נישט, כאָטש איך ליג אַזוי אַן אויסגעשפּרייטער אינמיטן גאַס...

לאָזט מיך שלאָפן

מען האָט מיך געפירט אין אַ גרויסן, פאַרמאַכטן עקיפּאַזש. דער עקיפּאַזש איז געווען איינגעשפּאַנט צו דריי פערד. אין יענער צייט זענען נאָך די עקיפּאַזשן אין דער גרויסער שטאָט קיעוו געווען איינגעשפּאַנט צו דריי פערד. דער עקיפּאַזש איז געווען פון אינעווייניק אויסגעבעט מיט אַן אָנגעשטאָפּטן ווייך-בלויען געוואַנט, ער האָט געהאַט גלעזערנע פענסטערלעך, דער עקיפּאַזש, אויף זיינע ביידע זייטן, און לאַמטערנעס ביים קוטשערס זיץ. אין די לאַמטערנעס האָבן געברענט שטיקלעך סטעאַרינאָווע ליכט.

דער עקיפּאַזש איז געווען אַ לייטיש-שוואַרצער, אַ גלאַנציקער און האָט געשפּרייט פון זיך אַן איינגעהאַלטענעם, בכבודיקן, פּריצישן טרויער.

איך בין דעמאָלט געווען נאָך אַ ברעקל, אפשר אַ קינד פון אַ יאָר זעקס. און פונם עקיפּאַזש האָט זיך דערפאַר אויף מיר געצויגן אומהיימלעכקייט.

ווי קום איך אין אָט דעם קליינעם, ציכטיקן עקיפּאַזש-צימערל, וואָס האָט זיך שטיל אַזוי געקייקלט אויף די רעדער מיט די גומענע

רייפן? מיינע עלטערן זענען געווען אָרעמעלייט. אונזער גאַנצע משפּחה איז געווען אַ משפּחה פון אַרבעטער. פון מיין טאַטנס צד — שוסטער אַלע, וואָס האָבן נישט געקאָנט געפינען קיין חיונה אין זייער אייגענער שטאָט און האָבן אַלע ביסלעכווייז זיך אַריבערגעקליבן אין גרויסע שטעט, געעפנט דאָרטן „מאַסטערסקאַיעס״ און אָנגעהויבן עסן פלייש און ווייסן קאַצאַפּישן „קאַלאַטש״ יעדן טאָג, נישט נאָר שבת און יום־טוב. פון מיין מוטערס צד איז אונזער משפּחה באַשטאַנען פון בויערס, וואָס פלעגן תמיד אַרומפאָרן איבער נאָענטע און ווייטע שטעט און בויען הילצערנע הייזער, שייערס און אַלערליי בנינים. מחמת דעם שטענדיקן אַרומפאָרן זייערן האָבן זיי זיך געהאַלטן פאַר גרויסע חכמים, פלעגן אינדערוואָכן — ווען נאָר זיי פלעגן קומען אַהיים, ווייל פון דעם, וואָס זיי האָבן אויפגעטון אויפן וועג, פלעגט מען דערציילן אַ סך שרעקלעכערע זאַכן, אָבער ס׳איז אויך געווען אַ גאָר וויכטיקע געשעעניש, וואָס אויך דאָ, אין זייער אייגענער שטאָט, פלעגן זיי שוין אינדערוואָכן — נישט גיין אין שול, האָבן זיך געשוירן די בערדלעך און זענען פאַררעכנט געווען אין אונזער שטאָט פאַר הולטאַיעס. מיין זיידע און מיינע עלטער־פעטערס — דעם זיידנס ברידער — זענען געווען גלעזער. איך געדענק, ווי פון זיי פלעגט אַלעמאָל שמעקן מיט קיט און פאָקאָסט־פאַרב.

אונזער גאַנצע משפּחה איז געווען אַן אָרעמע משפּחה פון האָרעפּאַשניקעס. איז ווי קום איך צו פאָרן אין אַזאַ רייכן עקיפּאַזש?

איך האָב געמוזט שלאָפן, ווען מען האָט מיך אַריינגעזעצט אינם עקיפּאַזש. איך האָב מיך מסתמא שוין אַ לאַנגע צייט אַרומגעוואָרפן אין אים, ווי אַ קליין באַלכל. און איצט, אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען די גרויסע שטאָט. מייך גאַנץ ווען האָט געגאַפט. די שטאָט, אויף וועלכער מיינע פאַרשלאָפענער אויגן האָבן זיך אויפגעעפנט, איז באַשטאַנען בלויז פון פייערן — פון און אַ שיעור פייערן — וואָס האָבן געברענט אויף אַ סאַמעטענער שוואַרצקייט. געלע פייערן פון מאַגאַזינען. בלויליכע פייערן פון עלעקטרישע לאַמטערנעס, וואָס זענען געהאָנגען אויף הויכע מעטאַלענע זיילן, מיט פאַרדרייטע שפּיצן אין

אַ בויגל, זיי, די לאַמטערנעס, האָבן אויסגעקוקט, ווי רייען ברענענ־דיקע בוימער, וואָס זענען געוואַקסן ביי די זייטן פון די גאַסן. עפּעס אַזעלכע ליכטיקע הייזלעך זענען אַרומגעפאָרן אינמיטן גאַס — הייז־לעך מיט באַלויכטענע פענסטער פלעגן אַלע ווײַלע זיך פאַרבייטראָגן אויף רעדער פאַרביי אונזער עקיפּאַזש מיט אַ געקלאַנגערײַ און אַ רודערן, און אַן אויפבליצן פון פייערדיקע שלענג אין דער הויך און ביי די רעלסן. מיין אויער האָט פאַרנומען אַ טויבן און גאַר־ווייטן געהילך, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַנצע פינסטערקייט פון דער נאַכט, פון איין זייט הימל ביזן צווייטן. מיין אויג האָט פאַרווונדערט וואַכנדיק־פאַרחלומט, געגאַפט אויף די פייערדיקע בוימער ביי די זייטן גאַס, אויף די פילע קראַנצן פייער, וואָס זענען געהאָנגען אויף די מויערן, אויף די פייערדיקע פלעקן און אַ שיעור, וואָס האָבן באַפינטלט דעם סאַמעט פון דער נאַכט.

דער עקיפּאַזש האָט זיך שטיל געקייקלט ווייטער מיט זיינע גומענע רעדער, און פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. מיין מאַמע האָט מיך גענומען אויף די הענט. ערשט איצט האָב איך באַמערקט, אַז מיין מאַמע איז דאָ אויך געווען לעבן מיר. דער קוטשער האָט געעפנט פאַר אונז די עקיפּאַזש־טירל. ער האָט געטראָגן אַ נידעריקן פלאַטשיקן צילינדער און אַ לאַנגע בלויע זשופּיצע ביז דער ערד. ער איז געווען אַרומגערינגלט אַרום זיינע לענדן מיט אַ לאַנגן, לאַנגן גאַרטל. ער האָט מיר אויסגעזען דעריבער גיכער ווי אַ גלח, איידער ווי אַ קוטשער, אָדער בכלל ווי אַ גוי, וואָס האָט זיך אומישנע אָנגעטון אַזוי, כדי אָפּצולאַכן פון גוטע ־ יידן.

באַלד האָבן מיר זיך געפונען אין אַ גרויסן, שטאַרק־באַלויכ־טענעם פאָדער־צימער פון אַ פריציש פאַרפוצטן הויז.

דאָ האָט געוווינט מיין פעטער אריה לייב. דער איינציקער רייכער קרוב אונזערער. ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער בחור, איז ער אַנטלאָפן פון דערהיים קיין קיעוו. ער איז געווען אַ סטאָליער, און פון זיין סטאָליערײַ איז ער דאָרט סוף־כל־סוף געוואָרן שטיין־רייך און האָט געעפנט עטלעכע גרויסע מעבל געשעפטן.

אין אונזער שטוב האָב איך געהערט אָפט דערציילן אַלערליי וווּנדערלעכע מעשיות וועגן זיין רייכקייט און זיין פריצישער אויפפירונג.

אויף יום-טובים פלעגט ער אונז צושיקן גרויסע מתנות. כ׳האָב געהערט אויך מיין מוטער זיך באַקלאָגן אָפט אַז דער ווייטער פעטער מיינער איז געוואָרן אַזוי רייך, אַז ער לאָזט קיין יידן נישט אַרויף צו זיך איבערן שוועל. און איבער דעם אַלעם, האָב איך צו מיין ווייטן פעטער קיינמאָל קיין נאָענטקייט נישט געפילט, נאָר געטראַכט פון אים, ווי פון עפעס אַ פרעמדן פריץ, אַ רייכן שררה.

שפעטער מיט יאָרן האָט מיר מיין מאַמע וועגן אָט דער רייזע אונזערער קיין קיעוו דער שטאָט דאָס פאָלגנדיקע דערציילט:

אין איינעם אַן אָוונט איז דער פעטער מיינער געקומען צו זיך אַהיים און זיך געלייגט שלאָפן. — קום עסן, — האָט אים זיין ווייב, מיין מומע, מעכאַניש גערופן צום טיש. אין קיך איז מיט פאַר-צונטערטע באַקן געשטאַנען די קעכן און געבראָטן די פיינע געש-טאָפטע גענז און געקאָרמעטע עופות. אויסער דעמאָלט ווען ס׳פלעגט אַמאָל ארונטערקומען איינע פון די אויסגעגעבענע טעכטער, זענען מיינע פעטער-מומע געזעסן בלויז איין פאָרפאָלק ביים טיש. נאָר קאָכן פלעגט מען פונדעסטוועגן אַלעמאָל ווי פאַר אַ גרויס הויז-געזינד. אַ סך, אַ סך. ווייל זיי זענען דאָך געווען רייכע... אויסער דעם — די מומע האָט נישט געהאַט וואָס אַנדערש צו טון אין הויז.

— לאָז מיך געמאַך, — האָט זיך מיין פעטער ביי איר געבעטן יענעם אָוונט. — איך וויל נישט עסן. איך בין מיד. אַזוי מיד. —

און יענעם אָוונט האָט שוין דער פעטער אַריה-ליב נישט געגעסן קיין וועטשערע. און אויף מאָרגן אינדערפרי איז ער געשלאָפן שפעט, זייער שפעט. און אָט — ס׳איז שוין שפעטער טאָג, און ער שטייט נאָך אַלץ נישט אויף. מען וועקט אים, נאָר ס׳העלפט נישט.

דערשראָקענע, האָט מען אים אָנגעהויבן צופן און רייסן. נאָר ער איז אַלץ געשלאָפן. האָט מען געשיקט רופן אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט אים אַריינגעלייגט אַ גראַדוסניק אין מויל, האָט אים באַטאַפּט, אויסגעהערט, איינגעגעבן טראָפּנס, און צו אָוונט-צו געשיקט רופן צו זיך נאָך אַ דאָקטאָר, אַן עלטערן פון אים און מסתמא אַ געניטערן. זענען זיי ביידע אַ שטיק צייט געזעסן אַזוי ביי זיין בעט, ווי צוויי מכשפים, און גערעדט צווישן זיך אין דער שטיל.

ס'איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער פאַל אין דער מעדיצי־נישער פּראַקטיק. אָטעמען האָט ער געאָטעמט פריי, מיין פעטער, אַזוי, אַז ער האָט געקאָנט אָפּלעבן, אַזוי שלאָפנדיק, אַ לענגערע, אַן אומבאַשטימטע צייט, נאָר דאָס שפּייזן איז אָנגעקומען וואָס אַמאָל אַלץ שווערער. מען האָט אים מיט פאַרשידענע מיטלען אייַנגעגעבן אַ פּאָר לעפעלעך געטראַנק און אַביסל סופּ. עס האָט זיך אָבער איינגאַנצן צוריק ארויסגעגאָסן...

און מיין פעטער איז אַלץ געשלאָפן... אויף זיין פּנים איז די גאַנצע צייט פון זיין שלאָפן געווען אויסגעגאָסן אַ שמייכל. האָט ער זיך אין דער שטיל אויסגעלאַכט פון די שטילע, געלערנטע וכוחים פון די דאָקטוירים ביי זיין בעט? אָדער האָט ער אפשר דעמאָלט געהאַט אַזעלכע שיינע, אומגעוויינלעכע חלומות, וועלכע האָבן אים אָנגעפילט מיט אַ מאָדנער, יענוועלטיקער פרייד?

עס איז שוין געווען דער צווייטער מעת־לעת זינט מיין פעטער איז איינגעשלאָפן.

אין שטוב האָבן זיך איצט שוין אָנגעקליבן אַסך מענטשן, ווי ביים בעט פון אַ גוססן. די אומהיימלעכקייט איז דאָ אָבער געווען פיל גרעסער: דער פעטער איז געווען אי לעבעדיק, אי געשטאָרבן... נאָך אַ לעבעדיקער, האָט ער זיך שוין אָבער ווי געפינען איצט אויף דער אמתער וועלט, אויפן עולם האמת.

דעמאָלט איז מיין מוטער, זיין שוועסטער, ארויסגערופן געוואָרן קיין קיעוו דורך אַ ספּעציעלער דעפּעש. די מומע מיינע, זיין פרוי, וועלכע איז געזעסן לעבן אים און האָט געוואַכט אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג, האָט אים געהערט דערמאָנענדיק אין שלאָף אַ פּאָר מאָל מיין מוטערס נאָמען. ער האָט זיך אויף איין מינוט אויפגעכאַפּט און אַרומגעפירט זיינע בליקן אויף די אָנוועזנדיקע. באַמערקנדיק צווישן זיי די זאַטע געגאָלטע און פעטע פּנימער פון זיינע צוויי איידימס, האָט ער מיט אַ פאַרקרימטער, שפּלדיקער מינע אָפּגעקערט זיין בליק פון זיי.

— ווו איז חיה? — האָט ער געפרעגט. — פאַרוואָס זע איך עפּעס נישט חיהן? און ווו איז איר קדישל?

און האָט זיך צוריק דערוויטערט אין יענער וועלט, ווו ער האָט זיך דידאָזיקע פּאָר מעת-לעת געפונען.

דערהאַלטנדיק די טעלעגראַמע, האָט מיך די מוטער אַ שלאָפּע-דיקן אַרויסגענומען פון בעט, גענומען און איז אַוועק מיט מיר צום פּריסטאַן. אַ פּאַראַכאָד איז אָפּגעגאַנגען פון אונזער שטאָט אינמיטן נאַכט.

און איצט, אַז די צעטומלדיקייט און דאָס נישט-פאַרשטיין, וואָס האָבן באַהערשט מיין מוטער די גאַנצע צייט פון דער רייזע אַהער, זענען פאַרשוואונדן, האָט זי זיך אַרומגעקוקט מיט אַ נישט-זיכערקייט פון אַ קליינשטעטלדיקער איבער די רייכע, זויבערע חדרים. זיי זענען געווען געפּאַקט, נישט קוקנדיק אויפן פאַרבאָט פון די דאָקטוירים, אַז מען זאָל נישט קאַליע מאַכן די לופט אינם חדר, ווו מיין פעטער איז געלעגן... די בייעס פון מיין פעטערס פלוצלינגדיקן אַוועקפאַלן האָט זיך צווישן זיינע ווייטסטע קרובים און אפילו סתם באַקאַנטע פאַרשפּרייט. רויט, ווי אַ פייער צווישן אויסגעטריקנטע לעכצנדיקע גראָזן... קיינער האָט נישט געוואָלט פעלן דאָ. טאָמער קערט זיך צו אים צו זיין וואַכעדיקייט אויף אַ ווייליל און זיין באַוווּסטזיין, — איז ווער ווייס, וואָס פאַר אַ רייד ער קאָן דעמאָלט רעדן?

— אַ צוואה!

אַלעמענס מחות האָבן זיך געשפּילט מיטן דאָזיקן וואָרט — אַ יונגיטשקע, האָפנונג-ברענגענדיקע חיהלע וועלכע קען געבוירן ווערן דאָ אין די חדרים צו יעדער מינוט...

דאָ זענען אויך געווען מיין פעטערס צוויי איידימס. ביידע אַזעלכע פעטע, אָפּגעקאָרמעטע, מיט פאַרגאָסענע גלאַנציקע פּנימער און קאַרקן, וואָס האָבן זיך איינגאַנצן צונויפגעגאָסן מיט דער פּאָטיל-ניצע, ווי ביי ים-לייבן. איינער איז געווען אין אַן אָפיצירישער אוניפאָרם, און האָט געהאַט פאַרדרייטע, שטעכעדיקע וואָנסעלעך, ווי ביי אַ פּאָדפּאָרוטשיק. אָט דער איז געווען אַ מיליטערישער קאַפּעל-מייסטער אין אַ היגן פּאָלק. דער צווייטער איז געווען אַ דאָקטאָר,— אַן איינפאַכער ציין- דאָקטאָר, נאָר אַן אויסזען האָט ער געהאַט ווי פון עפּעס אַ וויכטיקן שררה, כאָטש אַ מאַרשל... ער האָט געקוקט אויף אַלעמען מיט אַזעלכע קאַלטע, גאוהדיקע בליקן. מיין מאַמען

האָט ער איצט נישט געוואָלט אפילו דערקענען. אָרעמע לייט האָט ער פיינט געהאַט. ער האָט זיי פיינט געהאַט אַזוי איינפאַך און נאַטירלעך, ווי ער האָט, צום ביישפּיל, פיינט געהאַט טאָמאַטן...

ער האָט אויך פיינט געהאַט יידן. נאָר אין דעם איז ער געווען ענלעך אויף מיין פעטערס צווייטן איידים — ביידע האָבן זיי נישט ליב געהאַט קיין יידן.

מיין פעטער האָט זיי אפילו געגעבן זייער אַ סך נדן. זיי האָבן אָבער אַלץ געהאַלטן, אַז זיי האָבן זייער שווער אָנגעטון אַ צו גרויסן כבוד, וואָס זיי האָבן חתונה געהאַט מיט זיינע טעכטער. יעדער איינער פון זיי האָט דאָך געקאָנט קריגן אַ גויאישע כלה זאָל זיין אַפילו מיט אַ קלענערן נדן. אָבער פּאָרט נישט קיין „זשידאָוועטשקע"...

צוליב אָט די איידעמס האָבן דעם פעטערס קינדער — דאָס הייסט, אָט די צוויי טעכטער זיינע, ווייל קיין זין האָט מיין פעטער נישט געהאַט — ווען זיי זענען נאָך געווען כלות, פאַרטריבן ביסלעכווייז פון זיין הויז אַלע זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע און קרובים. די מומע, מיין פעטערס פרוי, האָט אין דעם געשטימט מיט די קינדער. זי האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון אירע טעכטער, וואָס זענען אַזוי אַריסטאָ-קראַטיש. און מיין פעטער איז געבליבן אַליין און איינזאַם ביי זיך אין דער היים... ער האָט מיין מאַמען אַמאָל דערציילט, אַז זייער אָפט נאָך דער אַרבעט אין איינעם פון זיינע מעבל-געשעפטן, האָט ער נישט געהאַט אַפילו קיין חשק צו קומען צו זיך אַהיים.

אויפן דריטן טאָג האָט זיך דער פעטער פלוצלינג אויפגעכאַפּט. מיין מומע האָט זיך גלייך צו אים נאָענט צוגעבויגן.

שטעל דעם סאַמאָוואַר. ס'איז יום-טוב איצט, — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט. — און גיס אָן אַלעמען טיי. מען דאַרף נישט די דינסט — גיס בעסער אַליין אָן די גלעזער.

— וואָס טוט זיך מיט דיר? — האָט זיך די מומע, אַ צוטרע-וואָזשעטע, געבעטן ביי אים. זי האָט געציטערט איבער יעדן אַרויסגע-רעדטן וואָרט זיינעם. טאָמער פאַלט דער פעטער צוריק אַוועק אין זיין לאַנגן, שווערן שלאָף. — ווי פילסטו זיך? — האָט זי ביי אים ווייטער געפרעגט.

— מיר איז זייער גוט,--האָט ער מיט אַ לייטזעליק שמייכל געענט־פערט. — איך וועל דיר שוין שפּעטער דערציילן אַלץ, וואָס איך האָב געזען אין מיין חלום. אָבער דערווייל שטעל דעם סאַמאָוואַר... און פאַרגעס נישט אַריינצושיטן אַ סך וואַרעניע אין בערעלעס גלאָז.

בערעלע — דאָס בין איך.

דעם סאַמאָוואַר האָט די דינסט, פאַרשטייט זיך, גלייך געשטעלט. נאָר איידער דער סאַמאָוואַר איז געוואָרן פאַרטיק, איז מיין פעטער ווידער איינגעשלאָפן. און דער לייטזעליקער שמייכל איז שוין די גאַנצע צייט פון זיין שלאָפן פאַרבליבן אויף זיין פּנים.

פון וואַנען ווייסט ער — האָט מיין מוטער געטראַכט — אַז מיין בערעלע איז דאָ? אַפּנים, אַז אריה-לייב געפינט זיך איצט אין חלום ביי אונז אין שטאָט — אין זיין געבורטס-שטאָט... ער איז צוריק אַ יונגער בחור און געפינט זיך איצט אין דער היימישער שטאָט, צווישן אייגענע מענטשן.

ווייל אַליין האָט ער קיין זין נישט געהאַט, האָט ער מיך זייער שטאַרק ליב געהאַט. איך געדענק, ווען ער איז אַמאָל געווען ביי אונז אין שטאָט מיט אַ באַזוך, האָט ער ביי מיר געפרעגט:

— בערעלע, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר אַרום, וועסטו זאָגן נאָך מיר קדיש? ביי מיר אין הויז זענען דאָך אַלע גוים...

אפשר האָט מיין מוטער אויך פון דעמזעלביקן איצט געטראַכט, ווען זי איז אַזוי געשטאַנען איבער אים און פון אירע אויגן האָט אַרויס־געווייטיקט אַ גרויס רחמנות אויף אים. זי איז געווען זיכער, אַז זי איז די איינציקע דאָ, וואָס ווייסט פון מיין פעטערס גאַנצן עלנד און פרעמדקייט ביי זיך, אין אייגענעם הויז...

ס'איז נישט געווען באַוווסט, ווער עס האָט אים גערופן אַהער. נאָר אין שטוב האָט זיך פלוצלינג באַוויזן אַ הויכער, אַ דאַרער ייד מיט אַ בעלמע אויפן רעכטן אויג. אונטערן פאַכווע האָט ער געהאַלטן אַ דיקן, אַ פאַרשמאָלצענעם ספר. און אַ דערשראָקענער האָט ער זיך לעת עתה געהאַלטן אָן אַ זייט פון אַלעמען, ביי דער וואַנט, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז ער איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט, וואָס ער האָט זיך צוגעאיילט צו קומען, און האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים באַלד אַרונטערוואַרפן פון אַלע טרעפּ.

דאָס איז געווען דער שמש פון אַ קליין שולכל, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ נאָענטער גאַס, אין קעלער פון אַ גרויסן, פיל-עטאַזשיקן הויז. אין יענעם טייל שטאָט, ווו מיין פעטער האָט געוווינט, איז נישט געווען דערלויבט צו בויען עפנטלעך אַ שול. די שולכל האָט זיך דעריבער געפונען אין איין האַלב-טונקעלן, גרויסן צימער, ווו עס האָט אויך געוווינט דער שמש מיט זיין פרוי. אינם זעלביקן צימער האָט זיך אויך געפונען דער ארון-קדש און דער שולחן פאַר קריאת-התורה. ביינאַכט פלעגן אויפן שולחן שלאָפן דעם שמשס קינדער. דער לאַנגער, הילצערנער שולחן פלעגט ביינאַכט באַנוצט ווערן פאַר אַ בעט.

אַז מיין פעטערס איידעם, דער אָפיציר, האָט דערזען דעם שמש, האָט ער זיך אָפּגעקערט פון אים מיט אַזאַ איבעלדיקער מינע, ווי ער וואָלט געהאַט איינגענומען אַ גרויסן לעפל קאַסטאָר-אייל. ער האָט געטראַכט, אַז דאָס איז מסתמא אַ ווייטער, אָרעמער קרוב, וועלכער האָט „דערשמעקט"... אַז דער צווייטער איידעם, דער דענטיסט, וועלכער האָט געוווסט, ווער דער הויכער, דאַרער ייד איז — האָט זיך אָנגעהויבן וויצלען:

— אָ, אָט האָסטו אים, דעם „ראַווין"... זאָג נאָר, טייערינקער, ס'איז עפּעס שווער צו שלאָפן ביינאַכט מיט דער ווייב אויף אַזאַ הייליקן און האַרטן טיש? און דער ארון-קודש אַנטקעגן שווייגט, האַ?

און מיין פעטערס פאַרהוילענער חלום האָט זיך אַלץ געצויגן... און דער פייטזעליקער, גליקלעכער שמייכל איז פון זיין פּנים די גאַנצע צייט אַלץ נישט אָפּגעטון געוואָרן.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן דריי טעג און דריי נעכט.

אויפן פערטן טאָג אין דער פרי האָט ער זיך ווידער אויפגעכאַפּט, און ער האָט עפּעס אָנגעהויבן רעדן זייער ע טיל. מיין מומע, אַ פריידיקע און אַן אויפגעמונטערטע, האָט זיך צו אים נאָענט צוגעבויגן.

— ליאָוושקא — מיט אַזאַ מאָדנעם נאָמען האָט מיין פעטער געהייסן ביי זיך אין דער היים — ליאָוושקא, וואָס איז מיט דיר?

וואָס חלומט זיך דיר? שטיי שוין אויף, ליאָוושקאַ... דערציייל מיר...
שטיי אויף, טייערער... טוט דיר עפּעס וויי?

שטיל האָט מיין פעטער געענטפערט:

— ס'איז געוועזן ווערט, ס'איז געוועזן ווערט...

און האָט ווידער פאַרמאַכט זיינע אויגן.

און קיינער האָט קיינמאָל נישט אויסגעפונען, וואָס עס האָט זיך מיין פעטער אינעם משך פון אָט דעם פיר-מעת-לעתדיקן שלאָף גע-חלומט, ווייל מער האָט זיך שוין מיין פעטער נישט אויפגעכאַפּט.

באַגינען

א

אַז איך בין איינמאָל אויפגעשטאַנען אינדערפרי, זיך אויסגע־שטרעקט די פאַרלעגענע און פאַרשלאָפענע ביינער, אָפּגעמאַכט מיינע גימנאַסטישע איבונגען און אָפּגעוואַשן מיין גוף מיט קאַלט וואַסער,— האָב איך אַ כאַפּ געטון אַ קוק אין דרויסן און דערזען, אַז די וועלט איז ליכטיק.

איז מיר געוואָרן ליכטיק אויפן האַרצן, און איך האָב פריידיק אַ שמייכל געטון אין מיין צימער אַריין. איך האָב געוווּסט, אַז עס איז אַ גוטער סימן. אַ ליכטיקער טאָג, האָב איך צו זיך געזאָגט אין דער שטיל, און בין געוועזן גרייט אָנצופאַנגען מיין טאָג־אַרבעט.

דערזע איך מיטאַמאָל ביי מיר אויפן טישל, וואָס שטייט לעבן מיין בעט, אַ פּאַפּירל, אַ טעאַטער־פּראָגראַם, און אויפן ליידיקן זוים פונם ביי׳געלע פּאַפּיר איז אָנגעשריבן מיט קרומע, צעדרייטע אותיות:

— איך וועל אייך ברענגען אַביסל וואַרניש.

רייב איך דעם שטערן און קוק נישט־פאַרשטייענדיק אויף דעם פּאַפּירל. ווער וועט דאָס מיר ברענגען אַ ביסל וואַרניש, פרעג איך

ביי זיך. — און אַזוי ווי דער כּתב איז ענלעך אויף מײַנעם — איך שרייב מיט עטלעכע האַנטשריפטן, עס ווענדט זיך שוין, איך האָב עס באַמערקט, אי אָן מײַן פיזיאָלאָגישן, אי אָן מײַן פּסיכישן צו־שטאַנד — אין דער מינוט וואָס איך שרייב — איז עס דאָך קלאָר, אַז דאָס האָב א י ך עס דאָך מסתּמא אָנגעשריבן.

אין טעאַטער, דערמאָן איך זיך וועגן פאָריקער נאַכט, בין איך געווען אַליין. דאָס פּראָגראַם, — איך בין איצט זיכער, — האָט אויף זיך קיין שום אויפשריפֿרן נישט געהאַט לעצטע נאַכט. קיינער, אויסער מיר, האָט עס פון דאַן אָן נישט געהאַלטן אין האַנט. פון אומגע־זעענע נאַכט-באַזוכער רעדט מען דאָך נישט.

איז איך, הייסט עס. גוט. וועל איך דאָס ברענגען דעם וואַרניש. וועמען-זשע, וואונדער איך מיך, וועל איך עס ברענגען דעם וואַרניש, און צוליב וואָס? איך פאַרשטיי נישט... וואָס איז דער באַטייט פון דידאָזיקע ווערטער, און ווי קומען זיי אויפן טעאַטער-פּראָגראַם?

אָבי איך האָב געדענקט יענעם פרימאָרגן, אַז איך וועל האָבן אַ ליכטיקן רויקן טאָג. אויפגעשטאַנען בין איך מיט אַ מח אַ קלאָרן און אַ פרישן, און גרייט געווען אויף אים לאָזן מאָלן ביים שרייב-טיש פאַרשידענע מיטנטאָגיקע ליכט-געוועבן. ערשט...

ווענד איך מיך אָפּ מיט פאַרדרוס פון דעם פּאַפּירל, זעץ מיך אַנידער צו דעם מיטן רוקן, ווײַל דער בלויזער אָנזען פון דידאָזיקע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער רייצט שוין מיך.

נאָר עס העלפט נישט. איך פיל, אַז איך בין שוין איצט מער אין מײַן חדר נישט אַליין. די ווערטער, — מײַנע און נישט מײַנע,— די פרעמדע ווערטער אָנגעשריבענע אין מײַן אייגענעם כּתב, רייצן זיך מיט מיר און לאַכן, שרויטן-גלייך, פון יענער זייט רוקן:

— האַ-האַ-האַ. איך וועל אייך ברענגען אַביסל וואַרניש... איך וועל אייך ברענגען אַביסל וואַרניש...

נו, האָט עס מיך געערגערט אַ גאַנצן טאָג.

איך סטאַרע מיך אָן דעם פאַרגעסן, ווי אָן אַ קלייניקייט: מאַלע וואָס, אַ פּאָר ווערטער... וואָס גייען זיי זיך מיט מיר אָן... עס ערגערט מיך אָבער אַלץ.

— וואָס הייסט, איך זאָל אויף אַזוי פיל איבער מײַן זכּרון קיין

באַלעבאָס נישט זיין, און ביי אַלע מיינע אָנשטרענגונגען, זאָל עס מיר נישט געלינגען צו דערמאַנען זיך, פאַרוואָס און ביי וואָסערע אומשטענדן איך האָב אָנגעשריבן דידאָזיקע ווערטער?

ווייל שוין אַ לענגערע צייט, אַז איך האָב פאַרבאָרגענע ספקות וועגן דעם מוח-צושטאַנד מיינעם, צי ער איז, ווי עס דאַרף צו זיין. מאַנכמאָל טו איך אָפּ אַזעלכע מאָדנע און פאַר אַ זייטיקן מענטשן אַזעלכע אינגאַנצן אומדערקלערלעכע זאַכן, — דערנאָך פאַרגעס איך מיך און אַזוי אָפּגעהאַקט און מיט איינמאָל, — וואָס איז עס דאָס, וואָס איך האָב אָפּגעטון... איך געדענק בלויז, אַז עפּעס אַן אינגאַנצן אומדערקלערלעכע זאַך איז דורך מיר אָפּגעטון געוואָרן. כ׳קאָן מיך אָבער אפילו נישט דערמאַנען, פאַרוואָס איך האָב אָט די אומדערקלערלעכע זאַך געטון.

דעמאָלט אין אַזעלכע צייטן, ווער איך מיר אַזוי אומהיימלעך און פרעמד, — אַ סקרוך גייט מיר איצט איבער איבערן לייב פאַר זיך זעלבסט... און עס דערווייטערט מיך אַזוי פון זיך, — אַ שרעק...

איז אַ גאַנצן טאָג האָב איך מיך דעמאָלט געערגערט אַזוי, און גאָרנישט געקאָנט טון. מער נישט — געוואָרן אָפּגעשוואַכט, אויסגעמאַטערט פון די אומזיסטע אָנשטרענגונגען אויף טרעפן דעם מיין פון אָט יענע ווערטער.

אַ מידער בין איך אַזוי פאַרנאַכט געבליבן זיצן אין מיין שאָקל-שטול ביים פענסטער. געשלאָפן בין איך, נישט געשלאָפן, נאָר פון גרויס מידקייט און ערגערניש בין איך אריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון האַלב-באַוווסטזיין.

אין צימער איז געווען בין-השמשותדיק-טונקל, און די לאָמפּן-פייערס, וואָס דער אָוונט האָט געזייט אינם טונקעלן פעלד דרויסן, האָבן זיך דורך די פאַרצויגענע פאָרהענגלעך אין מיין טונקעלער לופט נישט אריינגעמישט. איך האָב מיר מיינע מידע אברים אינם סאַמעט פון דעם פאָטעל אויפגעצויגן. געדרעמלט, גערוט.

און ווי איך ליג אַזוי און ווער אינגאַנצן אויסגערוט, האָב איך מיך דערמאָנט — נישט דערמאַנט, ווייל עס וואָלט דאָך געהייסן אַז דאָס, אָן וואָס איך האָב מיך דערמאַנט, איז טאַקע פאָרגעקומען פריער, ביי אַנדערע אומשטענדן, אָבער געווען איז עס זיכער געווען,

(איר פֿאַרשטייט דאָך מיין מיין) — איז נישט איך האָב מיך דערמאַנט נאָר איך האָב ד ע ר ז ע ן.

אָט איז עס, וואָס איך האָב דערזען אויף דער שוועל פֿון טונקל-באַלויכטענעם קאַמער, ווו בלויז אַ שטיקל שוואַך ליכט האָט געברענט... (און גרינג איז עס מיר גאָר אָנגעקומען, ווייל די מיט-גוואַלטיקע אָנשטרענגונגען, וואָס איך האָב דורכן טאָג געמאַכט, זענען, — ווי שווערע פֿלאַסטן, וואָס האָבן דעם איידל-ווייכן מוח-געוועב געדריקט,—אַראָפּגעווישט געוואָרן אין דער אָוונטיקער האַלב ליכ-טיקייט, און אַלץ איז געוואָרן מיטן אײ ג ע נ ע ם ווילן אַרויפֿגעשווומען).

אָט איז, וואָס כ׳האָב געזען:

„...עס איז נאַכט. לעצטע נאַכט. שוין אפֿשר באַלד טאָג. אַרום פיר - פינף אַ זייגער — באַגינען. און עס גיט מיך פֿלוצלינג אַ וועק-אויף פֿון שלאָף. איזן איז עס העט ווייט אין דער דריטער אשמורה, שטיל אַזוי און איינגעהאַלטן אין זיך. די געדיכט-אָנגעשאָטענע שטערן אויפֿן הימל-געוועלב זינגען אין דער שטילער שנייאיקער נאַכט, ווינקען זיך איבער איינער מיטן אַנדערן, און דערציילן זיך ווינטערדיקע מעשיות, מיט אַ קלוגן שמייכלען אויף די גאָלדענע פּנימלעך. — דאָס אַלץ זע איך אָבער נישט מיט מיינע אויגן, ווייל מיין בעט שטייט גאָר אָן אַ זייט פֿון פֿענסטער, נאָר איך זע עס מיט מ יי ן ג אַ נ צ ן ג ו ף. ווייל שטיל איז עס איצט אַזוי אויף דער וועלט, און מיט די טויזנטער קליינינקע עפֿנונגען, וואָס זענען איבערן גוף צעשפּרייט, פֿאַרנעמט מען אין סוף-נאַכט די דינסטע ציטערן פֿון אומגעזעענע זאַכן. קאַלט איז עס, און נאָך פּרי, וויל איך מיך איבערדרייען אויף דער צווייטער זייט און ווידער איינשלאָפֿן. נאָר סאַמע ביים ערשטן דרימל גיט עס מיך אַ כאַפּ אויף צום צווייטן מאָל.

— אהאַ...—גיב איך מיר אַ זאָג צו זיך—עס ברענט מיך עפּעס אין דעם טונקעלן מוח-קאַמער, און וויל, מען זאָל עס אַרויסלאָזן...*)

*) איך מוז דאָ באַמערקן, אַז דאָס אַלץ האָב איך נישט געפּילט און ז׳כער נישט ג ע וו ו ס ט, לעצטע נאַכט. עס איז בלויז א י צ ט, בשעת איך שרייב, וואָס איך באַמי-מיך, אומבאַהאָלפֿן און אומגעלומפּערט, צו געפינען כאָטש וויפֿל ס׳איז נישט איז פּאַסנ-דיקע ווערטער, כדי איבערצוגעבן דאָס, וואָס האָט, אָדער וואָס האָט נישט פּאַסירט לעצטע נאַכט. לעצטע נאַכט אָבער בין איך נאָר געווען באַוווסטזיניק אויף איין זאַך: אויף אַ בלויזער גייסטיק-פיזישער אומרויקייט אין מיין גאַנצן נשמה-גוף.

איך שטעק אַרויס מיין האַנט פון אונטער דער קאָלדרע, נאָר די בלייכקייט פונם אַנטבלויזטן לייב אין דער נאַכט-פינסטערניש שרעקט מיך צוריק אָפּ. אַ טויטע, נישט-מיין האַנט איז דאָרט געווען.

— אוי, ווי קאַלט —

— איך נעם דעמאָלט מיין האַנט, — די שטומע טויב, וואָס איך האָב אַרויסגעשיקט אין דער פינסטערניש, וואָס אַרום, אויסצוגעפינען עפּעס פאַר מיר, — צוריק אונטער דער וואַרעמער קאָלדרע אַרונטער. און דריי מיך איבער צו דער וואַנט, צי אויף זיך מיט גוואַלט דעם שלאָף אַרויף.

נאָך דידאָזיקע אָנשטרענגונג מאַכט מיך נאָך וואַכעדיקער. די אומרויקייט מיינע ווערט נאָך שטאַרקער: דער שמאָלער פּאַסיקל וואַכעדיקער באַוווּסטזיין, וואָס לייכט זיך דורך אַ שפּאַרינקעלע אין טונקל-קאַמער אַריין, זאָגט מיר, אַז עפּעס איז מיר דאָ איצט אויפן מוח אַזוינס, וואָס קומט צוגיין בלויז זעלטן, איינמאָל אין אַ באַגינען, און אַז איך מוז עס דעריבער אָפּשפּאָרן, אויפהאַלטן, פאַרקערפּערלעכן... ווייל מיטן טאָג-אָנקומען וועט עס שוין אָקאָרשט נישט זיין.

דער לעצטער ברעג. אַרויסצוראַטעווען דאָס וואָרט וואָס ס׳קומט אָן זייער זעלטן, איז שוין געווען צו הייס, אַז איך זאָל מיך איינשטילן... און עס האָט מיך אַ דרייפּערטל-שלאָפנדיקן פון בעט אַזאַ הויב געטון, — עס האָט מיך אַ צונד און אַ ריס געטון. כ׳האָב געוווּסט שוין, אַז אַנדערש וועל איך בשום אופן נישט קאָנען אַנטשלאָפן ווערן.

אויפן נאַכט-טישל האָב איך אָנגעטאַפּט אַ בלייפעדער און אויפן טעאַטער-פּראָגראַם, וואָס איז דאַבײַ געלעגן — מיטן שטיקל טאָג-באַוווּסטזיין אָנטרעפנדיק דעם ליידיקן זוים, האָב איך אָנגעשריבן מיט שוואַכע פאַרשלאָפענע כּחות כּמעט אָן מיין ווילן, ג ע ע נ ט:

— איך וועל אייך ברענגען אַביסל וואַרניש.

און בין גלייך צוריק אַנידערגעפאַלן אויף מיין בעט אַ דערשעפּטער פון דער אָנשטרענגונג האַלב-געחלשט.

און דעמאָלט ערשט איז די אומרויקייט אין מיר נאָך מער געשטיגן, איך האָב איצט געציטערט אַזש מיטן גאַנצן גוף, ווי אַ חולה-נופל, ווען ער קריגט דעם אָנפאַל — עס האָט מיך אַלץ געריסן

פון בעט אַרונטער נאָך עפּעס פאַרשרייבן... נאָר איך, פאַרצווייפלט און שוין אָפּגעשוואַכט, ווי אַ קינד אַ קראַנקס, האָב מיין דעמאָלט הילפלאָז געווענדט צו דער טונקלקייט און אַרויסגעזאָגט צו דעם דידאָזיקע ווערטער:

— גאָט, גאָט, פליעז גאָט, לאָז מיך אַנטשלאָפן ווערן — — —

דאָ — אין אָט יענעם פאַרנאַכט ווען כ'האָב זיך אָן דעם אַלעמען דערמאָנט — האָט מען מיר פלוצלינג אָנגעקלאַפּט אין טיר. איך האָב געהייסן אַריינגיין, איז אַריינגעגאַנגען מיין באַלעבאָסטע.

— דער טיש, — זאָגט זי, — איז געגרייט... אַלע זיצן שוין אַרום אים, און מען וואַרט אויף מיר מיט דער וועטשערע.

ב

דאָס איז שוין ביי מיר זיכער. אין דעם האָב איך גאָר קיין ספק נישט. אַלץ איז אַזוי, ווי איך האָב עס געזען אין אָט יענעם פאַרנאַכט. איצטער ווייס איך, אַז איך האָב עס אָנגעשריבן און ווייס אויך, ווען איך האָב עס אָנגעשריבן, און ביי וואָסערע אומשטענדן. אָבער — צוליב וואָס? און וואָס מיינט עס גלאַט אַזוי דיר אינמיטן דער נאַכט.

— איך וועל אייך ברענגען אַביסל וואַרניש —

און גלייך נאָכדעם אַנטשלאָפן ווערן?

עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס איך האָב מיך אַזוי איינגעשפּאַרט אויסצוגעפינען דעם מיין פון דידאָזיקע עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן וואַרשיינלעך גאָר קיין מיין נישט געהאַט. עס איז ביי מיר שוין אַריין אין נצחון.

— פאַרוואָס עפּעס זאָל איך נישט? —

נאָר קיין אָנשטרענגונגען אויף אויפצועפענען דאָס קעמערל פון מיין זכרון, וווּ עס ליגט דער מיין פון די ווערטער פאַרבאָרגן, ווייס איך, דאַרף מען נישט מאַכן, — עס וועט זיין נאָך ערגער. איך באַשליס דעריבער צו נעמען זיך אין די הענט אַריין. איך באַמי מיך נישט צו מאַכן קיין אָנשטרענגונגען. איך דערלאָז נישט קיין

צעטומלענדיקע אויפרעגונגען אין מיין מוח אריין. איך וויל „עס" ארויסנארן.

אָבער אומזיסט...

איז בין איך איינמאָל בייטאָג געזעסן אזוי ארום מיין שרייב-טישל. א טאָג א ווארעמער. עס איז ערשט נאָכמיטאָג, די זון ברענט. איך זיץ אנטקעגן איר. ווער איך אזוי צעהיצט פון דער ווארעמקייט. א שלעפעריקייט א בייטאָגיקע רוקט זיך אויף מיר אָן, ווי אמאָל-אמאָל אויף מיין אורפאָטער אברהמען:

און א תרדמה איז אויף אים אָנגעפאלן...

איך לאָז מיך פון די הענט ארויס, ווי אן איינגעדרימלטער בעל-עגלה לאָזט ארויס די לייצעס פון זיינע מידע פערד. איך פארנעם מיך צו באמיען זיך נישט צו מאכן קיין אָנשטרענגונגען. איך פארמאך די אויגן, און דורך די אויגן-לידלעך זעט זיך אריין א פיאָלעט-רויטע זוניקע פארב.

...הערט נאָר. איך בין געגאנגען איינמאָל — אמאָל-אמאָל — אין א וועג. בין איך צוגעקומען צו א דאָרף.

דורך דער גאנצער זאמדיקער לענג פון דער איינציקער גאס פון אָט יענעם דאָרף בין איך דורכגעגאנגען, און וואָלט מיך דאָ אויך נישט געווען אָפגעשטעלט. איך האָב מיר ליב גלאט גיין אזוי איבער וועגן, וואָס איך ווייס נישט, וווּ זיי פירן. נאָר איך דערהער מיטאמאָל: עמעצער רופט מיך. שטעל איך מיך אָפּ און קוק מיך אום.

עס איז א גרויסער גאָרטן, א פונאנדערגעבליטער, אין רעכטן מיטן פרילינג. די בוימער — באדעקט מיט א געדיכטן, ווייסן און געלן צוויט. אזוי שיין, ווי נאָר דורך א מענטש א געמאָלענער גאָרטן קאָן זיין, די פארבן — נאָך פריש. דוכט זיך: אז מען רירט אָן דאָס בליעכל בלייבט די פארב אויף די הענט...

און אין דעמדאָזיקן צוויט שווארצט זיך, אָפגעזונדערט אין א ווינקל-גאָרטן, א קליין הייזל. — די טיר — אָפן. די פענסטער — פארמאכט.

שטייט דאָרט לעבן דעם הייזל, איינדערפרי-ליגנדיקער זון, איינער אן אלטיטשקער, איינגעבויגן איז ער, וואקסט שוין, קענטיק,

צוריק צו דער ערד. ער קלאַפּט, דערדאָזיקער אַלטיטשקער מיט אַ האַמער די לעצטע טשוועקעס אין עפּעס אַ קאַסטן אַזאַ: אַן אָרון, זעט זיך אויס, אַ טרומנע. דאָס האָלץ דערפון איז נאָך רוי, ניי, מיט בלאָלעכע אָדערן, וואָס לייכטן זיך פונם יונגן לייב פונם האָלץ אַרויס.

דערזע איך, ווי עס ווינקט צו מיר דער אַלטינקער, שמייכלענדיק מיטן גראָען קאָפּ, איך זאָל צוקומען נענטער. ער וויל, הייסט עס, וואָס פון מיר.

מילא, גיי איך צו נענטער. איז אָבער אַרום און אַרום דעם גאָרטן, פאַרשטעלנדיק מיר דעם וועג, אַ פּלויט. אַ פּלויט גאָר אַ נייער. דאָס האָלץ — יונג און רוי. פון די סוקעס טריפט נאָך אין דער זון גאָלדענע „קאַליפאָניע", אָט פונקט, ווי די אַריינגעזאַפּטע אינם האָלץ צעשמאָלצענע זון וואָלט איצט פונם האָלץ זיך צוריק אַרויסגעגאָסן. איך הויב אויף די אויגן צו זען, אויב איך וועל קאָנען איבערן פּלויט אַריבערשפּרינגען.

דערזע איך:

אויף דעם פּלויט זיצט, אָנהאַלטנדיק זיך אָן אַ צווייג איבערן קאָפּ, אַ יונג מיידל, נאַקעט, גאָר נאַקעט. איר לייב — שמייכלענדיק און רויזלעך-ווייס, ווי דער צוויט אַרום איר אויף די בוימער. אָט דעריבער, טראַכט איך, האָב איך זי צוערשט נישט באַמערקט, ווייל איר לייב איז פונם זעלבן קאָליר, וואָס דער צוויט.

דער אַלטינקער וואַרט דאָרט אַלץ אויף מיר. ער האַלט אָפּ דאָס אַריינקלאַפּן די לעצטע טשוועקעס אינם ניי-אויפגעבויטן אָרון אַריין. מיט זיינע לעצטע כחות רופט ער מיך צו אים, דורך דער וואַרעמער פרילינגדיקער לופט:

— אַהער-ר! אַהער-ר!

און דאָס מיידל, זיינס אַן אייניקל מסתמא, זאָגט גאָרנישט, נאָר שמייכלט אויף מיר אַזוי נאַקעט-ווייס פונם צוויט אַרויס. שמייכלט מיט לייב און אויגן:

— אַהער-ר... אַהער-ר...

איך בין צוגעגאַנגען צו איר נענטער.

— דו האָסט אַ פרילינגדיקן גאָרטן, — זאָג איך צו איר, —

אין וועלכן דער צוויט האָט זיך פונאַנדערגעבליט... ווילסטו דאָך נישט, אַז דער צוויט — און ווען דער זומער וועט קומען, די עפּל־זאָלן זיך אין אַלע זייטן פונאַנדערשפּרייטן... האָסטו אַ פּלויט אַרום דעם גאָרטן אויפגעבויט. ריכטיק, מיידל. דאָס האָלץ פונם פּלויט איז רוי, איידל, און בלויע אָדערלעך שלאָגן זיך פון אונטער דער פּרי־שער האָלצן־הויט אַרויס. וועל איך עס צודעקן מיט אַ מאַנטל פון גלעזזערנעם, טונקל־דורכזיכטיקן לאַקיר, מיט אַ בגד פון קרישטאָלע־נעם באַרג־גלאַזור.

— וואַרט נאָר, מיידל, איך וועל דיר ברענגען אַביסל וואַרניש...

ג

ניין.

עס האָט נישט געהאָלפן.

פונוואַנען וויס איך דען — פילייכט איז עס דער שטאַרקער באַגער מיינער פּאַר אַ באַשייד געווען די סיבה פון מיין טאָג־חלום? — דער טאָג־חלום, וואָס איך האָב באַשריבן אינם לעצטן קאַפּיטל? און האָט זיך דען דערדאָזיקער זעלביקער טאָג־חלום מיר אויך באַוויזן דאַן ביינאַכט? ווען איך האָב אָנגעשריבן אָט יענע פּאָר ווערטער אויפן פּראָגראַם? ווער וועט דאָס מיר זאָגן?

און דער עיקר...

— דער עיקר איז, אַז איצט איז דאָך גאָרנישט פּרילינג, נאָר עס איז אַ נאַסער ווינטערדיקער טאָג, און אַ שניי־רעגן גיסט זיך אומעטיק אין דרויסן. די גאַסן קוקן אויס, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן צו זיין נאַס פּאַר יאָרן און יאָרן לאַנג, קאָנען זיך נישט העלפן, און וויינען דעריבער איבער דעם ביטערן מזל זייערן.

און נאַס און פאַרנעפּלט ציען זיך אויך מיינע רעיונות:

„וואַרניש" מיינט אין יידיש לאַקיר, גלאַזור. גלאַזור איז פליסיק און דורכזיכטיק, ווי צעשמאָלצענער דינער גלאָז. ווען איר לאַקירט אָפּ אַ זאַך מיט דעם, איז די זאַך דעמאָלט, ווי אונטער אַ גלאָז־צודעק. אָט שטייט ביי אייך, צום ביישפּיל, אין צימער אַ נייער טיש. איז דער טיש פון פרישן האָלץ, רוי, טעמפּ, פרעמד, האָט צו אייך

קיין שום שייכות נישט, אַ טויטע זאַך. איר נעמט דאַן און לאַקירט אים אָפּ...

איצט איז עס דערזעלבער טיש — און נישט דערזעלבער... ער קוקט אויף אייך שוין, דער טיש, פון דער זייט, מיט וויכטיקייט און מיט אייגענער חשיבות; איידעלער, לעבעדיקער קוקט ער אויף אייך, מיט אַן אייגענעם לעבן... נאָענט-פרעמד שמייכלט ער איצט צו אייך, ווי אַן אַלטער, זייער גוטער באַקאַנטער, וואָס האָט אויף זיך אַ שוואַרצן בגד פון פרעמדקייט און דערווייטערטקייט אָנגעטון.

— אַנו-נאָר טרעף... ווער בין איך איצט? איך בין שוין אונטער גלאָז...

איר בויגט זיך איבער איבערן טיש און דערזעט דאָרט — זיך.

וואָס-זשע האָט עס מיך פּאָרט אויפגעוועקט אינמיטן דער נאַכט, און מיך געצוווּנגען אָנשרייבן:

— איך וועל אייך ברענגען אַביסל וואַרניש!

1919—1922

III. אונטערן צייכן פון אונטערגאַנג *)

*) קאַפּיטלען.

אונטערן צייכן פון אונטערגאַנג

ערשטער קאַפּיטל.

.1

עס שטייען איצט גאָלדענע, הערבסטיקע טעג.

טייכלעך זון זענען אויסגעגאָסן איבער די זאַפּטיקע, צייטיקע פעלדער — די ריזיקע, געבענטשטע, טויזנט־מייליקע פעלדער פון דער פרוכטבאַרער מיטעל־וועסט.

נעכטן האָט מען אויף די פעלדער שוין צום דריטן, צי צום פערטן מאָל געשניטן דעם היי און אין אָוונט איז נעכטן געגאַנגען אַ רעגן. איצט שמעקט עס אין דער לופט מיטן שאַרפלעך־געווירצטן ריח פון אַרויסקוואַלנדיקן היי־זאַפּט, — דאָס זיך אויסוועפּנדיקע בלוט פון די גאָלדענע סקירדעס.

ס'איז פריער טאָג. דער היי־זאַפּט ווערט אויסגעטריקנט דורך דער אויפשטייגנדיקער זון, באַזיסט די לופט. ברייטער נעמען זיך די נאָזלעכער פונאַנדער.

אויף די ווייטע פעלדער, וואָס באַלאַנגען צום אַגריקולטור־קאָלעדזש פון דער גרויסער מיטעל־וועסטלעכער אוניווערזיטעט, האָט מען שוין כמעט די גאַנצע קוקורוזע אַרונטערגענומען. נאָר אויף יענער

זייט אַלענטענדזשי טייך זענען נאָך פאַרבליבן צוויי ברייטע פאַסן מיטן גאָלדענעם וועלדל פון מאאיז.

די קוקורוזעס זענען שוין העכסט רייף — זיי זענען געציירט אַרומגעוויקלט אין ליכטיק-גרינע, לענגלעכע בלעטער, און אַרומגעוואַקסן מיטן מאאיז-זייד. מען דאַרף זיך דעריבער צואיילן אַרונטערצושניידן דידאָזיקע פאַרבליבענע פאַסן: פון דעם וועטער-ביוראָ אין דער אוני־ווערסיטעט-אָבסערוואַטאָריע האָט מען געלאָזט וויסן, אַז די טעג וועלן אַרונטערפאַלן גרויסע רעגנס. די קוקורוזע-פעלדער האָבן נאָך געקאָנט צעקלאַפּט ווערן.

גאָר אינדערפרי נאָך איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ פּאַרטיע יונגעלייט מיט גרויסע שנייד-מעסערס, אַרונטערצושניידן און אַרומ־בינדן די קוקורוזע-שטאַנגען.

אין דער פרימאָרגן-זון האָבן נאָכאַנאַנד געבלאַנקט די פליענדיקע שנייד-מעסערס.

צווישן דער פּאַרטיי יונגעלייט שניטערס, כּמעט אַלע סטו־דענטן פונעם אגריקולטור-קאָלעדזש און אַלע פּאַרמערס זין געפינט זיך אויך איינער אַ שוואַרצלעכער, אַ בלייכער יונגערמאַן; אַ יונגערמאַן מיט אַן אויסגעמאַטערט פּנים און מיט אַ גוף, וואָס איז היפּש אויס־געדאַרט. אָבער עס וואַרפט זיך פון ערשטן קוק אין די אויגן: ער פאַרמאָגט אַ פּנים, וואָס איז פאַרהאַרטעוועט און איינגעשפּאַרט, און די אויגן זענען ביי אים צונויפגעצויגן כּמורנע און פאַרעקשנט.

מען אַרבעט פּאָרלעכוויז: איינער שניידט אָפּ דעם מאאיז — דער צווייטער כאַפּט אַרום די פּאָלגנדיקע שטאַנגען מיט די אָרעמס און בינדט זיי דערנאָך צוזאַמען מיט אַ שטריק, וואָס איז אויסגע־פלאָכטן פון קוקורוזע-בלעטער.

אַז דער דאַרער יונגערמאַן מיטן איינגעשפּאַרטן פּנים, — ער אַרבעט די גאַנצע צייט זייער פלייסיק, שוין צו-פלייסיק, — אַז ער מאַכט פון צייט צו צייט אומגעשיקטע באַוועגונגען מיטן היפּשן שנייד-מעסער, דערשרעקט זיך זייער שטאַרק איבער דעם זיין שותּף, דער בלאָנד-האָריקער בחור מיטן נידעריקן רויט-צעפּאַסטן קאַרק. ער איז אַן אירלענדער, און מען האָט אים גערופן פּ י ט. ער האָט צי־

צויפגעפלאָכטן די קוקורוזע-שטעקענער, וועלכע דער דאַרער יונגערמאַן האָט אַרונטערגעשניטן.

ער רוקט זיך פאַרזיכטיק אָפּ אין אַ זייט.

— לאָז מיך בעסער, באַדדיי*), — איך וועל שניידן... די וועסט זיך נאָך סוף-כּל-סוף דורכשטעכן דעם בויך מיטן מעסער. נעם זיך דו בעסער פאַרן צונויפּ-בינדן די שטאַנגען.

אויפן דאַרן בחורס נאָך דינערע באַקן גליט דעמאָלט אויף אַ הייסע רויטקייט. אַ גליק איז: זיין געזיכט איז טונקל, קאָן מען עס קוים באַמערקן. אָבער אַ ליפּ הויבט ביי אים אָן פונדעסטוועגן צו צוקן שטאַרק נערוועז... דאָס קען מען שוין יאָ באַמערקן. ער ענטפערט נישט גלייך—ער בורטשעט אַרויס ערשט אַ פּאָר מינוטן שפּעטער, מיט אַרונ-טערגעלאָזענע אויגן:

— ס׳איז אָלרייט, — מורמלט ער. — זאָרג זיך נישט... ס׳איז נישט געפערלעך... שוין נישט איינמאָל געטון דידאָזיקע אַרבעט.

און הויבט נאָך אָן פלינקער און פאַרצווייפלטער צו פאָרן מיטן מעסער.

פּ י ט רעדט מער דעמאָלט קיין וואָרט נישט. ער אַרבעט ווייטער, ווי די גאַנצע צייט: רויק, מיושבדיק און נישט-געאיילט. זייענדיק אַליין אַ פאַרמערס אַ זון, קאָן ער גרינג איינזען: דערדאָזיקער אומבאַ-קאַנטער בחור זאָגט אַ ליגן... ער האָט אַוודאי קיינמאָל קיין שנייד-מעסער אין האַנט נישט געהאַלטן. נאָר ער שווייגט פונדעסטוועגן, פּיט.

שפּעטער אַביסל, אַז די זון קריכט אַרויס נאָך אַ פּאָר טרעפּ-לעך העכער אויפן הימל-בלוי און אַפילו צווישן די הויכע קוקורוזע-שטאַנגען — זיי זענען דאָ ווי היפּשע בלימלעך — הויבט עס אויך אָן צו באַקן — זעצט זיך פּיט אינמיטן דרינען אַביסל צו אָפּרוען.

— אינדערראַמתן... וואָס איז דאָ אַרויסציִאָגן פון זיך די קלעק? איין שוואַרץ יאָר... די מלוכה וועט דערפון נישט אָרעמער ווערן... נישטאָ וואָס זיך אונטערצורייסן.

פליגעלעך אַלערליי, — פעלד-פליגן, מוראַשקעס און פעלד-שפּינען — קריכן אַרום איבער אים, און ס׳זאָל אים אַפילו אָנהויבן אַרן. יאָ... נישטאָ זיך וואָס אונטערצורייסן.

---

*) חבר

פּו... (ער שפּייט אַרויס אַ טייכל ברוינשוואַרצע; ער קייט באַכאַנאַנד שטיקער טאַבאַק) וואָרים אָט יענער, אַ שטייגער... וואָס איז, מען וועט דען אים עקסטרא צאָלן דערפאַר, וואָס ער יאָגט פון זיך אַרויס דאָס חיות? אַזאַ טשיקאַווע בריאה...

פון אונטן, פון דער פּייטשלעכער בייט, ווו ער זיצט, קוקט פּיט אַרויפצו. דער אומבאַקאַנטער בחור מיטן איינגעשפּאַרטן פּנים שניידט נאָך אַלץ דעם מאאיז מיט אַזאַ אומגעשיקטער האַנט... ער פּאָכעט אַזוי מיטן מעסער, אָט ווי ער וואָלט געקעמפט מיט אַ שונא. דאָס דאַרף דאָך צו גיין אַזוי גרינג, ממש ווי געזונגען, — און אָט דער טשיקאַווער אַרבעטער מאַכט עפּעס אַזעלכע אָנשטרענגונגען. אַמאָל צעטומלט ער זיך גאָר אינגאַנצן, ווען ער דערפילט פּיטס בליקן אויף זיך, — דעמאָלט פּרווט ער גאָר שניידן מיטן טעמפּן זייט מעסער... גרויסע טראָפּן שווייס קייקלען זיך אים די גאַנצע צייט שטערן אַראָפּ.

אַ יאָ... ער פילט, אַפּנים, יעדע רגע, אַז פּ י ט קוקט אויף אים. זיין פּנים ווערט דעריבער אַלץ אָנגעכמורעטער. איינגעעקשנטער באָך פּאָרעט ער אַרום הין און צוריק מיטן מעסער.

— ז-ז-ז... ז-ז-ז... נאָר דער מעסער, ווייזט אויס, קיצלט בלויז די פּייכטע שטעקענער, אַז זיי פאַלן ענדלעך אַנידער אויף דער ערד, איז עס בלויז פון גרויס געלעכטער... אַ גרוילעכע בלוט-זאַפט — אַ פּיצנע פונם לאַכן — רינט פון זיי אַרויס.

און פּיט באַגרייפט אַלץ נישט דעמדאָזיקן בחור. עס גיט פון אים די גאַנצע צייט אָפּ מיט אַזאַ מין פרעמדקייט און אומפאַרשטענדלעכקייט. ער וויל אַלץ פאַרבינדן מיט אים אַ געשפּרעך, נאָר די צונג פלאָנטערט זיך אים עפּעס. לסוף פּלאַצט ער אַרויס:

— ביסט אַן עג*)-סטודענט?

— ניין... דאָס הייסט... איך בין נאָך דערווייל נישט קיין סטודענט. איך בין דאָ בלויז אַ פאַרם-האַנט.

און אַפילו איצט הויבט ער נאָך אַלץ נישט אויף די אויגן.

— אַזוי שנעל אָבער ווי איך וועל האָבן אָנגעשפּאָרט גענוג געלט...

פון זיין נידעריק פלאַטשיקן בולדאָק-שטערן אַפיר קוקט פּיט

*) עג — עגריקאַלטשור — אַגריקולטור.

אויף אים אַרויף. און אַלץ מיט דערזעלביקער נייגיריקייט. אָבער וואָס זשע איז עס? דעם יונגערמאַנס פּנים איז איצט אַזוי בלייך. עס ווערט וואָס אַמאָל אַלץ בלייכער, מיט יעדער רגע ממש אַנטרינט פון אים דאָס בלוט... טוט אים דען עפּעס וויי? יאָ, ער פאַרבייסט טאַקע די ליפּן — ווי פון גרויס ווייטיק. נאָר דאָס מעסער פּאַכעט ער נאָך אַלץ — פאַרקערט! ער פּאָכעט איצט נאָך פלינקער, פאַרצווייפלטער און איינגעשפּאַרטער.

מיט אַמאָל גיט פּיט אַ דערשראָקענעם שפּרונג-אויף:

— הער נאָר... דו... האָסט זיך דאָך צעשניטן אַ פוס!

דאָס בלוט האָט שוין אַפּנים געמוזט רינען ביים בחור אַ היפּשע ווײַלע. די „אָוועראָלס"*) זענען אויף אַ שמאָלן פּאַס, אין דער לענג פון פוס, געווען דורכגענעצט מיט בלוט.

פּיט נעמט דעמאָלט דעמדראָזיקן בלייכן און איינגעקשנטן יונג אַרום אַרום דער טאַליע, לאָזט זיך גיין מיט אים צום בריקל, וואָס פירט איבערן טייך.

— עס טוט דיר וויי?

— ניין, — גיט דער בחור אַ קרים מיט די ליפּן.

— זעסטו, כ'האָב דאָך דיך פריער געוואָרנט... — ווילט זיך פּיטן אַ מוסר טון אים. אָבער ביים ווערן בלייבט ער — ער באַטראַכט זיך, אַז יענער האָט שוין סיי-ווי געקראָגן זיין חלק.

ער האָט אים אַריבערגעפירט איבערן טייך. אַז זיי זענען דער-נאָך צוגעקומען צום היכן אייזנבאַן-אָנשיט וועלכן מען האָט געדאַרפט אַרויפקלעטערן, איז דער בלייך-דאַרער בחור נאָך בלייכער געוואָרן. ער האָט פאַרביסן די ליפּן און מיט שוויס אַ באַגאָסענער זיך אָפּגעשטעלט. נאָר אַז פּיט האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי אויפצוהייבן אים פון הינטן אַרום און אַרויפטראָגן אים אינדערהויך, האָט יענער זיך אַ ריס געטון און איז גיך אַרויפגעלאָפן אויפן אייזנבאַן-אָנשיט, געקלעטערט שנעל-שנעל איבערן גרונט, וואָס האָט זיך געבראָקלט אונטער זיינע פיס — געקלעטערט אָן אָטעם, אָן אַ וואָרט.

אויף יענער זייט אייזנבאַן-אָנשיט איז שוין געווען דער אָפיס.**)

*) ארבעטס-קליידער

**) קאַנטור.

איינגאַנצן אַ בלייכער איז ער, דער צעבלוטיקטער יונגערמאַן, שפּעטער דאָרטן געזעסן, — אַן אויסגעמאַטערטער, מיט פאַרמאַכטע אויגן. מר. בעטערהעם, דער אויפזעער איבער די פעלדער, פונם אַגרי-קולטור-קאָלעדזש האָט אַרויסגענומען פון אַ מעדיצין-קעסטל אַ פלעשל פּעראָקסייד*) און באַגאָסן דעם וווּנדיקן שניט. נאָר פאַרוואָס האָט ער געוואַרט, דער נאַרישער מענטש, ביז אַזוי פיל בלוט וועט אים אויסרינען? און פאַרוואָס האָט ער פריער אים נישט געזאָגט, מר. בע-טערהעמען, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן קיין קוקורוזע נישט געשניטן?

— כ׳האָב אים געוואָרנט — רופט זיך ענדלעך אָן פיט מיט אַ בייזן שמייכל, מיט קאָלירן פון נצחון און ביטול אויפן רויטן פּנים זיינעם.

— ס׳איז גאָרנישט — בורטשעט אַלץ דער בחור, און די אויגן זענען ביי אים איצט אויסגעלאָשן, טונקל. ס׳טוט נישט וויי... ס׳איז אַ קלייניקייט... מאַלע וואָס ס׳טרעפט זיך אַפילו ביים געניטסטן אַרבעטער.

פיט האָט אַ שטילן לאַך געטון פאַר זיך און זיך איבערגע-וואָרפן מיט אַ בליק — אַ בליק פון קעגנזייטיקן פאַרשטייען-זיך מיט מר. בעטערהעמען. דער לעצטער איז געווען זייער פריינטלעך—ער האָט אַרומגעבאַנדאַזשירט דעם בחורס פוס, אים געהייסן זיצן אַ ווייַלע, זיך אָפּרוען. נאָר אין דערזעלבער צייט, וואָס ער בינדט יצנעם אַזוי זאָרג-פעלטיק אַרום דעם פוס, באַשליסט ער ביי זיך: מער וועט ער נישט אַרויסשיקן אין די פעלדער אַזעלכע בלייכע, איידעלע יונגעלייט, ווי אָט דידאָזיקע „רוסישע"...

אמת: ער האָט אויף זיי טאַקע מיטלייד אויף דידאָזיקע „פרעמדע", טשעקאַווע אַזעלכע און אומבאַהאָלפענע, — ער וואָלט זיי גריילעך געוואָלט געבן עפּעס צום פאַרדינען... אָבער וואָס קאָן אַ מענטש טון מיט זיך? ער האָט זיי אין דערזעלבער צייט עפּעס... עפּעס אַזוי נישט ליב: זיי זענען אַלע אַזעלכע שוואַכע, זיי קאָנען סיי-ווי קיין רעכטע, שווערע פעלד-אַרבעט נישט טון.

יאָ... און מיט אים, דעם פאַרוווּנדעטן, וועט מען שוין זען,

*) דעזינפעקציר-מיטל

וואָס צו טון. אַוועקשיקן? ניין... מען וועט אים אָבער דאַרפן איבער־געבן צו ע ר נ ס ט ן, דעם פאַרוואַלטער איבער די אָראַנזשערייען אין קאלעדזש־גערטנער. דאָרט איז די אַרבעט אַ סך גרינגער...

פיט האָט אַן אומהיימלעך פרעמדן קוק אַ וואָרף געטון אויפן בחור, האָט ווידער אַ קרומלעכן שמייכל געטון צו מר. בעטערהעמען — אַ שמייכל פון אַ קעגנזייטיקן פאַרשטייענזיך — און איז אַוועק צוריק צו דער אַרבעט.

ער האָט זיך געוווּנדערט דעם גאַנצן וועג צוריק:

— פון וואַנען באַווייזן זיך עס דאָ, אין טריפּאָדוויל, אַזעלכע יונגעלייט — און ווו, און וואָס פאַר אַ געגנטן, און וואָס פאַר אַ מדינות פון דער וועלט זענען זיי אויפגעוואַקסן?...

עס איז שוין די נאָכמיטאָג־שעה. אַ זון־היץ וועבט זיך געדיכט אין דער לופט.

אומאויפהערלעך סוויסטשען די «קריקעטס» אין די פעלדער, — דער געזאַנג פונם גראָז אין זומער. נאָכאַנאַנד און אומאויפהערלעך סוויסטשען זיי און סוויסטשען זיי איצט, די קריקעטס, — דורך שטילן טאָג אין פעלד און דורך נאָך שטילערער נאַכט, — זיי פילן ענדלעך אָן דעם מח מיט אַ געדאַנק פון אייביקייט: אייביק, אייביק, פונם ערשטן טאָג אָן פון דער וועלט־באַשאַפונג זינגען זיי שוין אַזוי, דידאָ־זיקע ברואימלעך... און זינגען וועלן זיי אויך אַזוי ביזקל סאַמע דעם לעצטן טאָג פון דעם וועלט אונטערגאַנג, — אייביק, אייביק.

די לופט איז שטיל: קוים וואָס עס באַוועגט זיך איצט דאָס גרויסע, טונקל־גרינע קאַשטאַנען־בלאַט, — עס באַוועגט זיך הין און צוריק פאַמעלעך, אַזוי פון גאָלד אין שאָטן אַריין. רויט־בריסטלעך און שוואַרץ־פויגל ווי גרויסע טויבן, גייען געלאַסן אַרום איבערן גראָז, זיי זוכן און פיקן, זוכן און פיקן; אַלערליי פויגל זינגען איצט צווישן קוסט און בוים האָפערדיק אַזוי און מונטער — אָט פונקט ווי עס וואָלט געווען איצט פרילינג... נאָר עס איז גאָר איצט הערבסט. — גאָלדענער הערבסט: דער אינדיאַנער זומער.

ש ו ו י י דאָס איז געווען דעם בלייכן און דאַרן בחורס נאָמען — גייט איצט אַרום מיט אַ גראָב־אייזן צווישן די בייטן, גראָבט אויס די מיירן. מיטן רעכטן פוס קוועטשט ער אַלע ווײַלע אָן דעם

גראָב-אייזן; נאָר ביי יעדן פוס-דרוק פאַרבייסט ער די בלוטלאָזע ליפּן: דער רעכטער, איינגעשניטענער פוס נאָגט אַזוי, טוט ווײ... ער בייט דערפאַר איבער אַלע ווײלע דעם רעכטן אויפן לינקן פוס.

אָבער אין אַ ווײלע אַרום ווערט ער שוין אָפּגעטעמפּט צום ווייטיק: אַ פריידיקייט צעגיסט זיך שוין באַלד איבער זיין גאַנצער נשמה... אינווייניק אין אים זינגט עס באַלד אַלץ אויף. נאָך אַלעמען, איז עס גוט, וואָס עס האָט אַזוי פּאַסירט, וואָס מען האָט אים אַריי-בערגעפירט אַהער. דאָ, ביי דעם גרינס, וועט טאַקע זיין אַ ביסל לייכטער צו אַרבעטן, ווי אויף די תּבואה-פעלדער. די לעצטע עטלעכע טעג פלעגט ער זיך טאַקע פילן זייער מיד אין די אָוונטן, נאָך אַ לאַנגן טאָג אַרבעטן אויפן פעלד, פונאַנדערוואַרפן דעם מיסט איבער דער אָקאָרשט-אויפגעאַקערטער ערד פאַרן ווינטער-ווייץ, אָדער אָנגראָבן אַ פולן וואָגן שוואַרצע ערד, פול מיט „היומוס", — מיט איבערגעפוילטן גרינצייג-שטאָף, — ס'איז נישט אַזאַ גרינגע מלאכה פאַר אַ נישט-געוווינטן מענטשן. דאָ איז פאָרט גרינגער.

— אַזאַ ערד איז אויסגעצייכנט גוט פאַר די ווינטער-פּלאַנצן אין די אראנזשערייען...— אַזוי ווייט ווייסט ער שוין איצט, שוויי. אָבער נאָך זאַכן ווייסט ער איצט, שוויי:

ער ווײסט שוין אויך, אַ שטייגער: נאָך זענען דאָ פאַרוואָרפענע יידישע ישובים אַזעלכע אין די ווײטע אַמעריקאַנער שטעט,—ישובים, וווּ דאָס יידישע לעבן איז ריינער און שטילער, ווי אין די גרויסע כּרכים פון דער איסט*). עס זענען נאָך דאָרט דאָ אַלטע יידן, — פאַרבליבענע שיריימס, אַלט-וויאַנענדיקע געוויקסן — וועלכע האָבן נאָך באַוויזן אויפצוהאַלטן זייער אַמאָליק גאַנץ יידיש לעבן. וועט ער, שוויי, וווינען אין אַזעלכע שטעט, — ער וועט זיך זען דאָרט און זייער אויסגייענדיק פייער וואַרעמען... און אַז זייער פייער וועט שוין דאָרט אויך אויסגיין, וועט ער זען דעמאָלט, שוויי, זיין אייגן שטיל-יידיש פייער אין דער שטילקייט פון אין-דער-פרעמד פונאַנדערבלאָזן: צווישן גוים און אין-דער-פרעמד וועט ער דאָך אים זיכער קאָנען אָנהאַלטן, דעמדאָזיקן אינעווייניקסטן פייער זיינעם... זיי איז ער דאָך גאָר אינגאַנצן פרעמד, דער פייער זיינער, — זיי וועט עס נישט שטערן און די אויגן נישט

*) מזרח-שטאַטן פון אַמעריקע.

אויפרייסן... זיי וועלן דעריבער עס אזוי שטארק און איינגעשפארט נישט וועלן אויסלעשן, ווי עס טוען עס יידן.

אָט מיט אזעלכע טשיקאווע מחשבות האָט זיך דער יונגער שוויי דאָ ארומגעטראָגן.

פאר די קנאפע צוויי וואָכן, וואָס שוויי געפינט זיך דאָ, — אין אָט דער מיטל-וועסטלעכער שטאָט, אין טריפאָדוויל, — האָט ער זיך טאקע די גאנצע צייט געפילט יונג און פריש, אזוי יונג און פריש, ווי ער האָט בכלל געהאָפט צו פילן זיין גאנץ לעבן. ס'איז אים געווען שרעקלעך גוט אזוי אין דער שטילער אָפגעזונדערטקייט פון אָט דער גאָרטנדיקער מיטל-וועסטלעכער שטאָט: דאָ, האָט ער געהאָפט, וועט ער זיך ענדלעך קאָנען בארויקן. פון די טומלדיקע און אומרויקע יאָרן, וואָס ער האָט דורכגעבראַכט אין ניו-יאָרק און בכלל, ווי אלע יונגע יידן פונם לעצטן דור, וואָס ליידן אזוי שטארק אויף דער בענקעניש נאָך „יידישקייט", האָט אויך ער, שוויי, געמוזט, אפנים, ווינען בעסער וואָס ווייטער פון יידן, כדי זיין בענקעניש נאָך זיי זאָל נישט צעשטערט און נישט פאר-שוועכט ווערן — דורך זייערווירקלעכקייט.

א חדר אין אָט דער שטיל-גאָרטנדיקער מיטל-וועסטלעכער שטאָט האָט ער זיך אויסגעקליבן אין דער גאָר שטילער נאכבארשאפט, וואָס איז געווען נישט ווייט פון די קאָלעדזש-פעלדער, אין סוף-שטאָדט. די גאסן זענען דאָ געווען נאָך שאָטנדיקערע און שטילערע. חוץ דעם: דורך די פענסטער פונם הויז, ווו ער האָט געוווינט, האָט זיך געזען דער גרויסער פעלדערדיקער קאמפוס פון דער שטאאטס-אוניווערסיטעט...

אך דאָס לעבן דאָ איז געווען אזא אָפרישונג נאָך די לאנגע צעפטרטע יאָרן, וואָס ער האָט געבראַכט אין ניו-יאָרק... דאָס האַרץ פלעגט אויפגיין אין געזאנג ביים בלויזן אָנזען דורכן פענסטער פון די זון-באגאָסענע גאסן און פעלדער פונם קאמפוס, ביי דעם בלויזן אָנזען פון די בלאָנד-האָריקע און פרישע מיידלעך, וועלכע האָבן איבער זיי ארומגעשפאצירט.

דורכן פענסטער פלעגט ער לאנג אזוי אויפן ציכטיקן, מאטע-מאטיש - פינקטלעך געפלאנעוועטן קאמפוס קוקן, ווייל באָכן טאָג שווערער ארבעט פלעגט ער זיך יעדן אָוונט אין זיין חדר פארשפארן.

און עס איז קיינעם נישט געווען באקאַנט, וואָס ער פּלעגט דאָרט די גאַנצע צייט טון.

מער נישט, איינמאָל...

די הויז-באַלעבאָסטע, מרס. קעלארני, אויסקערנדיק ווי געוויינט-לעך יעדן פאַרנאַכט דעם קאָרידאָר, האָט זיך אויף טשיקאַוועס איינמאָל הינטער זיין טיר אַנידערגעשטעלט. עס איז געווען שטיל דאָרטן אינווייניק, עפּעס אַזוי איינגעהאַלטן-שטיל... ס'האָט זיך איר דעריבער אויסגעדאַכט: אייניקע מענטשן זיצן דאָרט אינווייניק אין חדר און רעדן צווישן זיך אויף שטום-לשון... אָבער אינדערואמתן האָט זיך פון דער שטילקייט דאָרט בלויז געהערט, ווי אַ פען קריצט,— אַ פען קריצט אַזוי נאָכאַנאַנד איבער פּאַפּיר... ס'האָט זיך אונטערן טיר אויך געהערט: פון צייט-צו-צייט ווערט אַ בויגעלע פּאַפּיר אַרונטער-געריסן פון אַ העפטל. דער יונגערמאַן, הייסט עס — האָט מרס. קעלארני, וועלכע איז געשטאַנען אַזוי מיט אַ פאַרטאַיעטן אָטעם הינטער דער טיר, געדרונגען — דער יונגערמאַן, הייסט עס, מוז זיצן דאָרט אין די אָוונטן און אַלץ שרייבן, — זיצן און שרייבן יעדן אָוונט.

2

דער טאָג איז געווען אַזאַ זוניקער און אַ הייסער, אַ זעלטן-ליכטיקער אָקטאָבער-טאָג. עס האָט זיך אַ גאַנצן טאָג דעריבער געדוכט: דער זומער-ענד איז נאָך ווייט, גאָר ווייט. ביזקל די שנייען, מיט דער ווייסער פרייד בייַנאַכט און די גרוי-נעפּלדיקע הימלען בייטאָג, וועלן זיך איינשטעלן, — וועלן זיין נאָך אויף דער וועלט אַ סך, אַ סך אַזעלכע ליכטיקע און שטיל-וואַרעמע טעג, אָט ווי הייַנטיקער...

פון די פעלדער אַרום דער שטאָט האָט מען נאָכאַנאַנד גרויסע רודערנדיקע לאַסט-אויטאָמאָבילן מיט קוקורוזע געפירט, — געפירט אינם משך פונם גאַנצן ליכטערן, שטיל-איינגעהאַלטענעם טאָג. אויף די פעלדער האָט מען שוין איצט אויך געהאַלטן אין אַרונטערשניידן דעם לעצטן ווייץ.

פון די מער צפונדיקע שטאַטן, העכער-צו פון אָהייאָ, פון די געגנטן אַרום די גרויסע צפונדיקע אָזערעס און די פּראָווינצן פון דער מיטלסטער קאַנאַדע, זענען איצט אין די ליכטיקע בייטאָגס אַ סך פויגלען אָנגעקומען צו פליען. זיי זענען געקומען צו פליען אי אין קליינע הערטלעך און אי אין גרויסע שאַרן — זיי האָבן געדיכט באַפּינטלט די קלאָרע, הערבסטיקע הימלען, און זיך צו-לייגט אויף קורצן אָפּרו אויף די שיטער-ווערנדיקע ביימער. אין דער בייטאָגיק-שטאַרקער זון פון די מיטן-אָקטאָבער טעג האָבן זיי געצוויטשערט נאָכאַנאַנד און לעבעדיק, — אויסגעצוויטשערט אַלע באַנאַנד אַ געזאַנג, וואָס נאָר זיי אַליין, אַפּנים, האָבן גע-ווּסט דעם מיין דערפון, — דאָס אייביקע געזאַנג פון אונטערגאַנג און ווייטערדיק לעבן.

אַך, ווי עס איז געווען אין אָט די טעג פונם אינדיאַנער זומער ליכטיק און יום-טובדיק אַרום און אַרום, — אין דער גאַנצער קרישטאָליק-לויטערער לופט, וואָס צווישן פייערלעך-אויס-געפּוצטער ערד און ווייטע, אָנוואָלקנדיקע הימלען.

נאָר איצט איז שוין געווען פאַרנאַכט — אַ שטילער, וואַ-רעמער פאַרנאַכט. טורין, וועלכער האָט אין אָט דער שטילער, אייביק - שיינער פאַרנאַכט - שעה פאַרקערעוועט זיך אין זיין גאַס אַריין, האָט טאַקע געהאַט דאָס געפיל, ווי עס וואָלט געווען איצט דער פאַרנאַכט פון אַן ערב-יום-טוב-טאָג — עס דערנענטערט זיך די נאַכט פון אַ גרויסן יום-טוב... ער האָט דורכגעשניטן מיטן ברייטן אַספאַלטענעם וועג, וואָס האָט געפירט דורך דער גאַנצער לענג פון דעם אוניווערסיטעט-קאַמפּוס. פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט:

— וואַרט... היינט איז דאָך, דוכט זיך, טאַקע יום-טוב...

ער וואָלט געמעגט שווערן: מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז אים טאַקע אויסגעקומען הערן, אַז די טעג — היינט, אַפּנים — איז עפּעס אַ יידישער יום-טוב... וואָס-זשע אָבער איז עס היינט פאַר אַ יידישער יום-טוב אַזאַ? זיך אָנשטרענגנדיק אַביסל און מאַכנדיק גרויסע לוח-חשבונות, האָט ער ביי זיך באַלד פעסטגעשטעלט:

— אַהאַ... זע נאָר... היינט איז דאָך דער ערשטער טאָג סוכּות!

איצט ווערט אים קלאָר, פאַרוואָס ער האָט דעם גאַנצן היינטיקן טאָג, ערגעץ אין אַ ווינקל האַרץ, געפילט אַזוי יום־טובדיק... און שאַ — ער האָט דאָך טאַקע היינט אַ באַשטעלונג מיטן נייעם קוואַרטיראַנט זייערן — זיי האָבן זיך אָפּגערעדט, אַז זיי וועלן ביידע היינט פאַרנאַכט פאָרן אין יידישן קוואַרטאַל, אין שול אַריין. טורין הויבט זיך דריבער אָן צו איילן אַהיים. אָבער איילנדיק אַזוי, זאַפּט אין זיך איין זיין אויג:

איבערן פריש־גראָזיקן קאַמפּוס — אַ ריזיק־גרויסע, זאַפטיקע לאָנקע, דורך וועלכע עס האָבן דורכגעשטראַלט פונם צענטער, פונם מירמעלנעם דענקמאָל אין דערמיט מיטן זון־זייגער אַרום, אַ סך שטעגן און שטעגלעך, ווי אַ ראַדיוס — איבערן פריש־גרינעם קאַמפּוס האָבן זיך פון די פילע שול־געביידן די סטודענטן אומגעקערט איצט אַהיים, זיי האָבן אומגעקערט זיך אין די קלובן, אין די פראַטוירניטיס*) אין די באָאַרדינג־הייזער**). ווער מיט ביכער אונטער די אָרעמס, ווער אין די גימנאַסטישע טריקאָלעט־קאָסטיומען, — ערשט פונם אַטלעטן־פעלד אַרונטער, אָדער פונם גימנאַסטיק־זאַל אַרויס.

אַ רויטלעכער הויך האָט געגליט אויף זייערע געזונטע, פרישע באַקן; אין די גלאַנציקע אויגן זייערע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט, קלאָר־טייכיק, פאַרשידענע סצענעס פונם אָקאָרשט־פאַרגאַנגענעם טאָג־ענד, וועלכן זיי האָבן פאַרבראַכט אויפן גרויסן קיילעכדיקן אַטלעטן־פעלד:

יונגעלייט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס אינדערהויך; די פוס־מוסקולן שטייף אָנגעצויגן, ווי ספּרוזשינעס; האַלב־נאַקעטע, — בלויז אין קורצע ווייסע גימנאַסטישע הויזלעך, — וויגן זיך צוערשט אימפּעטיק פונאַנדער, און וואַרפן דערנאָך מיט די אויסגעשטרעקטע אָרעמס דעם שווערן מעטאַלענעם דיסקוס קעגן דער זון. ער שניידט דורך, דערדאָזיקער שווערער דיסקוס, די לופט מיט אַ בלישטשנדיקן וו־וו־הי־ז־ז־ז, — אַ טונקעלער, לויפנדיקער פלעק אין דער קלאָר־ריינער פאַרנאַכטיקער לופט — און פאַרענדיקט דערנאָך דעם אָנגע־

---

*) סטודענטישע קערפּערשאַפטן.

**) פענסיאָנאַט.

צייכנטן שטיקל קרייז אין דער לופט מיט אַ טעמפן קלאַפּ אָן דער ערד. ער בלייבט דאָרט ליגן, דער דיסקוס, און וואַרט דאָרט ווידער אויף די יונגע סטודענטן: זיי שפּרייטן זיך איצט פונאַנדער איבערן פעלד, צו באַטראַכטן די ווייטקייט פונם וואָרף.

אויף אַ צווייטן עק-פעלד לויפט זיך איצט פונאַנדער אַן אַנדער בינטל סטודענטן, — מיט גרויסע שטאַנגען אויפגעהויבן האָריזאָנטאַל אין די הענט זייערע, הויך איבער די קעפּ. אַז זיי קומען צולויפן צום הויכן, אויף צוויי סלופּעס האָריזאָנטאַל-ליגענדן באַוועגלעכן שטאַב, שטעכן זיי דעמאָלט איין אַ שפּיץ פון זייער שטאַנג אין דער ווייכער, צעגראָבענער ערד אַריין, גיבן זיך אַ הענג אָן אינם צווייטן ענד פונם שטאַנג זיך, אַ הויב-אויף פון דער ערד און אַ פלי אין דער לופט מיטן גאַנצן, שלאַנקן און האָריזאָנטאַל אויסגעצויגענעם קערפּער, — און אַ וואָרף זיך אַריבער איבערן הויכן הילצערנעם שטאַב, וואָס ליגט האָריזאָנטאַל איבער צוויי סלופּעס, אפשר אַ צען פוס די הויך.

נאָר אין מיטן פעלד פּלאָנטערן זיך איינע אין די אַנדערע אַ גרופּע פוס-באָל שפּילער; געזונטע יונגען אין רימענע הויזן, מיט קישעלעך אָנגעשטאָפּט אין די בגדים זייערע, אויפן רוקן און אונטער דער ברוסט; יאַטן אין לעדערנע שטייף-אַרויפגעזעצטע היטלען אויף די קעפּ, היטלען מיט שווערע לעדערנע אויערן-קלאַפּעס. פון דער ווייטנס זעט עס אויס: איין פיל-גלידערדיקע און פיל-קעפּיקע חיה קנוילט זיך דאָרט אויף דער ערד, בייסט זיך און רייסט זיך און צופּט זיך אַליין די אייגענע גלידער... און אָט דער „קאָאַטש” האָט עפּעס אַרויסגעשריגן אַ וואָרט, — און שוין, אין איין אויגנבליק, שפּרייטן זיי זיך ווידער אַלע פונאַנדער איבערן פעלד, קוקנדיק שטייף און אָנגעשטרענגט-שאַרף איינער אויפן אַנדערן, באַטראַכטנדיק, ווי קעמפנדיקע חיות, די קלענסטע באַוועגונג פונם קעגנער. מיסטעריעזע נומערן, נומערן אָן אַ שום קענטיקן צוזאַמענהאַנג, ווערן איינס נאָכן אַנדערן אַרויסגעזאָגט דורך עמעצן פון איין צד פון די צוויי קעמפנדיקע מחנות, — און באַלד ווערט די געהיימע צאָל אַרויסגעזאָגט, — און דער אָוואַל-לענגלעכער פוס-באָל שיסט אויף אין דער לופט, — די שפּילער שפּרינגען דעמאָלט אויף, ווי אונטערגעשאָסענע, פּרוּוון כאַפּן דעם באָל, שטערן, איינער דעם צווייטן, וואַרפן זיך אַרויף איינער

אויפן אַנדערן מיט דער גאַנצער משא פון זייער שווערן גוף, — אַלע אין יאָגעניש נאָכן אָוואַלן באַל.

און אין אַן אַנדער ווינקל — איבער דער שמאָלער סטעזשקע, וואָס בלייכט זיך אינם ליכטיקן, זון־באַגאָסענעם פאַרנאַכט אַרום און אַרום דעם ברייטן אָהייאָ־פעלד, — לויפן איצט אַרום האַלב־נאַקעטע פיגורן, יאָגן זיך רונד־אַרום דעם פעלד אינם צוויי־מייליקן וועט־לויף. דאָס גאַנצע פעלד קוקט איצט אויס, ווי אַ פאַרצייטיק גריכיש פעלד: אַ פעלד פאַר קאמפּ־שפּילן, אָנגעפּילט מיט אַטלעטן און האַלב־געטער, וועלכע פאַרמעסטן זיך איינער מיטן אַנדערן אין אָלימפּישע שפּילן...

3

וואַרטנדיק אַזוי בײַם גאַניק פון זײַן הויז, האָט זיך טורינען שוין קלאָר אַזוי פאָרגעשטעלט:

אינם יידישן קוואַרטל, אין דער נידער־שטאָט, זענען די טומלדיקע גאַסן אַוודאי איצט שוין פון לאַנג שטיל. סוכותדיקע פייערן און יום־טוב־ליכט ברענען דאָרט אַוודאי שוין פון לאַנג אין די פענסטער. קינדער שפּילן זיך איצט אין די גאַסן אין ניס. — דאָס איינציקע אַלט־היימישע געדעכעניש פון סוכות, וואָס האָט זיך נאָך דאָ אַהער פאַרוואַלגערט, און די שול־טרעפּ זענען געדיכט באַדעקט מיט אַ סך מתפּללים, מיט אויסגעפּוצטע יונגעלייט, וואָס לופטערן זיך דערווייל אין דרויסן — מען וואַרט נאָך דאָ מיטן דאַווענען אויף עטלעכע וויכטיקע באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך פאַרשפּעטיקט אין זייערע געשעפטן. יונגע מיידלעך שפּאַצירן דאָרט אַוודאי אויך איצט אַרום איבער די טראָטואַרן, מיט אַ מינע פון האַלב־אָנגעלייגטע געסט — שפּאַצירן מיט לוסטיקן געלעכטער הין און צוריק, פאַרביי דער שול.

אָבער אַפילו דאָ, — אין דער הויך־שטאָט, אינם גוישן שטאָטטייל, — איז איצט אויך שטיל אַזוי און יום־טובדיק... איז עס אפשר דערפאַר, וואָס אים איז עס יום־טובדיק אַזוי אויפן האַרצן? אַ צונטערפּאַס פאַררויטלט איצט דעם מערב. די לופט ווערט מיט יעדער מינוט אַלץ קילער. אויף יענער זייט אָלעגענדזשי־טייך בלויען זיך אינם

פאַרנאַכטיק־אַרויפשטייגנדיקן נעפּל הויכע סטויגן היי און תבואה, — אינם פאַרנאַכט נעמען זיי אָן פאָרמען פון הויכע, אַזעלכע אומגעלומ־פערטע ריזן, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין לאַנגע שרענגעס קעגן הימל.

איז אָט פון דאָרט, פון אויף יענער זייט טייך, לאָזט זיך באַלד זען אויפן שמאָלן בריקל אַ פיגור, — מאָגער, אויסגעצויגן מיט פאַר־קיילעכדיקטע אַביסל אויסגעקרומטע פּלייצעס. ווען דידאָזיקע געשטאַלט דערנענטערט זיך, זעט מען: זי איז אָנגעטון אין בלויע אַרבעטס־קליידער; די הויזן־רערן זענען היפּשלעך איינגעשמירט אין ליים און אין פעלד־מיסט. אונטערן אָרעם טראָגט זי, די געשטאַלט, אַ בלעכענע צובייסנס קעסטעלע. די געשטאַלט בלייכט זיך אַזוי הילפלאָז — אליין און אָפּגעאיינזאַמט — קעגן פאַרנאַכטיקן הימל.

— איך וואַרט שוין דאָ אויף אייך פון לאַנג, — שמייכלט טורין דער געשטאַלט אַנטקעגן.

יענער ענטפערט מיט אַ פאַרשעמט, שולדיק שמייכל. ער איילט זיך, ער רעדט אויף גיך, אויף גיך:

— איר מוזט מיר אַנטשולדיקן — געמוזט אַרבעטן אַ ביסל לענגער ווי כ׳האָב געדענקט — געדאַרפט אַליין איבערוואַשן אָן־אַ־שיעור מערן און רעטעכלעך — אָן־אַ־שיעור — מאָרגן דערוואַרטן זיי דאָך אַ סך קונים אין דעם „האָטהאוז"*)... ס׳איז דאָך ערב־זונטיק היינט — אַנט־שולדיקט: איך גיי אַרויף בלויז אויף אַ פּאָר מינוט צו זיך אין צימער, וואַש מיך איין, פּוץ מיך אויס לכּבוד יום־טוב... האַ? אָ, איך זע, אַז איר זענט שוין פאַרפּוצט... איך קום גלייך אַרונטער.

און אַ וואַרעמקייט אַ שעמעוודיקע צולעגט זיך אַרום זיינע שאַרפע מויל־ווינקלען — אַ שמייכל פון אַ מענטש, וואָס איז איינגעשלאָפן אין זיך און איז כּמעט אַלע מאָל דערווייטערט פון די אַרומיקע.

בשעת דער יונגערמאַן טוט זיך אָן אין־דער־הויך, ביי זיך אין צימער, דערמאָנט זיך דערווייל טורין אָן יענעם אָוונט, ווען זיי האָבן ביידע זיך באַקענט. עס איז פאָרגעקומען, דוכט זיך, זייער איינפאַך — און עפּעס אַזוי אומגעוויינלעך... זיצנדיק אַזוי איינעם אַן אָוונט אויף

*) גרינהויז.

דער ווערשנדע פונם הויז, ווי ער ווינט, און הוידנדיק זיך אויף דער הוטעלקע-באַנק דערהערט טורין אינם אָוונט אַ שטים:

— אַנטשולדיקט... איך וויל מיך מיט אייך באַקענען. איך בין דאָ איינער אליין. איך קאָן נאָך קיינעם נישט דאָ אין שטאָט. מיין נאָמען איז שוויי. ווי איז אייער נאָמען?

כאָטש עס איז געווען טונקל, האָט טורין דערקענט: דאָס איז דער נייער שכן, וואָס פאַרנעמט דעם חדר אויפן צווייטן עטאַזש, אין ווינקל-קאָרידאָר. יענער האָט גערעדט צו אים ענגליש און אויסגעצייכנט גוט האָט ער גערעדט דידאָזיקע שפּראַך, און דאָך... מיט זיין בלוט, אפנים, האָט טורין גלייך דערפילט, אַז דאָס רעדט צו אים אַ ייד. און דערנאָכדעם: ביסלעכוויז, דורך זייטיקע באַמערקונגען, דורך פאַרשידענע ווערטלעך אַזעלכע און אָנדייטונגען, האָט טורין אינם פאַר־לויף פונם געשפּרעך, וועלכער האָט זיך לכתחילה שווערלעך אַזוי געקלעבט און געצויגן, באַלד דערזען:

— יאָ... דאָס איז אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן, אַ היימישער... אַן „אונזעריקער".

אין טריפּאָדוויל — ער האָט שוין דאָס דריטע יאָר באַזוכט די אָרטיקע מלוכה-אוניווערסיטעט — האָט זיך טורין געפילט איינזאַם און פרעמד, ווי אַ סך יונגעלייט פון זיין גלייכן; פרעמד סיי צווישן די אָרטיקע קריסטן, סיי צווישן די אָרטיקע יידן. געדענקט האָט ער אָפטמאָל אין בענקנדיקע מינוטן, אַז ער וואָלט זיך אוודאי געפילט היימישער דאָרט, אין יענעם לאַנד, פונוואַנען ער איז געקומען אַהער... אָבער אין ניכטערע שעהן פלעגט אים קלאָר ווערן: דאָס ד ו כ ט זיך אים בלויז אַזוי, — אפילו ד אָ ר ט וואָלט ער זיך שוין איצט מסתמא געפילט פרעמד... און טורין האָט זיך שוין ביסלעכוויז אָנגעהויבן צוגעוווינען צום געדאַנק: ער איז אַ שטיק באַזונדער לעבן, אויסגעריסן ערגעץ פון אַ גאַנצער „מיט" — אים איז, אַפּנים, שוין אויף תמיד נישט באַשערט זיך צופּאַסן צו דעם לעבן, וואָס ס'קומט פאַר אַרום אים.

טורין האָט זיך דעריבער אַזש געריבן די הענט פון פאַרגניגן, און אַ וואַרעמער שטראָם איז אים אַדורך איבערן לייב, וואָס אַזאַ יונגערמאַן, ווי שוויי, האָט זיך באַוויזן אין דערדאָזיקער ווייטער שטאָט.

יענער אָבער האָט מיט זיין קאַלטן, פרעמד־העפלעכן באַנעמען זיך, שוין גלייך פון די ערשטע רייד אָן אַוועקגעשטעלט אַ מחיצה צווישן זיך און אים. אָבער אַזוי ווי טורין האָט דאָך נישט געהאַט קיין סיבה צו גלויבן, אַז דאָס איז בלויז מיט אים, וואָס יענער באַנעמט זיך אַזוי, — האָט ער זיך געוווּנדערט, וואָס פאַר אַ סאָרט פאַרשוין שוויי קאָן עס זיין.

4

עס איז שוין געוואָרן שפּעט אָוונט. דורך די אָפענע פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער ווערענדע אַרויס האָט זיך געהערט: דאָראָטהי, מרס. קעלארניס דער באַלעבאָסטעס טאָכטער, האַמערט איצט אויס אויף דער פּיאַנאָ אַזאַ פאַרבענקט־ליידנשאַפטלעכע מעלאָדיע, — עפּעס אַ נייעם „בלאָז”!

טורין האָט אַלע ווײַלע געקוקט אויפן זייגער, ער איז געווען אַביסל אומגעדולדיק. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיצפינגער דורכן זאַל־פענסטער האָט ער באַלד דערזען: צוויי צוזאַמענגעפּרעסטע געשטאַלטן טאנצן דאָרט אינווייניק... און אַזוי דבקותדיקפאַרטון, אַזוי איבערגעגעבן האָבן זיך אָט יענע צוויי צונויפגעפּרעסטע געשטאַלטן באַוועגט אינם אָוונט אונטערן ריטם פון אַ לירישן, זיךבעטנדיקן „פידזשאָן־אואק”*), —אַזוי קיצלדיק־שטיל, מיט אַזעלכע פייכטע פאַרנעפּלטע אויגן... די פאָרמען און די ליניען פון דעם טאַנצנדיקן פאָרל האָבן זיך באַלד אָפּגעווישט אין דער טונקל. בלויז איין שטיק צוזאַמענגעהאָפטענער, צונויפגעוועבטער מענטש האָט זיך געבויגן און געקאָרטשעט אין דער אָוונטיקער טונקלקייט פונם חדר אין אַן עראָטישן תפילה טאַנץ.

אין דער שטילקייט פונם אָוונט האָט זיך מיט אַמאָל צעגאָסן אַ גלאָקן־געקלאַנג פון דער אוניווערסיטעט־קירך. טורין האָט זיך אָפּגעריסן פונם פענסטער—דער דרויסן האָט אים שוין איצט שטאַרק אַ צי געטון.

עס איז געווען אָוונטיק, שטיל און רויק אין די גאַסן אַרום.

---

*) טאַנץ אַזאַ.

פייערן האָבן זיך אָנגעהויבן צינדן איבערן פעלד. ווייסע פלעקן קליידלעך פון סטודענטקעס, זענען אַדורכגעשווומען דאָ און דאָרט אין דער אָוונט-טונקל, — זיי האָבן אויסגעזען, ווי בלויזע שאָטנס פון מיידלעך, וואָס אַליין געפינען זיי זיך נישט דאָ.

אין אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי שוין ביידע, טורין און שוויי, געזעסן אינם טראַמוואַי, וואָס האָט זיי געפירט אַרונטער-צו, צום יידישן קוואַרטאַל.

שוויי האָט געשוויגן די גאַנצע צייט, אָבער ס'איז געווען קענטיק: ער האָט מיט פרייד געקוקט דורך די טראַמוואַי-פענסטער-לעך אויף די אָוונטיק-באַלויכטענע גאַסן.

— אַ נייע שטאָט... אַ נייע שטאָט... טריפּאָדוויל...

דער בלויזער קלאַנג פון די ווערטער האָט אים שוין פאַרשפּורט. טורין האָט אַ פּאָר מאָל געפּרוווט רעדן צו אים, נאָר נישט געקריגן אַלץ קיין ענטפער.אָט אַזוי שטאַרק איז אָט דער שוויי געווען פאַר-טיפט איצט אין זיך... זיין פּנים — ליכטיק אַזוי, שמייכלענדיק און ליכטיק — ממש אַ קינד.

...אַלץ איז אַזוי מאָדנע, אַזוי מאָדנע... אַזוי שיין, אַזוי פרעמד, אַזוי ווייט. ווידער איז ער אין אַ נייער שטאָט, אין אַ פרעמדער שטאָט. איז ווי-זשע זאָל ער זיך נישט פילן אַזוי פריידיק... ס'איז דאָך תמיד אַזוי:

— ווען נאָר ער קומט אין דער פרעמד אַריין, כאַפּט אים אַרום אַ פרייד און אַ האָפנונג... אַ האָפנונג נאָך וואָס? גלאַט אַזוי... אַ האָפנונג.

ווייזט אויס: ער איז שוין באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט צוליבן דאָזיקן זיין אַלע מאָל און כּסדר אין וועג.

נאָך פון אַ גאַר פריער קינדהייט אָן האָט שוויי אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער דער וועלט — אַרומוואַנדערן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. און פון דעמאָלט אָן איז שוין זיין גאַנצע פרייד אין

לעבן תמיד געווען נאָר דאָס, וואָס דאָס איצטיקע לעבן זיינס — אין וועלכער ס׳איז־נישט־איז שטאָט — איז בלויז אויף דערווייל... שפּעטער וועט זיין נייס, אַנדערס אין דער פרעמד...

פרעמדס... אָט דאָס איז עס, וואָס האָט אים תמיד געצויגן — ס׳איז אים געווען אַזוי גוט צו זיין תמיד אין דער פרעמד... אט אַפילו איצט, צום ביישפּיל: פאָרנדיק אַזוי אינם טראַמוויי דורך אָט דער נייער פרעמדער שטאָט, דערמאָנט זיך אים פּונקט אַזאַ סוכּות־פאַרנאַכט אין אַן אַנדער שטאָט — אין אַ גרויסער גוישער שטאָט פון דרום־רוסלאַנד.

ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונג, יונג בחורל. ער איז אַרומגעגאַנגען דעמאָלט איבער שטיל־ווערנדיקע, אָפּגעלעגענע גאַסן; פרעמדע אַזעלכע און אומבאַקאַנטע גאַסן. און די שטאָט איז אויך געווען אַזאַ פרעמדע — אַזאַ צוציענדיקע שטאָט... אַ שטאָט, וואָס איז אַרומגעוויקלט מיט אַלט־סלאַווישן חן און יהוסדיקער הייליקייט: די גאָר פילע קלויסטערס און מאָנאַסטירן פון אָט דער־שטאָט ווייען געדיכט אָן די לופט פון פאַרגאַנגענע ווילד־סלאַווישע צייטן, פון פּרימיטיוו־קריסטלעכער קדושה. ס׳איז אַ שטאָט, ווו אומדערוואַרט אַנטפּלעקט מען נייע ווינקעלעך: אָט, אין אַ ליאַדע זוניקן נאָכמיטאָג, צי אין אַן אָוונטיקער שטילקייט קאָן מען נעמען, זיך לאָזן גיין ערגעץ אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג — און מיטאַמאָל: מען געפינט זיך שוין ווידער אין אַ נייער שטאָט, ווידער אין פרעמדע גאַסן...

דער בחורל גייט דעמאָלט אַזוי אינם סוכּות־פאַרנאַכט איבער די גאַסן און טאַנצט אַזש אונטער פון פרייד. וואָס ווייטער ער גייט — אַלץ פוסטער ווערט עס, אַלץ שטילער, אַלץ אומבאַקאַנטער... ביז אָט איז שוין סוף־שטאָט. פּונקט ווי היינט אָוונט, איז דעמאָלט אויך עפּעס אַזאַ מין האַלב־יומטובדיקער שבת־פאַרנאַכט, — אַ גוישער ערב־זונטיק. פּאָניעס אין הויכע שטיוול, מיט הויזן פאַרשטעקט אין הויכע לאַקירטע „גאָלענישטשעס" מיט אָן־אַ־שיעור קנייטשן; פּאָניעס מיט אַרומגעשוירענע האָר אַרום רויטע נאַקנס, מיט קאָלירטע העמדלעך אַריבערגעצויגן אַריבער די הויזן, מיט קאַמיזשעלקעס איבער דאָרפיש־אויסגעהאָפטענע הערצלעך — זיי זענען געדיכט אַרומגעקליבן אין קופּעס און רעדלעך אויף גאַס־ראָגן. מען קנאַקט יאָדרעס, מען

כראַמטשעט געזויערטע עפּל, מען שטויסט שיקסעס, באַפרייטע איצט פון דינסטמיידלשער אַרבעט, אין די ציצקעס אַריין, מען פּלאָנטערט זיך מיט דורשטיקע גראָבע פינגער אַרום די קליידלעך זייערע... שיקסעס ווערן רויט, שעלטן זיך, לאַכן, אַנטלויפן, לאָזן זיך אָבער גרינג כאַפּן, און ווערן געשלעפּט צוריק... און רעדלעך אויף גאַסן־ראָגן ווערן אַלץ ענגער און ענגער, שיקסעס ווערן איינגעשלאָסן אינווייניק — געזונטע, רויט־בלוטיקע אַזעלכע — אַן אוצר פון אייביקע, אייביקע צייטן. —

און אָט: אַ האַרמאָניקע לאָזט זיך באַלד הערן. און איבערן ברוק, איבערן גאַס לאָזן זיך טאַנצן פּאָרלעך, לאָזן זיך טאַנצן קופּקעס, גאַנצע רעדלעך: פלאַמנדיקער מאָן צעוואַקסט זיך אינם פאַרנאַכט איבערן שטיינערנעם ברוק פון אָט דעם באַקאַנט־פרעמדן כרך.

און ער גייט און גייט אַזוי ווייטער, דער ייִנגל, — ווי אין אַ פאַרכשופטער שטאָט: די גוישע קינדער, וואָס שפּילן זיך איצט אויף די גאַסן אין שטיינער־וואַרפן און אין מלחמה־האַלטן, שיינען אים צו זיין אויסגעטראַכטע... אַלץ איז זיינס, — אַ חלום בלויז זיינער אַ דמיון...

און אָט איז ער שוין ביי די ווייטע ליימענע בערג, וואָס אויף יענער זייט מוטנעם טייכל, נישט ווייט פון אַ גוישן צווינטער. און דאָ דערזעט ער מיטאַמאָל פון צווישן די שיטער־ווערנדיקע בוימער אַרויס: ייִדישע קינדער שפּילן זיך דאָ פּאַר זייערע נידע־ריקע פאַרשאָטנטע שטיבער. אָנגעטון זענען זיי איצט יומטובדיק; קעשענעס—אָנגעשטאָפּט פול מיט ניס; קינדער אין ווייסע קראַגנדלעך און נייע אַנצוגלעך, אויסגעצוואָגענע און פאַרפּוצטע, שפּילן איצט אין ניס אין גריבעלעך, וואָס זיי האָבן אויסגעגראָבן אינם ווייכן גרונט ביים זייט פון די פאַליסאַדניקעס; קינדער קאַטשן אַרונטער ניס פון ברעטלעך, וואָס זענען אָנגעשפּאַרט אָן די ווייס־געקאַלכטע ווענט... אַ ריח פון יום־טובדיק געקעכטס טראָגט זיך דורך די אָפענע פענסטער אַרויס. און ייִדן—קורץ־געקליידטע און אין לאַנגע קאַפּאָטעס—גייען איצט שטיל אין שול אַריין. — — —

און איצט איז שוויי געפאָרן אינם טראַמוויי דורך אַ נייער פרעמדער שטאָט: געפאָרן אַ לאַנגע צייט, אַ זיך־וווּנדערנדיקער, אַ

פאַרחושטער... און דאָ איז אים פלוצלינג ווידער קלאָר געוואָרן, ווי שוין אַ סך מאָל פריער:

— זיין גאַנץ לעבן וועט אים שוין אַזוי דורכגיין צווישן פרעמדע, צווישן גוים... בלויז ביי זיך אין הארצן וועט ער טראָגן אַ באַהאַלטענע זון — אַ חלום פון אַ יידיש לעבן, וואָס געפינט זיך ערגעץ, ווער ווייסט ווי ווייט פון דאַנען...

טורין האָט אים געמוזט אָנרירן ביים אַקסל, אים אַ טשוכע טון, ווען זיי האָבן געדאַרפט אַרויסשטייגן פונם טראַמוויי.

5

דורך שטילע געדרייטע גאַסן זענען זיי אַ שטיק צייט אַזוי געגאַנגען, ביז שוויי, ווען באַלד איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אין דאָס אַרומיקע, האָט דערהערט פלוצלינג טורינס שטים:

— אָט דאָס איז עס... דו שול פון דער קאָנגרעגיישאָן „זבחי-צדק".

אַ הויכער, אַ גרויער מויער. אַ מעש-באַדעקטער קופּאָל אין צענטער. פיר קלענערע קופּאָלן אויף די פיר מויער-ווינקלען. מען זעט: דורך די קאָלירט-געמאָלענע דיקע שויבן, ווי אין קאַטוילישע קירכן, ברענען דאָרט ליכט פלעמלעך, פון צלעקטרישע שענדעליערס.

אַ נאָכאַנאַנדיקער טומל טראָגט זיך פון אינעווייניק, דורך די ברייט-פונאַנדערגעפּראַלטע הויכע אייזנגעשמידטע טירן מיט די האַלב-קיילעכדיקע סופיטן. אויף די טרעפּ שטייען און שמועסן הויך אַ סך פּאָרלעך און רעדלעך, אויסגעפּוצטע ווילע יונגען, קליינע חברה-לייט אין קורצע ניקערבאָקער-הויזן.

אויף די טרעפּ — שטיינערנע, ברייטע און קאַלטע, — וואָס פירן צו די שול-טויערן אַרויף, שפּרינגט און שמייעט אַרום עפּעס אַ יונגער-מאַן אין אַ ליכטיקן גרויען אַנצוג מיט שפּרינקעלעך, מיט שטייף-געפּרעסטע פּראַנטישע הויזן-קנייטשן. ער איז אַזוי פּאַרפּוצט און פּאַר-פּומירט דערדאָזיקער יונגערמאַן, ווי ער וואָלט געווען גרייט צו גיין איצט אין טעאַטער אַריין. אַז מען קוקט זיך צו אַביסל נענטער צו אים,

זעט מען, ווי דאָס פּנים זיינס איז בלייך און צעטראָגן און עס ציטערן אויף אים נאָכאַנאַנד די ליפּן—דינע און איינגעצויגענע, ווי ביי אַ פּוילישן קסיאָנדז. ער איילט זיך, איילט זיך עפּעס זייער שטאַרק... מער נאָך, ווי עס לויפן און יאָגן זיינע פיס איבער די טרעפּ, איילן אַרום זיינע אויגעלעך הין און צוריק, איבערן עולם הין און צוריק. אַן איינדרוק מאַכט ער דעריבער פון אַ מענטשן אַ שטאַרק-פאַרנומענעם, אַ מענטש, וואָס זעט אויס אַ ל ע מ אָ ל, צו יעדער מינוט פון טאָג: ער האָט זיך מורא ערגעץ-ווו צו פאַרשפּעטיקן...

טורין גיט אים אַ כאַפּ אָן פאַרן עלנבויגן, אין סאַמע רעכטן מיטן פון יענעמס אָן איילן שפּאַן איבער צוויי טרעפּ מיטאַמאָל.

— דאָס איז ליבער, אַ העברעישער לערער און אַ סטודענט פון דער אָרטיקער אוניווערסיטעט... אונזער קאָלאָניע דאָ — ווענדעט זיך באַלד טורין אין אַן אומישנע-מלוצהדיקן טאָן צו ליבערן, וועלכן ער האַלט נאָך אַלץ צו פאַרן עלנבויגן, פּונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ער זאָל אים נישט סטייען אונטער די הענט — אונזער קאָלאָניע דאָ, געשעצטער ליבער, איז רייכער געוואָרן מיט נאָך אַ מענטשן... באַקענט זיך מיט אונזער גאַסט — שוויי...

ליבער — אַ נישט צופרידענער, וואָס מען האָט אים געשטערט אין זיין פאַרנומענעם געלויף — איז אַזוי געבליבן שטיין מיט אַ פונאַנדערגענומענעם שפּאַן: איין פוס אויף אַן אויבערשטן טרעפּ — אַ צווייטן אויף אַ נידעריקערן טרעפּ... ער האָט עטוואָס אָנגעבויגט דעם קאָפּ אָן אַ זייט, אָפּמעכטנדיק מיט אַ דעמאָנסטראַטיוו-געניטן בליק דעם ניי-אָנגעקומענעם. נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס'איז נישט שיין צו באַטראַכטן אַזוי אָנגעשטרענגט-שאַרף אַ פרעמדן מענטשן. ער האָט אַ כאַפּ געטון שוויס האַנט און זייער פריינטלעך זי אָנגעהויבן צו דריקן און שאָקלען. זיין פּנים האָט זיך פונאַנדערגעשמייכלט מיט דער וואַרעמסטער צוגעלאָזנקייט — פּונקט ווי ער וואָלט דאָ אָנגעטראָפן אויף אַ מענטשן, אויף וועלכן ער האָט שוין פון לאַנג אַרויסגעקוקט. ער האָט אָנגעהויבן רעדן גיך און שפּרינגענדיק, אַלץ אין איין אָטעם:

—אַ נייער, האַ? זייער אַנגענעם, זייער אַנגענעם... מיר נויטיקן זיך טאַקע דאָ אין נייע מענטשן, אין נייע כּחות... מיר דאַרפן דאָ שוין פון

לאַנג-אָן האָבן מענטשן, וועלכע זאָלן אַריינטראָגן אינם היגן זומפּ עפּעס אַזוינס... פאַרשטייט איר מיך... נייע געדאַנקען, אַ ניי לעבן... איר פאַרשטייט... עפּענען נייע האָריזאָנטן...

ער האָט זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט, און אָנגעהויבן אַדרעסירן שווייגן קאָנפידענציעלער און שטילער, אין אַ געהיימניספולן טאָן:

— אַז, ווען איר זאָלט וויסן... דאָ איז דאָך אַזוי... אַזוי צעפוילט... אַלץ אַזוי... אַזוי דעמאָראַליזירט, ווען איר וואָלט וויסן: דער אינהאַלט פון זייער לעבן, דאָ אין טריפּאַדוויל... אַך, גאָט! — ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, ווי אין אַ פּלוצלינגדיקן ספּאַזמע-אָנפאַל. — מען דאַרף, מען מוז גלייך, שוין עפּעס טון.

און באַלד — מיט דערזעלביקער איילעניש, וואָס ער האָט גערעדט, האָט ער פּונקט אַזוי שאַרף אָפּגעהאַקט:

— נו, איך מוז לויפן...

— אַנטשולדיקט... מיר וועלן זיך נאָך זען.

ער האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט, אַרויפגעשפּרונגען אַ פּאָר טרעפּ העכער און אָנגענומען פאַרן אָרעם עפּעס אַ הויכן, קרעפּטיק-געבויטן און העזהדיקן נפש מיט אַ ריין-געגאָלטן, בלוי-רויטן פּנים — איינע פון יענע זאַטע נפשות, וואָס זעען אויס יעדע מינוט פון טאָג, ווי ערשט פון אַ באַרבער-שאַפּ אַרויס. צו אָט יענעם נפש האָט זיך עס, קענטיק, ליבער אַזוי געאיילט — ער איז דאָרט אינדערהויך די גאַנצע צייט געשטאַנען און באַטראַכט דעם עולם אַרום פון אויבן אַרונטער, ווי עפּעס אַן עדה קרעציקע. אַרום זיינע גראָבע, פאַר-אַכטלעכע ליפּן איז געלעגן אַ מינע פון שרעקלעכן לאַנגווייל-זיך — ער האָט נישט געהאַט בדעה אַפילו צו באַהאַלטן, אַז אַלץ און אַלע אַרום זענען אים דאָ שטאַרק דערווידער.

— קאַם אָן, דזשעס, האָרי אָפּ*)... לאָמיר אַריינגיין אין שול אַריין, — דהיי אר אָלרעדי דאַוועניגנ... — און אַז יענער האָט מיט אָקסישער איינגעשפּאַרטקייט זיך אַ שלעפּ אַרויס געטון פון ליבערס האַנט, מאַכנדיק בשעת מעשה פון זיין מויל אַ פאַראַכטנדיק טרייבעלע, ווי אַ חזירשן שנוק, — האָט אים ליבער שוין אָנגעהויבן מיט גוטן איינגעמען:

---

*) פלינק.

— נו, געט עז מואוו אָן יו, דזשעס*)! אַהיין וועלן מיר אין אַ שעה אַרום אויך נישט פאַרשפּעטיקן. קאַם אָן, שייק יור לעג**)...

און ווידער האָט ער אים אָנגעהויבן שלעפּן אין שול אַריין, ווי אַ בהמה צו דער שחיטה.

טורין האָט זיינע ליפּן צונויפגעשנורעוועט מיט אַ פיינלעכן קרים. ער האָט שולדיק אַ שמייכל געטון צו שווייען, ווי בעטנדיק ביי אים מחילה פאַר אָט דער באַקאַנטשאַפט.

שוויס פּנים איז אָבער פאַרבליבן די גאַנצע צייט שטיל־אומבאַ־וועגלעך. געדוכט האָט זיך דערייבער טורינען, אַז שוויי האָט פון דעם אַרומיקן גאַרנישט באַמערקט, גאָרנישט געזען.

— אַ פאַרטראָגענער מענטש אַזאַ, אַ פאַרחושטער... נישט קיין היגער.

שטיל ווענדעט ער זיך באַלד צו טורינען:

— נו, טוריק, לאָמיר אויך אַריינגיין אין שול... פאַרוואָס עפּעס זאָלן מיר בלייבן אין דרויסן?

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי שוין ביידע געשטאַנען אין אַ ווינקל שול, ביי אַ זייטיקער באַנק. זיי האָבן זיך ביידע געפילט אינם אַרומיקן טומל, ווי פאַרלוירענע, — ווי מענטשן, אַרונטערגעפאַלענע פון ערגעץ אויף אַ פרעמדער ערד.

6

אין דער שול איז געשטאַנען אַזאַ הו־הא, ווי ערב־שבת אין אַ קליינשטעטלדיקער באָד. ס'איז געווען מוראדיק שטאַרק אָנגערויכערט. די עלעקטרישע ליוסטרעס אויפן הויכן געמאָלענעם סופיט זענען געווען פאַרנעפּלט און האָבן נאָכאַנאַנד אונטערגעציטערט פונם געדיכטן, שטאַרקן טומל.

אייניקע עלטערע יידן, וואָס האָבן זיך, אַפּנים, אין שול געפילט

---

*) ריר זיך.

**) געגאַנגען זאָל ווערן!

ווי די אמתע באַלעבאַטים, — זיי פלעגן קומען אין שול אַפּטער, ווי ווער ס'איז נישט איז אַנדערש — האָבן זיך איצט אין סאַמע מיטן שול געאַמפּערט וועגן די פּאָרשטייענדיקע וואַלן פאַר די קאָנגרעגיישאָן־באַאַמטע. אנהענגער פון צוויי צדדים זענען געווען איצט צעשפּרייט צווישן עולם, האָבן אָפענע און פאַרהוילענע רכילותדיקע אָנצוהערענישן געגעבן יעדער וועגן דעם צווייטן צד, האָבן יעדער דערציילט נישט קיין שיינע זאַכן וועגן די קאַנדידאַטן פון דער אָפּאָזיציע. צוהערער האָבן מכלומרשט נישט געוואָלט גלייבן די רכילות, האָבן ווי אָפּגעשטויסן די מעשות מיט דער האַנט: „גייט אַוועק, גייט שוין... וואָס אייך קאָן איינפאַלן!...“ אָבער מיט אינערלעך אַלץ מער פאַרשטאַרקטער הנאה זיך מיט שטייגנדיקער נייגיריקייט צוגעהערט צו די ווייטערדיקע איינצלהייטן און באַווייזן.

מיטליעריקע יידן האָבן גערויכערט, געשפּיגן, געגענעצט, גערעדט צווישן זיך געשעפט, זיך געפילט מיד פונם פאַרלאָפענעם טאָג אַרבעט אין קלייט אָדער אין דזשאַנק־יאַרד*) און געהאַלטן אין איין טענהען, אַז מען וואָלט זיך געמעגט אַביסל צואיילן — היינטיקער ערב־סוכות איז דאָך אויסגעפאַלן אין אַ פרייטיק, די וועטשערע איז שוין פון לאַנג אָפּגעקאָכט...

— מען האָט שוין לאַנג געמעגט זאָגן „ברכו“... ווו איז עס ערגעץ דער חזן, האַ?

די אומבאַדייטנדיקע צאָל יונגע בחורימלעך, — אַ קליין נישט־אָנזעעוודיק הייפעלע אין דער גאַנצער טומלדיק־אָנגעפילטער שול, — האָבן זיך געקופּקעט צוזאַמען, זיך אויף קאַטאָוועס „געפּייט“, דורכגעמאַכט אַלע באַוועגונגען פון אַ „באָקסינג־מעטש“. אַז זיי זענען דערפון ענדלעך מיד געוואָרן, האָבן זיי אָנגעהויבן וואַרפן אויגעלעך צו די איינציקע פאַרבלאָנדזשעטע מיידלעך, וועלכע האָבן אַרונטערגעקוקט פון דער גאַלעריע אין־דער־הויך, פון דער עזרת־נשים, — שוואַרצע און פאַלש־בלאָנדע מיידלעך, מיט קינסטלעך־געקרייזלטע לאָקנס, מיט אָנגעשמירטע בעקלעך און געפאַרבטע ליפּעלעך. היינט איז פרייטיק־מאָרגן אין שבת... מען האָט אויף שטים־לשון געמאַכט באַשטעלונגען אויף צו טרעפן זיך מאָרגן ביינאַכט, אויף בעלער — אין אָרטיקע אַמוזירונגס־פּאַרקן און אין טאַנץ־זאַלן.

*) געשעפט פון ברוכווארג.

ליבער האָט אַרומגעשמייעט פון איין קופקע שול-באַזוכער צו דער צווייטער, האָט אַריינגעשטעקט בּרייטע שלום-עליכמס די אָנגע-זעענע שטאָטישע באַלעבאַטים און דערהויפּט די מיטגלידער פונם „באָאַרד אָף עדיוקיישאָן״,*) — איינגעפאַלענע חרובע זקנים, מיט געדיכטן, פאַרהאַרטעוועטן טאַבאַק-שטויב אין האָריקע נאָזלעכער און אויף וואָנצן, און שוין מיט אַ שאָטן פון יענער וועלט אויף זייערע פּנימער. דידאָזיקע „באָאַרד אָף עדיוקיישאָן״ האָט עס געהאַט די השגחה אויף דעם גאַנג פון די לימודים אין דער תלמוד-תורה, ווי אויך אויפן אָנשטעלן פון לערער.

אָ, נישקשה, — ליבערן האָט דער קאָפּ נישט אויסגעדאַרט... ער האָט גוט געוווּסט, ווער איז ווער. איצטער, איידער די לערער אין דער תלמוד-תורה זענען נאָך נישט אנגאזשירט געוואָרן פאַרן קומענדיקן שול-יאָר, דאַרף מען זען נישט שווייגן דערינען...

ער האָט נישט פאַרפעלט צו מאַכן, ליבער, אַ ווילערישע, שפּאַ-סיקע באַמערקונג ביי יעדן רעדל — ער האָט אומעטום צוגעשטימט צו דעמיעניקן קאַנדידאַט, אויף וועמענס צד עס זענען געווען דאָס רוב פון דער קופקע. ער גיט אַ ביטולדיקן קנייטש מיט דער נאָז, ווען דער נאָמען פון דעם אָפּאָזיציאָנס-קאַנדידאַט ווערט אַרויסגעזאָגט... קיין באַשטימט-שלעכטס זאָגט ער וועגן אים נישט, — מען זאָל עס נאָך יענעם צד נישט איבערדערציילן און ער זאָל זיך דאָרט נישט מאַכן קיין שונאים... נאָר ער מאַכט שוין אַזאַ מין אומצופרידענע העויה, מיט די דינע ליפּן זיינע און מיט דער שפּיציקער אויסגעצויגענער נאָז, וואָס זאָל מיינען:

— אַז וואָס איז דאָ צו רעדן... הם... מ׳שטיינס געזאָגט — ער, אויך אַ פּאַרשוין...

אָבער ווי נאָר ער טרעט אָפּ פון אַ קופקע, שפּייט ער אויס עטלעכע מאָל, זאָגט אַרויס אַ פּאָר מיאוסע ווערטער, אויף דער גרופּעס חשבון, ער טרייסט זיך, אַז דאָס איז שוין זיין לעצט יאָר אין דער אוניווערסיטעט: מער ווי נאָך איין יאָר, וועט ער שוין צום דאָזיקן מיאוסן ברויט נישט דאַרפן אָנקומען...

אָבער איצט, דערווייל, האָט מען דאָך געמוזט צוגרייטן דעם

*) בילדונגס-ראַט.

באַדן... אמת: ס'זעט זיך אפילו לעת-עתה נישט קיין קאָנקורענט אויף זיין שטעלע, נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשה! עמעצער קאָן נאָך פון ערגעץ אַרויסקריכן — אַרויסקריכן אומדערוואַרט, סאַמע אין דער לעצטער מינוט...

— אַ געשעפט אַ ביסל — אַ „היברו טיטשער״!*) אַ ליאַדע איינער קאָן עס דאָך טון, דידאַזיקע מלאכה...

אַרום דער מזרח-באַנק, אין מיטן אַ קרייז פון די סאַמע אָנגעזע-ענסטע באַלעבאַטים, נעבן ארון-קודש, איז געשטאַנען דער רב, ד״ר קליעצקין. ער האָט עפּעס געדרייט מיט די הענט אין דער לופט אומ-צופרידן, זיך געבייזערט אויף עמעצן, גערעדט איילנדיק און אומגעדולדיק מיט אַ גמרא-ניגון. עס האָט זיך אויסגעדוכט: ער דערווייזט דאָרט עמעצן עפּעס אַ האַרבן גמרא-פשטל. גערעדט האָט ער אָבער גאָר ענגליש.

ליבער האָט זיך צוגערוקט צו אָט דעם רעדל אונטערטעניק, פון דער זייט, ער האָט איינגעבויגן אַן אויער, אַ ווײַלע איז ער אַזוי גע-שטאַנען און האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף דער מינוט, ווען ס'וועט ענדלעך פאַרקומען אַ פויזע אין דעם געשפּרעך. זיין האַנט האָט אים זייער שטאַרק געביסן. פּלוצלינג האָט ער זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן: ער האָט גענומען און די האַנט זיינע אַריינגע-שטופּט אינמיטן רעדל, ווי זיינס אַ פאַרגעניגער, — אַ משרת, וואָס דאַרף אָפּרייניקן פאַר אים דעם וועג, און אָנזאָגן זיין קומען... און באַלד האָט ער אַרויסגעפּראַלט וויל-יונגעריש, מעשה אַלטער באַקאַנטער:

— שלום-עליכם, ד״ר קליעצקין... אָט בין איך שוין אויף דאָ... כע-כע... אָט, ווי איר זעט, בין איך שוין ענדלעך געקומען פון דער זומער-וואַקאַציע, - דאַנקען השם יתברך...

דער פאַרוווּנדערטער, איבערגעשלאָגענער רב האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר בייזע אויגן פון אונטער זיין גאָלדענע פּענסנע אַרויס, - האָט אים אָנגעקוקט אַזוי קאַלט און פרעמד, ווי ער וואָלט אים גאָר קיינמאָל אין זיין לעבן-קיינמאָל, קיינמאָל נישט געזען... ער האָט זיך ווידער אומגעדרייט צום רעדל אַרום אים און פאָרטגעזעצט דעם איבערגעריסענעם געשפּרעך, נישט ענטפערנדיק ליבערן אַפילו קיין איינציק וואָרט אויף זיין האַרציקער באַגריסונג.

*) העברעאישער לערער.

ליבער איז געבליבן שטיין, ווי אַן אָפּגעשמיסענער: ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ווייטער צו טון מיט זיין אויסגעשטרעקטער האַנט. אַ ווײַלע איז זי אַזוי געהאָנגען, די האַנט זיינע, אַ פּאַריתומטע אין דער לופט. און מיטאַמאָל איז אים אײַנגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק: ער האָט גענומען און אָנגעהויבן גלעטן מיט איר דעם סורדוט פון עפּעס אַ דערביי-שטייענדיקן באַלעבאָס, — האָט אָנגעהויבן אַראָפּנעמען פון אים פאַרזיכטיק איינס נאָך איינס, ווי זיי וואָלטן געווען עפּעס אבן-טובס די שטויבעלעך און הערעלעך.

— צוליב דעם, הייסט עס, האָט ער גאָר אויסגעשטרעקט זיין האַנט...

די אַרומיקע באַלעבאַטים האָבן ווייטער גערעדט און אויף אים זיך נישט אומגעקוקט. און אפשר האָבן זיי אים גאָרנישט געהערט? ס'טרעפט זיך דאָך אַמאָל, אַז אַ מענטש איז אַזוי פאַרטיפט אין זיינע אייגענע מחשבות און אין זיינע אייגענע רייד, אַז ער הערט נישט, — ניין, ער באַמערקט אפילו נישט דעם צווייטן... און אפשר האָט ער, ליבער, גאָרנישט אויסגעשטרעקט זיין האַנט? אפשר האָט ער עס בלויז געוואָלט טון? אפשר איז דאָס אַלץ פאָרגעקומען בלויז אין זיין פאַנטאַזיע?

און ביי דעם געדאַנק איז ליבערן געוואָרן ליכטיקער אַביסל אין די אויגן... מיט אַ זיכערן טאָן האָט ער שוין באַלד פאַר זיך אַליין עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— געוויס נישט... אוודאי נישט... כ'האָב אפילו נישט אויסגעשטרעקט מיין האַנט... דאָס אַלץ האָט זיך מיר בלויז געדוכט, געדוכט...

איצט, אַז קיינער באַמערקט אים נישט, וואָלט טאַקע געווען די פּאַסיקסטע צייט אויף אָפּצוטראָגן זיך... נאָר די פיס זענען אים איצט עפּעס צוגעשמידט צום אָרט. עפּעס ווילט זיך אים איצט טון עמעצן אויף צו להכעיס, — אויף צו להכעיס זיך אַליין. זי בייסט אים ווידער, די האַנט זיינע... ער ווייסט, אַז דאָס, וואָס ער וויל איצט טון, פּאַסט זיך לחלוטין נישט צו טון אין דער איצטיקער מינוט; נאָר נישט געקוקט אויף דעם, טוט ער עס פאָרט: ער נעמט אַרויס זיין זילבערנע ציגאַרעטן-קעסטל און טראָגט זי אונטער, לויט דער ריי נאָך, צו יעדן איינעם פונם רעדל.

— אפשר ווילט איר אַ ציגאַרעטל, מר. ווײַנשטיין? איר רויכערט נישט, מר. סימכאָוויץ? און איר, ר' משה-לייב, אויך נישט? אַ פײַנער „בלענד"*) פון עכטן ווירדזשיניא און אמתן טערקישן...

נאָר קיינער נעמט נישט ביי אים קיין פּאַפּיראָס... ליבער שמייכלט דעמאָלט איידל פאַר זיך, ווי זיי וואָלטן אים אַלע מיט זייער באַנעמען זיך זייער אַ גרויסע פרײַנדלעכקייט גאָר אַרויסגעוויזן. זייער... ער האָט זיך אָבער אינדערשטיל פאַרשאָלטן דאָס לעבן און געוואָלט זיך אַליין גוט אויספּאַטשן. ער האָט זיך געטרייסט איצט מיט חלשות:

— נישקשה... ער וועט זיך נאָך אַמאָל אָפּרעכענען מיט זיי... מיטן רבל און מיט אַלעמען, מיט אַלעמען...

אַ שטילע דערלייכטערונג האָט אויף אים ערשט דעמאָלט אַרונטערגענידערט, ווען ס'האָט פּלוצים אַ הילך געטון דער קלאַפּ פונם שמש אָנם שולחן אויף דער בימה.

— מען הויבט שוין אָן, הייסט עס, דאַווענען מעריב.

ליבער האָט זיך דעמאָלט אַוועקגערוקט צו דער אַרויסגאַנגס-טיר אין הינטערגרונט, זיך אַנידערגעשטעלט לעבן דזשעסן, וועלכער האָט אומרויק געוואַרט, אַז עס זאָל נעמען אַ סוף — ער האָט גע-טאָפּטשעט מיט די פיס אויף זײַן אָרט, ווי אַן אומגעדולדיק פערד. אין שול איז אַביסל שטילער געוואָרן, — שטיל געוואָרן געצוווונגענער-הייט. אָבער ס'איז געווען קענטיק: דער פריערדיקער טומל האָט זיך נאָך געוואָרגן און געשטיקט ביי אַלעמען אין די העלזער. די עדה שול-יידן האָט מיט שטומען פּראָטעסט אומגעדולדיק געקוקט אויף דעם נידעריקן, יאַדישליוון און אײַנגעקוואַרטן שמש, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער בימה, און מיט זײַן דאַרער ביינערדיקער האַנט דעם טומל געוואָרגן ביים האַלז.

די שטילקייט האָט געדריקט. אַן אומרו האָט אַרויסגעקוקט פון אַלעמענס אויגן. און אַ גרויסע דערלייזונג, אַ גרויסע דערלייכטערונג איז אָנגעקומען אויף אַלעמען, ווען דער חזן,— אינם קליינעם האַלז-טליתל מיט דער זילבערנער עטרה און אינם אקטאגאנאלן מיצל, — האָט ענדלעך אַרויסגעדונערט אַ נצחונדיקן, אַ יום-טובדיקן און אַ פייערדיקן:

*) מישעכץ.

— ב—ר—כו את ד׳ ה—מ—ב—ו—ר—ך...

דער פריערדיקער רעש און געפילדער זענען גלייך אפגעבונדן געוואָרן פון די קייטן, האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף אַלע פיר ווענט מיט אַזאַ רציחה, אַט גלייך ווי כוואַליעס אָן אַ דאמבע אין אַ שטורם-צייט. מיט כעס און עקשנות האָט דער געפילדער זיך געריסן פון העלזער און אויגן, געוואַלט פאַרטרינקען דעם חזנס קול, — אומזיסט האָט זיך עס געפלייסט אַרויסצושניידן זיך פונם קעגנערישן פיינטלעכן טומל און אויפהויבן זיך איבערן עולם. דאָס פלעגט אים געלונגען דעם אַזוי בלויז זעלטן, בלויז אויף איין מינוט, — אויף אַ האַלבן, אויף אַ פערטל חזנישן אויסלאַז: איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו ענדיקן דעם געציקלטן „המע—עריב ער—ר—ר—בים״, אָדער „אוהב עמו ישראל״, האָט שוין דער געפילדער זיך ווידער אַרויפגעוואָרפן אויפן אָרעמען חזן און אים איינגאַנצן פאַרטרונקען.

צוויי היי-סקול ייִנגלעך, וועמען דער טאַטע זייערער האָט, קעגן זייער אייגענעם ווילן, געצוווּנגען צו גיין אין שול אַריין, האָבן אים דאָ דערפאַר אָפּגעטון אַ שפּיצל... אין סאַמע רעכטן טומל און ליאַרם און האַלדער-האַלדער פון „אמת ואמונה וחי וקיים״, האָבן זיי גאָר געזונגען די ווערטער פון דערדאָזיקער תפילה מיטן ניגון פון דעם פּאָפּולערן לידל:

— Rubin, Rubin, I was thinking,
All the world was made of glass,
You and I, we both were sliding,
On our — — — — — — — — —

7

דרויסן שול, אויף די ברייטע שטיינערנע טרעפּ, איז געשטאַנען איצט שוויי און האָט געקוקט אויף די ייִדישע גאַסן אַרויס.

ער האָט ביי דער ערשטער געלעגנהייט הינטערווייַלעכטס זיך אַרויסגערוקט פון דער צעהיצטער לופט פון שול. איצט האָט ער זיך געקילט אינם פרעמדן דרויסן.

אינדערשטיל האָט ער זיך איצט געפּרייט מיטן אויסזען פונם אָרטיקן יידישן קוואַרטאַל, וואָס האָט זיך אין ווייטע און קליינע געסלעך געשפּרייט פאַר אים אין דער אָוונטיקער טונקל.

אינגם אָוונט האָבן זיי אויסגעקוקט אַזוי פרידלעך, די יידישע גאַסן, און אַזוי באַרויקנדיק... און אויפן געדאַנק איז אַרויפגעקומען אַ שוין־לאַנג פאַרגעסענער פּסוק:

— ווי גוט עס זענען דיינע געצעלטן, יעקב...

ער האָט זיך טאַקע איצט געפילט, שוויי, ווי ער אַמאָל, מיט יאָרן — דוכט זיך: מיט יאָרן און יאָרן — צוריק, ווען ער איז איינמאָל געקומען צו־גאַסט אַהיים, אויף יום־טוב. אין דער אָנגעצונדענער פאַנ־טאַזיע האָבן זיך שוין פאַרגעשטעלט:

— די הויכע, ציגעלנע מויערן פון דער כאָר־שול אין דער היימ־שטאָט, מיט די דריי רייען פענסטער, איינע איבער דער אַנדערער, אין איין הויך־סופּיטיק חלל אריין; אַ שול אין אַ ווייטער, היימישער און גוישער שטאָט אויף יענער זייט ימים... אַ שטילע עדה יידן, וואָס הערן זיך איין בנעימותדיק און רויק צו די פּסוקים, וואָס דער קאַנטאָר זאָגט אַרויס צום סוף פון יעדער תּפילה; דער אומגעזעענער כאָר פון זיין באַהעלטעניש אַרויס אויף א זייטיקן באַלקאָן לאָזט הערן זיין געזאַנג, — הייליק־ריינע שטימען פון אַן אַנדער וועלט אַרויס. די פאַר־זאַמלטע יידן זיצן שטיל און זענען מתפּלל בלחש. און אַ יום־טובדיקע הייליקייט שפּרייט זיך פון דער שול אַרויס אויף דער שטאָט...

און דאָ, אין דער נייער שטאָט טריפּאָדוויל:

אין דרויסן, אַרום דער שול, ווערט וואָס אַמאָל אַלץ טונקעלער' פון דערוויטנס דערטראָגט זיך אַהער דער טויבלעכער גערויש פון דעם צענטער־שטאָט. פייערן צינדן זיך אָן אין דער נאַכט. קעגן טיף־בלויען הימל־דעק לייכט אַ פּערלדיקע, ווייסע שנור — די באַרגיקע הויכט גאַס פון שטאָט, מיט אירע רייען עלעקטרישע לאַמטערנעס: אָט די פרעמדע שטאָט ליגט פאַר אים איצט אַ נאַכטיק־שיינענדיקע און אַן אויסגעכּישופטע — זי דערמאָנט אים אָן אַ שטאָט, וועלכע ער האָט שוין אַמאָל געזען, — איינמאָל, אין אַ חלום.

ס'האָט זיך אים איינמאָל געחלומט: אַ סלאַווישער „גראַד“ וואָס ליגט הויך צעוואָרפן ביים ברעג פון אַ גרויסן קיל־רחבותדיקן וואַסער.

אַ מין ים־אויסגוס. מען פירט אַהין איצט, צו אָט יענעם ברעג עפּעס אַ יונגן מאַן אַ יונגן פּרינץ — שאַ, דאָס איז, דוכט זיך, ער אַליין, שוויי, ניין?... — מען פירט אים אין אַזאַ ווונדערלעך־אויסגעמאָלענעם און־ביזאַנטיש באַפּוצטן שיפל, וואָס איז אין דער געשטאַלט פון אַ שווימענדיקער גאַנז, — אַ פּאַרצייטיק־סלאַווישע „לאַדיאָ“... אין ס׳איז דעמאָלט אַ ווינטער, אויף דער וועלט אַ שטילער און אַן אינזיך־איינגעהאַלטענער, אַ מעשהדיקער ווינטער פון אַ צפונדיקן לאַנד..., אַ שטילער שניי איז דעמאָלט געפאַלן, אָן וואַסער — אָט אַזוי קלאָר געדענקט עס שוויי דעם חלום — און אַ סך, אַ סך שנייעלעך האָבן זיך דעמאָלט געדרייט אין דער לופט, שטיל זיך געדרייט און נאָכאַנאַנד געטאַנצט אַ חלום־טאַנץ, געטאַנצט און געוואָרפן פון זיך קליינע עלפן־שאָטנדלעך איבער די ריזיקע טויזנט־מייליקע שניי־פלאַכטעס, וואָס האָבן באַדעקט דעמאָלט די ערד.

זיי פאָרן דעמאָלט אין אָט יענעם אויסטערלישן שיפל — דער יונגער פּרינץ מיט זיין היפּשער סוויטע פון עלטערע, בכּבודיקע, לאַנג־בערדיקע באָיאַרן — זיי פאָרן דעמאָלט איבער די גרין־טונקעלע וואַסערן פון אַ ברייטן צפונדיקן ים. זיי פאָרן אַזוי אַ לאַנגע צייט, פאָרן אַזוי נאָכאַנאַנד און שטיל צום נאָרדלעכן לאַנד... ביזקל איינמאָל פון דער נאַכט אַרויס, שווימט אויף פאַר זיי פּלוצלינג די שטאָט, וואָס זיי פאָרן צו איר, — אַ שטאָט, ווייס און זילבערדיק ביים ראַנד פון אַ האַפן, וואָס איז ווינטערדיק איינגעראַמט אין אַ שנייאיקער ראַם.

גאָלדענע פענסטער ברענען דעמאָלט אויף אין דער גאַנצער שטאָט, ווען זיי דערנענטערן זיך אַהינצו אין זייער שיפל. גאָלדענע פענסטער דורך נאַכט, איבערן שניי און טיף־גרינעם וואַסער. שפּיצן פון אומצייליקע קלויסטערס טראָגן אויף זיך שווערע זילבערנע היטלען. שוואַרצע ראָבן נעסטן אויף זייערע שפּיצן, — קליינע שוואַרצע פּינטלעך אויפן בליענדיקן ווייס, ווי אויף ריזיקע באַראשקענע קוטשמעס.

און אַז דאָס שיפל דערנענטערט זיך, לאָזט זיך הערן אַ יום־טובדיק געקלאַנג פון דער גאַנצער שטאָט אַרויס, — אַ געקלאַנג פון גרויסע אומצייליקע גלאָקן. עס צינדט זיך איצט אָן אין אָט דער

שטאָט אַ גרויסע פרייד, — אַ פרייד און אַ יום-טובדיקער פייער צינדן זיך אָן אין דער נאַכט: דער יונגער פרינץ שטייגט אַרויס פון דער „לאַדיאַ".

און פיל יונגע באיארן, און פיל באיארישע טעכטער, — אויסגעפוצט אין שמאראגדן, סאפירן און איזומרודן, איינגעוויקלט אין גרויסע שטיקער און טוכן פון פערלדיק-בלישטשנדיקער „פארטשא",— זיי קומען אַרויס אים מקבל פּנים זיין אינם נאָמען פון דער שטאָט,— זיי בוקן זיך פאַר אים ביז דער ערד. רירן זי אַזש אָן, די שנייאיקע ערד, מיט די לאַנגע זילבערנע בערד.

— מיר האָבן אויף דיר שוין לאַנג געוואַרט, יונגער פרינץ... קום, רעגיר איבער אונז! קום, שטעל אויף דיין קעניג-שטול ביי אונז אין לאַנד!

נאָר דער יונגער פרינץ, אַ גלייכער און אַ שטאָלצער, נויגט זיך אָפּ פון זיי: ער וויל נישט דעם כּבוד... ער פילט זיך דאָך צווישן זיי די גאַנצע צייט, ווי אַ געפאַנגענער בן-מלך, — אַ בן-מלך אין אַ גאָלדענעם גלות... ער פאַרלאָזט זיי אַלעמען קניענדיקע הינטער זיך — ער לאָזט זיך אַליין איבער די פאַרשנייטע גאַסן פון דערדראָזיקער פרעמד-באַלויכטענער צפונדיקער שטאָט אַליין איבער די ווייטע געדריידלטע גאַסן, — ער זוכט אינדערשטיל פון צלעמען, אַ יידיש הויז...

און די גרויסע מחנות שטאָט-לייט, וואָס זענען אַרויס אים מקבל פּנים זיין, די האַרן און די האַרינטעס, די באיארן און זייערע טעכטער, קוקן צעטומלט אָן אָט דעם מאָדנעם מענטשן, וועלכער וויל נישט זיין זייער האַר, — דעם מענטשן, וואָס האָט זיך געלאָזט זוכן עטוואָס אַזוינס, וואָס זיי פאַרשטייען נישט דעם באַטייט און דעם באַשייד דערפון...

8

שוויי האָט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ-אויף געטון פון זיינע חלומות, האָט זיך אַ טרייסל געגעבן. דער טומל הינטער זיין רוקן, פונם אינ-

ווייַניק פון דער שול, האָט זיך אַלץ געגענטערט צו אים, געגענטערט צו די גרויסע שול־טויערן, ס׳האָט זיך געטראָגן איצט פון דאָרטן אַזאַ מין פאַרשטיקט־איינגעהאַלטענער געוויש, ווי פון איינגעשפּאַרטע תּפֿוסים, וואָס ווילן זיך פון אַ געפענגניש אַרויס באַפרייען. שוויי האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין זיך: ער האָט זיך צוגערוקט צו איינעם אַ קאַלטן זייל פון דער שול־פּאָרטיקאָ.

— איר באַטראַכט דאָ די שטאָט, אונזערע, יאָ? נו, ווי געפעלט זי אייך עפּעס, אונזער שטאָט?

אַ שטילער, מיידלשער, אומזיכערער קול.

פון יענער זייט ברייטע שול־טרעפּ, אין אַ דיאַגאָנאַלער ליניע צו אים, צו שווייען האָט זיך פונם טראָטואַר אַרויף איצט געגענטערט אַ יונגע פרוי, זיך געגענטערט צו שווייען אינס אָוונט. די האָר אירע, זעט מען, זענען גלאַט פאַרקעמט אויף הינטן מיט אַ ווייסלעכן שרונט אין מיטן, ווייל איר קאָפּ איז אַנטבלויזט. זי איז אָנגעטון היימיש: ווייזט אויס, זי וווינט דאָ נישט ווייט, — אַ באַלעבאַטישע טאָכטער פון דער אַרומיקער נאָכבאַרשאַפט. איבערן ווייסן קאָפּטל אירן האָט זיך געפלאַדערט אַ סאַמעטן יאַקל, אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען.

שוויי האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט דידאָזיקע פרויען־געשטאַלט, וואָס איז פּאַמעלעך, מיט הויך־געהויבענעם קאָפּ, ווי אַ קעניגין, געשטיגן אויף די טרעפּ אַרויף.

צוויי גרויסע, פייכטלעך־גלאַנציקע אויגן האָבן אויף אים געשמייכלט.

— איך דערקען דאָך אָן אייך: איר זייט אַ פרעמדער... איר וווּנדערט זיך, ווי אַזוי איך ווייס עס? אָ, איך דערקען זיי גלייך... יעדן יאָר אַרום אָט דער צייט קומען צו אונז אין שטאָט אָן פרעמדע יונגע־לייט, וועלכע ווילן אַריינטרעטן אין דער אָרטיקער אוניווערסיטעט... אַזוי איז עס שוין, זינט מיר וווינען דאָ אין שטאָט... יאָר־איין, יאָר־אויס.

אין פאַרלעגנהייט זאָגט שוויי בלויז אַרויס:

— יאָ... איך בין טאַקע דאָ נישט לאַנג אין שטאָט.

זי שווייגט אַ ווײַלע. דערנאָך שמייכלט זי אויף אים ווידער אויף:

— און אייך איז אַוודאי אומעטיק די ערשטע צייט... געטראָפן?

נאָר ס'מאַכט נישט: איר וועט זיך ביסלעכווייז צוגעוווינען. מיר דאַ וועלן אײַך נישט לאָזן זיך פילן איינזאַם... וואָס איז אײַער נאָמען?

זי האָט זיך געבליכט פאַר אים אינם אָוונט, טונקל-הויטיק, ווי אַ מולאַטין, — אַן אָוואַל-געזיכט מיט שאַרף-ברענענדיקע אויגן. אירע געדיכט-שטייפע ציין האָבן זיך שאַרף געוויסט קעגן אים אין דער טונקל.

— רופט מיך שוויי... — און פרײַלין קיפּניס האָט אין זײַנע ווערטער, כאָטש זיי זענען געווען אַזעלכע געוויינלעכע, מיטאַמאָל פאַרנומען עטוואָס וווּנדערלעכעס, — ווי אַ שטיל געזאַנג.

די הויפט שול-טירן און די זײַטיקע טירלעך האָבן זיך מיט רעש פונאַנדערגעעפנט. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן שפּאַרן דורך אַלע עפענונגען, — אומגעדולדיק, נערוועז, זיך אײַלנדיק אַהיים, אָפּאָטע-מענדיק פרײַער אין דער קיל-פרישער לופט.

שוויי האָט מיס קיפּניס אָנגענומען בײַ דער האַנט, און זיי האָבן זיך ביידע אָפּגערוקט אָן אַ זײַט צו די מאַרמאָרנע זײַלן פונם קליינעם פּאָרטיקאָ, אין גריכישן סטיל, וואָס פאַרן הויפּט-אַרײַנגאַנג. בשעת דער עולם האָט האַרט פאַרבײַ זיי דורכגעשטראָמט, האָט ער זי עטוואָס צוגעצויגן צו זיך, ווי באַשיצנדיק זי פונם געדרענג.

אין דער זעלביקער מינוט זענען פאַרבײַגעגאַנגען ליבער און דזשעס. ליבער האָט אויף די צוויי אונטערן פּאָרטיקאָ אַ שנעלן קוק געגעבן, האָט העפלעך אָנגערירט זײַן הוט אויף „גוטן אָוונט", און אינערלעך אַ טרפה'נעם שמייכל געטון.

— שוין... אַזוי גיך? אַזאַ... אַזאַ קורווע...

ליבער און דזשעס האָבן זיך מיט די עלנבויגנס דורכגעשטופּט אַ וועג דורכן געדיכטן עולם מענטשן. מיט שנעלע, געשעפטסמעסיקע טריט האָבן זיי איצט געאײַלט צום צענטער-שטאָט.

בײַ ליבערן האָבן איצט אַלע נערוון געקלונגען מיט אַ פײַער-דיקן ציטער. דאָס בלוט האָט גיך-גיך צירקולירט אין די אָדערן. פיבער-דיק האָט געאַרבעט דער מח, האָט געזוכט נקמה-פּלענער. אַלץ אין אים האָט זיך געוואָרפן אין אַ היץ. אים האָט זיך פאָרגעשטעלט די סצענע מיט אַ האַלבער שעה צוריק, די סצענע אין דער שול: די האַנט זײַנע, ווי זי הענגט אַזוי יתומדיק, אַן אויסגעשטרעקטע אײַנ-

מיטן דעם מענטשן-רעדל, — אַן אָפּגעהאַקטע האַנט, — אַן אָפּגע-האַקטע האַנט, וואָס וואַרט אומזיסט אויף עמעצנס אַ האַנט-דרוק.

— עפּעס מוז דאָך אַוודאי שטעקן דאָ אין דעם: זיי זענען אַוודאי אויף אים ברוגז... זיכער. האָבן זיי שוין אפשר אַ נייעם לערער?

מער וואָלט אים נישט געפעלט! דעם סאַמע לעצטן יאָר... עס וואָלט אים אויסגעקומען אויפגעבן דעם שטודיום סאַמע ביים סוף...

— פאַרכעס... — האָט ער מיט האַרץ אויסגעשפּיגן. — און אָט דער רבל, אָט דער אידיאָט! מ'שטיינס געזאָגט — ווער עס ווערט אַ רב ביי יידן!...

און מיס קיפּניס... אַזאַ... אַזאַ שליוכע... ווי לאַנג איז עס, אַז ער, ליבער, האָט מיט איר אויפגעהערט אַרומצוגיין? ווי ס'יאָגט זיך עס נאָך אַ חתן... ערשט דערזען אַ פרעמדן בחור און שוין: צאַפּ...

און מיטאַמאָל האָט עס אין אים אויפגעשטראַלט פון אַ גליק-לעכן איינפאַל:

— שאַ, פריילין קיפּניס... איר טאַטע איז דאָך אויך אַ מיטגליד פונם שול-ראַט. — מען דאַרף טאַקע אויך צו איר אין שטוב מאָרגן אַריינגיין... און בכלל: וואָס וועט עס אים, ליבערן, שאַטן? מען דאַרף צו איר ווידער ווערן אויף אַ פּאָר טעג צוגעלאָזן...

ער האָט אַרויסגענומען זיין טאַשן-ביכעלע און איילִיק-נערוועז פאַרצייכנט:

„מאָרגן, שבת אָוונט, ביי דער ק... אָנקלינגען בייטאָג ווען דער טאַטע איז אין געשעפט, ברענגען אַ באָקס קענדי*) פאַר אַ דאָלאַר מיט פּופּציק. זיין צו איר שטאַרק צוגעלאָזן אַ גאַנצן אָוונט".

זיי זענען איצט פאַרבייגעגאַנגען אַ טונקל-באַלויכטענע שמאָלע געסל. אומבאַמערקט פאַר ליבערן, האָט זיך דזשעס אָפּגעשטעלט פלוצלינג לעבן איינער אַ טיר, פאַר וועלכער עס האָט געברענט אַ קיילעכדיקע רויטע לאַמטערנע. אינם שוואַכן ליכט, לעבן דער טיר, האָבן זיך דאָרט געקופּקעט איצט עטלעכע קריידיק-אָנגעפּודערטע מולאַטקעס און צוגעוווּנקען די פאַרבייגייער.

*) שאַכטל מיט קאָנפעקטן.

ליבער האָט שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, צוטראַכטנדיק אַלץ פֿאַרשידענע פּלענער פּאַר אַ קאַמפּיין אויף אָנצוהאַלטן די שטעלע אין תּלמוד-תּורה: ווען ער האָט מיטאַמאָל דערפֿילט אַ ליידיקייט ביי זיין רעכטער זייט. ער האָט זיך אומגעדרייט.

פֿונדערווייטן האָט ער דערזען דזשעסן זיך-פֿאָרנדיק מיט איינער פֿון אָט יענע מולאַטקעס, וואָס ביי דער רויטער לאַמטערנע; ער האָט זי דאָרט געקניפּט, אָדער וואָס. ליבער האָט אים צוגעשריגן פֿונדערווייטנס. דזשעס האָט זיך אומגעדרייט, אַ בורטשע געטון אומצופֿרידענערהייט, ווי אַ הונט, ווען מען דער באַלעבאָס רייסט מיט גוואַלט אָפּ פֿון אַ פֿריינטלעכער אַרומשמעקעניש מיט אַ צופֿעליק-אָנגעטראָפֿענער צויג.

נאָר ליבער האָט יענעמס אומצופֿרידנקייט גאַנץ ווייניק באַמערקט. אים איז איצט געווען דריקנדיק אַזוי אויפֿן האַרצן:

— עך, וואָס קאָן שוין פֿון דעם אַרויסקומען... אַז זי ווייס דאָך שוין סיי-ווי-סיי, מיס קיפּניס, אַז ער האָט אַ כּלה אין ניו-יאָרק... און ווען זי וואָלט נאָך געוווּסט, אַז דאָס איז אַפֿילו כּמעט ווי אַ ווייב!..

אָבער ווער קאָן עס זיין דער נייער לערער, וואָס וויל ביי אים אָוועקרייבן זיין פּרנסה? פֿון זיינע באַקאַנטע וועט דאָך זיכער קיינער נישט גיין אויף זיין „דזשאָב". און אפֿשר — באַקאַנטע וועלן גראָד ערשט גיין...

— „באַקאַנטע"... „פֿריינט"... אָ, ער, ליבער, קאָן דאָך זיי, די הינט... אָדער — שאַ: איז דאָ גאָר דאָ אין דעם עמעצער אַ נייער?

ער האָט זיך אַזוי שאַרף און פּלוצלינג אָפּגעשטעלט אינמיטן פֿון אַ שפּאַן, ווי מען וואָלט אין אים פּלוצלינג אויסגעשאָסן — איז געבליבן שטיין אַ ווילע פֿאַרגליווערט פֿון דער אומדערוואַרטקייט פֿונס דאָזיקן ניי-אָנגעקומענעם געדאַנק.

— שאַ... דערדאָזיקער... ווי הייסט ער... אָט דער נייער... וואָס איז מכּוח אים?

— אָ, ער האָט דאָך אַזאַ איידעלן, אַזאַ אויסגעווייקטן פּנים, ממש אַ פּרוש! — האָט ליבער זיך געקרומט אין מחשבה — און פֿון הינטן אַרום וועט דאָס צוודאי גיין אָוועקנעמען מיין „דזשאָב"...

— אָ, דידאָזיקע פּאַסקודנע וצדקתכס... אָ, ווי גוט ער קאָן זיי, דידאָזיקע „אידעאַליסטן״... אָהאָ, ווי גוט!

און בײַ ליבערן איז גלייך. געבליבן: דער נייער יונגערמאַן איז זיין קאָנקורענט — און במילא איז ער זיין פיינט. אַ שנאה צו יענעם כמעט ווילד־פרעמדן מענטשן האָט זיך גלייך אויפן אָרט דערוועקט אין ליבערן, אָט פונקט ווי ער וואָלט צו שווייען געהאַט שוין אַלטע, גאָר אַלטע קריוודעס, — קריוודעס פון כמה וכמה יאָרן, אָט פונקט ווי ער וואָלט אים פיינט געהאַט שוין פון צייטן און צייטן צוריק... אין קאָפּ האָט אים אַזש געבערענט.

— מיין גאָט, ער'ט נאָך בלייבן אָן אַ שטיקל ברויט סאַמע אין דעם לעצטן יאָר... מען דאַרף זען עפּעס טון... אומבאַדינגט.

ער האָט נאָך דערווייל נישט געוווּסט — וואָס. נאָר ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, אַז די היץ און ברען אין אים זענען אין אַ וויילע אַרום אָפּגעשוואַכט געוואָרן, איז בײַ אים אויסגעאַרבעט געוואָרן דער אָנהויב פון אַ פּלאַן:

אין אַ פרייען טאָג, קומענדיקע וואָך, וועט מען דאַרפן אַריבערגיין צו עטלעכע באַלעבאַטים... מען וועט דאַרפן מיט זיי פאַרפירן אַ שמועס. — אָנטאַפּן, הייסט עס, אין וואָגן:

— איז ווירקלעך דאָ אַן אַנדערער, ווי?

און מען וועט דאַרפן אויך ווי־עס־איז איבערבעטן דעם אידיאָטישן רבל, אָט דעמדאָזיקן קויטיקן פוילענצער... און בכלל: פאַרוואָס איז ער עס אויף אים, אויף ליבערן ברוגז? וואָס אַזוינס האָט ער, ליבער, אים געטון?

— יאָ, דאָס איז דער איינציקער וועג: מען וועט זיך דאַרפן זען פאַרזאָרגן מיט „גוטע״ צדדים... און דערנאָך — דערנאָך וועט מען שוין זען...

צווייטער קאַפּיטל

1

אַ פּייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין דער נאַכט, אויף איינער אַ שטילער גאַס פונם צפונדיקן טייל פון דער שטאָט.

אין דער שטילער מיטל־וועסטלעכער שטאָט טריפּאָדוויל זענען נאָך אַלע איינוווינער געשלאָפן איצט מיטן געזונטן פּאַרטאָגיקן שלאָף. דערהויפּט, ווײַל אַ הערבסט־פרעסטל האָט אין די שפּעטע נאַכט־שעהן אַ סמאַליע געטון אינם פּאַרטאָגיקן דרויסן. די ערד אויף די אַרומיקע מײַלן־ווײַטע אָהיאָ־פעלדער האָט זיך פראָסטיק געטרוקנט און געקאָרטשעט אין כראפּעס. אין דער גאָר־שטילער טונקלקייט פון סוף נאַכט האָט זיך אויף שטיין און בוים און מעטאַלענעם פּאַרקן אַ פראָסטיקער טוי געזילבערט; און אַ כרופּקע גלעזערנע הײַטל האָט שטײַענדיקע פעלד־וואַסערלעך אומעטום פאַרצויגן.

נאָר די זאַטע און רויקע איינוווינער פון טריפּאָדוויל האָבן אין אָט דער שעה נאָך טיפער און שטײַפער די קאָלדרעס אַרומגעוויקלט אַרום די צעוואַרעמטע גופים; ס'האָט זיך נאָך טאָפּלט־געשמאַק איצט געשלאָפן. דאָס פּייערל, וואָס האָט זיך איצט אָנגעהויבן אויף אָט דער זײַטיקער געדיכט־באַבלײַערטער גאַס, האָט זיך גענומען דערפון: אין

אָט דעם פֿאַרטאָג, פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע פֿאַרטאָגן, האָט זיך טורין אויפֿגעכאַפּט גאָר־פֿרי, אַ בלאַסק אויף טאָג.

ער האָט זיך שוין אַפֿילו געהאַט עטלעכע מאָל אויפֿגעכאַפּט דורך דער נאַכט. דאָס, וואָס ער דאַרף אויפֿשטיין יעדן מאָל גאָר אינדערפֿרי, מאַכט אים אַ גאַנצע נאַכט אומרויִק. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט בײַ זיך אַ וועק־זייגער שרעקט ער זיך דאָך, תּמיד, אַז ער זאָל נישט צו־שטאַרק אײַנשלאָפֿן און אַזויערנאָך פֿאַרהערן אַפֿילו דאָס קלינגען פֿונם וועק־זייגער... און יעדעס מאָל, ווען ער כאַפּט זיך אויף דורך דער נאַכט, דוכט זיך אים: דער זייגער האָט שוין לאַנג געקלונגען... אַ בלייכע האַנט שטרעקט זיך דעמאָלט נערוועז אויס צום שטול, טאַפּט דאָרט אָן צווישן די אָנגעוואָרפֿענע קליידער דעם זייגער, און די פֿלאַמעדיקע שעהן ברענען דעמאָלט אויף אין דער נאַכט, — ווייס אין קלאָר אין דער אַרומיקער טונקל: עס איז אַ ראַדיאָ־ליכט זייגער, און די שעהן לויכטן אויף דעם דייטלעך אין דער טונקל.

עס ציִיגט זיך אָבער תּמיד אַרויס, אַז עס איז נאָך גאָר פֿרי. ס'איז ערשט, אַ שטייגער, האַלב נאָך צוויי... ער האָט נאָך גאַנצע צוויי שעה צום שלאָפֿן. אַ בלינדע היהשע צופֿרידנקייט צעגיסט זיך אים דעמאָלט איבערן לייב; ער טוליעט זיך נאָך וואַרע־מער איין. נאָר זײַן שלאָף איז שוין סײַ־ווי געשטערט... ער הערט זיך איין מיט וואָס אַ מינוט אַלץ וואַכעדיקער־ווערנדיקן באַוווּסטזײַן: עס קרייען די ערשטע הענער.

נישט קוקנדיק אויף, דעם, וואָס עס האָט נאָך קיינמאָל נישט פּאַסירט, אַז דער זייגער זאָל פֿאַרפֿעלן אים אויפֿצוּוועקן, איז טורין דאָך תּמיד נערוועז. ער וואַרפֿט אַרויף אויפֿן זייגער זײַן שלאָף־כאַלאַט, זײַן פּאַלטאָ און זײַנע הויזן, כּדי ער זאָל דאָס הויכע טיק־טאַקן פֿונם וועקער נישט הערן און זאָל לכל־הפּחות קאָנען נאָך אַ ביסל שלאָפֿן. אָבער דאָס פֿאַרגרעסערט נאָך אין אים זײַן אומרויִקייט: טאָמער פֿאַרהערט ער טאַקע איצט דאָס קלינגען פֿונם וועקער צוליב די אַרויפֿגעוואָרפֿענע זאַכן?

אַז טורין וואַרפֿט זיך אַזוי אומרויִק פֿון איין זײַט אויפֿן אַנדערן, פֿאַלט זײַן בליק צופֿעליק אויפֿן טיר: דורכן שפּעלטעלע אונטערן טיר

דערזעט ער אַ ליכט... אַ גרויסער ליכט-פּאַס אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע פונם קאָרידאָר.

— זע נאָר... וווּנדערט ער זיך. — ווער איז עס שוין אויפגעשטאַנען דאָרטן אַזוי פרי?

עס איז דאָך ערשט ביים אָנהויב לער-יאָר און עס איז אוממעגלעך, אַז אפילו דער פלייסיקסטער סטודענט זאָל זיך פעדערן צו זיינע למודים אין אַזאַ פריער שעה. שפּעטער, אַז עס קומט אָן די צייט פון די פינאַל-עקזאַמענס, איז עפּעס אַנדערש...

טורינס פאַרווּנדערונג ווערט נאָך באַלד גרעסער: ער הערט אויך טריט... אַ מענטש גייט דאָרט אַרום הין און צוריק איבערן שכנישן חדר מיט אַן איילן אומרויקן טראָט; אַט שטעלט ער זיך פּלוצלינג אָפּ, — און אָט הויבט ער שוין אָן ווייטער צו גיין... אַזוי הין און צוריק, נאָכאַנאַנד הין און צוריק. ס'איז אָבער קענטיק: יענער אומבאַקאַנטער באַמיט זיך שטאַרק צו מאַכן וואָס ווייניקער גערויש, — ער ווייס, אַפּנים, אַז אַרום און אַרום שלאָפן איצט מענטשן.

דאָס געדויערט לאַנג. טורין הערט זיך צו. ביי אים הויבט ענדלעך אָן שפּראָצן אַ נייגיריקייט און אַן אומרויקייט: וואָס איז עס דער שכל פון אַ מענטש אַרומגיין אַזוי דורך דער נאַכט? מיט אַ קרעכץ און נאָך איינעם קריכט ער באַלד אַרויס פון וואַרעמען בעט. אָנגעטון אין זיינע אומריינע שווייסיקע אונטערוועש גנבעט ער זיך אויף די שפּיץ-פינגער צו דער טיר. נאָר אַזוי ווי עס איז שטאַרק פינסטער ביי אים אין חדר, שטרויכלט ער זיך אָן אַ שטול, און די שטול פאַלט אום מיט אַ הילכיקן קראַך איבער דער פּאָדלאָגע.

די איילקע טריט אין יענעם חדר הערן אין אָט דעם אויגנ-בליק אויף. לבנה-ליכט גליטשט זיך פּלוצלינג אַריין דורכן פענסטער פון טורינס צימער, און אַ פּאַס געלבלעכע ווייסקייט באַדעקט אינ-גאַנצן דעם געשטרויכלטן מענטשן. ער אַנטפּלעקט אים אין דער פּאָזע, ווי ער בויגט זיך אַזוי אין זיינע גאַטקעס צו דער ערד און גלעט און באַרויקט די פיס, וועלכע ער האָט זיך אָפּגעשלאָגן. אַ לאַנגע ווייל בלייבט טורין שטיין אַזוי שטיל, האַלב איינגעבויגן, אויף איין פוס, מיט די פינגער פונם אַנדערן פוס פאַרדריקט אין די הענט.

ער פאַרבייסט אַזש די ליפּן פון ווייטיק. — און פון פאַרדרוס: ער האָט יענעם, קענטיק, איבערגעשראָקן.

נאָר אין אַ ווײַלע אַרום דערהערט ער, ווי די טריט אין דעם שכנישן חדר הויבן זיך ווידער אָן צו באַוועגן, — ווי אָפּגעבונדענע טריט פון אַ קייטל, וועלכע האָט זיי אַ ווײַלע שטאַרק צוגעהאַלטן.

פּאַמעלעך עפנט דעמאָלט אויף טורין די טיר פון זיין חדר און שטעקט אַרויס זיין קאָפּ אין טונקעלן קאָרידאָר אַריין.

ער ציטערט אַזש פון קעלט. אין קאָרידאָר איז זייער קיל.

טורין דערזעט איצט דאָס ליכט, וואָס שפּרייט זיך אין קאָרי־דאָר, קומט אַרויס פון דעם ווינקלדיקן חדר, — פון שווייס צימער. די טיר שטייט דאָרט האַלב־אָפן. און טורין דערזעט באַלד, ווי דער דאָזיקער נייער קוואַרטיראַנט נאָך אינגאַנצן אָן אָנגעטועגער, דרייט זיך דאָרט איצט אומרויק אַרום, הין און צוריק, נאָכאַנאַנד הין און צוריק.

אָבער בעת טורין שטייט אַזוי, אינגאַנצן אַ ציטערנדיקער פון קעלט, און קוקט אַ פאַרוואונדערטער אין דער האַלב־אָפענער טיר פון שווייס צימער אַריין, זעצט זיך מיטאַמאָל יענער אַוועק. זיין פנים — געווענדט מיטן פנים צו דער טיר — איז פאַרטראָגן איצט, שטיל און וואונדערלעך. ער בלייבט זיצן אַזוי ביים טיש אַ שטיק צייט, און שרייבט אייליק און שרייבט נערוועז. די נאַכט איז שטיל, עס הערט זיך דער שטילער געזאַנג פון די שטערן.

ביי טורינען ציטערן דאָ די פיס פון קעלט און פון איינגע־האַלטענער אויפרעגונג... דער בחור דאָרט שרייבט און שרייבט, רייסט אָפּ איין בלעטל נאָך דעם צווייטן. ער שרייבט גיך, גיך, דאָס קופּקעלע פאַפּיר ביי זיין זייט וואַקסט, וואַקסט.

אַ היפּשע צייט גייט אַזוי פאַרביי. — טורין קוקט זיך אַלץ אַזוי שווייגנדיק צו. ער ווייסט נישט וויפל צייט עס איז שוין פאַר־לאָפן אַזוי, זינט ער האָט זיך דאָ אַנידערגעשטעלט. פּלוצלינג גיט יענער אַ וואָרף די פען, שטייט אויף, נעמט די אָנגעשריבענע בלעט־לעך אין האַנט אַריין און לאָזט זיי דורכזיפּן זיך דורך זיינע פינגער, — אָט ווי איינער טוט מיט זאַמד, אָדער מיט גלאַטינקע שטיינדלעך ביים ים.

דערנאָך קערט ער זיך האַסטיק אום צו דער וואַנט, פאַרלייגט די הענט איבערן קאָפּ און בלייבט אַזוי שטיין אַ שטיקל צייט, מיטן פּנים אומגעווענדט צו דער וואַנט: עס דוכט זיך ער איז דאָרט מתפּלל צו עמעצן... נאָר אַז ער קערט זיך — אום צוריק מיטן פּנים צו דער טיר, איז זיין פּנים פינסטער אומצופרידן, פאַרכמאַרעט. ער פאַרבייסט שטייף אַן אונטערשטע ליפּ. ער לויפט צו צום טיש, גיט האַסטיק אַ כאַפּ די פאַרשריבענע בלעטלעך פונם טיש, לויפט צו און וואַרפט זיי אַלע אַריין אין דער ברענענדיקער קוילן־אויוועלע. ער דרייט מיטן זעלביקן אימפּעט אויס די גאַז־לאָמפּ און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך מיט אַ הילכיקן זעץ — ער האָט זיך, הייסט עס, סוף־כּל־סוף פאַרגעסן, אַז אַרום און אַרום שלאָפן איצט מענטשן.

טורין האָט זיך דערנאָך אַרומגעוואָרפן אין בעט פאַר דער קו־מענדיקער שעה־און־אַ־האַלב. ער האָט זיך מיט אַלע כּחות באַמיט איינצושלאָפן. ער האָט געוווסט, אַז ער מוז: אַנדערש וועט ער זיך פילן מיד און צעבראָכן דורכן גאַנצן טאָג. נאָר וואָס גרעסערע אָנשטרענגונגען ער האָט געמאַכט, אַלץ שווערער איז עס אים געווען איינצושלאָפן. צום סוף האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיך איבערגעגעבן אויף גאָטס באַראָט.

ערשט דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן אַריינפאַלן אין דעם הינ־הער פלעט פון פאַרן אַנטשלאָפן ווערן.

נאָר שוין גאָר אין די ערשטע פאַרטרינקנדיקע מינוטן פון פאַר־געסעניש האָט זיך פלוצלינג אָנגעהויבן דורכרייסן דורך דעם פּאַק קליידער דאָס ציטערדיקע דערוואָרגענע קלינגען פון דעם וועק־זייגער. טורין האָט, קרעכצנדיק, אָנגעהויבן קריכן פון בעט אַרויס.

זיין צימער האָט באַלד פאַרטאָגיק־אויפגעלויכטן אין דער גאַנצן פינסטערניש.

זיינע אויגן זענען געווען איצט רויט־פאַרשלאָפן. זיין פּנים — פרישטשעוואַטע. די באַקן — איינגעפאַלן. דער הויכער שטערן —

בלייך, איינגעטאַנצט אין קנייטשן. די נאָז — פֿאַרשפּיצט און איינגע-
מאַטערט-אויסגעצויגן, — שאַרפֿע ביינדלעך, באַדעקט מיט בלויזער הויט.
זיינע הענט זענען אויך געווען אַזוי אויסגעדאַרט, האָריק און ביי-
נערדיק. די קליינע, קורצזיכטיקע אויגן זענען געווען פֿאַרזונקען אין
טיפֿע לעכער. אַז ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן נאָר אויף איין מינוט,
האָט ער דעריבער שוין געהאַט דעם אויסזען פֿון אַ מת.

פֿון דעם אונטערשטן שופֿלאָד פֿון אַ שאַפֿע, פֿאַרלייגט צווישן
אַ סך קונטרסימלעך און פּאַפּירן, האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַפּי-
רענעם זעקל, האָט אים פֿונאַנדערגעוויקלט, אַרויסגענומען פֿון דאָרט
אַ לענגלעכן לעבל ברויט, אָפּגעבראָכן אַ לוסטע, אַרויסגענומען פֿונם
וועלבן זעקל אַן עפּל און אָנגעהויבן עסן אַזוי שטייענדיקערהייט. אַלע
ווײַלע האָט ער זיך אָנגעבויגן צו דער פּאָדלאָגע, אויפֿגעהויבן דאָרט
אַ ברעקל, פֿאָרזיכטיק עס אַרײַנגעלייגט אין מויל אַרײַן. צוערשט האָט
ער אָפּגעשיילט דעם עפּל. נאָר צום סוף, אַז ער איז שוין פֿאַרטיק
געוואָרן מיטן פֿלייש פֿונם עפּל, האָט ער זיך מיישב געווען און
אויפֿגעגעסן די שאָלעכץ אויך.

דאָס איבערגעבליבענע פֿונם ברויט האָט ער צוריק פֿאַרוויקלט
אינם פּאַפּיר-זעקל, אַרומגעבונדן מיט אַ שנירעלע און פֿאָרזיכטיק
באַהאַלטן.

ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. פֿון שלאָף-שכּרות, איז ער
קוים איינגעשטאַנען אויף זיינע פֿיס. נאָר איידער ער איז אַרויס,
האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ טרייסל געגעבן, ווי ער וואָלט פּלוצלינג
ניכטער געוואָרן: ער איז צוגעלאָפֿן צום טיש און פֿאַרכאַפּט מיט זיך
עפּעס אַ העפֿטל מיט פֿאַרשמירטע פּאַפּירלעך.

2

אינם קאַלטן אָקטאָבער-פֿאַרטאָג האָט טורין אַביסל אונטערגע-
ציטערט. די לאָמפּן אין גאַס האָבן קיל געלויכטן אין דער פֿרימאָרגן-
טונקל. די לבֿנה איז שוין נישט געווען. די שטערן האָבן זיך שוין
אויך אָנגעהויבן אויסצולעשן אויפֿן מזרחדיקן הימל. טראַכט זיך טורין:

— שוין היפש קאַלטלעך איצט אין די פּאַרטאָגן... איך וואָלט אוודאי געדאַרפט איצט אָנטון דעם ווינטער-מאַנטל, — וועלכן איך האָב נישט...

ער האָט טיפער אַריינגערוקט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, ווי אַ טשערעפּאַכע; אַלץ ווייטער פאַרשטופט די הענט אין די קעשענעס פון זיין דונעם זומער-רעקל.

ער טאַפּט איצט אָן ביי זיך אין קעשענע, מיט נייגיר און דרך-ארץ, דאָס העפטל מיט די פאַרשמירטע בלעטלעך, וואָס ער האָט מיט אַ ווײַלע צוריק, אין גרויס איילעניש גענומען.

דאָס איז אַ העפטל מיט לידער, טורין האָט עס גאָר צופעליק אַרויסגעראַטעוועט פון מרס. קעלארניס הענט. יעדן טאָג, אַרום צוועלף, רייניקט זי די קוואַרטיראַנטנס צימערן. זי שלעפּט דעמאָלט נאָך נאָך זיך, פון צימער צו צימער, אַ גרויסע קאָרזינקע, וווּהין זי וואַרפט אַריין אַלע פּאַפּירן, וואָס וואַלגערן זיך ביי די קוואַרטיראַנטן-סטודענטן אויף די באָדנס. אַז זי איז געווען נעכטן אַרום אָט דער צייט ביי טורינען אין צימער, האָט ער באַמערקט ביי איר אין דער קאָרזינקע אַ דיק העפטל באַשריבן מיט יידישע אותיות. מיט דערוועקטער נייגיריקייט האָט ער אַריינגעשטופּט די האַנט זיינע אינם גאַנצן פּאַפּיר-אָפּפאַל, און דאָס פאַרשמירטע העפטל פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט. ער האָט עס נייגיריק באַטראַכט פון אַלע זייטן.

— ווו האָט איר עס גענומען? — פרעגט טורין פאַרוווּנדערט. — אָ, דאָס איז געלעגן אויפן דיל ביי אייער נייעם שכן, ביי דעם „רוס״, ביי שווייען... — האָט איר עס אים צוריקגעגעבן? ער דאַרף עס זיכער האָבן. ער וועט עס נאָך זוכן... — ניין. — די פעט-גלידערדיקע מרס. קעלארני האָט זיך איצט מיט שווערקייט אויסגעגליכן פון איר איינגעבויגענער פּאָזע, ווייל זי האָט איצט געהאַלטן אין אויפראַמען דאָס בעט, — ניין, ער דאַרף עס זיכער נישט... אַז איך האָב עס אויפגעהויבן ביי אים אויפן דיל, האָב איך עס אים אומגעקערט: אפשר דאַרפט איר עס, מר. שווי? — האָב איך ביי אים געפרעגט, נאָר ער האָט אַפילו אויף דעם נישט געוואָלט אַ קוק געבן... „איר קאָנט עס געזונטערהייט אַרויסוואַרפן״.

— נו, איז איר דאַרפט עס דאָך זיכער אויך נישט, מרס. קעלארני,—

האָט זיך טורין צו איר אָנגערופען, מיט זייער אַ העפלעכן שמייכל ער האָט קוים געקאָנט קאָנטראָלירן די נייגעריקייט, וואָס האָט אים געמאַכט די פינגער זיינע ציטערן, בשעת ער האָט באַטאַפּט דעם עטוואָס־איינגעשמירטן, געדיכט־באַשריבענעם מאַנוסקריפּט, — איז גיט עס מיר... איך ברויך טאַקע איצט האָבן פאַר «סקרעפּ»־פּאַפּיר...

מרס. קעלאַרני האָט אַוודאי קענגן דעם גאָרנישט געהאַט. זי האָט בלויז געוואָלט וויסן, אויב זי האָט ריכטיק געטראָפן — אויב די־דאָזיקע שריפט איז «ראָשיען»*). זי איז שוין, קענטיק, געווען גרייט זיך צריינצוכלאָזן אין אַ פריינטלעכן, שמייכלדיקן שמועס וועגן ראַשיען — אַ שמועס, וואָס וועט זיך מסתמא אויסלאָזן מיט דעם טורינען שוין־דערעהענעם זיסן ווערטעלע, אַז די «ראַשיענס» זענען אַ «גוד פּיפּל»**)...

נאָר טורין האָט איר אין ענטפער אַרויסגעברומט שוין נישט אַזאַ העפלעכן «יע», און האָט, מכלומרשט שטאַרק־באַשעפטיקט, אַריינגעשטופּט די דאַרע ביינדלדיקע נאָז זיינע אין דעם נאָענסטן בוך אויפן טיש, וואָס איז אים אונטער דער האַנט געקומען, — אַן עוג־מלך־הבשנדיקער בוך איבער דער «עקאָנאָמישער און קאָמערציעלער געאָגראַפיע פון די פאַראייניקטע שטאַטן און דרום־אַמעריקע». ער איז איצט שטאַרק פאַר־נומען — ער דאַרף לערנען, לערנען... אָבער אינדעראמתן האָט ער גאָר דאָרטן די גאַנצע צייט באַטראַכט די דראָבנע, צעדרייטע און צעבערעקלטע שריפט — אַ פּיצעניאַנטשיקע מאָן־בליעכטס — מיט וועלכע דאָס העפטל איז געווען געדיכט באַשריבן.

נאָר קיין סך צייט האָט ער פאָרט דעמאָלט נישט געהאַט. ער האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז ער וועט עס מיטנעמען צום לייענען מאָרגן אינדערפרי אין סאַלון***) אַריין.

אין אַזאַ פריער שעה גייט נאָך נישט דער טראַמוויי, און טורין האָט אַ צוויי־מייליקן גאַנג ביזן סאַלון. זיינע טריט קלאַפּן הילכיק אין דער פאַרטאָגיקער איינזאַמקייט פון די גאַסן, ווי עס וואָלט געגאַנגען

*) רוסיש. **) אַ גוט פאָלק. ***) ביר־שענק.

עפּעס אַ מענטש אין הילצערנע שיך. די קאַלטע לופט האָט אים אינגיכן דערפרישט.

ס'איז קאַלט. כאָטש ער גייט גאַנץ גיך, טורין, פונדעסטוועגן דערוואַרעמט עס אים גאַנץ ווייניק. ס'איז אַ גאַנץ שווערע שטעלע — די שטעלע זיינע אין „סאלון"... פונדעסטוועגן, פילט ער זיך איצט פריידיקער ביים געדאַנק, וואָס ער האָט איצט אַ שטענדיקן דזשאב*).

— אויב עס זאָל זיך נאָר ציען... וועט ער דאָך שוין האָבן ווי עס איז חיונה דורכן גאַנצן לער-יאָר.

און צוריקגערעדט: אַ גרינגער „דזשאב" איז עס דאָך אויך: ער אַרבעט בלויז צוויי שעה יעדן פרימאָרגן. מער נישט, וואָס האַלב נאָך פינף דאַרף ער שוין עפענען דעם סאַלאָן, — האַלב-נאָך-פינף אינדערפרי, ווען פאַבריק-הענט, „לייבאָרערס"**) און טראַמוויי-אַרבעטער גייען שוין צו דער אַרבעט: איידער וואָס ווען, אויפן ניכטערן מאָגן, נעמט מען דערווייל אַ טרונק בראָנפן אָדער ביר, — „כדי אָנצוהויבן דעם טאָג ריכטיק"...

— נו, איז עס דאָך סוף-כל-סוף נישט אַזוי געפערלעך... בלויז צוויי שעה אינדערפרי... קאָן ער דאָך זיין אין קאַלעדזש, טורין, פונקט אין צייט פאַר דער ערשטער לעקציע, אום 8 אור.

אמת, אַפילו דעם איינציק-פרייען טאָג, וואָס טורין האָט, שבת, אַרבעט ער דאָ אויך, — און טאַקע אַ גאַנצן טאָג. און נאָך וואָס פאַר אַ גאַנצן טאָג! ביז צוועלף ביינאַכט. און אַרום און אַרום קריגט ער, פון אַלע זיינע פאַרדינסטן, אַ פינף דאָלאַר אַ וואָך. אָבער ער איז דאָך איצט מיט עסן און געלעגער לכל-הפחות פאַרזאָרגט.

— וואָס'אי, ניין? אַ פיינער מענטש דערדאָזיקער זיסקינד, דער סאלון-קיפּער***)...

און טורין הויבט זיך אָן צוצואיילן, ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן; ער איז געטריי דעם באַלעבאָס, טורין...

---

*) אַרבעטס-פּלאַץ; **) שוואַרץ-אַרבעטער; ***) שענקער.

אַז ער איז מיט אַ צוואַנציק מינוט שפּעטער צוגעקומען צום סאַלון, איז שוין דאָרט געלעגן בײַ דער שוועל אויסגעצויגן אַ ריזיקער נעגער, מיט אַן אָפֿענער צעכראַשטשעטער ברוסט. ער האָט זיך מיט זײַן פּעכיקער שוואַרצקייט, קוים אָנגעזען אין דער פּאַרטאָגיקער טונקלהייט. בלויז זײַנע שטאַרק־ווײַסע גרויסע ציין האָבן זיך דורשטיק געשורכט אין אַ בלישטשנדיקן שנירל. האָט עס טורינען דערמאָנט אָן אַ פּאַסיקל נאָך־נישט־צעגאַנגענעם שניי אין אַ סוף־ווינטער־נאַכט.

אויפֿן טראָטואַר זענען געזעסן נאָך צוויי אַרבעטער אין פֿאַררויכערטע אַרבעטס־קליידער — קענטיק עלעקטראָ־טעכניקער, צי טראַמוויי־מעכאַניקער, מיט פּעקלעך צובײַסנס אין די הענט. זיצנדיק אַזוי שווײַגנדיק־אָנגעדרודלט, האָבן זיי אויסגעזען, ווי צוויי הינט, וואָס זיצן אויף די הינטערשטע לאַפּעס און וואַרטן אומגעדולדיק, דער באַלעבאָס זאָל שוין קומען און זיי אָנקאָרמענען.

אַלע האָבן אַרויסגעברומט אומצופֿרידן, וואָס טורין איז דאָס מאָל אָנגעקומען אַביסל צו־שפּעט. זיי זענען שנעל־בליציק אויפֿגעשטאַנען און זיך אומגעדולדיק גערודערט הינטער אים, בשעת ער האָט זיך געפּאָרעט בײַ זיך אין קעשענעס און געזוכט דעם שליסל; ווי חזירים, וואָס שפּאַרן זיך צו דער טירל, פֿונוואַנען מען וועט זיי באַלד קארמענען, האָבן זי די דרײַ טונקעלע פֿיגורן מיט אַן אומגעדולדיקייט געשפּאַרט הינטער טורינען. און קוים האָט ער נאָר באַוויזן די טיר אויפֿצושליסן, האָבן זיי אים פֿון הינטן מיט אַ געבריל אין סאַלון אַרײַנגעשטויסן.

3

טורין איז אויף אַ ווײַלע אַרונטער אין קעלער, אונטערשטעלן פֿרישע פֿעסלעך ביר אונטער די פּאָמפּעס. די פֿרימאָרגנדיקע באַזוכער אינדערהויך האָבן אומגעדולדיק געטאָפּטשעט מיט די פֿיס, האָבן געהוסט, געשפּיגן, איבערגעשטעלט יעדער מינוט די פֿיס פֿון דער מעשענער באַר אויף דער פּאָדלאָגע, און צוריק.

אַז טורין איז צוריק אַרויפגעקומען, איז ער שוין געווען אָנגעטון אין אַ ווייסן פֿאַרטוך.

דער פֿרימאָרגן האָט שוין אָנגעהויבן אַרײַנבליקן דורך די פֿענסטער. דאָס פֿאַרטאָגיקע בלוי איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ ליכטיקער און שיטער-צעשפּרייטער.

— אַביסעלע שלאַנגען-פּליסיקייט—האָט איינער פֿון די מעכאַניקער אַרויסגעברומט; אויף טורינען האָט ער בשעת מעשה אפֿילו נישט געקוקט, ווי ער וואָלט גערעדט צו דער וואַנט.

— אַ טראָפּעלע פּיפּערנאָטער-מילך פֿאַר מיר — האָט דער צווייטער מיד אַרויסגעקרעכצט.

— אַ טאַס רויִטע טינט... אָבער די מינוט: איך בין אין גרויס איילעניש, — האָט דער דריטער זײַן באַפֿעל אָפּגעגעבן.

— און מיר — אַ פֿינגערהוט איילבירטן-בוימאייל, — האָט דער ריזיקער נעגער אַ גלאַנץ געטון מיט די צוויי אויגן-ווייסלעך זײַנע, ווי מיט צוויי שטייף-אָפּגעקאָכטע, אָפּגעשיילטע אייער.

טורין האָט שווײַגנדיק געעפֿנט דעם שנאַפּס-אַלמער הינטער זיך, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט פֿאַרשידענע פֿלעשער און פֿלעשלעך, ווי אַן אַפּטייק-שאַפֿקע, ער האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַר די מעכאַניקער די צוויי פֿלעשלעך «ברענדי», וועלכע זיי האָבן פֿאַרלאַנגט, אָנגעגאָסן דעם דריטן אַ גלאָז ווײַן, און דעם נעגער האָט ער אָנגעגאָסן אַ גרויסן «סקונער» ביר.

כאָטש טורין איז געווען נישט אויסגעשלאָפֿן איז זײַן גרויסער אַסקעטיש-לומדישער קאָפּ אים פֿונדעסטוועגן געווען קלאָר און טרוקן-ליכטיק, ווי ערשט דורכגעברענט מיט פֿײַער — מיטן פֿײַער, בײַ וועלכן ער איז לעצטע נאַכט אַזוי שפּעט געזעסן און געלערנט זײַנע שטודיעס. טורין איז שוין געוווינט געווען נישט צו דערעסן און נישט צו דערשלאָפֿן אין משך פֿון די פּאָר יאָר, וואָס ער איז סטודענט אין דער העכער אוניווערסיטעט.

דער מוח אַרבעט בײַ אים איצט גיך-גיך, ווי דער קאָפּ וואָלט בײַ אים געווען אָנגעגאָסן מיט אַ היציקער גרינגער פּאַרע, וואָס האַלט זיך אין איין אימפּעטיקן שפּאַרן. איבערמישנדיק און פֿאַרפּאַרטיקנדיק אין פֿלעשער און אין בוטעלן פֿאַרשידענע «מיקסט-דרינקס», קלאָווער-

און מאנהעטן-קאָקטײלס, — קונים קומען אַרײַן און אַרױס יעדע מינוט — טראַכט ער שױן, אַז אין אָוונט האָט ער אַ מיטינג אין דעם אָרטיקן אָקאָרשט - אָרגאַניזירטן יידישן ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטײ.

— עס איז אַזױ גוט, װאָס הײַנט איז פרײַטיק... װעט מען קענען זיצן אַ ביסל שפּעטער, — מאָרגן, שבת, הױבט ער דאָך ערשט אָן אַרבעטן פון נאָכמיטאָג-אָן.

ער הױבט איצט אָן צו גרײטן דעם „פרי-לאָנטש". ער שנײַדט אָן קלײנע פּענעצלעך ברױט, לײגט זײ אָן אױף אַ טעלער. די אַנדערע טעלער פילט ער אָן מיט צעשניטענעם געפּרעגעלטן מאקארעל, מיט געבאַקטע בלױ-פיש, מיט געקאָכטן „קאָד"-פיש, מיט געזײערטע קאַרטאָפל, מיט שרימפּן סאלאד, מיט קאַרטאָפל געפּרעגלטע אין חזיר-שמאַלץ, — יעדן שבת פּרעגלט ער זײ אַלײן אָפּ אין אַ גאָר גרױסער מאָס — ס'זאָל קלעקן אױף אַ גאַנצע װאָך.

אַז ער איז פאַרטיק געװאָרן מיטן צוגרײטן דעם גרױסן פּאָלי-מעסיק שרימפּן-סאַלאַד, האָט ער זיך גענומען אױסקערן דעם סאַלון און באַשיטן אים מיט זעגעכץ.

טורין הױבט זיך שױן אָן צו פילן אַביסל מיד.

דער עולם װערט איצט שױן אַביסל שיטערער. אײנציקװײַז קומען נאָך אַרײַן אַ פּאָר פאַרשפּעטיקטע אַרבעטער פאַר זײערע פרימאָרגן-«דרינקס». װער עס רעדט אױס מיט אים אַ פּאָר װערטער װעגן דעם װעטער און װעגן פּאָליטיק — עס איז איצט פאַר די פּרעזידענט-װאַלן, אָבער די מײסטע פון זײ טרינקען אױס זײער שנאַפּס אָדער ביר שװײַגנדיקערהײט, באַצאָלן און גײען גלײַך אַרױס.

— נו, איצט איז געקומען די צײַט, — זאָגט טורין פאַר זיך אײַן-דערשטיל און טאַפּט אָן מיט ציטערדיקער אומרו דאָס באַשריבענע העפטל אין קעשענע. ער נעמט עס אַרױס און פאַרן בלײַכן גאַז-ליכט הױבט ער עס אָן אין אײַלעניש צו לײענען, — ער װיל אַרײַנכאַפּן װיפיל ס'לאָזט זיך פון דעם, אײדער אַ נײַער אַרײַנגעקומענער קונה װעט אים שטערן.

ס'איז אָבער נישט אַזױ גרינג צו לײענען דאָס העפטל; דער כּתב איז אַ געצױקטער, אַ געבראָכענער. קענטיק, דאָס אַלץ איז מיט

אָן איילנדער נערוועזער האַנט געשריבן, געשריבן אין עטלעכע פֿאַר־שידענע האַנטשריפֿטן — פֿון איין מענטש, וואָס האָט אין פֿאַרשידענע צייטן און ביי פֿאַרשידענע שטימונגען אַ פֿאַרשידענע האַנטשריפֿט.

4

"... און ווידער זיץ איך ביי מיין טישל. טינט, אַ פֿעדער־הענטל, פֿעדער, פּאַפּיר — א י ך בין גרייט, א י ך בין מוכן ומזומן צום שרייבן. איך פֿאַרוואַרף מיין קאָפּ אויף הינטן, בויג זיך אויס אויף צוריק אויף מיין שטול, פֿאַרטשעפּע מיך מיט די פֿיס אַנם טיש־ברעטל, איך זאָל נישט אָנווערן מיין גלייכגעוויכט, זיך נישט איבערקערן אויף הינטן און חס־ושלום ברעכן האַלז־און־נאַקן... כע־כע־כע... וואָס וועט מען דען דעמאָלס נאָך מיר אין אַ נעקראָלאָג קאָנען שרייבן? אַז מיין לעבנסאַרבעט איז נאָך נישט אָפּגעטון, אַז מיין לעבנס־אַרבעט איז נאָך נישט געענדיקט... נישט געענדיקט? אַ ביסעלע נישט־פֿינקטלעך; נאָך אַפֿילו נישט אָנגעפֿאַנגען...

"יאָ, פֿאַר דעם לעצטן, — כ'מיין, הייסט עס, פֿאַר דעם ערשטן, — פֿאַר דעם האַלז־און־נאַקן־ברעכן איז נאָך דאָ גענוג צייט... ניין?

"אַלזאָ, ווידער פֿון אָנהויב: איך האָב צוגעקליבן מיין טישל, אַרונטערגענומען אַלע ביכער און זשורנאַלן, דאָס צייכן־ברעט און די צייכן־אינסטרומענטן, די דיאַגראַמען און "בליו־פּרינטס". כ'האָב אויס־געשפּרייט אַ ריינעם, נאָך נישט געלייענטן בויגן פֿון אַ בלאַט־צייטונג (ספּעציעל טאַקע פֿאַר דעם צוועק געקויפֿט: צייטונגען, פֿאַלט מיר איין, קאָנען דאָך ווען־ס'איז־נישט־איז אויך זיין נוצלעך). ס'איז ביי מיר ריין, ציכטיק, קלאָר, מעשה יום־טוב־שטימונג... אַ ריין, קלאָר־ווייס העפֿט פּאַפּיר; נייע בלישטשנדיקע פֿעדערן. אין צימער ביי מיר איז שטיל און רויק; די לופֿט זינגט... נישט? נו, אַלנפֿאַלס, זומזעט... דערמאָנט אָן אַ שפּעטן פֿרייטיק־צונאַכטס אין דער אַלטער היים. — אַמאָל־אַמאָל, שוין גאָר לאַנג צוריק, — ווען אַלע שלאָפֿן שוין, נאָר איך אַליין זיץ נאָך און לייען — אָדער שווייג. איך אַליין. אויסער, פֿאַרשטייט זיך, די שטיל־אויסברענענדיקע שבת־ליכט.

„דאָ אָבער זענען קיין שבת-ליכט נישטאָ. אַפּילו קיין געווײנלעכע ליכט אויך נישט, – נישט קיין וועקסענע, נישט קיין חלב׳נע, נישט קיין סטעאַרינאָווע. אַך, ווי ליב איך האָב ליכט!... נו, יאָ, געוויינלעכע ליכט, איך בעט קיין שום סימבאָלישע באַדייטונג אין מײַנע ווערטער נישט אַרײַנלייגן. גאָר געוויינלעכע ליכט: ליכט, וואָס פאַרשפּרייטן אַרום זיך אַ שוואַכן און פלומרשט-באַשיידענעם שײַן; נאָר איר ווייסט: עפּעס פאַרהוילנס, נישט-דערזאָגטס ליגט אונטער דעם פּאַרטוליעט. דערמאָנען זיי אַמאָל אָן הייליקייט, אָן קירכע, אָן יום-כּפּור-נאַכט, אָן אײַנזאַמער שטיין-צעלע אין אַ הויל, אָן שטילקייט פון טעמפּל און היכל... דערמאָנען זיי אַמאָל אָן אַ מיידל מיט לאַנגע צעפלאָכטענע קאַשטאַנען-האָר, וואָס שאָקלען זיך אויפן בלייכן נאַקן; אָן אַ מיידל, וועמענס אַ ביסל-אָנט-בלויזטע ברוסט זעט זיך פון אונטערן אָפּשטייענדן העמד אַרויס, און איר געשטאַלט שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ זילבערנעם שפּיגל מיט צוויי ליכט ביי ביידע זייטן, וואָס שטייט פאַר איר. דאָס כּשופט זי אַרויס דאָס געשטאַלט פון אַ ווייטן חתן, — אַ געשטאָרבענעם, אָדער נאָך גאָר אַן אומבאַקאַנטן... און אָן וואָס נאָך דערמאָנען זיי, אַזעלכע ליכט ביינאַכט? אָן אַ שלאָף-צימער אַרום אָט דער מיטנאַכט-שעה. אָן אַ שלאָף-צימער אין יעדער געוויינלעכער היים. די לופט אין אים איז דעמאָלט געווירצט, — שאַרף, וואַרעם, הייס, ברענענדיק. דער אָטעם ביי מענטשן – קורץ, אָפּגעהאַקט; נאָז-לעכער – ברייט-פונאַנדערגעעפנט; אויגן -- הייס-פאַר-מאַכט. און מיילער -- זענען האַלב-געעפנט, ווי צעשפּאָלטענע ווונדן. די ליכט-פלעמלעך פלאַקערן דעמאָלט, שמעלצן זיך, ציטערן, שפּריצן. און אדם מיט חוהן שלענגלען זיך און צאַפּלען זיך, קעמפן איינס קעגן אַנדערן אַ תּמידן, אַ קיינמאָל-נישט-אָפּגעלאָזענעם קאַמף.

„אַך, ווידער סימבאָליק...

„דאָ אָבער, ווי שוין געזאָגט, זענען קיין ליכט נישטאָ. גאַז. פּשוטע, וואָכנדיקע, צישנדיקע גאַז... אייגנטלעך, איז דאָך אַ גאַז-פלאַם אויך אינטערעסאַנט. באַטראַכט נאָר די עטלעכע שיכטן פונם בלוילעכן, וואַסער-געלבלעכן און געלן פלאַם – אַ פיל-קאָלירנדיקע פייער-בלאַט. נישט נאָר פון אַ ספּעקטראָסקאָפּישן שטאַנדפּונקט איז די גאַז-פלאַם שיין, נאָר אויך פון אַ געווויסן איינזאַמקייטס-שטאַנדפּונקט, אויב ס׳איז מיר ער-לויבט אַזוי זיך אויסצודריקן. יאָ, אַלץ איז אמת. אָבער במה דברים

אמורים? אַן אַנדערש מאָל. איצט איז עס אײנפאַך אין מײנע קינסטלערישע אינטערעסן זי צו פאַרזען, די פּלאַם! װי איר װילט אײך, דאָס מאָל איגנאָריר איך דידאָזיקע פאַרשװעכנדיקע גאַז־פּלאַם! איך נעם צונויף אַלע מײנע כּחות...

„... און בסך־הכּל דערגרײך איך בלויז דאָס, װאָס איך הױדע מיך װײטער אויפן שטול, נעמענדיק גרױס אַכט איך זאָל מיך חס־ושלום נישט איבערקוליען אויף הינטן.

„איך בעט אײך... װאָס נאָך קאָן איך טון? איך בין דאָך שוין גרײט — מוכן און מזומן צום שרײבן; א י ך האָב דאָך שוין געטון אַלץ מעגלעכס, כּדי צו דערגרײכן אַן אינעװײניקסטן נשמה־פרידן, אַ גײסטיקן גלײכגעװיכט. אַן אינעװײניקסטע רו װאָס, װי עס איז אַלעמען װױל באַקאַנט, איז דאָך אַזוי נױטיק צום קינסטלערישן שאַפן. די נױטיקע, מענטשלעכע שרײב־מכשורים האָב איך דאָך שוין אױך אונטערן האַנט. אלא, װאָס דען? אַ טעמע...

„צום טײװל! װי פּראָזאַיש. געמײנט זאָגן: באַגײסטערונג, שטימונג, רוח־הקודש. עמעצער זאָל מיר מיט אַ געהײמניספולער שטים אין אויער אַרײנשעפּטשען, אונגעפער אַזוי:

„— בן־אדם, דו מענטשן־זון, לך, גײ, און נעם אַ לײמענעם טאָפּ, און נידער אַרונטער מיט דעם אין טאָל צו די זינדיקע מענטשן... און דו זאָלסט אויפהױבן דעם טאָפּ איבער זײערע קעפּ, און דו זאָלסט מיט דײן הױכער שטים זאָגן, לאמר, אַזוי צו זאָגן...

„אומגעפער אַזוי. אומגעפער אַזוי.

„און דערנאָך צעברעכן דעם לײמענעם טאָפּ איבער די קעפּ פון די מענטשן־זין?

„די לופט איז שטיל, רויק; זי זינגט... איך הױדע מיך אַלץ און קוק אויף דער סטעליע. איך שמײכל, איראָניש מסתמא; קלוג־איראָניש. און פונװאַנען — די איראָניע? און פון מײן קלוגשאַפט װוּ זענען די סימנים? עס באַמבלט זיך מיר אַ פערז פון עפּעס אַ רוסישן דיכטער, װעלכן איך האָב שוין לאַנג, מיט יאָרן צוריק, נאָך אין יענעם װײטן, אויף אײביק פאַרגעסענעם לאַנד געלעזן:

— נידער אַרונטער, אָ, מוזע, אײדעלע דו מײנע...

„באַלד אָבער ספקע איך שוין: האָב איך טאַקע אַזאַ שורה

ערגעץ געלעזן? ס'איז גיכער ווי אַלץ מײַנע אָן אײגענע אויסטראַכ־טונג — איך בעט אום אײַערע גנעדיקסטע אַנטשולדיקונג!
„עס קומט אָבער אַלץ נישט... ס'אַרץ אומדאַנקבאַרע באַשעפטיקונג עס איז צו זיצן אַזוי און צו וואַרטן ביז וואַנען מען קריגט די גויטיקע שעפערישע התפעלות... צו וואָס? פשוטער מען זעצט זיך אַנידער און — מען שרײַבט. גאַנץ אײַנפאַך. האָט דאָך נאָך געטהע געזאָגט:

Was hilft es vięl von Stimmung reden?
Dem Zaubernden erscheint sie nie...
Gebt ihr euch einmal für Poeten.
So commandirt die Poesie...

„נישט אַזוי?".

5

עס זענען מיטאַמאָל אַרײַנגעפאַלן עטלעכע נײַע קונים, — עטלעכע עלטערע לײַט, וואַרשײַנלעך אַרבעטסלאָזע, זענען אַרײַנגעקומען מיט ביר־קענדלעך, אָנצופילן זײ מיט ביר. פאַרן גרויסן הײמישן «ברעקפעסט» פון געפרעגלטן בײקאָן*), קאָנטרי־סאָסעדזש**) און רעטשענע לאַטקעס. טורין האָט אין אײלעניש פאַרשטופט דאָס העפטל הינטערן קויטיקן פאַרטוך, און האָט באַדינט די אַרײַנגעקומענע קונים.

דערדאָזיקער ריזיקער נעגער האָט שוין, אַפנים, צו דער אַרבעט נישט געדאַרפט גײן. טורין קוקט צו, ווי ער גיסט אַלץ אין זיך אַרײַן אײן גלאָז נאָכן אַנדערן. ער גרעבצט, קרעכצט, שפײַט — און טרינקט ווײַטער. ער הויבט שוין אָן פאַלן פון די פיס. פון זײַן מויל רינט אַ סלינע, ווי פון אַ מעלה־גרהדיקער בהמה. פון זײַן נאָז רינט. פון זײַנע אויגן, דוכט זיך, רינט אויך: זײַערע גרויסע אַפּלען שווימען שכור־צעמישט

*) חזיר־גריווּן.
**) געשטאָפטע קישקעלעך.

אַרום אין דער קויטיקער ווייסקייט, וואָס רויטלט זיך ביי די ברעגן.

עס איז שוין נאָך זיבן אַ זייגער. פון דרויסן דרינגט אַריין די זיך־שטאַרקנדיקע פרימאָרגן־ליכטיקייט. דורך אַ ווינקל־פענסטער גליטשט זיך באַלד אַריין דער ערשטער סימן פון אַ זון.

דער נעגער לאָזט פּלוצים אַרויס אַ מיאוסע קללה, גיט זיך איינגאַנצן אַ קאָרטשע, ברעכט אויס אַ גאַנצע שמוציקע סאַזשעלקע, און גלייך נאָכדעם — אַ באַץ אויף דער פּאָדלאָגע אַרונטער, מיטן פּנים גלייך אין דעם שמוץ אַריין.

אים איז דאָרט, קענטיק, זייער באַקוועם — ער בלייבט שוין דאָרט אַזוי ליגן, בורטשעט נאָכאַנאַנד עפּעס אימפּאַרשטענדלעכס, און טשמאָקעט אַלץ מיט די ליפּן אין דעם אויסגעבראָכענעם אַריין.

טורין פּרוּווט פּאָרזיכטיק אים אויפהויבן פאַרן קאָפּ; ס'איז אָבער נישט פאַר זיינע כחות. אים געלינגט אָבער יאָ אַרויסצוהויבן דעם שיכורס קאָפּ פון דער סאַזשעלקע שמוץ; ער לייגט אים אַוועק אויף אַ ריינעם פּלאַץ. ער שלעפּט דערנאָך אַרויס זיין אייגן נאָז־טיכל, ווישט מיט דעם אַרום דעם נעגערס פּנים, וואָס איז באַדעקט מיט זעגעכץ און שטיקלעך אויסגעבראָכענעם קעז.

— יו אר איי גוד דזשו, איזראַעל*) — שמייכלט זיך דער נעגער גליקלעך פונאַנדער. ער איז צופרידן, וואָס ער ווייס נאָך, אַז אַ יידנס נאָמען איז „איזראַעל".

טורין פּרוּווט פּאָרזיכטיק נאָכאַמאָל אים אויפהויבן. ער איז אָבער צו שווער פאַר אים, דעם־דאָזיקער ריז פון אַ נעגער. אַ שול־דיקער, אַ היימלאָזער, ווייס ער נישט, וואָס ווייטער צו טון.

— זאָל ער דאָרטן ליגן — באַשליסט ער — ביזקל זיסקינד, דער סאַלון־אייגנטימער, וועט אַריינקומען... נו, וועט ער אים שוין אַרויסשלעפּן... דאָס איז פּונקט פאַר יענעמס כחות!

דערווייל, ביז וואָס־ווען, באַנוצנדיק זיך מיט דער געלעגנהייט, וואָס קיינער איז ווידער איצט אין סאַלון נישטאָ, האָט טורין זיך דערווייטערט צום ווינקל ביים פענסטער, ווו עס איז געוועזן אַ ביסל ליכטיקער, און האָט דאָרט פּאָרטגעזעצט צו לייענען די בלעטלעך

*) ביסט אַ גוטער ייד.

פונם קויטיקן, פאַרשמירטן העפטל, וועלכן ער האָט מיט זיך מיט־געבראַכט.

— — — „איך בויג זיך איבער איבערן טישל און באַשאָטן דאָס פּאַפּיר. הינטן, ווייס איך, הויערט אַ שאָטן, — אַ גרויסער שאָטן, מיין שאָטן, — אַן אומגעלומפּערט־צעשפּרייטער איבער דער וואַנט. איך וויג מיך — ער וויגט זיך. איך שאָקל מיך — ער שאָקלט זיך. איך שווייג — ער שווייגט אויך. ניין, ע ר שווייגט דאָך אַלעמאָל! אַלעמאָל! אָט דאָס איז דאָך, וואָס רייצט מיך אַזוי שטאַרק אויף! אָט, אַדרבא, זעט נאָר פאַר זיך אַליין — אָט הויב איך אויף מיין האַנט, מיין לינקע האַנט, — נו, וואָס דען, כ׳האָב דאָך געוווסט... ער — אויך דאָסזעלבע... און אַלץ — שווייגנדיק... אָט: איך פאַרמאַך די גאַנצע האַנט, אויסער דעם טייט־פינגער; קוקט דעמאָלט מיין האַנט אויס אַזוי וואָרנענדיק, אַזוי שטראָפנדיק, אַזוי מוסרנדיק... אָבער זיינע — נאָכמער.

„...אָבער ליבער גאָט! וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן פאַלן עס מיר איין! ווי קומט דען דער שאָטן הינטער מיר? אַז דאָס ליכט איז דאָך גאָר פון הינטער מיר! דער שאָטן איז, פאַרשטייט זיך, פון פאָרנט? נו, יאָ, געוויס. אַ בפירושער פיזישער געזעץ. דאָס געזעץ פון ליכט און שאָטן. כאַ... כאַ... אומזיסט זיך געערגערט.

„נו, יאָ, אָט איז ער דאָך טאַקע פון פאָרנט. איך בויג מיך אָן, איך באַריר אים. אַהאַ, ער איז שוין איצט אונטער מיין קאָנ־טראָל! איך וועל אים שוין, זייט זיכער, פון מיין אויג נישט אַרויס־לאָזן.

— „אומזיסט זיך געשראָקן פאַר אַ שאָטן, וואָס איז דאָ גאָר נישטאָ...

„נאָר שאַ, שטיל, — באַרויק זיך, גייסטיקער גלייכגעוויכט, — האָב עס אין אַכט...

„איצטער איז שוין ווידער גוט. איך בין איצט אַזוי רויק. אָך, איצט — ווי באַלד מיין זעלטענער אורח, די רו, גלעט מיך איצט מיט זיינע באַרויקנדיקע פינגער — ווי עס וואָלט זיך איצט געוואָלט אַ שרייב טון איבער ד ע ם! נו, יאָ, איבער דעם טאַקע... וועגן אַן אונזער־דוריקן יידישן יונגערמאַן, וועלכער בלאָנדזשעט אַרום איבער דער וועלט... און פילט, אַז אין ערגעץ איז פאַר אים נישטאָ קיין

אָרט, ווו ער זאָל קאָנען אַריינשטעכן וואָרצלען... „ער אַליין סיידן? — ברומט אין מיר אַן אומצופרידן קול. — סאַראַ איבערנעמען־זיך... דאָס גאַנצע פאָלק דאָך!" — נו, יאָ, אמת טאַקע. אָבער — איז עס טאַקע אמת?... אָט די יחידים — פילן זיי נישט דעם טעם פונם דאָזיקן ביטערן צער־געטראַנק מער פון אַלעמען, מער פונם פאָלק אַליין, אויב דאָס „פאָלק" פילט עס בכלל?

„אָט זיי — די שטילע און פאַרבאָרגענע... ווי פון באַהאַלטענע למד־וואָווניקעס. ווייס פון זיי קיינער נישט; זיי וואַנדערן אַרום, און בלאָנדזשען אַרום, און ז ע נ ע ן אומעטום, — אין גרויסע, רוסישע שטעדט ביי די ברעגן פונם מזרחדיקן און מערבדיקן אָקעאַן; ווייט־פאַרוואָרפן צווישן פרעמדע אויף די שניי־פעלדער פון קאַנאַדע און אין די שטילע גאָרטנדיקע שטעט פון דער מיטל־וועסט; בלאָנדזשענדיק צווישן די קילע אויסגעשטערנטע נעכט און זוניקע מדברדיקע טעג פון דער סאַוטה און סאַוטה־וועסט... און אומעטום, אומעטום — אַליין; און פרעמד: פרעמד צום אייגענעם פאָלק אַפילו..."

— — — — — — — — — — — — — — — — —

טורין מישט בלעטל נאָך בלעטל, זופט און מישט, היפערט און מישט, זיין האַרץ קלאַפּט אים, ווי ער וואָלט איצט באַגאַנגען אַ גנבה: יעדע מינוט קאָן נאָך אַריינקומען דער באַלעבאָס. מען דאַרף זיך צו־איילן... אָט קומען שירים — דאָס איז גוט: טורין האָט אַפילו בדרך כלל קיין שירים נישט ליב געהאַט, אָבער איצט איז ער מיט זיי שטאַרק צופרידן — זיי לאָזן זיך שנעל איבערקוקן... דער שכורער ריז פון אַ נעגער אויפן דיל גרעבצט און מייקעט, און לאָזט אַרויס פון זיך אַ גוזמא פון שטינקענדיקער לופט; און טורינס בלייכע און ביינערדיקע נאָז ווערט נאָך שאַרפער און שפּיציקער אויסגעצויגן — ס'איז טשיקאַווע מיט וואָס אָט יענער נייער בחור, שוויי, פאַרנעמט זיך און אינטערע־סירט זיך... און ער זופט, טורין, די שירים מיט אַ גוואַלטיקע שנעל־קייט, — אָט פונקט ווי מען וואָלט אים געצאָלט דערפאַר אין מזומן.

1. איר איינצלנע,
איר יחידים,
איר צעזייטע און צעשפּרייטע, —
פריד צו אייך, זייט מיר געבענטשט!
פון טיפסטן האַרצן זייט מיר געבענטשט!

2. אין אַלע ווינקעלעך פון דער ערד, —
איר וואַנדערער,
איר ניט־דערקענטע, —
אין דערפער און אין ישובים,
אין שטעטלעך און אין שטעט, —
און נאָך מער אין גרויסע ווילדע כּרכים,
אין טומל און געטריש פון אייזנבאַן, טראַמוויי און אויטאָמאָביל
און פּאָליסמאַן־פייף,
און אַמבולאַנס, און טויטן־וואָגן,
— שטילע, ווייס־באַקראַנצטע און לעבעדיק־באַבלומטע
טויטן־וועגן —
זיך דרייענדיק, ווי זעמדלעך קליינינקע,
אין אַ פּראַסטיקן, גלייכגילטיקןווירבל־ווינט:
האַרטער קאַמף פאַרן ביסל אָרעם לעבן, —
פריינט מיינע, און פון ברידער טייערע!
הערט: ווו איר זאָלט נישט זיין,
און ווי פרעמד און אומבאַקאַנט —
איר גרויסע און שטאַרקע מענטשן,
און שטאָלצע און שווייגנדיקע,
און איינזאַמע,
און איינזאַמע,
און איינזאַמע, —
זייט מיר דריי מאָל געבענטשט,
פילפאַכיק־מאָל געבענטשט און געגריסט!... — — — —

3. אַליין זענען מיר, אַליין.
יאָ, אַליין. —
עך, ברידער, ווי דאָס בלוט שלאָגט מיר איצט צו
צו אויסגעלאַשן אויג, צו בלוי-אָדערדיקן שלייף.
ווי פיינלעך-שטאַרק,
טייוולאָניש-לאַכנדיק,
און תאווה-ביטער-זיס,
בייס איך מיינע ליפּן
ביז צום בלוט, —
בלוט, בלוט, בלוט!
פאַרסמט בלוט מיינס!
זאָל עס רינען, זאָל עס ברענען
אויף שאַרבנס פעטע, אויף לייבער זאַטע
פון אונזערע אייגענע — פון פרעמדע פרעמדערע...
— — — — — — — — — — — —

דאָ קומט אַריין זיסקינד, דער אייגנטימער פונם סאלון. ס'איז אַ קורץ, פּירקאַנטיק יידל, וואָס באַוועגט זיך שווער און אומגעהויבלעוועט — ווי אויסגעהאַקט פון איין שטיק האָלץ. ער קייט תּמיד אַ דיקע ציגאַר צווישן גראָבע בלוט-פאַרטריקנטע ליפּן — אַ ברענענדיקע אָדער אַ אויסגעלאָשענע ציגאַר.

אַ ווײַלע שטייט ער אויף דער שוועל אומבאַוועגלעך — שטייט שווער אַזוי, מיט פונאַנדערגענומענע פיס און אַ געשלאָסענעם פאַרעכס-לעכן מויל. ער באַנעמט די סיטואַציע מיט איין בליק, ער גיט צוערשט אַ קוק אויף טורינען און גיט דערנאָך אַ קוועטש מיט די אַקסלען. ער זאָגט אָבער נישט אַרויס קיין איין וואָרט. ער ווייסט, אַז אַזאַ ביליקן אַרבעטער, ווי טורין, וועט ער אַזוי גיך נישט קאָנען קריגן. ער עפנט דעמאָלט פונאַנדער ביידע העלפט טיר, בויגט אָן מיט אָנשטרענגונג און מיט אַ סקריפּען זיין אומגעהעבלעוועט-הילצערנע פיגור און נעמט אָן דעם שיכור פאַרן קאָפּ, דעמאָלט שלעפּט ער אים אַזוי איבערן דיל אויפן טראָטואַר אַרויס —אין דרויסן. עס הערט זיך פון אינעווייניק,

פון סאַלון, ווי ער לאָזט דאָרטן באַלד אַרונטער דעם נעגערשן קאָפּ מיט אַ שאַרפן זעץ אויפן אַספאַלט.

אַז ער קומט צוריק אַריין אין סאַלון, מעסט ער טורינען אָפּ מיט אַ שמייכעלע, וואָס איז איינצייטיק אי טריומפירנדיק, אי בטלדיק און אי שפּאָטיש. עטלעכע מינוט מעסט ער אים אַזוי קאַלט אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס. ער שוויגט אָבער, זיסקינד; ער ווייסט, אַז אַזאַ וואָלוועלען אַרבעטער, ווי טורין, וועט ער אַזוי גיך נישט קאָנען קריגן. ער שוויגט און קוועטשט בלויז מיט די פּלייצעס.

דריטער קאַפּיטל

1

אין איינער אַ סוף-נאַכט פון אָנהויב-נאָוועמבער האָבן צום דריטן מאָל אָנגעהויבן קרייען די הענער פון דער פאַרשלאָפענער מיטלוועסטלעכער שטאָט טריפּאָדוויל.

צוערשט האָט אַן אומזיכערן קריי געטון איינער אַ האָן, אַ זיך־וווּנדערנדיקער און אַ פרעגנדיקער, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט:

—קשוין אפשר צייט אויפצוּוועקן זיי, האַ? וואָס זאָגן עפּעס אויף דעם די איבעריקע הענער?

האָבן אים אָפּגעענטפערט אַ צווייטער, און אַ דריטער, און אַ פערטער... פון דער טונקלקייט פון דער נאַכט האָבן אים באַלד אָנ־געהויבן אָפּענטפערן אומצייליקע, אויסגעצויגן-הייזעריקע הענער-קרייען. און די געדיכטע נאַכט-שטילקייט איז באַלד דורכגעשטאָכן געוואָרן מיט דעם קלאַפּן פון שפּיציקע הענערשע פליגלען.

— קו—קו—רע—קו—ו—ו...

די פינסטערניש האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן שפּאַלטן, — אַ שוואַרצע גרויסע איי, וואָס האָט עפּעס אָנגעהויבן געבוירן.

קיין סימן פון אַ טאָג איז נאָך אָבער דערווייל נישט צו זען. די שטערן לויכטן נאָך אַלץ אויפן הימל קילע, קיילעכדיקע, זילבערנע און גאָלדענע — גרויסע פלאַמענדיקע קאַרשן. נאָר אויף יענער זייט באַשטערנטער בלויקייט שפּאַצירט שוין איצט אַרום די פּייערלעכע דערהויבענע פּראָצעסיע פון דער הימעלשער פמליא — פּייערדיקע גאָלדענע געשטאַלטן מיט ברענענדיקע פליגלען.

די טרער איז שוין אַוודאי אַרונטערגעפאַלן... דאָס האָט זי אַ ברי געטון די הענער אונטער די פליגל, און זיי האָבן אָנגעהויבן קרייען — לאַנג, אויסגעצויגן, אומהיימלעך.

שטייען שוין באַלד אויף די קרעמער, די טישלער, די שניידער, די שוסטער און אַלע אַנדערע בעלי-מלאכות פון דער שטאָט טריפּאָדוויל צו דער אַרבעט. עס איז קאַלט; מען פילט זיך אַרויסצוקריכן פון אונטער די וואַרעמע קאָלדרעס, לאָזן הינטער זיך די וואַרעמקייט פון אַ נאָענטן גוף. נאָר עס ברית:

— שוין צייט... שוין צייט צו גיין צו דער אַרבעט.

אָבער אַז מען שטייט שוין אויף און מען צינדט שוין אָן די גאַז, ווערט דער לייב גלייך דורכגענומען מיט אַ געשמאַקער, אויפמונטערנדיקער קילקייט, ווערט מען באַלד אָפּגעפרישט.

וואַשט מען זיך מיט קאַלט וואַסער דאָס פנים, די הענט — און פרייד, און לעבן הויבט אָן קוועלן אין די אָדערן. עס דוכט זיך:

— דאָס קאַלטע ווינטערדיקע וואַסער פון אונטער דער ערד אַרויס הויבט זיך דורך אומגעזעענע רערן סאַמע אין די מענטשלעכע לייבער אַריין... די לייבער ווערן געקרעפּטיקט און שטייף-אָנגעצויגן, ווי ספּרונזשינעס.

אַ וועקזייגער האָט אויך אָנגעהויבן אויפצוטרייסלען די געדיכטלעכע וואַרעם-פינסטערע לופט ביי קאָגענען אין שלאָף-צימער. די ווייב איז טאַקע וואַרעם, נאָר דער אַלטער שטייט אויף פון בעט, אָן טענות און מענות. ער טוט זיך אָן אין דער פינסטער פּאָרזיכטיק,— שוין געוווינט דערצו — כדי נישט אויפצוּוועקן די ווייב און דאָס יינגערע מיידעלע, וואָס שלאָפט אויך דאָ אין חדר.

און באַלד איז ער שוין אינדרויסן. ס'איז נאָך אַלץ נאַכטיק-פינסטער. די גאַז-לאָמפּן ברענען. טונקעלע געשטאַלטן רוקן זיך אַרויס דאָ און דאָרט פון אַ הויז-טיר, פון אַ טויערל. די אייזערנע פּאָרטקעס קלאַפּן זיך אָפּ אָן די מעטאַלענע פּלויטן מיט אַ טרוקענעם פּראָסטיקן קלאַפּ, די מענטשלעכע געשטאַלטן באַוועגן זיך שווייגנדיק, אומזיכער, וואַקלענדיק, ס'קוקט אויס:

דידאָזיקע מענטשן זענען פּלוצלינג אויפגעוועקט געוואָרן אינמיטן דער נאַכט; נישט-אויסגעשלאָפענע, וואַנדערן זיי אַרום איצט איבער די גאַסן נאָך אַלץ פאַרחלומטע, צעמישטע, פאַרווירטע, מאַריאָנעטקעס, געצויגענע אויף אומגעזעענע דראָטן.

מר. קאָגען האָט פאַרקירעוועט אויף יענער זייט עק-גאַס. אָט איז ער שוין ביי דער טיר פון זיין קלייט. אין קלייט ברענט אַ גאַנצע נאַכט אַן עלעקטריע-לעמפּל — אַ סגולה קעגן גנבים. דאָס ליכט שפּרייט אַרום זיך אינם פאַרטאָג אַ דערדריקנדיקע, אומהיימלעכע באַלויכטונג, ווי אַרום דעם בעט פון אַ קראַנקן.

ער שליסט אויף די טירן. ער צינדט אָן אַלע לאָמפּן. ס'איז אינווייניק קאַלט, ווי אינדרויסן. פון מויל און נאָזלעכער אַרויס בלאָזט אַ קילע פאַרע.

דאָס פרישע שמעקעדיקע מאָרגן-געבעקס ליגט שוין ביי די טירן אין גרויסע זעק. ער שלעפּט זיי אַריין אינווייניק אין קלייט אַריין, צוזאַמען מיט די בלוילעך-קאַלטע מילך-קאַנען, וועלכע זענען באַצויגן מיט אַ פראָסט-הויך.

אַ קאָפּ רוקט זיך באַלד אַריין אין דער קלייט-טיר, אַ צווייטער, אַ דריטער... פרי-אויפגעשטאַנענע באַלעבאָסטעס, איינגעוויקלטע אין פאַטשיילעס, מיט קוישלעך אויף די אָרעמס און מילך-קענדלעך אין די הענט, רוקן זיך אַריין, שווייגנדיקע און געגעצנדיקע.

זיי לאָזן זיך אָפּמעסטן מילך, אָפּצײלן „ראָלס"*), אָפּוועגן פּוטער אָדער ראָזעווע-בלייכן, געשטרייפטן „בייקאָן".

— כ׳וויל אַ האַלב פונט בייקאָן, — רופט זיך אָפּ מרס. קעלי.

— גוט, — ענטפערט מר. קאָגען, — אָט קריגט איר שוין.

— און איך וויל אַ פונט קאונטרי-סאָסעדזשעס, — וואַרפט אַריין מרס. האָניקאָם, און פון קעלט בייט זי נאָכאַנאַנד איבער אַ פוס איבער אַ פוס.

מר. קאָגען ענטפערט איר איידל-שטיל:

— גוט. איר וועט עס באַלד קריגן.

— פאַר מיר — צוויי „פּאָרק-טשאָפּס"**)... נאָר נישט קיין פּאַפּיראָס-פּאַפּיר, — בייזערט זיך שוין אין פאָרויס מרס. בעטערהעם.

— גוט, — ענטפערט מר. קאָגען, זייער באַשעפטיקט אַרום-איילנדיק — איר קריגט עס גלייך.

— און איך וויל אַ שאַכטל לאַטקעס-מעל — ברומט אַרויס אַ נעגערטע, מיט אַ פולן מויל צונג און זיך קאַטשנדיקע אויגן-עפּלען — ווי פלוימען אין שיסעלעך סמעטענע.

אָבער מר. קאָגען פאַרלירט זיך נישט. ער איז אַלץ געלאַסן און רויק.

— אַלע, אַלע קריגט איר גלייך, וואָס איר ווילט, — בלויז איין מינוט, איין מינוט.

אַזוי גייען נאָכאַנאַנד קונים אַריין, אַרויס. דער געשעפטס-טאָג האָט זיך אָנגעהויבן. דער פדיון גייט גוט.

און אָט קומען שוין ענדלעך אָן דזשייק און ווילי — מר. קאָגענס צוויי זין. הויכע, שטאַרק-געבויטע. דער עלטערער, דזשייק, האָט גראָבלעכע אָרעמס און אַנטבלויזטע פיס אין קורצע הויזלעך; די פאַרב שפּילט אין זיינע דיקע באַקן; ער שמייכלט תמיד גוטמוטיק אָפן און ווייך. דער יינגערער, ווילי, איז דאַרער, טונקעלער, מער פאַרטיפט אין זיך און קוקט אויס, ווי ער וואָלט תמיד עפּעס פאַר-הוילן פון מענטשן; די ליפּן זיינע זענען דין און צונויפגעשנורעוועט.

יעדער איינער פון זיי איז לכל-הפחות אַנדערטהאַלבן מאָל העכער פאַרן טאַטן. ווייל ביידע זענען געבוירן דאָ אין לאַנד, —

*) זעמל; **) שוויינען-קאָטלעטן.

אויסגעצויגן און פונאַנדערגענומען זייערע גלידער האָבן זיי אין די „דזשימנייזיומס"*) ביי די גימנאַסטישע איבונגען, און אויף די ליידיקע „לאָטס"**), שפּילנדיק בייזבאָל***) און סאָקקער. זיי זענען אָבער געטרייע קינדער — זיי שטייען אויף יעדן אינדערפרי גלייך נאָכן טאָטן, שפּאַנען לעבעדיק דורך דורכן האַלב-טונקעלן דרויסן און פּאַלן ביידע אַריין אין קלייט, — הויכע, גלייכע, שלאַנקע: צוויי יונגע בוימלעך, וואָס האָבן זיך אין אַ ווינטערדיקן גאָרטן אַ ריס אויס געגעבן פונם פאַרשנייטן גרונט, און זיך אַ מאָרגנדיקן שפּאַציר גענומען.

— גוטמאָרגן, טאַטע.

— גוטמאָרגן, דזשייק... גוטמאָרגן, ווילי.

און מער זאָגט דער טאַטע קיין וואָרט נישט. די קינדער ווייסן שוין, וואָס זיי האָבן צו טון — זיי גייען צו צו דער קאַנטאָרקע, בעמען אַרויס די ליסטן, ווו עס זענען פאַרשריבן די „אָרדערס", וועלכע מען דאַרף אַרויסטראָגן יעדן פרימאָרגן צו די באַלעבאָסטעס פון דער נאָכבאַרשאַפט.

יעדער פּאַקט זיך איין זיין פּעקעלע שטיל, קוקט אַלע ווײַלע אַריין אין די אויסגעשפּרייטע ליסטן, לייגט די פּעקעלעך אין די קוישלס. אַז די קוישלס ווערן פול, לאָזן זיי זיך ביידע אַוועק אין פאַרשידענע ריכטונגען דורך די ליכטיק-ווערנדיקע גאַסן.

נאָך אין אַ קליינער ווײַלע אַרום קומען זיי שוין צוריק. און אַזוי חזרן זיי עס איבער עטלעכע מאָל.

דער טאָג שפּראָצט אַלץ זייער שנעל און גבראָטן. אַ בלייכער, אַ קילער, אַ טרוקענער, אָבער מיט אַ צוזאָג אויף זון און וואַרעמקייט שפּעטער.

אַז זיי קערן זיך ביידע אום צוריק אין קלייט אַריין, שוין צום לעצטן מאָל, איז שוין אינדרויסן גוט ליכטיק. די נאַכט האָט זיך שוין אינגאַנצן אַרונטערגעשיילט פון די גאַסן און פון די הייזער. די נאָך רייַ קראָמען ווערן אויפגעשלאָסן. די גאַז-לאַמטערנעס אין די

---

*) גימנאַסטיק-זאַל.

**) ליידיקער פּלאַץ;

***) אַזעלכע באַל-שפּילן.

גאַסן ווערן אויסגעלאָשן. די קינדער פאַרגיכערן זייער טראָט: מען דאַרף נאָך גיין אַהיים, עטוואָס איבערבייסן, און דערנאָך — אין היי-סקול*) אַריין.

איידער זיי גייען אַריין צום לעצטן מאָל אין טיר פון דער קלייט, רופט זיך אָן דער דינלעכער, דראָטיקער ווילי צום ברודער:

— פאַרגעס-זשע נישט... היינט אָוונט פּראַקטיקירט אונזער בעסקעט-באָל-טיעם**) אין דער גרויסער „ארמארי"... זאָג עס אָן יעדן איינעם פון אונזער „טיעם", וועמען דו באַגעגנסט נאָר... פּונקט אום 8 אַ זייגער זאָלן אַלע אָנוועזנט זיין... נעקסטן זונטיק מוזן מיר צעקלאַפּן די פּאַסקודנע אירלענדער!

זיי לאָזן איבער די קאָרזינקעלעך אין קלייט:

— טאַטע, זאָל מען דיר צושיקן אָנבייסן אין קלייט אַריין, אָדער זאָל די מאַמע קומען דיך איבערבייטן?

— ניין, — ענטפערט מר. קאָגען, און זיין האַרץ קוועלט אים אַזוי שטאַרק אינדערשטיל, ווען ער קוקט אָן די צוויי אויסגעוואַקסענע שטאַרקע קינדער, — ניין... די מאַמע איז עפּעס נישט געזונט. זאָל זי בעסער איבערזיצן היינט אינדערהיים. דזשין וועט מיר שוין עפּעס צוברענגען.

און אַז די קינדער גייען אַרויס, רופט ער זיי נאָך:

— קינדער... אַז אירט קומען נאָכמיטאָג פון סקול, פאַרגעסט נישט אַריינגיין צום יידישן קצב און נעמען עטלעכע פונט פלייש... איר קאָנט זיך אויך אין זעלביקן וועג אַריינכאַפּן צו די קיפּניסעס, און קויפן ביי אים אַ פּאָר פונטלעך כשרע וואורשט... נאָר נישט קיין מאָגערע.

ער נעמט זיך איצט, אַז די לייזונג אין קלייט ווערט אין אָט דער שעה אַ ביסל שוואַכער. פונאַנדערצולייגן די פאַרשידענע פליישן אויף די געשטעלן אין דעם גלעזערנעם שוי-קאַסטן.

ביי יעדן פלייש-מוסטער שטעקט ער אַריין אַ פלעקל מיט אַ

*) מיטל-שול; **) אַזאַ באַל-שפּיל.

קאַרטל, אויף וועלכן די פּרייזן זענען אָנגעמאַרקירט: טענדערלײאָן־סטייט — אַזױפּיל. אַ פונט שווײנען־קאָטלעטן — אַזױפּיל. חזיר־פּעטס — אַזױפּיל. שפּעסענע קאָטלעטן, קאַלבס־קאָטלעטן — אַזױפּיל און אַזױפּיל.

דער טאָג ווערט ליכטיקער. מר. קאָגען שטייט שוין איצט אײנ־דרויסן מיט אַ קלײנעם טעפּעלע אין האַנט. אינם טעפּעלע איז צעפּירט אַביסל קאַלך. ער טונקט אײן אין דעם צומישעכץ אַ קלײן פּינזעלע און מאָלט אויס אויפן פענסטער:

ספּעציאַליטעטן פון היינטיקן טאָג:

געזאַלצענער מאקרעל,	בלוי־פיש,
קאונטרי־וורשטלעך.	פרישער חזיר־שמאַלץ.

ער מאָלט, דוכט זיך, פּאַמעליכקע, צופרידן, בנעימותדיק... אָבער אין קאָפּ דרייען זיך אים אַזוי פיל געדאַנקען, גאָר אַנדערע געדאַנקען... טומלדיקע אַזעלכע און באַומרויקנדיקע.

אָט, עס לעבט אַ ייד צווישן גוים... האַנדלט מיט טרפה! מילא, פּרנסה, זאָגט מען דאָך: רחמנא ליבא בעי... אײן גאָט ווייס, ס'אַ כשר הויז עס פירט זיך ביי אים. אַפילו די קינדער — געבוירן דאָ אין לאַנד — היטן אויך פרום אָפּ די דינים פון מילכיקס־און־פליישיקס. דער קלענערער, ווילי, לייגט אַפילו תפילין יעדן אינדערפרי — וואָס דער טאַטע טוט שוין לאַנג נישט. אָבער וואָס איז די פּעולה... אַז צווישן גוים לעבט מען, און אַ יידיש וואָרט פאַרגעסט מען.

— מילא איך, ווי איך, — פאַר מיר איז שוין צו שפּעט צו פאַרגעסן זיך... — טרייסט זיך ווי־עס־איז מר. קאָגען. — אָבער די קינדער?

און ביי אים ווערט טאַקע אין אָט דער מינוט גופא צייטיק און קלאָר אײנער אַ געדאַנק, וואָס פלעגט אין אים שוין פון צייט צו צייט אויפבליען:

— מען דאַרף אומבאַדינגט אריינגעמען אין הויז אַ לערער... עפּעס אַ יידישן יונגערמאַן «פון דערהיים».

אָבער וועמען? אין דער שטאָט טריפּאָדוויל, וואָס אין דער

מיטל-וועסט, — דער שטאָט מיט דער קליינער פאַרוואָרפענער יידישער קהילה, — קומען אָבער זעלטן אָן אַזוינע יונגעלייט. און די היגע-דערצויגענע, די שוין אייגגעפונדעוועטע, יידישע יונגעלייט — זיי זענען עפּעס אַזעלכע פאַרגרעבטע, אַזעלכע פאַרחמורטע... זיי זענען דוכט זיך מר. קאָגענען, מיילן-ווייט, וועלטן-ווייט דערווייטערט פון אַלץ, וואָס עס איז יידיש.

און וואָס מער מר. קאָגען טראַכט דערפון, אַלץ מער צעוואָרעמט זיך עס ביי אים אין קאָפּ, אַלץ הייסער צעגליט עס זיך:

— ווי גוט וואָלט עס געווען צו האָבן תמיד אַ היימישן יידישן יונגערמאַן ביי זיך אין הויז... אַ יונגנמאַן מיט וועמען מען זאָל קאָנען אַ יידיש וואָרט אויסצורעדן אין די אָוונטס, — אין אַ זונטיק, אין אַ יום-טוב צו בכלל אין אַ פרייער רו-שעה... ס׳וואָלט געווען אַ געווינס — אי פאַר די קינדער, אי פאַר זיך...

מער באַשטימטס האָט מר. קאָגען איצט נישט געטראַכט — ער האָט פאַרט נישט געוווסט אויף וועמען אָפּצושטעלן זיך.

נאָר אינם דאָזיקן פרימאָרגן איז ער שוין אַ צייט לאַנג געווען דערנאָך פאַרטיפט אין ווייטע אין וואַרעמע טראַכטונגען, — אין ווייטע טראַכטונגען, וועלכע זענען געווען אַזוי נאָענט.

2

אין עס-צימער איז איצט היינטיקן אָוונט געווען זייער ליכטיק און פייערדיק, ווי מר. קאָגען האָט עס ליב געהאַט:

— אַז עס זענען דאָ אַרומגעקליבן אַסך מענטשן בייט טיש, דאַרף עס זיין ליכטיק און יום טובדיק — עס דאַרפן ברענען אַסך לייכטער...

אויסער דער עלעקטרישער לאָמפּ אין דער הויך ביי דער סטעליע, איז אויפן טיש אויף אַ הויכלעכן בראָנדזענעם געשטעל, געזעסן אַ דיקלעכע קעראָסין-לאָמפּ, — אַן אַלטמאָדישע בליצלאָמפּ — און געשפּרייט אַרום זיך אַ קרייז פון היימישקייט און וואַרעמקייט. און חוץ דעם: האָבן נאָך ליכט אין זילבערנע לייכטער געברענט און געציטערט מיט בלויע פלעמלעך, כאָטש עס איז היינט נישט געווען קיין שבת

און נישט קיין יום טוב. געווען איז היינט סך-הכל אַ זונטיק אָוונט — דער אייגציקער פרייער אָוונט, וואָס מר. קאָגען האָט דורך דער גאַנצער וואָך; האָט מען אים שוין פאַר אַ יום-טוב געמאַכט און געסט פלעגן אין אַזאַ אָוונט קומען.

אין דרויסן האָט זיך שוין דער ווינטער אָנגערוקט. גאָר-נאָענט. טעג ווינטערדיקע און פאַרשנייטע זענען שוין אַוודאי געשטאַנען איצט ערגעץ אַרויף-צו, אין די צפונדיקע שטאַטן, נעענטער צו דער קאַנאַדישער גרענעץ. אַפילע דאָ, אין דער אָהיאָ-שטאָט, פלעגט מען אינדערפרי געפינען שוין זילבערנעם געפרוירענעם טוי אויף די דעכער. דער ווינטער פלעגט זיך אין די פראָסטיקע פאַרטאָגן אַרונטערגנבענען אין דער שלאָפנדיקער וועלט און טוליען זיך צו דער הערבסטיקער נאַכט. אַ סיווער טוי, — אַ התחלה פון די ווינטער-פלאַנצן, וואָס זענען נאָך דערווייל געווען באַהאַלטן אינם זאָמען פונם הערבסט, כדי ערשט שפּעטער אַרויסצוקריכן אויף די פענסטער-שויבן — אַ סיווער טוי איז פון אָט דער באַהעפטונג געבוירן געוואָרן און זיך דורכויס געשפּרייט אויף די דעכער, אויף די גאַניקעס-טרעפּ און אויף די קאַלטע שטיינער פונם ברוק.

איצטער איז געווען שוין שפּעט אין אָוונט. דער גאַז-פייער אויפן קאַמין און דער שכנותדיקער סאַליע האָט העל געפלאַקערט און כלומרשט מעשות דערציילט דער טונקעלהייט פונם חדר, — און געדראַט דערווייל אַרויסכאַפּן זיך יעדע מינוט פונם קאַמין, און אָנהויבן שפּילן אַ פייער-טאַנץ מיט די אַרומיקע שטיקער מעבל, וועלכע זענען אָפּגעאיינזאַמטע געשטאַנען און געשפּיגלט דאָס פייער פונם קאַמין אין דער טונקלהייט פון זייער מאַהאַגאָני-קאָליר.

מען האָט אָקאַרשט אָפּגעגעסן דעם אָוונט-ברויט. דזשין, די בעגערשע דינסט, האָט צום ליכטיקן טיש זיך אַלע ווײַלע צוגערוקט און, אַן אָנגעלאָדענע מיט אומרייניע געפּעס, צוריק אַוועקגערוקט זיך אין דער טונקלהייט פון דער קיך: אַ טונקעלע שטיק נאַכט... סיי די קאָגענס און סיי די גרינשפּאַנס, זייערע געסט, האָבן זיך פון דעם זאַטן מאָלצייט און פון דער וואַרעמקייט אינם עס-צימער געפילט אַזוי אָנגענעם-פויל און שוין געבליבן זיצן ביים טיש. מרס. גרינשפּאַן האָט זיך אָפּגערופן:

— יאָ, שיקט אים טאָקע צו, האָט מרס. גרינשפּאַן פּויל זיך געצויגן מיט אירע פולע איברים. — פאַרוואָס נישט? כ'האָב שוין לאַנג געזאָגט... און אַז אַ מיידל, איז וואָס? אַ מיידל דאַרף אויך וועלן קענען יידיש.

און ווענדענדיק זיך צו סערען, איר טאָכטער, וואָס האָט אין אַ ווינקל טיש געהאַלטן אין שמייסן די גרויע אָפּגעקאָרמעטע קאָפּ מיט אַ שטיק סעלערי, האָט זי ביי איר געפרעגט:

— דו ווילסט דאָך, סערעלע; ניין?

— מאַמעלע, איך וויל שוין פון לאַנג. — און סערעלע האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מען האָט זיך ביים טיש פונאַנדערגעלאַכט פון אירע ווערטער, פאַרוואָס דער אַרומגעקליבענער עולם האָט זיך צעקייכט אויף אַזאַ זאַטן, רויקן און באַלעבאַטישן אופן.

אַז איינער ווױנט אָפּ אַ סך יאָרן אינדערפרעמד, איזן ווי פאַרנומען ער זאָל נישט זיין און ווי גוט עס זאָל אים נישט גיין און ווי רויק און באַוואָרנט ער זאָל נישט זיין, כאַפּט אים פונדעסטוועגן פון מאָל-צו-מאָל אָן אַן אומעטיקייט, אַ פרעמדקייט... און נאָך אַ סך שטאַרקער איז דאָס געפיל פון פרעמדקייט, ווען אויסערלעך קוקט מען גאָר איינגאַנצן אויס, ווי די אַרומיקע שכנים, אָבער אינווייניק אין האַרצן, ווייסט מען, — אַזוי גוט ווי זיי, די שכנים, — אַז מען איז דאָ אַ פרעמדער.

האָט עס פּאַסירט אַמאָל: אין איינעם אַ שטילן אָוונט, אַליין אינדערהיים, ווען די קינדער זענען געווען אינדרויסן און געשפּילט דאָרט פוט-באָל, און זייערע יונגע, פרישע קולות האָבן אַריינגעשאַלט אַהער אין די חדרים אַריין, — קילע און לויטערע אין דער אָנהויב-הערבסטיקער-לופט.

האָט זיך הער קאָגען דעמאָלט נענטער צום גאַז-קאַמין, וואָס אין סאַליע, צוגערוקט, עטלען, דאָס ווייב זיינס, צו זיך צוגערופן און אַזוי צו איר געזאָגט:

— ווייסטו, טייער ווייב מיינס? עפּעס איז קאַלט איצט אין שטוב...

מרס. קאָגען האָט דעמאָלט גענומען און גאַנץ אומשולדיקערהייט באַכמער אַרויפגעדרייט די גאַז-פּלאַם אינם קאַמין. דער אזבעסטאַס-הינטערגרונט אינם קאַמין האָט זיך דעמאָלט נאָך שטאַרקער צעבלויט און צעבלישטשעט און האָט אָנגענומען אַלערליי געשטאַלטן: געשטאַלטן פון קיינמאָל נישט-געזעענע טורעמס און טורעמלעך, פון פּאַלאַצן און פייער-בוימער... מרס. קאָגען האָט דעמאָלט, נאָכדעם ווי זי האָט וואַרע-מער געמאַכט אין שטוב, זיך ווידער צוגעזעצט צו איר מאַן, נאָר ער האָט פאַרטגעזעצט:

— עפּעס איז קאַלט ביי אונז אין שטוב... די קינדער אונזערע... דו זעסט דען נישט, ווי זיי וואַקסן אויף?... געבוירן זענען זיי אין אַ פרעמד לאַנד, און האָבן אַפילו נישט קיין זכרונות פון דער אַלטער היים, מיט וועלכער זיך צו וואַרעמען אין דער פרעמד, ווי מיר טוען עס אַמאָל.

אפשר נישט געגנוי אָט די שפּראַך — אָבער דאָס אומגעפּער איז געווען דער זין פון די רייד, וואָס מר. קאָגען האָט אין אָט יענעם שטילן אָוונט געלאָזט פאַלן אין זיין ווייבס אויערן. גוטע קינדער זענען זיי טאַקע, — דאָס ווייסן זיי דאָך ביידע. אָבער — ווייסט...

— עס גיט מיר אַמאָל אַזאַ קאַלטן שרעק-אָפּ ביים געדאַנק, אַז וואָס אַ טאָג ווערן זיי פון אונז אַלץ מער אָפּגעפרעמדט, כאָטש זיי האָבן אונז ליב... און איינמאָל אין אַ טאָג, ווען מיר וועלן שוין גאָר אַלט ווערן, וועלן מיר זיך אַרומקוקן און מיטאַמאָל דערזען: מיר האָבן אויסגעהאָדעוועט ביי זיך אין הויז פרעמדע...

דאָס ווייב זיינס האָט אים אפשר פאַרשטאַנען, און אפשר נישט פאַרשטאַנען. אַלנפאַלס, זי האָט אים אויף דעם גאָרנישט געענטפערט. וואָס קאָן מען דען ענטפערן אויף אַ זאַך, צו וועלכער מען קאָן נישט העלפן? עטל האָט זיך בלויז נאָך נענטער צוגערוקט צום פייער און אָנגענומען דעם מאַן פאַר דער בלייך-אָדערדיקער האַנט זיינער, וואָס איז איצט נאָך געלער געווען אינם קאַמין-ליכט. ערשט איצט, צום ערשטן מאָל אין לעבן, האָט זי מיט איר אלכסונדיקן בליק, פון דער זייט, דערזען:

— איר מאַן איז טאַקע געוואָרן עלטער, עלטער...

נאָר נישט געקוקט אויף זיין עלטער, האָט ער נאָך אין זיין פּערזענ-

לעכן לעבן און אין זיינע געשעפטלעכע אַמביציעס אַ סך ליכטיקע האָפנונגען געהאַט, מר. קאָגען. וואָס אַ טאָג איז ביי אים דאָס געשעפט אַלץ רייכער געוואָרן, אַלץ אָנגעשטאָפּטער מיט סחורה; ס'האָט שוין אַפילו געהאַלטן ביי דעם, אַז ער זאָל עפענען נאָך אַ קלייט אין אַן אַנדער טייל שטאָט. הכלל – ס'איז אים געגאַנגען גוט אין פרנסה, ס'איז אים געווען וווּיל ווי די וועלט. מער נישט – עס האָט אים נאָכאַנאַנד געטאָטשעט די אומרו אין די זאָרג וועגן דעם, וואָס זיינע קינדער וועלן אים פאַרפרעמדט ווערן – וועלן אים אָפּשטאַרבן לעבעדיקערהייט...

אין אָט יענעם קילן פאַרנאַכט, וואָס האָט דעמאָלט דורך די פאָרהאַנג-פאַרצויגענע פענסטער אַריינגעבליזט, האָבן די דריי צעצווייגטע מייפל-בוימער אונטער די פענסטער מיט זייערע לעצט-איבערגעבליבענע בלעטער אונטערגעציטערט. און עטל האָט זיך צוגעהערט צו איר מאַנס ווערטער, וואָס האָבן וועגן שוין אַ לאַנגאָנענדיקן געדאַנק זיינעם דער־ציילט, – אַ געדאַנק, וואָס עס איז ענדלעך די צייט געקומען אים צו פאַרווירקלעכן.

– ווייסט, עטל... מען וואָלט געדאַרפט קריגן אַ יידישן לערער פאַר די קינדער... נויטיק, ווי דאָס לעבן... אַזוינס, אַ היינטוועלטיקן, פאַר וועלכן די קינדער זאָלן, ווייסטו, דרך ארץ האָבן...

נאָר ווו קריגט מען אַזאַ איינעם? די יידישע באַפעלקערונג דאָ אין שטאָט איז אַ קליינע. קיין איינער פון די יידן, וואָס זענען געבוירן דאָ, וועט שוין קיינמאָל קיין יידישער לערער נישט זיין, – אויב אפילו ער וועט נאָך נאָכאַמאָל על פי נס קאָנען רעדן אַ יידיש וואָרט. אלא וואָס דען – עס קומען אין דער היגער אוניווערסיטעט-שטאָט אַמאָל אַריבער יונגעלייט אַזעלכע – יונגעלייט פון אַ גרעסערע שטאָט אין דער איסט, – יוגגעלייט, וואָס ווילן אויף עפּעס „אויסשטודירן", און דערווייל ווערן זיי יידישע לערער.

און מר. קאָגען האָט ביי זיך אָט יענעם מאָל נאָך פעסטער באַשלאָסן:

– מען דאַרף נאָכאַמאָל, שטאַרקער דערמאַנען דעם יונגן סניטקין, – ער איז דאָך עפּעס אַ גאַנצער קאַכלעפל אינם יידישן קוואַרטאַל, – ער זאָל אים זען צושיקן אַ יידישן לערער – אַזוינס, אַ „ריכטיקן"...

3

ער איז שוין געווען אַ פיר טעג אין שטוב ביי די קאַגענס, אַט יענער אומבאַקאַנטער, וועגן וועמען עס איז אַ לענגערע צייט דאָ ביים טיש אָנגעגאַנגען דער געשפּרעך. און פרוי קאָגען האָט געטראַכט, אַז ער איז עפּעס אַ מאָדנער בחור אַזאַ — ער האַלט זיך עפּעס פון דער ווייט פון אַלעמען, — אַזוי ווייט, אַז ווען ער וואָלט איצטער אין הויז שוין מער צו זיי נישט געקומען, וואָלט זי קוים זיך געקאָנט דערינערן אָן אים, און זיין געזיכט אין איר געדעכטניש אַרויסברענגען. אַזוי ווייניק האָט מען אים געקאָנט זען פאַר די פיר טעג, וואָס ער איז געווען אין הויז.

עס איז דעמאָלט געווען אַ קילבלעכער, אָנהייב־הערבסטיקער פאַרנאַכט, און אין דער קיך האָט געהערשט דער אויפגיך־אָנגעקומענער בין־השמשות. מרס. קאָגען איז דעמאָלט געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן דעם אָוונט־ברויט. אַזוי ווי עס איז געווען פאַר איר גענוג דאָס ליכט פון אויוון־פייער, האָט זי דעריבער דעם לאָמפּ נישט אָנגעצונדן.

פריער ווי געוויינלעך איז דער מאַן יענעם אָוונט געקומען פון קלייט. הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען מיט אומזיכערע טריט אַ טונקל אומבאַקאַנטע פיגור. דידאָזיקע פיגור איז געבליבן שטיין פאַרלוירן שוין אַפילו נאָכדעם, ווי מר. קאָגען האָט זי פאָרגעשטעלט פאַר זיין פרוי מיט אַ שטילן דרך־ארץ, — אַ דרך־ארץ, וואָס אַן עם־הארץ האָט פאַר אַ תלמיד־חכם, ווען ער באַגעגנט אים די ערשטע פאַר מאָל.

— אָט דאָס איז דער יונגערמאַן... ער וועט לערנען מיט אונזערע קינדער, מיט דזשייקן און מיט ווילִיקן וועט ער לערנען.

דער יונגערמאַן האָט זיך מיט אַ שטילן שמייכל אַ בויג געטון פאַר איר. זיין פּנים, אויף וועלכן עס זענען געפאַלן רויטלעכע אָפּגלאַנצן פונם אויוון־פייער, איז געווען בלייך,— אויסגעזען האָט ער איצט אינגאַנצן ווי אַ שווער־קראַנקער, וואָס איז אָקאָרשט פון בעט אויפגעשטאַנען. אַלנפאַלס, ווי איינער וואָס האָט שוין וואָכן, וואָכן נאָכאַנאַנד נישט געגעסן צו־זאַט. ער האָט פונדעסטוועגן נישט אָנגענומען די איינלאַדונג

צו עסן איצט צוזאַמען מיט זיי וועטשערע, שעמעוודיק האָט ער בלויז געפרעגט, אויב עס וואָלט נישט מעגלעך געווען מען זאָל אים שוין אָנווייזן זיין חדר?

דערנאָכדעם האָבן זיך אין טונקעלן קאָרידאָר געהערט זיינע שווערע טריט איבער די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום צווייטן עטאַזש, ווו די שלאָף־חדרים האָבן זיך געפונען. אַן אומהיימלעכקייט איז מרס. קאָגען באַפאַלן, ווי ווען אַ מת, וואָס איז פון קבר אויפגעשטאַנען און שפּאַצירט אַרום ביינאַכט אַליין מיט אַ רו־שמייכל אַרום די נאַקעטע אָפּגעדעקטע ציין, — איז איצט אין הויז צו זיי אַריינגעקומען...

— איז עס מסתמא איר אייגענע שולד, — האָט זי געטראַכט,— זי איז דאָך אַזאַ נערוועזע און עמפּינדלעכע...

און אפשר איז אין דעם שולדיק געווען טאַקע אויך דאָס, וואָס דער יונגערמאַן איז געווען אַזאַ מאָדנע־שטילער און האָט אַזוי שטיל געשמייכלט, און אין שטוב איז בשעת־מעשה געווען בין־השמשות־דיק טונקל.

שפּעטער, ביים טיש, ווען די גאַז־לאָמפּ האָט שוין אַרום זיך געשפּרייט דעם געלבלעך־גרינלעכן שיין פון אַלע אָוונטן, האָט מר. קאָגען דערציילט, ווער דער יונגערמאַן איז. כאָטש געוווסט האָט ער וועגן אים אַזוי פיל, וויפל דער יונגער סניטקין, — וועלכער פלעגט קאָגענס באַקאַנטע־קלייט באַזאָרגן מיט סיגאַרן און טאַבאַק־סחורות, — האָט אים דערציילט וועגן אים.

און דערציילט האָט אים דער יונגער סניטקין אָט וואָס:

איינמאָל אין אַ זונטיק־אָוונט האָט מען אים. — שוויַען, הייסט עס — צום ערשטן מאָל אין דעם קעלער־שטאָק פון דער קאָנגרעגיישאַן „זבח־צדק" דערזען. עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען דער צוויי־וואָכנטלעכער מיטינג פונם הערצל־קלוב, — „אַ פאַריין פאַר יידישער קולטור און יידישע אידעאַלן", ווי עס איז געשטאַנען מיט גאָלדענע אותיות אינם טשאַרטער פונם פאַריין, וועלכער איז תמיד געהאָנגען אין אַ גאָלדענער ראַם אויף אַן אָנגעזעצנעם אָרט אין מזרח־וואַנט, נישט ווייט פונם ארון־קודש, דער גערויש פון פריילעכע בחורים און מיידלעך פלעגט אין אַזעלכע זונטיק־אָוונטן אַרויסשטויסן דעם אומעטיקן גערויש

פון די אינדערוואָכנדיקע מעריבס — דעם איינציקן גערויש, וואָס מען פֿלעגט דאָ הערן גאַנצע זעקס וואָכן אין דער וואָך: זונטיק אָוונט איז דאָ געווען דער ראַנדעוווּ־פּלאַץ פֿון דער יידישער יונגוואַרג פֿון דער שטאָט טריפּאָדוויל.

צווישן די בענק און אַרום דעם אָרון־קודש, מיט סאַמעט־בלויע פּרוכתן באַצויגענעם, האָט נאָכאַנאַנד געהוזשעט איצט אַ פריילעכער טומל, — אַן אָפענער, אַזוי צו זאָגן, אַ געזעצלעכער טומל, איידער דער מיטינג האָט זיך אָנגעפאַנגען און אַ רייצנדיק־פאַרשטיקטער, אַ שטילער און דערפאַר נאָך אַן אָנגענעמענער — בשעתן מיטינג גופא. איז אָט: פון אָט דעם געדיכטן טומל אַרויס האָט זיך פלוצלינג אַרויסגעריסן דער יונגער סניטקין, דער פרעזידענט פון דער קולטור־געזעלשאַפט, איז צום פרעמדן צוגעגאַנגען און ביי אים געפרעגט: „פונוואַנען, הייסט עס, קומט מען?".

ווייל סניטקין, באַקוקנדיק מיט זיין געניטן אויג די פאַרזאַמלטע האָט באַלד דערזען, אַז דאָס איז אַ פרעמד פנים, — פרעמדע פנימער באַווייזן זיך דאָ ביי זייערע זיצונגען זייער זעלטן...

דער פרעמדער יונגערמאַן, — אַזוי האָט עס סניטקין מר. קאַגענען אַליין דערציילט — האָט אַ ציטער געטון, ווען סניטקין איז צו אים צוגעגאַנגען, פונקט ווי ער וואָלט אַ געפערלעכער פאַרברעכער געווען, וועמען די פאָליציי האָלט אין זוכן. ער האָט אָבער פונדעסט־וועגן געענטפערט אויף דער פראַגע סניטקינס און אָנגערופן זיין נאָמען.

— שוויי?

מיט פאַרוואונדערונג און מיט שפּראַצנדיקן, דערווייל נאָך אומ־זיכערן דרך־ארץ געפיל, האָט אים דעמאָלט סניטקין אָנגעקוקט. — אפשר נישט אַמאָל יענער פאָעט שוויי, וועמענס ווערק מיר האָבן מיט אַזויפיל תענוג געלייענט שוין מער ווי איינמאָל אויף די זייטן פון אונזערע באַקאַנטע יידישע זשורנאַלן? אַ, ערלויבט מיר, כ׳בעט אייך — איך וועל אייך פאָרשטעלן פאַרן עולם...

אַ דערשראָקענער און אַ בלייכגעוואָרענער האָט אים דעמאָלט דער פרעמדער יונגערמאַן פאַר דער האַנט אָנגעכאַפּט, און זיך ביי אים כמעט רחמים אָנגעהויבן בעטן:

— איילט זיך נישט אַזוי, מיין פריינט, איך בעט אייך... איר

מאַכט דאָ, עס שיינט אַ טעות... אַ פאַרדריסלעכן טעות... איך בין נ י ש ט יענער שוויי! פון ניו-יאָרק, מיינט איר דאָך? יאָ, איך ווייס, איך האָב געהערט... אַ יונגער פּאָעט... אָבער איך בין נ י ש ט יענער שוויי. דאָס הייסט — איך קען אים אפילו, זיך געטראָפן אַמאָל... אָבער בלויז פונדערווייטנס.

און ער האָט אַ דערשראָקענער אַלץ געקוקט אויף סניטקינען.

עס האָט גענומען אַ שטיק צייט ביזוואַנען דער יונגערמאַן האָט זיך ענדלעך באַרויקט, — ווען ער איז שוין געווען זיכער, אַז מען וועט אים לאָזן צו רו. און דערנאָך איז שוין די גאַנצע צייט אַ שטילער שמייכל געווען צו זען אַרום זיינע דינע ליפּן, בשעת דעם קורצן געשפּרעך, וואָס סניטקין האָט מיט אים גלייך אויפן אָרט פאַרפירט. גערעדט האָט אייגנטלעך סניטקין די גאַנצע צייט; שוויי האָט בלויז אים אויף זיינע פראַגן געענטפערט — קורץ, אָפּגעהאַקט, שווערלעך.

נאָר אין משך פונם דאָזיקן קורצן געשפּרעך, וואָס סניטקין האָט געהאַט מיטן פרעמדן, האָט ער פאַרשטאַנען: אַזאַ יונגערמאַן, ווי שוויי, מוז אַוודאי קענען העברעאיש... אַז ער האָט ביי אים געפרעגט, פון וואָס ער לעבט דאָ אין שטאָט, און יענער האָט אים געענטפערט, אַז ער אַרבעט אויף די פעלדער ביי דער היגער אוניווערזיטעט, — האָט אים סניטקין גלייך געפרעגט, אויב ער וואָלט נישט געוואָלט אָננעמען די שטעלע פון אַ לערער אין דער היגער תלמוד-תורה.

— ניין-ניין, — האָט זיך יענער ווידער אַ צאַפּל געטון און אַ מאַך געטון אויף סניטקינען מיט ביידע הענט, — מען דאַרף נישט... אדרבא, איך בין ביז גאָר צופרידן מיט מיין איצטיקער אַרבעט... אינגאַנצן צופרידן, אינגאַנצן... איך דאַרף נישט קיין שום לערער-שטעלעס...

נאָר סניטקין האָט אים נישט געגלויבט. — אָ, דאָס איז זיכער אַן אָנשטעל אַזאַ... — האָט ער זיך געטראַכט. ער לאָזט זיך בעטן... וויל, מסתמא, באַווייזן, אַז ער יאָגט זיך נישט נאָך דעם... נישקשה, מיר פאַרשטייען זיך אויך אויף דידאָזיקע זאַכן...

ער האָט ביי זיך סיי-ווי אויפן אָרט באַשלאָסן, אַז ער וועט

אים רעקאָמענדירן ווי אַ לערער צו קאָנענען, וועלכער האָט אים שוין נישט איינמאָל וועגן דעם געבעטן.

4

שוויי האָט טאַקע צום ערשטן בשום אופן נישט געוואָלט אָננעמען דידאָזיקע לערער-שטעלע ביי קאָגענען, וועלכע סניטקין האָט אים אַלץ געהאַלטן אין איין צורעדן, אַז ער זאָל זי אָננעמען. ניין, נישט צוליב דעם איז ער אַהער געקומען, נישט צוליב דעם... און בכלל: ער האָט שוין געהאַט געגנוג דערפון אין ניו-יאָרק, — ווי, וועט ער זיך גאָר פון זיין מזל קיינמאָל נישט קאָנען אויסדרייען?...

אים האָט געוואונדערט דאָס, וואָס סניטקין איז געווען אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז ער, שוויי, זאָל דווקא אָננעמען דידאָזיקע לערער שטעלע: אים האָט עס געוואונדערט נישט ווייניקער, ווי ס'האָט געוווּנדערט סניטקינען, וואָס שוויי האָט זיך עס אַזוי איינגעשפּאַרט, — וואָס ער וויל בעסער אַרבעטן פאַר 17 סענט אַ שעה, גראָבנדיק די ערד און וואַשנדיק און סקראָבנדיק די גרינסן אויף די אוניווערזיטעט-גערטנער, איידער אָננעמען אַ לערער-שטעלע אין אַ פּריוואַטער הויז, ווו ער וועט דאַרפן אָוועקגעבן פון זיין זייט בלויז עטלעכע שעה אַ וואָך פאַר די קינדער, און וועט דערפאַר קריגן פריי אַ צימער און עסן.

איז, אַז שוויי האָט דערהערט, אַז ס'איז אַ פּריוואַטע הויז וועגן וועלכן עס האַנדלט זיך, און נישט קיין תּלמוד-תּורה,— איז ער, קענטיק, געוואָרן אַביסל ווייכער. און נאָך ווייכער איז ער געוואָרן, ווען סניטקין האָט אים דערציילט, אַז די קאָגענס וווינען אין אַן אייגן הויז אין אַ גרישן קוואַרטאַל, אינגאַנצן אָפּגעזונדערט און ווייט פונם טומל פון דער היגער יידישער געטאָ.

—נו, ער וועט זען...—האָט ער ענדלעך געענטפערט סניטקינען.— ער וועט זיך איבערלייגן.

און פונדעסטוועגן... אַפילו איצט, ווען ער איז שוין געווען איייניקע טעג ביי די קאָגענס אין הויז, האָט ער זיך אַלץ אָפט בעוווּנדערט, ווי קומט עס, וואָס ער האָט סוף-כל-סוף טאַקע אָנגענומען

אָט דידאָזיקע לערער-שטעלע... דערמאָנט האָט ער זיך דעמאָלט אָן איינעם אַ לעצטן אָוונט, אין זיין אַלטער וווינונג — ביי מרס. קעלארני אין הויז, אינם הויז לעבן דעם קאמפּוס; אַן אָוונט, וועלכער האָט אויף אים געמאַכט זייער אַ שווערן איינדרוק און אים שטאַרק דערדריקט. ער, פון קליינינקייטן, ממש פון גאָרנישטן פלעגט ער קאָנען אויפגערעגט ווערן, אָט דער שוויי... און אויך אָט אין יענעם אָוונט, — דעם אָוונט, — וועלכער האָט אים, אייגנטלעך, ענדלעך באַוויגן זיך אַרויסצוקלויבן פון זיין אַלטער וווינונג אַרום דעם קאמפּוס און זיך אַריבערקלויבן צו די קאָגענס, — אויך אָט יענעם אָוונט האָט ער זיך אַזוי טיף אויפגערעגט, און אַזוי אומרויק צעאַקערט זיין גאַנצן געמיט, אַז ער האָט ווידער, אַפּנים, זיך געמוזט נעמען פאַר זיין טאָג-בוך, און אַריינשרייבן אין אים נייע עטלעכע בלעטלעך, אויף אַזאַ מין אופן.

„...מען קלאַפּט אין טיר.

— „קאם אין...*)

„...נאָר מען קומט נישט אַריין. בלויז אַ באַשיידענער און שטאַרק-איידעלער פאַרלעגנהייטס-געלעכטערל כוואַליעט זיך אַריין פון יענער זייט טיר.

„— הער שוויי...

„אָ, דאָס איז דאָך מיין הויז-ווירטין, מרס קעלארני... דער טייוול אַליין האָט זי צוגעשיקט צו מיר אין אַזאַ שפּעטער אָוונט-שעה... או-או... פאַרדאמט...

„איך עפן אויף די טיר. אויף מיין פּנים שיינט איצט אַוודאי אַן אָנגענעמע און לייטזעליקע איבעראַשונג: אָ, פרוי קעלארני! ביטע... מיט וואָס קאָן איך דינען?

„אין קאָרידאָר איז טונקל. פון די אַרומיקע טירן זעט זיך איצט נישט קיין שום ליכט. קענטיק, די איינוווינער שלאָפן שוין; מידע, אָנגעהאָרעוועטע און מיט וויסנשאַפט נאָכאַנאַנד זיך שטאָפּנדיקע סטודענטן... אין קאָרידאָר איז איצט שטיל-זומזנדיק. טונקל? — ניין, דאָרטן אין ווינקל שיינט דאָך יאָ עפּעס אַ שוואַך ליכט, — דאָס בילד פון דער הייליקער מוטער... אָבער, דאָס איז דאָך בלויז אַ

*) אַ ריין.

שפּאַס, דער אמת איז: דאָרט שטודירט איצט דער אונערמידלעכער פלייסיקער טורין...

„דאָס געלבלעכע גאַז-ליכט פון מיין געעפנטן צימער זיילט זיך איצט אויך אויפן טונקל-ברוינעם טעפּיך, באַלויכט אַ טייל פון מרס. קעלארניס קלייד. אָבער וועמען גייט דאָס אָן איר קלייד, איך בעט אייך? אַט די קיילעכדיקע, חלבדיקע צוויי-הונדערט-און-דרייסיק-פונטיקע פלייש-יאַטקע מיט איר צושמאַלצענעם, דינינקן כיכיקענדיקן שמייכעלע; כי-כי-כי... און כי-כי-כי...

— „כי-כי-כי... אַנטשולדיקט... כ'האָב אייך אפשר געשטערט? אָ, עס טוט מיר אַזוי באַנג... ניין?

— „א, ניין, אין קעגנטייל, פּרוי... פּרוי...

„כ'מאַך אַזאַ זיס-גוטן פּנים, אַז איך פּיל: עס ווערט מיר צליין אַזש נישט גוט דערפון.

„זי האַלט איצט אין האַנט עפּעס אַ בלאַט-צייטונג. זי דרייט עס גאָכאַנאַנד צווישן אירע קורצע קלעצלדיקע פינגער, שטאַמלט... זי איז איצט אין אַזאַ מין פּאַרלעגנהייט, — אַ שטייגער, ווי אַ קליין שול-קינד, איידער עס גייט עפּעס דעקלאַמירן. איך העלף איר אַרויס:

„— עס גיט עפּעס נייעס? עפּעס פון דער מלחמה?

„עס באַשלאָגן מיך שווערע אַנגסטן. רבונו-של-עולם! נו, רעד שיין... לשון! אָ, אַ דאַנק דעם אויבערשטן, זי רעדט שוין ענדלעך!

„— יע-ע-ע... עפּעס, וואָס וועט אייך זיכער פרייען... כי-כי-כי... אַט אָ, איר זעט דאָסדאָזיקע בילד? לעזט איבער די אונטערשריפט; קוירנעל סידני וואָלקאַט... איר ווייסט, ווער דערדאָזיקער וואָלקאַט איז? ניין? נו, זיכער נישט... דאָס איז דאָך דאָקטאָר סידני וואָלקאַט, אונזער הויז-דאָקטאָר! אַוועקגעגאַנגען נאָך אייראָפּע מיטן מלחמה-אויסברוך... פרייוויליק אַוועקגעגאַנגען... געאַרבעט די גאַנצע צייט אינם רוסישן רויטן קרייץ, זיך שטאַרק אויסגעצייכנט. נו, און איצט זעט: געקריגן אַזאַ הויכן אַמט... אַ קוירנעל! — אין אייער אַרמיי!... כי-כי-כי... איז עס נישט אינטערעסאַנט — אונזער אַ הויז-דאָקטער, פון אונזער שטאָט, אין אייער אַרמיי?.. כ'האָב געוווסט: עס וועט זיין פאַר אייך אַן אַנגענעמע איבעראַשונג...

„איך שטיי אַליין אויפן שוועל פון מיין צימער און שווייג.

עס רייסן איצט אינגאַנצן מיינע אינגעווײדן אין מיר — נאָר אויף מיין פּנים איז נאָך אַלץ פֿאַרגליווערט דער פֿריערדיקער שמייכל, וואָס איך האָב פֿאַרגעסן אַרונטערצונעמען.

„— פונוואַנען-זשע ווייסט איר, ליבע פֿרוי, אַז איך בין א... רוס? (וועט זי גלייך, די מינוט, נישט אויפהערן כי-כיקען, — פֿיל איך, אַז איך פֿאַל חלשות... יעזוס, דערבאַרעם זיך אויף מיר).

„— כי-כי-כי... כ'ווייס אַליין נישט... כ'האָב עפּעס גלייך פֿון אָנפֿאַנג אָן אין אייך דערפֿילט... כ'האָב עס נאָך מיין טאָכטער געזאָגט... און היינט אינדערפֿרי, ווען איך האָב צוגעראַמט ביי אייך אין צימער, האָב איך ביי אייך אויפֿן טיש דערזען אַ זשורנאַל עפּעס אין אַ מאָדנער שריפֿט אַזאַ: כ'האָב גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז עס מוז זיין רוסיש... כ-כי-כי...

— „יע, דאָס איז טאַקע אמת...

— „כ'האָב מיך דעריבער אַזוי שפּעט נישט געלייגט שלאָפֿן, אַלץ געוואַרט ביזוואַנען אירט קומען אַהיים, געוואָלט אייך אַנגענעם איבעראַשן... פֿאָרט — ס'איז טשעקאָווע! אונזערס אַ הויז-דאָקטאָר — אַ קוירנעל אין אייער אַרמיי!.. כי-כי-כי... ווילדע מענטשן די רוסן, כ'לעבן... כ'לעז וועגן זיי איצטער אַ בוך...

„צום טייוול, וואָס איז דאָס? עפּעס ווי דער לשון איז מיר אינגאַנצן אָפּגענומען געוואָרן! אַ מענטש ליובט דיך, דיין פֿאָלק — ענטפֿער, דאַנק, זאָג עפּעס!... הע, געהערט אַביסל אַזאַ קליינשטעטל-דיקייט!...

„איך שווייג אָבער אַלץ, און מיין שווייגן ברענגט מיין ליבע הויז-ווירטן ענדלעך אַריין אין אַ פֿאַרלעגנהייט. זי ווייס נישט ווי צו ענדיקן דעמדאָזיקן געשפּרעך. זי וויל אַוועקגיין שוין — און ווייס נישט, אַפּנים, ווי זי האַלט אין איין דרייען צווישן אירע קורצע קלעצלדיקע פֿינגער דאָס בלאַט-צייטונג, וועלכעס איך האָב ביי איר אַלץ נישט גענומען. און אַז איך שווייג אַלץ, חזרט זי סתם אין דער וועלט אַריין:

„— יאָ, ווילדע מענטשן, דידאָזיקע רוסן... זייער ווילדע מענטשן,

„נאָר דאָ ווער איך מיטאַמאָל אויפֿגעלעבט, ווער פֿלוצלינג אינגאַנצן באַגייסטערט:

„— ווילע מענטשן? איך זאָל עס מיר דענקען אַזוי... אָהאָ, די רוסן! איר שפּילט זיך מיט זיי — זיי זענען שוין איינמאָל ווילדע מענטשן! יאָ, יאָ, טייערע מרס. קעלארני... אַזוי איז עס.

„זי קוקט אויף מיר איצט מיט אַזויפיל דאַנקבאַרקייט: אַרויס־געפירט זי פון דער פאַרלעגנהייט... אויף איר גלאַנציקן פעט־שמאַלציקן פּנים צעשווימט זיך אַ גליקלעכער שמייכל.

„— אַבי מען זאָגט... ביי אונז אין אַמעריקע איז מען שוין צו־אָפּט געוווינט אָנפאַלן אויף רוסלאַנד... אויף די רוסן... נאָך פון פּרעזידענט רוזוועלטס צייטן... כ׳זאָג: מען ברויך פונאַנדערטיילן די באַגריפן: פאָלק און לאַנד... ווי? כ׳האָב טאַקע געמיינט זאָגן: פאָלק און רעגירונג... האַ? איר שטימט אויך איין? און אַפילו די רעגירונג איז אויך נישט אַזוי... וואָס זאָגט איר? נאָר אַלנפאַלס, — מיטן פאָלק האָט עס דאָך אַלנפאַלס נישט וואָס צו טון, איך בעט אייך... דאָנט יו טהינק סאָ?[1]

„דאָנט יו טהינק סאָ? אָ, ליבענסווירדיקע, וווּנדערלעכע, טייערע פרוי קעלארני... וואָלט זי נאָר געווען אַביסל יונגער און כאָטש אויף אַ העלפט מאָגערער... און... און... און וואָלט איך זיך נאָר נישט געדאַגהט איבערן אומאַנגענעמען נאָכגעשמאַק אויף מיינע ליפּן — וואָלט איך זי דאָך איינפאַך אויסגעקושט אַלע איברים אויס ליבע... אויס דאַנקבאַרקייט, אַלנפאַלס. מיין פּנים דריקט איצט געוויס אויס בלויזע גוטסקייט; עס שמייכלט, מסתמא, אַזוי גוטמוטיק, ווי אַ פולע לבנה אינמיטן חודש:

„— אָך, געוויס... וואָס זאָל טאַקע איינס מיט דאָס אַנדערע האָבן צו טון? פאָלק איז פאָלק און רעגירונג — רעגירונג! ווי איינ־פאַך, ווי עלעמענטאַר און ווי גוט געזאָגט... און איבעריקס — אַ שטייגער, איר זאָגט: רעגירונג... וואָס איז דען? די רוסישע רעגירינג אַליין איז אויך דאָך נישט אַנטקעגן אַלעמען, — דאָך אַנטקעגן אַ געוויסן טייל בלויז!... אַנטקעגן אַ קליינעם שוואַכן טייל פון דעם רוסישן פאָלק... נו, יאָ... און ווייסט איר, טייערע מרס. קעלארני — עס איז דאָך דווקא אָט אָ דער טייל, וואָס הויבט עס תמיד אויף דעם גאַנצן טומל און רעש, מאָלט די רעגירונג אין אַזעלכע אָפּשיילעד־

1) האלט איר נישט אַזוי?

גרויזאַמע פאַרבן... אָבער איז עס ריכטיק? אַט דאָס איז אַ וויכטיקע פראַגע... זייער אַ וויכטיקע! און אויב אַפילו יאָ — איז עס דאָך אויך ווידער אַמאָל — מען טאָר עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן! — בלויז קעגן איין טייל, — אַ געוויסן טייל, אַ שוואַכן טייל פון דער רוסלענדישער באַפעלקערונג, אַנטקעגן די יידן... דאַנט יו טהינק סאָ?...

„יאָ, זי אַליין האָט שוין אויך לאַנג אַזוי געקלערט... זי האָט אַליין אַרויסגעזאָגט די זעלבע מיינונג איינִיקע מאָל פאַר איר טאָכטער... אינדעראמתן... צוליב וואָס אַט דער גאַנצער טומל? און מיר ברעכן נאָך אונזערע גוטע עקאָנאָמישע פאַרהעלטעניסן מיט אַ פריינטלעכער רעגירונג...

„נו, איז דאָך גוט, נו... זענען מיר, הייסט עס, ביידע פולקאָם איינפאַרשטאַנדן, — און די טייערע מרס. קעלארני. איז דאָך וועגן דעם מער נישטאָ וואָס צו רעדן... יעס, זייט אַזוי גוט, ווו האָט איר די צייטונג? אַ שיינעם דאַנק... איך וועל עס אַליין איבערלייענען, ביי מיר אין צימער, — יעס?...

„און אַז די גוטע פרוי שטייט נאָך אַלץ אויף דער טרעפּ-פלאַטפאָרמע און ווייס נישט, ווי צו ברענגען דאָס געשפּרעך צו אַן ענדע, מוז איך איר דאָך קומען צו הילף:

„— א, איך זע, אַז איר איילט זיך שוין, מרס. קעלארני... נו, איר ווילט שוין מסתמא שלאָפן?.. גוטע נאַכט, גוטע נאַכט... איך וועל אויך אייך קיין פאַריבל נישט האָבן... נאָכאַמאָל; אַ שיינעם דאַנק — — —

„און איך בין ווידער ביי זיך אין צימער, פאַרמאַך הינטער זיך פעסט די טיר, פאַרשליס זי פעסט פון אינעווייניק, — איינמאָל אַ דריי מיטן שליסל, אַ צווייטן און אַ דריטן... אַזוי איז עס אַ סך זיכערער, באַוואָרנטער קעגן צודרינגלעכע פריינט.

„איך זינק אַנידער אויף אַ שטול. אוה-ה-פּ-פּ... בין מיד אַזוי. אין צימער איז שטיל. די גאַז-פלאַם צישעט און ציטערט אומאויפ-הערלעך. נו, שאַ, שאַ, — רעג זיך נישט אויף אַזוי... דריי נאָר אַ ביסל אַרונטער די גאַז-פלאַם. אַט אַזוי-אָ, אַזוי איז בעסער. טונ-קעלער, רויקער. רויקער — — —

„אופּ-פּ-פּ... גאָט מיינער, ווי מיד איך בין! ווי מיד, ווי מיד.—

איך פֿאַרמאַך די אויגן. שאַ, לאָזט מיך זיך כאָטש אַביסל אָפּרוען, גוטינקע מענטשן, כ׳בעט אייך... אָט אַזוי".

און איצט איז געווען אַ שטילער זונטיק־אָוונט. עס האָבן נאָך אַלץ די לאָמפּן ביי מר. קאָגענען אין הויז מיט יום־טובדיקער ליכטיקייט געברענט, און היימישקייט אַרום זיך געשפּרייט. ס׳איז געווען, ווי צוזאַמען מיטן אָנקומען פֿונם שטיל־שמייכלענדיקן לערער, האָבן זיי אינעם הויז פֿון די קאָגענס אַ צוים פֿון וואַרעמקייט אויסגעבויט קעגן דעם זיך־וואָס־אַמאָל־אַלץ־מער־דערנענטערנדיקן ווינטער.

הער קאָגען איז נאָך געזעסן ביים טיש, די פֿינגער אייגעפֿלאָכטן אין דער טונקעלער ווייכקייט פֿון סערעלעס, זיין מוזינקעס, האָר. ער האָט צופֿרידן, מעשה איינגעפֿונדעוועטער באַלעבאָס, די גאַנצע צייט שווייגנדיק געוווסט, דער פֿאָדערשטער טייל קעלער, וואָס ביי די קליינע פֿענסטער צום פֿראָנט־גאַס, איז שוין לאַנג אינגאַנצן אָנגעשטאָפּט מיטן גלאַנציק־האַרטן אַנטראַציט־קויל; און אין דעם הינטערשטן טייל קעלער, — אויף די קליינע, מיט ווייסן שימל באַדעקטע פּאָליצקעס, — בלישטשען איצט אָן אַ צאָל סלויען און סלויטשיקעס אייגעמאַכטס און פֿאַרשידענע נאַסטאָיקעס. און אויבן, אין שטוב... אויבן אין שטוב, אין דעם עטאַזש פֿון די שלאָף־חדרים, וווינט דאָרט זיינער אַן אייגענער יידישער לערער.

היינט, זונטיק אינדערפֿרי, האָט זיך מר. קאָגען די גאַנצע צייט אַרומגעדרייט אין פֿאָדערצימער פֿאַר דער פֿאַרמאַכטער טירל פֿון דער סאַליע, וווּ דער לערער האָט מיט די קינדער געלערנט, — זיין האַרץ האָט אַזש געשפּרונגען פֿון שמחה, הערנדיק, ווי זיינע קינדער לייענען יידיש מיט אַזאַ טומלדיקן, כאָטש עס־וואָס קאַלטן און פֿרעמדלעכן קול. ער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט אַריינגיין אין סאַליע און איבערשלאָגן זיי. ער האָט זיך אָבער די גאַנצע צייט די הענט פֿון טיפֿן נחת געריבן, ביז ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן — ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער קיך און פֿון העלער הויט אָנגעהויבן אַריינצוקלאַפּן טשוואָק נאָך טשוואָק אין עפּעס אַן אומנויטיקן פּלאַץ. צום סוף האָט

ער נישט אויסגעהאלטן, צוגעגאַנגען צו דעם ווייב זיינעם און איר שטיל, ליב געקלאַפּט איבער דער פּלייצע:

— הערסט, עטל, דו הערסט?

זי האָט געהערט, זיין פרוי; אַוודאי האָט זי געהערט. שוין אַ גאַנצע שעה, אַז זי איז דאָ אין קיך געשטאַנען אַזוי און געהערט. און עפּעס האָט זיך איר די גאַנצע צייט געדוכט, אַז איצט איז נישט איצט— ס'איז איצט גאָר מיט יאָרן און יאָרן צוריק... אין דער אַלטער היים. זי שטייט אַזוי דעמאָלט אין דרויסן און שייערט געפּעס און כשרט כלים צוליב אַן אָנקומענדיקן יום-טוב; זי וואַשט שטוב-זאַכן מיטן קילן וואַסער פון דער נאָענטער קרעניצע, און אין דער וועלט אַרום לויכט דעמאָלט אַ נייע ווענסנע-זון...

פערטער קאַפּיטל

1

אין איינער פון די ערשטע וואָכן נאָך יום-טובים, ווען די לומדים אין דער אוניווערסיטעט האָבן זיך שוין איינגעשטעלט, און דער לער-יאָר — דער לעצטער פֿאַר ליבערן, אין זיין קורס פון וועטערינארער מעדיצין — האָט שוין אָנגעהויבן זיך שלעפּן זיין געוויינלעכן, פֿאַמעלעכן, אָן-פֿאַסירונגדיקן גאַנג, האָט ליבער באַשלאָסן:

— איצט איז שוין די העכסטע צייט אָנצוהויבן צו מאַכן זיין יערלעכן וויזיטן-ציקל איבער די הייזער פון די אָנגעזעענע שטאָט-באַלעבאַטים... אָט די, וואָס האָבן אַ וויכטיקע דעה אין דער פֿאַר-וואַלטונג פון דער קאָנגרעגיישאָן און, דער עיקר, פון דער תּלמוד-תּורה.

— מען דאַרף אָנטאַפּן אין וואָגן, — האָט ער אין אַ מינוט אַרום אַ קרים געטון די דינע שנאַהדיקע ליפּעלעך זיינע. — מען דאַרף אומבאַדינגט אַ טאַפּ טון אין וואָגן.

ער איז נאָך דעמזעלביקן טאָג אַרונטערגעפֿאָרן דאַון-טאַון, אינם יידישן קוואַרטאַל.

עס איז שוין געווען אַרום מיטאָג-צייט, ווען ליבער איז אַריין צו סניטקינען, — זיין ערשטן באַזוך, די מאַנסבילן זענען נישט געווען אין הויז. זיי זענען אַוודאי איצט געווען ביי דער אַרבעט אויפֿן הויף, אינם הילצערנעם, איין-עטאַזשיקן בנין, דער ציגאַר-פֿאַבריק, וואָס האָט פֿון דרויסן אויסגעזען, ווי אַ דאָרפֿישער שייער.

פֿון הויף האָט זיך דערטראָגן אַהער אין שטוב אַריין דער שאַרפֿער ריח פֿון טאַבאַק-שטויב, וועלכער האָט ליבערן נאָכאַנאַנד גע-מאַכט צו ניסן. ס'האָט זיך דאָ — אין דער שטילער, פּוסטער, ביי-טאָגיקער לאַנגווייליקייט פֿון הויז — געהערט דער קריצנדיקער „האַ-אַ-אַ" פֿון די גרויסע אויטאָמאַטישע שערן, וואָס האָבן אין דער פֿאַבריק צעשניטן אויף דינע לאָקשן די ברוין-געפֿלעקטע טאַבאַק-בלעטער.

עס איז געווען ליכטיק אין דרויסן. די קילע שפּעט-הערבסטיקע זון פֿון אָקטאָבער האָט איצט אויפֿן פּלויט געשפּינט אַלערליי קאַפּריזנע, לופֿטיק-גאָלדענע געוועבן. אין ברייטע, פּלאַטשיקע מולטערס אויפֿן הויף האָבן זיך געטריקנט ריזיקע טאַבאַק-בלעטער. און אין שטוב אַריין, דורך די אָפֿענע פֿענסטער, האָט זיך געשפּאַרט דער ריח פֿונם קולטיווירטן וויינטרויב, וואָס האָט געקלעטערט אויפֿן קעגנאיבערדיקן פּאַרקאַן. ער איז שוין איצט געווען אינגאַנצן פֿאַרטיק, דער וויינטרויב, און מען האָט אים שוין די טעג געדאַרפֿט אַרונטערנעמען, און איינשטעלן אין די גרויסע בוטעלן, — ווייַן אויף אַ גאַנצן ווינטער. די טרויבן זענען געווען פֿול צייטיק-אָנגעשטרענגט און מיט אַ זיידענעם גרינלעך-בלוי באַדעקט. צוליב דעם ריח פֿון די וויינטרויבן, איז דאָס בלוט געוואָרן פֿאַרשיכּורט ביי ליבערן, פֿאַרשיכּורט מיט דרייסטקייט און באַגער.

מיט עטוואָס-פֿאַרזשמורעטע אויגן, צוליב דער זון, אַביסל אָן אויפֿגערעגטער איז ליבער געזעסן קעגן מרס. סניטקין, וועלכע איז געלעגן אים קעגנאיבער אויף אַ דעווענפּאָרט און האָט וואַרעם געשמייכלט צו אים. יעדע רגע האָט זי רק אונטערגערוקט דאָס קליידל נידעריקער

איבער די קני. אָבער באַלד נאָכדעם פּלעגט זי שוין אַזוי אָנהויבן מאַנעווורירן מיט די פיס אונטער דעם סאַטינענעם קלייד אירן, אַז די פּולע, מיט זיידענע דורכזיכטיקע זאָקן באַצויגענע ליטקעס אירע, פלעגן זיך דערפון נאָכמער אָפּדעקן, נאָכמער אַרויפצו-צו אָפּדעקן זיך... ביז ליבער אַליין פלעגט שוין רויט ווערן, ער פלעגט נישט וועלן קוקן אַהין און דאָך קוקן.

אָ, זי האָט גוט באַמערקט, ווי ער רויטלט זיך, מרס. סניטקין... האָט זי באַלד מיט אַ פרומער מינעלע ווידער אַרונטערגערוקט דאָס קליידל איבער די קנעכלעך, איינגענומען די פיס אונטער זיך, געקוקט אויף אים בשעת מעשה און פלומרשט אומשולדיק געשמייכלט.

די משפחה:

מרס. סניטקין. זי האָט שוין אַ טאָכטער, וועלכע שטייט אין שידוכים, און אַ זון, מיט וועמען לייטישע מיידלעך האָבן מורא „אויסצוגיין", ווייל ער האָט אַ שם פון אַ „פעסט גיי"*); הינטער זיין רוקן קוקן זיי אים פונדעסטוועגן נאָך מיט הארץ-קלאַפּעניש... און דאָך פוצט זי זיך נאָך איצט אויך, די מאַמע, אַזוי־ווי זי וואָלט אַליין געווען אַ כּלה-מיידל. מרס. סניטקין איז פרום: זי בענטשט ליכט יעדן ערב-שבת און ערב-יום-טוב: און פונדעסטוועגן טענהט זי, אַז אין אַמעריקע טאָרן יידן נישט רעדן קיין יידיש „אומישנע" — אַזוי שנעל ווי זיי האָבן זיך נאָר אויסגעלערנט ענגליש, טאָרן זיי קיין אַנדער לשון בשום אופן נישט רעדן.

איר טאָכטער, — אַ נידעריק דיק מיידל, מיט אַ פּלאַטשיקן, פעטן פּנים, — ווייל נישט נאָר נישט רעדן קיינמאָל קיין יידיש וואָרט, נאָר זי האָט שוין גאָר, אָן שום צערעמאָניעס, פיינט יידן... און ווייל די עלטערן ווילן פון איר כאָטש איין סימן פון יידישקייט: זי זאָל לכל-הפּחות הייראַטן מיט אַ יידן, — ווייל זי דעריבער וואָס גיכער, טאַמע-מאַמען אויף צו-להכעיס, אַוועקגיין אויף דער וואָדעוויל-בינע. דער זון, דער יונגער סניטקין, שטימט אויך איין מיט דער מאַמען— ער איז אַ „זייאָניסט"**); ער קאָן זייער נישט ליידן, וואָס דער פאָטער רעדט יידיש אין הויז... דערהויפּט, ווען עס זענען דאָ אין שטוב פרעמדע מענטשן, — זיינע קאָלעדזש-חברים. דער פאָטער, מר.

---

*) אַ יונג אַ ברען. **) ציוניסט.

סניטקין, אַ מיטגליד פון דער „באארד אף עדוקיישאן" פון דער גרויסער אָרטיקער תּלמוד-תּורה, שטימט „אין פּרינציפּ" איין מיט די איבעריקע מיטגלידער פון זיין משפּחה. ער האָט אָבער פונדעסטוועגן ליב צו חברן זיך און צו פאַרפירן לאַנגע שמועסן מיט די ניו-יאָרקער יידישע ביכער-אַגענטן, וואָס פאָרן אַהער אַרונטער פון צייט צו צייט; ער זוכט אויס ממש מיט ליכט אָט די אַלע „אינטעליגענטן", וואָס פאַרוואַל-גערן זיך אָפּטמאָל אַהער, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעגנודיעט עטלעכע יאָר אין די פאַרשידענע ניו-יאָרקער מיטינג-לאָקאַלן און אין די לעקציע-האַלס, און האָבן ענדלעך באַשלאָסן צו קומען צו אַ תּכלית — אַוועק-פאָרן אין אַ קלענערער, אַ רויקערער שטאָט און דאָרט אָנהויבן פּעדלען מיט פּרוכט און גאַלאַנטעריע...

מיט אָט-די-אָ, האָט מר. סניטקין גאָר שטאַרק ליב צו רעדן וועגן די גאָר-גאָר אַמאָליקע, די ערשטע צייטן זיינע אין אַמעריקע, ווען אין ניו-יאָרק איז נאָך אַרויסגעגאַנגען אַן אַפּקורסיש בלאַט אַזאַ, וועלכע האָט, דוכט זיך, געהייסן „דאָס פרייע אַרבעטער פאָלק", אָדער די „פרייע אַרבעטער שטימע"...

— האַ?... ער געדענקט שוין נישט אויף זיכער... שוין לאַנג, לאַנג צוריק געווען...

ער אַליין האָט אויך דעמאָלט אין ניו-יאָרק געוווינט, פלעגט אָפּגעבן די לעצטע פּאָר סענט זיינע פאַר אָט דער צייטונג, וועלכע איז תּמיד, תּמיד געווען אין גרויס נויט. ער, מר. סניטקין, איז געווען זייער אַן איבערגעגעבענער „אָנהענגער" — ער פלעגט זיך שטענדיק מוסר נפש זיין און גיין אויף אַלע יום-כּפּור-בעלער פון אָט דער צייטונג... און אַז מען דערציילט אים אַמאָל, אַז אָט די-דאָזיקע אַפּקורסישע צייטונג איז נאָך איצט אויך דאָ אין ניו-יאָרק, און אַז זי נויטיקט זיך נאָך איצט אויך אין געלט, און אַז זי וואָלט נאָך איצט אויך געמאַכט יום-כּפּור-בעלער, ווען די אַמאָליקע, די אַלטע און געטריי-איבערגעבליבענע גענאָסן וואָלטן נאָר געקאָנט טאַנצן — הויבט ער אָן צו שמוצערן מיט די ליפּן און שאָקלען מיטן קאָפּ:

— טאַקע? טאַקע? צאַ-צאַ... ווי צייטן האָבן זיך עס ווייניק געביטן!... טאַקע?... טאַקע?... צאַ-צאַ... צאַ... מען דאַרף טאַקע נעמען

און זיי צושיקן אַ פּאָר דאָלאַר... הערסט, עטל? פאַרגעס נישט, למען־השם, מיך אָן דעם צו דערמאָנען...

אַליין אָבער לייענט ער שוין איצט „די יידישע גאַזעטן״, וואָס „דאָס אידישעס טאַגעבלאַט״ שיקט אים צו יעדן ערב־שבת. ער לייענט דעמדאָזיקן בייכיקן נומער פון די „גאַזעטן״ ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, דורך דער גאַנצער וואָך.

ער האָט קיינמאָל קיין צייט נישט. ער האָרעוועט דאָך טאָג און נאַכט, האָרעוועט שווער, ווי אַן אָקס...

ער האָט בלויז, ווייזט אויס, אין זיין לעבן איין־איינציקע הנאה — הנאה דערפון, וואָס דאָס ווייב זיינס קליידט זיך און פּוצט זיך נאָכאַנאַנד אין סאַמעט און אין זיידנס, אין קרעפּ־דע־שין און אין באַטיק; זי פאָרט אַ פּאָר מאָל אין יאָר צו די שוועבל־קוואַלן פון מ י ו ש י ג ע ן, און קומט יעדן מאָל צו פאָרן צוריק אַלץ יונגער... אין שטאָט רעדט מען אפילו, אַז צוליב איר, דער ווייב זיינער, האָט ער עס אויך אָנגעהויבן פאַרבן שוואַרץ זיין גרוי־ווערענדיק ציגענע בערדל.

ליבער איז געזעסן איר אַנטקעגן און נישט געוווּסט פון וואָס אָנהויבן צו רעדן. ער האָט געטראַכט, אַז סניטקינס הויז האַלט דאָך אין צעפאַלן, פּונקט ווי אַזויפיל אַנדערע ענלעכע יידישע הייזער דאָ אין לאַנד. איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַז מר. און מרס. סניטקין וועלן שטאַרבן, וועלן די קינדער זייערע שוין זיכער אינגאַנצן צוועקפאַלן פון יידיש לעבן... די אייניקלעך — אַוודאי און אַוודאי! אין בעסטן פאַל: די אייניקלעך וועלן אפשר, אַליין זייער גוטע אַמעריקאַנער, אָנהאַלטן אין זייערע משפחות אַזאַ מין ווייטע מסורה, אַז זייערע עלטערנס עלטערן זענען געווען „היבּרוס״... פּונקט ווי עס טוען עס איצט אַ סך אַנדערע אַמעריקאַנער, קינדער פון אַנדערע פעלקער, וועלכע ווייסן דאָס בלויז פון זייער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, אַז זיי זענען פון „סקאָטש דעססענט״,*) אָדער „דזשוירמען דעססענט״**) אָדער אַנדערע „דעססענטן״.

*) שאָטלענדישער אָפּשטאַמונג. **) דייטשער אָפּשטאַמונג.

— יאָ... — האָט ליִבער ווי הנאה געהאַט פון זיינע פינסטערע מחשבות. — און אָט איצט, אַ שטייגער... איצט אַז דאָס הויז אונזערס האַלט שוין אין צעפאַלן, כאַפּט יעדער צו פאַר זיך דעם געשמאַקסטן שטיקל, וואָס ער קאָן נאָר. אָט אַזוי... אָט אַזוי...

מרס. סניטקין האָט דערווייל פאַרוואָרפן די אַנטבלויזטע פעטלעכע אָרעמס אירע אונטערן קאָפּ, האָט זיך פויל אויסגעצויגן אויפן ווענטל פונם דעווענפּארט. זיך געחנדלט. אַ זוים פון איר זיידן-געהאָפטענעם אונטערוועש האָט זיך בשעת מעשה אַרויסגערוקט פון דעם סאַמעטענעם קאפטל אַרויס לעבן דעם נידעריק-אויסגעשניטענעם דעקאָלטע. פון דרויסן האָט טאַקע אַריינגעשמעקט אַהער דער ווילדער וויינטרויב און דער גאָלדענער סוף פון דעם אינדיאַנער זומער.

עפּעס האָט זי צו אים, דוכט זיך, גערעדט, מרס. סניטקין, נאָר ליבער האָט איצט גאָרנישט געהערט. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט... מרס. סניטקין האָט זיך פאַנאַנדערגעשמייכלט שעמעוודיק אַזוי, ווי אַ קליין מיידעלע, האָט מיט איין האַנט אויפגעהויבן איר קאָפּטל ביים האַלז און מיט אַ צווייטער אריינגערוקט אַהין דעם זיידעם זוים פונם אינטערוועש. זי האָט אַהין, אונטער דעם אויפגעהויבענם קאָפּטל אַ קליין ווייסע אַריינגעקוקט, האָט באַלד אַ לויפנדיקן הנאהדיקן בליק געגעבן אויף ליבערן. דאָס פּנים אירס האָט זיך מער גערויטלט און אָנגעצונדן.

ליבער האָט נענטער צוגערוקט זיין שטול צום דעווענפּארט, און אָנגענומען זי פאַר דער האַנט. ער האָט שוין אינגאַנצן געברענט.

2

ווי דורך די לעצטע מינוטן פון אַ צעהיצטן חלום האָבן זיך ליִבערן מיטאַמאָל דערהערט שווערע זיכערע טריט פון מאַנסבילן, וועלכע זענען, קענטיק, אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ, וואָס פירן פון הויף צו דער קיך-טיר.

באַלד זענען טאַקע אַריינגעקומען סניטקין מיטן זון, אין פאַרטוכער באַדעקטע מיט טאַבאַק-שטויב און טאַבאַק-בלעטער. מרס. סניטקין האָט

גלייך אָנגעהויבן ניסן פונם טאַבאַק-שטויב, האָט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן, און וועלכע עס האָבן זיך באַוויזן טרערן.

— פאָר גאָדס סייק*)... קאָנט איר גאָרנישט אויסטון אייערע פּאַרטוכער און אָפּרייניקן זיך דאָרט, אין שאפ... פע, ס'אַ גראָבקייט!

סניטקין האָט זיך געוואַשן די הענט און דעם פּנים אין קיך, האָט געגאָרגלט דאָרט מיטן וואַסער און זיך כּלומרשט געבייזערט:

— זע נאָר, ס'אַ פּריצילקע דאָס איז...

און אין האַרצן האָט אים פונדעסטוועגן געפרייט, וואָס ער האָט אַזאַ איידעלע און אַריסטאָקראַטישע פרוי... אַז ער איז אַריינגעקומען אין עס-צימער האָט ער ברייטלעך אויסגעשריגן:

— אָ... זע נאָר... שלום עליכם, ר' ליבער! וואָס מאַכט אַ ייד?

זיין פּנים איז פונדעסטוועגן געווען בייז, אָנגעכמורעט. קענטיק, אַז ער איז געווען שטאַרק הונגעריק. ער האָט זיך באַלד אַנידער-געזעצט צום טיש, זיך גענומען צו דער אכילה, נישט וואַרטנדיק אַפילו אויף ליבערס תּשובה, אויף דער געשטעלטער העפלעכקייטס-פראַגע.

דער יונגער סניטקין האָט זיך באַדייטונגספול איבערגעוואונקען מיט ליבערן איבער עפּעס אַ סוד, וואָס נאָר זיי ביידע האָבן, קענטיק, געוווסט פון אים.

מרס. סניטקין האָט איינגעלאַדן ליבערן, ער זאָל זיך אויך זעצן צום טיש. ליבער האָט אָבער געהאַלטן, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען ער זאָגט זיך אָפּ, — דאָס וואָלט זיכער געווען שענער...

אָבער אין אַ פּאָר מינוטן אַרום, ער ווייסט נישט ווי אַזוי, איז ער שוין געזעסן ביים טיש, לעבן מרס. סניטקין, אויף דעם שטול, וועלכן זי האָט אים אָנגעוויזן.

אַ ווײַלע האָבן זיי אַלע ביים טיש געשוויגן. ליבער האָט די גאַנצע צייט אָנגעשטרענגט געטראַכט בלויז פון איינס: ווי אַזוי אָנצוהויבן דאָס געשפּרעך און דערנאָך עס זען אַרויפברענגען אויף דעם ענין, וועגן וועלכן ער איז אייגנטלעך געקומען אַהער.

אַז מר. סניטקין איז פאַרטיק געוואָרן מיט די געהאַקטע לעבער-

*) אום גאָטס ווילן.

לעך און אייער, האָט ער ערשט רעמאָלט אָפּגעצויגן דעם אָטעם, ער האָט אָפּגעווישט דאָס מויל מיטן אַרבל, אַ בייזן קוק געגעבן אויפן זון און לייכט אָפּגעזיפצט:

— א... שווערע צייטן היינט.

— יאָ, — האָט ליבער אומגעדולדיק אָפּגעענטפערט. ער האָט נאָך נישט געוווּסט אויב דאָס איז אַ פּאַסיקער און גוטס-פאַרשפּרעכנ-דיקער אָנהויב פאַר אַ געשפּרעך.

— איר ווייסט דאָך... עך, וואָס איז דאָ צו רעדן... דאָס ביסל יידישקייט גייט אונטער, גייט אונטער...

— יאָ, ס'איז טאַקע אַזוי. און ליבערן איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן: ס'גייט דאָך טאַקע יאָ אויף אַ וועג, אויב אַזוי...

קענטיק, אַז דער אַלטער האָט שוין לאַנג געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט אַ שמועס צו טוען וועגן „הויכע ענינים" מיט עמעצן, אַביסל אַדורכלופטערן די „איידעלע געדאַנקען"; איצט איז געווען די פּאַסיקסטע געלעגנהייט דערצו. און זיי האָבן זיך טאַקע באַלד אָנגע-הויבן שיטן פון אים.

— אונזערע קינדער, מישטיינס געזאָגט... זיי ווערן דאָך אַלע אָפּגעפרעמדט פון אונז... קיין אמונה, קיינע מנהגים, קיינע דינים, מען וואַשט זיך נישט, מען בענטשט נישט... קיין שפּראַך אויך נישט— גאָרנישט, גאָרנישט...

ער האָט אַריינגעגאָסן אין זיך, איינס נאָך דאָס אַנדערע, צוויי גלעזער אייז-קאַלטן פּלוטאָ-וואַסער*). ער האָט זיך פאַרקרימט.

— אָט האָב איך דריי קינדער און אַלע, איינס אין איינס, קענען קיין אות עברי נישט... און רעדן זיי שוין אַמאָל אַרויס אַ וואָרט יידיש, פאַרקרומען זיי עס, פאַרדרייען עס אומישנע, — שעמען זיך, הייסט עס, מען זאָל נאָך חס ושלום נישט דענקען, אַז זיי קענען פונדעסט-וועגן יאָ רעדן אַביסל יידיש... „זעט", הייסט עס, „ווי ס'קומט אונז נעבעך אָן שווער, מיט מאַטערניש!"

— אַוודאי, אוודאי, — האָט זיך ליבער אויך צעוואַרעמט, און גע-טראַכט בשעת מעשה, אַז, מסתמא, האָט סניטקין געהאַט לעצטנס אַ שטיקל קריג מיט זיין זון. — הערט, אָט דאָס טענה איך דאָך אויך טאַקע, אַז...

*) אַ לאַקסירנדיק וואַסער.

און ליבער איז שוין געווען גרייט צו האַלטן אַ לאַנגע דרשה, אינם זעלביקן נוסח, וואָס דער אַלטער האָט אָנגעהויבן, כאָטש ער האָט קיין פּלוטאַ־וואַסער נישט געטרונקען...

סניטקין האָט זיך אָבער נישט געלאָזט איבערשלאָגן.

— ווייס איך וואָס, גוים גמורים... א י ך זאָג אייך: מיר שטאַרבן דאָ פּשוט אויס... גלויבט מיר. ס'איז נישט אַזוי די שאַנדע פאַר פרעמדע — וואָרום וואָס פאַרשטייען זיי דען, דערדאָזיקער עם הדומה לחמור? — ווי טאַקע דער אייגענער ווייטיק... שייך זאָגן, ווי זאָלן מיר זיך טאַקע פילן גוט? אַז מיר זענען די לעצטע אין דער משפּחה...

ס'איז געוואָרן שטיל. ליבערן האָט עפּעס ביים קלאַנג פון די לעצטע ווערטער סניטקינס, קעגן זיין ווילן פאַרכאַפּט פאַרן האַרצן. ער האָט אויפגעהערט צו עסן. ער האָט דורכדרינגנדיק אָנגעקוקט סניטקינען. ער האָט זיך מיטאַמאָל אַליין דערפילט ווי אַ געפערלעכער חולה, וועמען דער דאָקטאָר זאָגט אַרויס אַ שטאַרקן און אַ לעצטן גזר־דין אויף זיין לעבן.

נאָר באַלד האָט ער שוין אַ שטילן שמייכל געטון, זיך פאַר־געוואָרפן זיין סענטימענטאַליטעט. „פּטור־נו... צו אונזער ענין האָט עס דאָך נישט צו טון... אַדרבא...״

ער האָט זיך סוף־כל־סוף אָנגענומען מיט גבורה, — ער האָט געוווסט, אַז איצט איז די פּאַסיקע מינוט; וואָרום אַז נישט, וועט סניטקין באַלד ווידער אָנהויבן רעדן. ליבער האָט זיך אָנגענומען מיט גרויס מוט און אים איז סוף־כל־סוף געלונגען אַריינוואַרפן:

— אָט דעריבער טענה איך דאָך... מיר מוזן אָפּגעבן די גאַנצע כחות אונזערע דער יידישער שול, דער תלמוד־תורה, מיין איך... נאָר מיט איר קאָן מען...

מר. סניטקין האָט אָבער פאַרשטעלט די אויערן מיט ביידע הענט און אויפגערעגט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ:

— גייט שוין, גייט אַוועקצט... דולט נישט קיין ספּאָדעק מיט אייערע תלמוד־תורות, שמאַלמוד־תורות! ס'איז פּשוט אַ שאַנד צו רעדן... וואָס איז — איך ווייס דען נישט, וואָס זיי טוען אויף די טייערע תלמוד־תורות אייערע? וואָלט איך דען מ י נ ס אַ קינד געשיקט אַהין, וואָס? מער ווי די אָרעמעלייט שיקן אַהין נישט זייערע

קינדער... און איר אַליין ווייסט עס דען נישט, וואָס? נאָר גאָרנישט, עפּעס דאַרף מען דאָך טון! מען קאָן דאָך נישט זיצן אַזוי מיט צונויפגעלייגטע הענט — און פאַר קבצנים איז דאָס אויך גענוג... פּטור — נו... אַפילו נאָך צופיל...

ליבער האָט געוווסט: ער שטימט דאָך איין מיט סניטקינס יעדן אַרויסגערעדטן וואָרט... ער האָט געפילט אָבער, אַז ער קאָן איצט נישט „אפּפאַרדן" עפנטלעך איינצושטימען מיט דעמדאָזיקן אמת, — ער טאָר נישט דערלאָזן, אַז זיין שטעלונג פון אַ לערער, אין וועמען דאָס יידישע פאָלק נויטיקט זיך, זאָל פאַלן אין סניטקינס אויגן...

— אָ, דערלויבט מיר, איר האָט, דוכט זיך, אַ טעות, מר. סניטקין... זייט נישט אַזוי איבעראיילט! וואָס רעדט איר—די יידישע שול, דער יידישער חדר, די יידישע תּלמוד-תּורות — דאָס זענען דאָך אַלעמאָל געווען דער קוואַל... מען קאָן זאָגן: דער יסוד... דער פונ-דאַמענט, אַזוי צו זאָגן... דער... דער...

נאָר אים האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן שטיקן אין האַלז. דער-הערנדיק דעם קלאַנג פון דידאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך עפּעס פאַרשעמט פאַר זיך אַליין און מער אַ וואָרט שוין נישט געקאָנט אַרויסברענגען.

נאָר דאָ איז דער יונגער סניטקין, זיין פריינט, געקומען אים צו הילף:

— א, פאַ, וואָס רעדסטו, וואָס... ווהאט דו יו מיען*)... ביסטו דען קעגן „היברו"? דאָס איז דאָך די שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק, די שפּראַך פון זיין צוקונפט, פון זיין... וואָס איז, גלויבסטו דען נישט אין „זייאָניזם"? אין די פּרינציפּן פון... פון... פון אַ יידישן „האָומלענד אין פּאַלעסטיין"? ווהאט אר יו טאָקינג אַבאוט**)...

מר. סניטקין איז געוואָרן רויט ווי אַ בורעק.

— גיי שוין, גיי שוין אַוועק, דו שנעק דו!... גראַרי-היער! זע נאָר, ווי מען האָט זיך עס צורעדט! און אַליין קאָן דאָס קיין שייטל, עברי נישט, קאָן צומאָל נישט קיין פּשוטן יידישן וואָרט, קיין יידישע צייטונג נישט לייענען... וויפל מאָל האָב איך מיך ביי דיר געבעטן, שמאַרק דו איינער, דו זאָלסט זיך נעמען אַביסל אויסלערנען

*) וואָס מיינסטו; **) וואָס רעדסטו...

כאָטש אַ טראָפּן עברי, כאָטש אַביסל ייִדיש... געבעטן זיך, ווי ביי אַ גזלן... דו, דו זייאָניסט מיינער! פון פּרינציפּן... פון שמינציפּן רעדט דאָם נאָך...

דער זון האָט געקוקט אויפן פאָטער מיט אַ פון־אויבן אַרונ־טערדיקן שמייכל.

— מ׳שטייגס געזאָגט, מיט וועמען ס׳איז דאָ אַריינצולאָזן זיך אין אַן ערנסטן געשפּרעך...

זיין הומאָר איז אָבער פונדעסטוועגן געווען אַביסל אָנגעצרירט.

— אָבער, פּאַ, איצט איז דאָך שוין צו־שפּעט... איך האָב דאָך איצט מער קיין צייט נישט... כ׳בין דאָך שוין איצט אַ דערוואַקסענער מענטש!

— און אַז דו ביסט געווען אַ קינד, איז וואָס? פלעגסטו נישט אַלעמאָל אַנטלויפן פון חדר, פלעגסט זיך נישט תמיד אויסבאַהאַלטן, פלעגסט דען נישט שטענדיק וויינען און בעטן זיך, אַז מען זאָל דיך לאָזן צורו, אַז דו גלייכסט נישט קיין „היברו״?

דער יונגערמאַן האָט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן, האָט זיך פאַרשעמט.

— אָבער דעמאָלט, פּאַ, בין איך דאָך געווען נאָך אַ קינד!

מר. סניטקין האָט בייזעריק אָנגעהויבן אים נאָכקרומען:

— „איצט בין איך שוין אַ דערוואַקסענער מענטש״... „דעמאָלט בין איך דאָך געווען אַ קינד״! כאַ־כאַ, עס פאַרטענהט זיך נאָך!

ליבער, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ געפּאַלענער, אַ דערדריקטער, האָט דערווייל באַוויזן צונויפצוקלויבן אַביסל אייגענע כחות פאַרן קאַמף: ס׳האָט שוין צו־שטאַרק אָנגעהויבן שמעקן מיט סכנה פאַר אים...

— זעט איר, מר. סניטקין, און איך גלויב פאָרט, אַז די ייִדישע לערער היינט־צו־טאָג, זינט די צייטן פון יבנה... שאַ, וואָס דאַרפט איר מער, — האָט זיין פּנים אויפגעלויכטן מיט אַ גליקלעכן איינפאַל — אפילו ר׳ יוחנן בן זכאי...

כאָטש ער איז נאָך אַלץ געווען אַ הונגעריקער, האָט מר. סניטקין אַ געוואַלדיקן שטופּ־אָפּ געטון פון זיך דעם טעלער זופּ, וואָס

איז געשטאַנען לעבן אים. די פליסיקייט האָט זיך אַריבערגעגאָסן איבער די ברעגן אויפן טישטוך אַרויס.

— אָ, גייט אַוועק... איר אויך... רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, פליעז... זכאי, שמאקאי... אַ פאַרגלייך אַביסל! די היינטיקע יידישע לערער זענען טויגעניכטסן, פוילענצער, דאטס אָל... כ׳מיין, פאַרשטייט זיך, נישט אייך, מר. ליבער! איר ווייסט דאָך! ווי אין פסוק שטייט: וועגן אַנוועזנדיקע רעדט מען נישט... אָבער דעם אמת מוז מען דאָך פונדעסטוועגן זאָגן: וואָס פאַר אַ סאָרט יונגעלייט זענען זיי דען, די היינטיקע יידישע לערער? זיי קאָנען זיך נישט נעמען צו עפּעס בעסערס, נעמען זיי זיך פאַר לערעריי... איינגעדראַמלט האָבן זיי פיינט אי די יידישע שול און אי די יידישע קינדער... וואָס דערציילט איר מיר מעשיות, וואָס! יבנה, שמאוונע... באמת: איר רעדט דאָך ווי אַן אמתער רעאַקציאָנער... עטל, דערלאַנג אַהער דאָס זאַלץ-מעסטעלע! תמיד איז שוין מיט דיר אַזוי: אָדער דו זאַלצסט איבער, אָדער דו דערזאַלצסט נישט...

ליבער איז געזעסן ווי אַ באַגראָבענער. אין סניטקינס ווערטער האָט ער געפילט, הויפּטזעכלעך, די פּערזענלעכע באַליידיקונג, אַ פּער־זענלעכע געפאַר... יאָ, מען ווייסט שוין: וועגן אַנוועזנדיקע רעדט מען טאַקע נישט — מען שטעכט זיי בלויז אָפּ, דאָס איז עס אַוודאי... ער האָט עס טאַקע פריער פאַרדעכטיקט: זיי האָבן זיך אַלע צוזאַ־מענגערעדט קעגן אים!... ס׳איז אַן אַלגעמיינע קאָנספּיראַציע... מען דאַרף כלומרשט נישט קיין תלמוד תורות, — איז דו, ליבער, גיי דיר דערווייל געזונטערהייט, הינטעראָום וועט מען שוין אָנשטעלן אַ נייעם לערער...

ער איז שוין געבליבן זיצן אַזוי די איבעריקע צייט פונם מאָל־צייט אַ דערדריקטער, אַ פאַרשעמטער — אַ פאַרשעמטער איבער זיך אַליין און איבער די הויכע רייד, וואָס ער האָט מיט אַ ווײַלע צוריק געבראַכט, און אין וועלכע ער האָט דאָך אַליין נישט געגלויבט. ער איז אַ לענגערע צייט אַזוי געזעסן מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ, אין אַ צעמישטן און דערדריקטן געמיט.

3

ליבער האָט זיך ענדלעך אויפגעכאַפּט פון זיין צעטומלטער פאַרטראָגנקייט, האָט ער מיט נעפּל-פאַרצויגענע אויגן דערזען:

מר. סניטקין האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן זיין פלייש. איצט שוין אַ זאַטער, האָט ער געשמאַק און פאַמעלעכקע, לעפעלע נאָך לעפעלע, געגעסן דעם רוהבאַבצימעס. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געקוויקט מיט דעם, — ער האָט דעמאָנסטרירט זיין צופרידנקייט אויף זייער אַ טומלדיקן אופן:

— אוי, אַ, פאַרגעניגן... אוי, אַ, זויער... אוי, אַ, געשמאַק...

דערנאָך, פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעלענט אָן ווענטל פון שטול, פאַרוויכערט אַן אייגענע ציגאַר און צופרידן געשמייכלט:

— פופ-פוף... אָט אָ... נעמט צום ביישפּיל מיין בנאָק... אַ גוי גמור... אַן אמתער ערל! פופ-פוף... — ער האָט זיך געווענדט, אין אַ מילדערן טאָן, צום זון, — אָט, דו גיב נאָר אַ קוק אויף מר. ליבערן... הלוואי וואָלט איך געוווסט אַ צענט-חלק — וואָס זאָג איך, אַ הונ-דערט חלק! פון דעם וואָס ער האָט שוין פאַרגעסן פון יידישקייט! פופ-פוף... אָט אַזוינע יונגעלייט, ווי מר. ליבער, דאַרפן מיר, יידן, טאַקע נויטיק האָבן, אָט...

ביי ליבערן האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט די האַרץ אין דער-וואַרטונג. ער האָט אויפגעשטעלט אויף סניטקינען אַ פאָר צומישטע אויגן. ער האָט זיינע אייגענע אויערן נישט געגלויבט.

סניטקין האָט געשמאַק געראויכערט,—מיט נישט-ווייניקער טומלדיקער הנאה, ווי ער האָט פריער געגעסן דעם רוהבאַב-צימעס.

— דאָ אַ פלאַש ביר, עטל? — און אַז עטל איז אַוועק צום אייז-קאַסטן, — אָבער גיב מיר נישט קיין פּאַבסט-מילוואָקי*), עטעלע: פע, ס׳איז ווייבערשער ביר... גיב מיר עפעס אַזוינס, עפעס פון אונזעריגס, צום ביישפּיל, אַ פיינעם רהיינגאָלד*)... אָט דאָס איז, מר. ליבער, אַן אמתער אָהייאָ פראָדוקט! אָ! נו, דו פאַרשטייסט דאָך

---

*) אַזעלכע סאָרטן ביר.

שוין אַליין... — ער האָט אָנגעשטעלט אויף ליבערן אַ פּאָר זאַטע און פאַרגאַסענע אויגעלעך. — יאָ, איז ווו-זשע, הייסט עס, האַלטן מיר? יאָ... איז אַז גאָט גיט און מען דערלעבט טאַקע צו האָבן אַזאַ זון, ווי איר, איז טאַקע אַזוי ווויל און גוט איז צום טאַטן — ווען נישט אַזוינע, ווי איר. וואָס וואָלט טאַקע געוואָרן פון אונזערע קינדער?.. אָט, ווי איר האָט אַליין פריער מיט אַ מינוט אַזוי קלוג באַמערקט: יבנה... אָט קוקט נאָר אָן מיינעם, דייוון — א לאָדער, אַ פּוסט-און-פּאַסניק, אַ גאָרנישט... וואָס איז, איך האָב אים דען נישט געוואָלט געבן אַלץ, פאַרזאָרגן אים מיט אַלץ, אַבי ער זאָל מיר נאָכאַנאַנד גיין אין קאַלעדזש, כאָטש וויפיל יאָר ער וויל אַליין?.. נו, וויל ע ר נישט... און אַזוינס ווי איר, דאַרפט זיך נעבעך נאָך מוטשן: אי גיין אין קאַלעדזש, אי אַרבעטן אין דערזעלבער צייט, ווי אַ לערער אין אַ תלמוד-תורה...

ליבער האָט איצט פרייער אָפּגעאָטעמט, ווי אַ פיש, וואָס איז אַ שטיק צייט געלעגן אויף דער יבשה, און מען האָט אים שוין כמעט אַ גוססן, צוריק אין וואַסער אַריינגעוואָרפן. ער האָט זיך אָנגעהויבן אַזש צאַפּלען, פון אַ געפיל פון באַפרייטקייט און גליק-לעכקייט.

— ס'איז אָלרייט... ס'איז אָלרייט... כע-כע, ס'איז נישט אַזוי געפערלעך, מר. סניטקין, אויף דערויף איז שוין אַ מענטש געבוירן,— עס שטייט דאָך געשריבן: אדם לעמל יולד... און בכלל: מען מעג דאָך זיין אַביסעלע אידעאַליסטיש אויך... און דערציען יידישע קינדער — דאָס איז דאָך, כ'בעט אייך, גאָרנישט קיין מלאכה: דאָס איז דאָך, ליבע, דאָס איז דאָך אַן אידעאַל!

אים איז, אַפּנים, זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן צו געברויכן נאָך אַ פּאָר מאָל דאָסדאָזיקע וואָרט, — ער גופא איז, דוכט זיך, פון דעם גרעסער און שענער אויסגעוואַקסן...

— יאָ, אַן אידעאַל, אַן אידעאַל, מר. סניטקין... — ער האָט געצערטלט דידאָזיקע ווערטער ווי אַ זעלטן שנירעלע פּערל. — יעדער מענטש דאַרף האָבן אַן אידעאַל...

נאָר ביי סניטקינען האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַרציען די אויגן פון מידקייט, פון אַ ווארעמער זאַטקייט, פון אַ חשק איינצושלאָפן.

נאָר אים האָט פונדעסטוועגן אַביסל פאַרדראָסן, וואָס ליבער האָט פאַר־כאַפּט אַזאַ וווּיל וואָרט: „אידעאַל"... האָט ער נאָך באַמערקט:

— יאָ... אָט דאָס איז דאָך, וואָס איך זאָג אַליין אויך — אַן אידעאַל... אַן אידעאַל... האָב איך עס תמיד דען אַליין נישט געזאָגט? אַן אידעאַל דאַרף מען האָבן! פּוּף־פּוּף... אַז נישט, טייערער, טויג עס נישט... טויג עס לחלוטין נישט... איז בּיטער... זייער, זייער בּיטער. מען ווערט פאַרגרעבט. פאַרוועדעמט... לעבעדיקערהייט נאָך קריכן שוין אַרום ווערעם אין קאָפּ...

ער האָט מיט לעצטע כּחות זיך אויפגעהויבן פון טיש. האָט געשמאַק אַ גענעץ געגעבן. ליבערן איז געזונקען די האַרץ נאָך ני־דעריקער, נידעריקער. אָט, פאַרלירט ער דעמלעצטן שאַנס זיינעם... ער גייט זיך לייגן אַ דרעמל־טון, דער אַלטער... און מיטאַמאָל:

— יאָ, איז ווען הויבט מען שוין ענדלעך אָן לערנען ביי אונז, מר. ליבער? האַ? נעקסטע וואָך? זייער גוט, זייער גוט... — „אוּ־אוּ־אוּ", האָט ער געגענעצט מיט אַ גרויסן מויל, ווי אַ פּאַסטקע, פונוואַנען עס האָבן זיך אַרויסגעזען אַ ריי פוילע ציין. — אירט זיך שוין געזען מיט דר. קלעצקינען? נאָך נישט? אַן עוולה... אַן עוולה... זעט זיך מיט אים וואָס גיכער און רעדט זיך מיט אים למען־השם דורך מכּחן פּראָגראַם פאַרן נעקסטן יאָר... ע—טע—לע... — האָט ער בענקענדיק און פּיעשטשענדיק געצויגן יעדע זילבע — ווו זענען מיינע שפּאַקולן?

ער האָט געקוקט אויף אי ר מיט אַזעלכע ליב־וואַרעמע, זיכ־זשמורנדיקע אויגעלעך.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מר. ליבער... איך וועל אַ ווײַלע אַרויפגיין אין דער הויך... שנה־של־צהרים, כע,־כע... איר וווּנדערט זיך, האַ, וואָס עס שיטן זיך פון מיר אַזוי פיל מאמרי חז"ל? במעין המתגבר — ווי פון אַ ווערעמדיקן הונט... נישקשה, כ׳געדענק נאָך עפּעס... וועסט דאָך אַרויפקומען אינדערהויך שפּעטער אַביסל, עטעלע? האַ? ניין? נו. נישט איז נישט...

מרס. סניטקין האָט צוגעפגעלייגט איר מויל אין אַ טרייבעלע און האָט אומצופרידן און איבערנעמעריש אַרויסגעזאָגט:

— אָבער אַלעמאָל... אַלעמאָל... ווען אַ מענטש איז נאָר דאָ,

פֿאַרווילט זיך דיר גראָדע שלאָפֿן... פֿע, שעמען מעגסטו זיך... גיי אַוועק...

סניטקין האָט אַרונטערגענומען פֿון ביוראָ אַן אַלטע נומער „אידישע גאַזעטען" פֿון פֿאַר צוויי וואָכן צוריק. די טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט צום צווייטן שטאָק, צו די שלאָף-צימערן, האָבן אָנגעהויבן סקריפּען אונטער זיינע שווערע טריט.

אין שטוב איז געוואָרן שטיל. גרויסע זון-שטיקער האָבן אַריינגעקוקט פֿון דרויסן. ליבער האָט זיך געשפּירט דערהויבן, אויפֿגעמונטערט.

— אַך, אַזוי אומגעריכט... אַזוי אומגעריכט...

פֿון מונטערער לעבעדיקייט האָט ער זיך אומרויק אָנגעהויבן דרייען אויף זיין שטול. זיין קני אונטערן טיש האָט אומגערן זיך אָנגעקלאַפּט אָן מרס. סניטקינס דיקער ליטקע. דאָס האַרץ איז אים איינגעפֿאַלן. ער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט גלייך צוגעכאַפּט זיין פֿוס.

פֿון דערזייט האָט ער אַ לויפֿנדיקן קוק געגעבן אויף איר, און געוואָלט איבערלייענען אויף איר פּנים, וואָס זי פֿילט איצט. נאָר מרס. סניטקין האָט די אויגן אירע אַפֿילו אויף קיין איין אויגנבליק נישט אויפֿגעהויבן. פֿון טעלערל צו מויל צו, פֿון טעלערל צו מויל צו האָט זי אַלץ, מיט איבערגעטריבן-אַריסטאָקראַטישע באַוועגונגען, געטראָגן קליינע לעפֿעלעך קאָמפּאָט. מיט אַ האַרץ, וואָס האָט מיט יעדער סעקונדע אַלץ גיכער און גיכער אָנגעהויבן צו קלאַפּן און מיט רויט-אויפֿגעפֿלאַמטע באַקן, האָט ליבער דעמאָלט אָנגעהויבן פּאַמעליכקע, פּאַמעליכקע נענטער, אַלץ נענטער צורוקן זיין קני אונטערן טיש צו אירער. אָט האָט ער שוין דערפֿילט די וואַרעמקייט, וואָס שטראַלט פֿון איר גאַנצן קערפּער אַרויס, ווי פֿון אַ היפּשן פֿונאַנדערגעגליטן אויוון. נאָר זי האָט נאָך אַלץ נישט אויפֿגעהויבן די אויגן.

שטייפֿער, שטייפֿער נאָך האָט ער דעמאָלט געדריקט זיין קני צו אירער... ס'האָט שוין איצט גאָר קיין ספֿק נישט געקענט זיין אין דעם מיין פֿון אָט דעם דרוק. מרס. סניטקין האָט דעמאָלט גענומען און האָט בענטער צוגערוקט צו זיך די צייטונג, וואָס איז אויפֿן טיש געלעגן, און זיך שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין איר. אַ ווייטער צונטער האָט זיך געשפּרייט

איבער איר פּנים, ווי אַן אויפגייענדיקער פלאַקער פון אַ מעלד-פייער ביינאַכט.

דער יונגער סניטקין האָט זיך ענדלעך אויך אויפגעהויבן אַוועק-צוגיין. די פאַרבליבענע צוויי מענטשן ביים טיש האָבן זיך מיטאַמאָל דערשראָקן. יעדערער פאַר זיך האָט געציטערט.

— דייוו... פּע... באַלד נאָכן עסן איילט ער זיך שוין אין שאַפּט אַריין! וואָס איז? עס איז קיינמאָל קיין ראַסט נישטאָ? רו זיך אָפּ אַ ווײַלע, סטיפּאָספּייען...

איר שטים האָט אויפגערעגט געציטערט. כאָטש זי האָט דעם פּנים נאָך אַלץ נישט אויסגעדרייט אין ליבערס זייט, האָט ליבער געפילט די פלאַמענדיקייט פון איר געזיכט און לייב, וואָס האָבן זיך וואָס אַ מינוט אַלץ שטאַרקער געטראָגן אויף אים. נאָר עפּעס ווי זיך אַליין אויף צו-להכעיס, אָדער אפשר ווענדיק פאַרבאַהאַלטן זיין אמתע איצטיקע האָפנונג, צו פאַרבלייבן מיט איר אַליין — האָט ער זיך באַלד אויך געווענדעט צו דייוון. כמעט אַליין נישט הערנדיק זיינע אייגענע ווערטער האָט ער עפּעס פויל-אָפּגעלאָזן געבאָלבעט. ווערטער זענען אים פון מויל געקראָכן פאַמעלעך, שוואַכע, כשרע, ערלעכע — און פאַלשע.

— יאָ, טאַקע... זאָל דייוו אויסוואַרטן אַ ווײַלע... וואָס איז אויף דיר די איילעניש, דייוו? זעץ זיך אַביסל, דערצייל עפּעס...

דייוו איז אַלץ געשטאַנען טאַקע פויל געקאַלופּעט די ציין מיט אַ ציין-העלצל. קענטיק: ער האָט אַ ווײַלע געטריי געניטשעט און געקאַלופּעט עפּעס אַ געדאַנק. מיטאַמאָל האָט זיין פּנים אויפגעלעבט; ער האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט. ער איז צוגעשפּרונגען פריידיק צו ליבערן און אים חבריש אַ קלאַפּ געטון אין פלייצע.

— סעי, איך האָב דיר גאָר פאַרגעסן צו דערציילן... ס'איז שוין אַלץ רעכט... כ'האָב מיך שוין געזען מיט יענעם, מיטן נייעם, ווי הייסט ער דאָרטן? אָט דעם, וואָס דו האָסט מיר רעקאָמענדירט...

ליבערן איז די תאוותדיקע מאַטקייט פון די גלידער אין איין כהרף-עין אָפּגעטון געוואָרן. ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— יאָ, יאָ... שוויי, שוויי... שוויי הייסט ער... נו, וואָס? ער האָט אָנגענומען? הא, ער האָט אָנגענומען?

אַז דייווי האָט געזען, ווי דאָס גייט אַזוי ליבערן אין לעבן, האָט ער דווקא פאַרלאַנגזאַמט זיין טאָן: ער האָט אים פאַמעלעך געצויגן דאָס חיות:

— יאָ, כ׳מיין... ער האָט זיך אַפילו געקווענקלט תחלת... זיך געבויגן... אַהער, אַהין... פאַרשטייסט, אַזוי און אַזוי... ער האָט, זאָגט ער, בכלל נישט געגרן קיין לערערײ... עפּעס אַלץ אַזוינע פוילע טענות... ער זאָגט, אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, די גאַנצע העברעישע לערערײ... אַן עבירה דאָס געלט, די מי... און דאָך האָט ער אָנגענומען מיין פאָרשלאַג, דער חברה־מאַן! כאַ־כאַ... ער ווייס כאָטש זיין פאַך, וואָס?

ליבער האָט אַזש אונטערגעשפּרונגען פון פרייד:

— וואָס רעדסטו, וואָס... ער פרעגט נאָך! ס׳איז דאָך אַ לערער אַן צנטיקל, — ער האָט צוגעלייגט צוויי צונויפגעלייגטע פינגער צום מויל און האָט אַ טשמאַקע געטון. — מצאַ! שוין איינמאָל אַ שטיקעלע סחורה, פרימאַ, נאָמבער איי—וואָן. ער איז דאָך דער אמתער תלמיד־חכם, יו נאָו — אַ דזשענטעלמאַן ענד אַ סקאָלאַר...

מער האָט ער שוין נישט געקאָנט דאָ פאַרבלייבן. דער קאָפּ איז אים געווען הייס, האָט איגגאַנצן געפלאַמט מיטן איין־איינציקן געדאַנק.

— ס׳האָט זיך איינגעגעבן, ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן...

ער האָט זיך גענומען זעגענען אין איילעניש.

— איך מוז אַוועקגיין, איך מוז אַוועקגיין — און ער האָט אינ־גאַנצן געלויכטן פון געשעפּטלעכער דערפאָלגרייכער פאַרטועניקייט און צופרידנקייט.

ערשט איצט האָט מרס. סניטקין אויפגעהויבן און צו אים אומגעקערט דאָס פּנים אירס. דער גאַנצער גוידער אירער האָט גע־ציטערט פון אויפרעגונג, און געדוכט האָט זיך, אַז אָט־אָט, און זי לייגט זיך אַזש פונאַנדער.

— זע נאָר, וואָס איז פלוצלינג געוואָרן אַזוי די איילעניש אויף אייך אַלעמען? וואָס איז דער מער? זיצט נאָך אַביסל... אַ פיינער גאַסט, כ׳לעבן! אַז אַלע גייען אַוועק און איך בלייב איבער אַליין אין הויז, איינינקע אַליין אויף דער גאַנצער הויז — יענער כראַפּעט

דאָך שוין דאָרטן, אַז מען קאָן אים מיט צען האַרמאַטן נישט אויפֿוועקן, — נעמט איר און גייט אויך אַוועק...

זי האָט געהאַט דאָס געפֿיל: מען האָט זי אומדערוואַרטערהייט, אין מיטן פֿון איר גרעסטער היציקייט, אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפֿל קאַלט וואַסער.

4

ליבער איז געווען אַזוי באַגייסטערט און אַזוי אויפֿגערודערט איבער דעם ערפֿאָלג פֿון דעם „סקים“ זיינעם, וואָס איז אים מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק גלייך איינגעפֿאַלן אין קאָפּ, ווען ער האָט אין אָט יענעם סוכּות־אָוונט אין דער סינאַגאָגע פֿון דער קאָנגרעגיישאָן „זבחי צדק“ צום ערשטן מאָל דערזען אים, דעם קאָנקורענט זיינעם, דעם „נייעם“, — אַז אַלץ אין אים האָט איצט געציטערט, יעדער אבר, יעדער נערוו!

ער האָט שנעל געשפּאַנט איבערן זון־באַגאָסענעם טראָטואַר, געהיפּט אַ פֿליטע נאָך אַ פֿליטע, האָט נישט באַמערקט אַרום זיך נישט דאָס גאָלד פֿון דער זון און נישט דאָס ליכט פֿונעם וווּנדערלעכן הערבסט־טאָג.

ער האָט נישט געפֿילט ווי לאַנג ער איז אַזוי געגאַנגען גאַס־איין, גאַס־אויס. ער האָט אינגאַנצן פֿאַרגעסן, אַז ביז צו דעם קאַטעדזש פֿון די יאַקאָס, וווּהין ער האָט געזאָלט מאַכן זיין נעקסטן באַזוך, איז דאָ אַ מהלך פֿון אַוודאי אַרום פֿערציק קוואַרטאַלן; אַזוי, געוויינטלעך, וואָלט ער גענומען אַהין דעם טראַמוויי.

ער האָט אַלץ געהאַלטן אין איין חזרן פֿאַר זיך, כּמעט אויף אַ קול, עטלעכע ווערטער, פּונקט ווי עפּעס אַ מענטש אַ חסר־דעה:

— ...גוט אַזוי... יאָ, אָט אַזוי הייסט עס: אָט יענעם נייעם יונגנמאַן, שווייצן, צי בלייצן — אָדער ווי ער הייסט דאָרט. — אים האָט ער שוין אַריינגעפּעקלט צו די קאָגענס... גוט אַזוי, גוט אַזוי...

ליבערן איז אַפֿילו קיין איינציק מאָל נישט איינגעפֿאַלן: טאָמער זוכט יענער גאָר לכתּחילה נישט קיין לערער־שטעלע... ער איז פֿון סאַמע

אָנהויב־אָן שוין געווען זיכער, אַז יענער, דער „נייער", איז אים אַ פּיינט, — ער וועט נאָך הינטער אַרומעט אים אַוודאי אָפּטון עפּעס אַ שפּיצל... מען דאַרף אים דעריבער כאָטש דערווייל פאַרשטאָפּן מיט עפּעס דאָס מויל, — זען, אַז יענער זאָל האָבן עפּעס אַ באַשעפטיקונג.

אין דער זעלבער צייט דאַרף ער, ליבער, זען אומבאַדינגט קאַליע מאַכן יענעמס שאַנסן ביי די תּלמוד־תּורה באַלעבאַטים. אַלץ אָבער האָט מען געדאַרפט אָפּטון קלוג, שטילינקערהייט, פון הינטן־אַרום... ווייל זאָל, אַ שטייגער, קומען צו אַן אָפענעם שטרייט, וועט דאָך די „באָאַרד אָף עדיוקיישאָן" פון דער תּלמוד־תּורה מסתּמא באַשטימען אַ קאָנקורס־עקזאַמען — און וואָס וועט זיין דעמאָלט? טאָמער איז יענער, דער „נייער", טאַקע אַן אמתער העברעישער לערער?

— ווער־ווער, נאָר ער, ליבער, ווייסט דאָך ביי זיך זייער גוט, ווי ווייניק ער גופא ווייסט פון העברעיש... עס איז אַפילו אמת: דאָ אין שטאָט, פאַר „זיי" — איז אַלץ גוט... אָבער איצט...

מילא: דערווייל וועט מען אויף אים דאַרפן אַ ביסינקע אָנרעדן... פאַרשטעלן אים דעם וועג ביי די אָנגעזעענע באַלעבאַטים פון שטאָט; מען וועט דאַרפן זען, אַז שלעכטע קלאַנגען וועגן אים זאָלן זיך פאַרשפּרייטן אויף וועלכן ס'איז נישט איז אופן.

— אַך... — האָט ליבער געקרעכצט, מיט אַ מין רחמנות, נישט אַזוי אויף יענעם „נייען" ווי אויף זיך אַליין... — אַך, מען קאָן זיך נישט העלפן... אַזוי איז שוין די וועלט!

ער, ליבער, איז דאָך עס געצווונגען אַזוי צו האַנדלען... אַז נישט, וועט נאָך דער נייער שפּעטער אַביסל — נאָך איידער ער, ליבער, וועט באַוויזן אַרומצוקוקן זיך — מיט אַמאָל אויסוואַקסן אין דער שטאָט אין זיין פולער גרויס — אויסוואַקסן אַ צו שטאַרקער קאָנקורענט...

אַז ער איז אָנגעקומען צו די יאַקאָס הויז, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם ווייטן, שטילן, גוישן שטאָט־טייל, מאונטיינדייל, אויף אַ ברייטער, מיט אַלטע עלם־ביימער געדיכט - פאַרוואָקסענער

גאַס, האָט נאָך אַלץ יעדער נערוו אין אים געציטערט, בשעת ער האָט אָנגעקלונגען אין טיר. אַ נעגערשע דינסט האָט אים געעפנט די טיר.

— דער באַלעבאָס איז איצט נישטאָ אין הויז.

די באַלעבאָסטע אָבער איז יאָ דאָ. נאָר זי איז איצט בײַ זיך אין צימער. אינדערהויך, זי רעדט דאָרט מיט אַ גאַסט. זאָל ער זײַן אַזוי גוט אַרײַנגיין אין אויפנאַמס-צימער און דאָרט אויסוואַרטן אַ ביסל.

אַנטפּלעקנדיק צוויי שורות בלישטשנדיקע און אומגעווײנלעך-ווײַסע צײן אין אַ מין פרײַנטלעכן שמייכל, האָט זי בײַ אים צוגענומען דעם פּאַלטאָ. ליבער האָט אַן אײַלנדיקן קוק געגעבן אויף דער נעגערטע: זי איז געווען קוילן-שוואַרץ, און איר פּנים האָט געגלאַנצט מיט אַ גלאַנץ פון אַנטראַציט. זי האָט געהאַט אַ ברייטע צוגעפּלעטשטע נאָז, ווי בײַ אַ סאָווע, מיט אומגעהויערע נאָז-לעכער, אין וועלכע מען וואָלט אַוודאי, בײַ אַ גוטן פאַרלאַנג, געקאָנט אַרײַנשטופּן גרויסע שפּולן מיט פאָדעם; געלע, מוטנע ווײַסלען, אַ ביסל ווי שפּורלעך; דינינקע, געקרײַזלטע הערלעך, ווי אָן אַ שיעור קלײנע אַרומקריכנדיקע ווערעמלעך אויפן קאָפּ... און מיטאַמאָל איז אים נישט גוט געוואָרן: ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס דזשעק האָט אים אַנומעלטן געזאָגט, אַז די מאַמע זײַנע, מרס. יאַקאָ, וויל אַוועקשיקן די דינסט זייערע און קריגן אויף איר אָרט אַן אַנדערע — ווײַל די־דאָזיקע נעגערטע, וועלכע שטייט איצט פאַר ליבערן ווי אַ פּרא-אדם, גנבעט... אָבער ער, ליבער, האָט דאָך געוווּסט די אמתע אורזאַך...

— אַך... ס'אַ גראָבע חיה, ס'אַ חזיר, אָט דער־דאָזיקער דזשעס איז... — האָט זיך ליבער געקאָכט אין זיך מיט היפּשן עקל.

אָבער באַלד דערנאָך איז אָנגעקומען אויף אים אַ שטילקייט און אַ מידקייט: ער האָט זיך אַרײַנגעטונקט אין פאָטעל-שטול און האָט פאַרמאַכט די אויגן. די פיס האָט ער אויסגעצויגן פאַר זיך אויף דער פּאָדלאָגע אין זייער גאַנצער לענג. ערשט איצט האָט ער דערפילט אין זיך אַזוי שטאַרק אַ מידקייט. זי איז אים געפלאָסן פונם גאַנצן גוף גלײַך אין די פיס אַרײַן.

...ווי דידאָזיקע יאַקאָס זענען עס שטיין-רייך! אָט, זיי האָט עס אָפּגעגליקט, צום טייוול! דער אַלטער איז געקומען אַהער נאָך מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, געווען איינער פון די ערשטע אימיגראַנטן — איינער פון די גאָר ערשטע רוסיש-פּוילישע יידן, וואָס זענען געקומען אַהער אין טריפאָדוויל. ממש קיין איין קאָפּיקע האָט ער דעמאָלט בישט געהאַט ביי דער נשמה, געגאַנגען אַליין אין צעריסענע הויזן, קרועה-בלויה, טראַנטעס און שמאַטעס זענען פון אים אַרונטערגע-האָנגען... אַ שטיק אַלטוואַרג — האָט ער טאַקע אַליין זיך באַלד גענומען פּעדלען מיט אַלטוואַרג.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז. שפּאָרעוודיק און איינגעהאַלטן. קיין יידן — נישטאָ, גוים — אַסך. נו. איז דאָך גוט..- געהונגערט, פאַר-דינט, געשפּאָרט, פאַרדינט, געהונגערט, געשפּאָרט.

און איצט — איצט איז ער איינער פון די גרעסטע דזשאָנק-דילערס*) אין דער גאַנצער געגנט, פאַרמאָגט זיין אייגנס צוויי גרויסע „דזשאָנק יאַרדס"**), וואָס זענען ווערט אַוודאי אפשר אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר; דורכגעפירט אייגענע אייזנבאַן-רעלסן, אַ גאַנצע אייזנבאַן-צווייג, וואָס פירט פון דער נאָנטער באַן-ליניע פון דעם „באַלטימאָר און אָהייאָ" ספּעציעל אין זיינע יאַרדס אריין — דער נאָמען פון זיין פירמע „יאַקאָ בראָדערס" איז מיט ווייסע און גרויסע אותיות שוין אויסגעקאַלכט אויף אַסך, אַסך שטויביקע, פאַרויכערטע וואַגאָנעס, וואָס ציען זיך אין דער ברייט און אין דער לענג פון גאָר דער לאַנד אַמעריקע, פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק.

און דערנאָך:

אַליין אַ קליינינקער, ממש אַ ברעקל, אייינגעדאַרט און איינ-געקוואַרט, ווי ער וואָלט יאָרן נאָכאַנאַנד שטענדיקע תעניתים און סגופים געפּראַוועט, האָט ער, פונדעסטוועגן, כאָטש אַליין שוין באַלד אין די מיטעלע יאָרן זיך איינגעשאַפט אַ פעטע, אַ הויכע ווייב, צוויי מאָל זיין אייגענע גרויס. דידאָזיקע ווייב האָט אים אָפּגעקאָסט אַ שטיק גאָלד, אַ „פּאָרטשון"*). אויך האָט ער זיך איינגעשאַפט דריי טונקל-גלאַנצנדיקע, זייער טייערע און זייער חשובע אויטאָמאָבילן; —

---

*) הענדלער פון ברוכוואַרג און אַלטן אָפּגענוצ:ן מעטאַל.

**) הויפן, ווו אָט דער מעטאַל ווערט אָנגעהאַלטן.

זיי האָבן אים אויך אָפּגעקאָסט שווערע טויזנטער, אַ „פּאָרטשון“*). ער האָט זיך אויסגעבויט צוויי רייכע, אַריסטאָקראַטיש - אויסגעשטאַטע הייזער, אויסגעפּוצטע מיטן גרעסטן לוקסוס, — איינס אין שטאָט און דאָס צווייטע אויפן לאַנד, אין אַ זומער-רעזאָרט, וואָס האָט זיך געפונען אַ הונדערט מייל צפון-צו פון טריפּאָדוויל, אויף אַ הויכן, וואַלד-פאַרוואָרפענעם ברעג פונם פּראַכטיקן סאנדאקסי-אויסגוס פונם גרויסן, צפונדיקן אָזערע איריי. אָ, ס׳מאַכט נישט, וואָס ער האָט נאָך איצט אויך בסך-הכּל מער נישט געלאָזט, ווי אונטערשרייבן זיין נאָמען אין ענגליש. אין דער טריפּאָדווילער אָפּטיילונג פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי האָט מען זיך אָבערר מיט זיין מיינונג תּמיד גערעכנט בשעתן באַשטימען אַ וואַל-קאַנדידאַט סיי אין די סטייט-וואַלן און סיי אין די פעדעראַלע; אָ, ער איז שוין איצט געווען אַזוי גרויס און אַזוי וויכטיק, אַז ערשט נאָך לאַנגע, לאַנגע איבעררעדענישן האָט ער איינגעוויליקט מען זאָל אַרויסשטעלן אויף די אָפּיציעלע פּאַפּירן פון דער קאָנגרעגיישאָן זיין נאָמען — כאָטש בלויז ווי אַן ערן-פּרעזידענט פון דער קאָנגרעגיישאָן „זבחי צדק“...

ליבער האָט זיך געפילט דערדריקט, דערשלאָגן ביים געדאַנק פון יענעמס גוואַלדיקע עשירות.

— וואָס דען, ווי ער, דער לא-יצלח?... אים דאַרף עס דאָך אַלץ און תּמיד גיין אַזוי שלימזלדיק. און אַלץ דערפאַר: ער האָט אָפּגעפינסטערט זיינע בעסטע יאָרן — און אַזויפיל יאָרן! אין דעם געדיכטן, צו-געדיכטן ניו-יאָרק.

— אַך, וואָס קאָן מען שוין דאָרטן אויפטון, אַז דאָרט זענען דאָ אַזויפיל יידן! אַזויפיל יידן! אַז ס׳איז אַזוי געדיכט געפּאַקט מיט יידעלעך!

און אַז ער, ליבער, האָט זיך דערנאָך שוין אויסגעקראַצט צו קומען אַהער, אויף דערנאָך אַלץ זאַפטיקער און זאַט-שפּייענדיקער ערד

*) אַן אוצר.

פון דער מיטל-וועסט, האָט ער אויסגעפונען, אַז אויך די מיטל-וועסט איז שוין איצט איבערגעפּאַקט מיט יידעלעך, — אַלץ איז פאַרנומען, אַלץ איז שוין פאַרנומען.

— און צו וואָס, רבונו-של-עולם, האָט ער זיך נאָך געדאַרפט פאַרבינדן מיט אָט יענער מויד אין ניו יאָרק — איצט, אַז ער האָלט שוין ביים ענדיקן, וואָלט ער דאָך ערשט געקאָנט טון דעם גלאַנ-צענדיקן שידוך!... און טאַקע מיט די היפּשע עטלעכע טויזנט דאָלאַר! וואָס איז, וועלכע מיידל וואָלט עס אים איצט נישט געוואָלט? נאָך אַ יאָר ענדיקט ער דאָך שוין אויף וועטערינאַר-דאָקטאָר...

ער האָט אַן איילעכן קוק געגעבן אין שפּיגל; זיך פאַרריכט דעם שניפּס, אָנגעשפּיגן זיך אויפן האַנט, און מיט דער באַנעצטער דלאָניע צוגעלייגט די שיטערע האָר פון זיין פליכצוואַטן קאָפּ.

— עט, נישקשה — האָט ער זיך געטרייסט — ביי אַ יונגנמאַן איז די אויסערלעכע שיינקייט סיי-ווי נישט אַזוי וויכטיק...

— פאַרקערט: אויף ווי וויט ער פאַרשטייט די פּסיכאָלאָגיע פון מיידלעך, איז אַ סברא, אַז מיידלעך — און דערהויפּט נאָך שיינע און שטאָלצע, — האָבן דווקא ליב צו הייראַטן מיאוסע בחורים — זיי ווילן האָבן די אויבערהאַנט אין דעם פאַרהייראַטן לעבן... זיי ווילן פירן די גרענדע, שפּילן די ערשטע פידל...

— כאַ-כאַ... איז מילא — וועגן דעם וועט מען שוין זען שפּעטער... ער איז נישט אַזאַ נאַר, ליבער... אָבער, דערווייל קאָן ער דאָך קריגן גישט נאָר אַ שיין מיידל, נאָר טאַקע פינף טויזנט, די גאַנצע צען? וואָס איז, עס איז דאָך שוין זיין לעצטער יאָר קאָלעדזש...

— יאָ, ס'איז אַפילו אמת: ער האָט עס טאַקע איר, אָט יענער אויסגעדאַרטער מיידל אין ניו יאָרק, דער ווייסט-מאַכערין, גאַססין, צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס ער האָט גאָר איינגאַנצן געקריגן די מעגלעכ-קייט צו גיין אין קאָלעדזש אַריין און שטודירן וועטערינאַרע מעדיצין זי האָט אין משך פון אָט דער גאַנצער צייט, וואָס ער לערנט זיך, נישט איין הונדערטער אים צוגעשיקט פון אירע שווערע פאַרדינסטן, פון אירע באמת-בלוטיקע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס... ס'איז אַלץ אמת. וועל, איז אויב ער וויל שוין זיין גאָר אַ לייטישער מענטש, קאָן

ער איר דאָך שפּעטער, אַז ער וועט אָנהויבן פאַרדינען, אומקערן דאָס געלט!

— און שאַ... כאַפּ זיך נישט, ליבער, וואַרף זיך נישט אַזוי מיט געלט... און אַפילו אַז נישט?... ס'איז נישט אַזוי געפערלעך... אַלע טוען אַזוי... מיט וואָס איז ער ערגער פון אַנדערע יונגעלייט?... אויף דעם איז עס דאָך אַמעריקע!

און אונטער די פאַרמאַכטע אויגן, — אין דער האַלב-בלויער, האַלב-געלער ליכטיקייט, וואָס האָט דורך די אויגן-לעדלעך אַהין אַריינ-געלויכטן, — האָט ער מיט עקל דערנאָך געטראַכט פון דער געלער, אויסגעדאַרטער ווייסט-מאַכערין, פון וועלכער ער קריגט די לעצטע צייט שוין צו-אָפּטע בריוו — אַזש צו עטלעכע בריוו אַ וואָך... דאָס בלוט האָט אין אים באַלד אָנגעהויבן בייז און חיהדיק צו זידן.

— אַן ענד, אַן ענד מוז עס נעמען צו דעם אַלעמען... זי האָט אויף אים קיין שום רעכט נישט! ער איז אַ פרייער מענטש, צי ניין? מען קאָן קיין פרייען מענטש נישט אָפּקויפן אויף אייביק! עס איז נישט אַמאָליקע צייטן — ס'איז אַמעריקע!

5

פאַמעלעך, מיד פון זיך אַליין, האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן אויפעפענען זיינע אויגן.

אַ שטילער איידל-זינגנדיקער קול האָט זיך געטראָגן דאָ אין דער לופט פון ערגעץ אַ ווינקל אין הויז, — ווי אַ פלוצלינג-דער-הערטער קוועלן פון אַ טייכל אין אַ וואַלד, — אַ צערטלענדיק ווייכער, אַ פאַרחלומטער, אַ זיך-חנדלדיקער פרויען-קול.

ליבער האָט זיך אַרומגעקוקט. האָט געזוכט פון וואַנען דידאָזיקע אַזוי-זיסע שטים קאָן עס קומען. און איבעראַנייס, ווי אַן אויפגעוועק-טער פון שלאָף, האָט ער איצט דערזען דאָס צימער, אין וועלכער ער איז די גאַנצע צייט געזעסן.

אויף די ווענט זענען געהאָנגען פאַמיליען-בילדער פון אַלטע פאַטריאַרכאַלע זקנים, מסתּמא מר. און מרס. יאַקאָס עלטערן, זקנים

מיט לאַנגע, גרויע בערד, ווי ביי רבנים אָדער גאונים; זקנים אין קיילעכדיקע און זעקס-קאַנטיקע יאַרמולקעס; זקנות פאַרוויקלטע אין טערקישע פאַטשיילעס, אין קאַפּ-טיכלעך, פאַרבונדענע אונטערן קין מיט צוויי לאַנגע פליגל-שפּיצן.

אויף אַנדערע ווענט זענען געהאָנגען גלאַט בילדער, — וועלט-לעכע בילדער; אין דער הויך: דאָס בילד פונם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן; אַביסל נידריקער — דאָס בילד פון דעמאָלסדיקן פּלאַט-מיניסטער, וועלכער איז גראָד געווען אַ געבירטיקער פון טרי-פּאָדוויל, און דעם אַלטן יאַקאָס אַ פּאָליטישער פריינט פון לאַנגע יאָרן געהערט צוזאַמען אין דער אָרטיקער אָפּטיילונג פון דער זעלביקער פּאַרטיי, דער רעפּובליקאַנישער. און אונטער זיי — צוויי פאַר-גרעסערטע קונסט-פאָטאָגראַפיעס פון די באַלעבאַטים אַליין, מר. און מרס. יאַקאָ.

אין אַ נידעריקן ביכער-האַלטער פון כינעזישן געשניצטן עבאני-האָלץ, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ נאָענטן טישל, זענען געווען אויסגעשטעלט מיט די רוקענס צו די באַזוכער עטלעכע ספרים; קיין ביכער-אַלמער איז דאָ נישט געווען צו זען. ליבער האָט איבערגעלייענט די אויפשריפטן אויף די גאָלד-געשטאַמפּטע רוקנס, אין דער אָרדנונג, ווי די ביכער זענען געווען אויסגעשטעלט.

1) זאַנגווילס „דרימערס אָף דהי גהעטאָ”; 2) מחזור לראש השנה; 3) „דהי מען וויטהאוט איי קאַנטרי”; 4-5) מנורת המאור און „קב הישר” עם תרגום עברי טייטש; 6) „בעסט דעטעקטיוו סטאָריס אָף דהי וואָירלד ליטעראַטשור”; 7) האו טו ביקאם סוקסעספול אין לייף”; 8) תחינות לשלוש רגלים”; 9) אואידאס ראָמאַן „אַנדער טו פלעגס”.

און ער האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן.

— אַך, ער איז דאָך אַזוי מיד, מיד... פע, ס'איז אַ פּאַסקודנע אַרבעט דידאָזיקע העברעאישע לערעריי... איז אים ווען עס איז איינגע-פאַלן, אַז זיינע עטלעכע יאָר אין חדר, מיט יאָרן און יאָרן צוריק, זאָלן אים שפּעטער צונוץ קומען אויף צו מאַכן אַ לעבן? שאַ, און צוריק גערעדט, אויב אַזוי — איז דאָך די געפּטר'טע יונגט זיינע אין חדר נישט געווען אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן...

מיטאַמאָל דערשמעקט ליבער אַ ריח פון געשמאַקן, פעטן קאַרפּ,

חעלכער האָט אַוודאי זיך איצט געקאָכט און געזאָטן שוין אינם דריטן וואַסער ערגעץ אין אַ נאָענטער קיך. סטייטש, — איז ער אויפגערעגט געוואָרן און אָנגעפּילט געוואָרן מיט קנאה — היינט איז דאָך נישט קיין ערב שבת! קאָכט מען דען ביים פּרעזידענט פון „זבחי צדק״ פיש אַפילו אין מיטן דער וואָך אויך?

— פוי... ס׳אַרט פּרעסער דאָס זענען דידאָזיקע יאַקאָס... ס׳אַרט פּעטע, אָנגעקאָרמעטע חזרים...

— נישקשה, — האָט ער זיך ווי געטרייסט פאַר די אַלע באַליידיגונגען, וואָס אים איז אויסגעקומען אויסצושטיין די גאַנצע צייט — סיי היינט און סיי אַ גאַנצן יאָר, און סיי אַלע יאָרן... — נישקשה... ער וועט זיך נאָך אַמאָל אָפּרעכענען מיט אַלעמען... אָ, ער וועט זיך בשום אופן נישט לאָזן צוטרעטן...

און מיט דער דאַרער, גרין-און-געלער מויד זיינער אין ניו יאָרק, וועט ער טאַקע נישט חתונה האָבן: פון איר שמעקט דאָך שוין מיט אַזאַ פאַרלעגענער טוכלעקייט — און די שטעלע אין דער תּלמוד-תּורה וועט ער געוויס אויך קריגן — אָ, ברודערקע, ער וועט זי קריגן ער וועט זי קריגן, ברודערקע... (ער האָט דאָס אַלץ געהאַלטן אין איין אויפגערעגטן און טראַציקן איבערחזרן ווי אין נצחון) אַלעמען אויף-צו-להכעיס, וועט ער זי דווקא קריגן...

און דערנאָכדעם... דערנאָכדעם, אַז ער וועט ענדיקן, וועט ער איינגאַנצן און אויף תּמיד אַ שפּיי טון אויפן דאָזיקן גאַנצן העברעאיש, מיט דער גאַנצער היגער יידישער קינדער-דערציאונג, מיט אַלץ מיט אַן אַנדער... אָ, דעמאָלט וועט ער שוין זיכער קיינעם פון זיי נישט וועלן אָנקוקן אַפילו!

אויפן חשבון פון אָט דעם געהאָפטן און געגאַרטן, פון זיין צוקונפטיקן אָנשפּייען, האָט ער דערווייל שוין, ווי אַן אַוואַנס, אַ זאַפטיקן כריאַקע געגעבן אויפן רייכן פערזישן טעפּיך, וואָס איז געלעגן אונטער זיינע פיס. ער האָט זיך אַ ווײַלע געקוויקט מיטן קיילעכדיקן שפּייעכץ-רעדעלע, אויף וועלכן בלעזעלעך זענען אויפגעגאַנגען און צערונען געוואָרן, — און באַלד, — איצט שוין אַוודאי פון בלויזער קינסטלערישער הנאה וועגן, — האָט ער אַנידערגעלייגט דערביי נאָך איינעם, און אַ דריטן...

אַ ווײַלע האָט ער אויף זיי אָנגעשטרענגט און פֿאַרטראַכט געקוקט אָט ווי ער וואָלט דאָ, אין דידאָזיקע בלעזלעך שפּײַעכץ, וועלטן גאַנצע איצט געזעען. און מיטאַמאָל האָבן אים שוואַרץ און בלישטשנדיק אויפֿגעלויכטן די אויגן. ער איז אויף גיך אויפֿגעשפּרונגען, זיך שנעל אײַנגעבויגן, אײַנגעטונקט אין דעם שפּײַעכץ זײַן אצבע, זיך פֿיבעריש־אײַלנדיק אומגעקוקט אין אַלע זײַטן — אַז פֿון ערגעץ האָט זיך נישט געהערט קיין שאָרך, האָט ער דערנאָך שוין, פֿאַמעלעך און ערנסט אַרומגעפֿירט מיט דעם באַנעצטן פֿינגער איבער דעם בעל־הביתיס מויל אויפֿן פּאָרטרעט, — אַרומגעפֿירט אים דאָרטן מיט אַ שטילן פֿאַרגעניגן ממש מיט אַ מין פֿײַערלעכקייט.

פֿלוצלינג האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האָט דערהערט אַ שאָרך. ער איז געוואָרן אינגאַנצן בלייך, האָט אויף גיך אָפּגעווישט מיטן שוך דאָס שפּײַעכץ פֿונם טעפּיך, און אין אײַלעניש זיך צוריק אַרײַנגעזעצט אינם פּאָטעל־שטול. ער האָט אינגאַנצן געציטערט.

— אָ, גאָט מײַנער, מען זאָל אים נאָך נישט כאַפּן...

אָבער אַז אין אַ ווײַלע אַרום איז ווידער געוואָרן שטיל, האָט ער שוין אָנגעהויבן ווילעריש און שקאָצעוואַטע צו־צווינקען מיט אַן אויגל, — האָט אנגעהויבן ווינקען ווי צו עמעצן, וואָס וואָלט דערבײַ געשטאַנען... ער האָט זיך אַזוי באמת טיף געפֿרייט מיט דעם, וואָס ער האָט דאָ „זיי" אָפּגעטון אַ שפּיצל.

אָבער איצט, נאָך דער אָנגעשטרענגטער נאָכאַנאַנדיקער אויפֿרעגונג, איז ער שוין טאַקע געווען באמת אינגאַנצן מיד.

אַלץ, אַלע אברים זײַנע האָבן אין אים איצט געציטערט. ער האָט פֿון צײַט צו צײַט אויִפֿגעקרעכצט פֿון מידקייט.

— נו, — האָט ער געקרעכצט — ווען וועט זי שוין אַרונטערקומען, די מרס. יאַקאָ? דאַס לאָזט זי אים אַוודאי אומישנע וואַרטן, כּדי צו מאַכן זיך וואָס וויִכטיקער אין זײַנע, ליבערס אויגן... וואָסאַי, די דינסט

האָט איר דען גלייך נישט געזאָגט, אַז אימיצער, אַ דזשענטלמען, וואַרט אונטן ? כע-כע.

ער האָט נאָך באַקוועמער און מידער אויסגעצויגן די פיס. ער האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן.

...אַ שניי איז שטיל געפאַלן אין דרויסן, אַ שניי אַ ווייסער. אַ רויקע קלאָרקייט האָט זיך איבער דער וועלט געשפרייט. דעכער זענען אין ווייסע, קרומע און שפּיציקע פעלדער פאַרוואַנדלט געוואָרן, די אָנהויב-ווינטערדיקע אָפּגעפּליקטע בוימער-שוואַרצקייט האָט זיך איצט אינגאַנצן אָפּגעזיילבערט און האָט אויפגעהערט צו שרעקן. שניי אין דרויסן און שניי אינעווייניק... שניי אומעטום ; שניי און ווייס...

ווייס איז דאָס הויז אינגאַנצן, ווייס די גאַסן און ווייס איז אויף דער נשמה... וואָס איז די גאַנצע וועלט אין די טויטע ווינטערדיקע גערטנער מיט די אַרויס-סטאַרטשענדיקע קאַשטאַנעס פון קרויט און קירבעסן און פאַראַיאָריקע וואָרצלען — זענען אויף פאַרוויסט. דאָס גרוי איז פון דעם רויך אינגאַנצן דורכן שניי אַרונטערגעוואַשן געוואָרן.

— ריין... אָך, אַמאָל, אַמאָל, איז עס טאַקע געווען ריין — אין ווינטער פאַרפרירן די טייכלעך — בלוי, קרישטאַליק פאַרפרירן זיי — אָבער אונטן, אונטערן אייז, שלאָגט זיך דורך אַן אָדערל. אַ פלייצנדיק, וואַרעם-בלויז אָדער פון קלאָר-גרין וואַסער אונטערן אייז — אָך, אַמאָל איז עס געווען גוט און ריין און ווייס — אַז אַפילו איצט אויך זינגט עס, זינגט...

אַ שטילער-זינג-זאַנג פון אַ פרויען-שטים האָט מיט אַמאָל זיך געלאָזט הערן, דורך דער סטעליע זיך געלאָזט אַהער הערן, קענטיק פון די אויבערשטע חדרים. אַ באַקאַנטע שטים, אַ שוין-לאַנג געהערטע שטים. ליבער, נאָך אַלץ מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג צו כאַפּן דעם גאַנג פון די רייד, כאַפּן אַ וואָרט, דערגייין ווער עס רעדט — און נישט געקאָנט : ס'איז אים שווער געווען דורכצוברעכן דעם אייז-צודעק איבער אים...

אונטן בלויז האָט געוואַרעמט. אין דרויסן איז נאָך אַלץ געגאַנגען אַ שטילער שניי...

נאָך מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ אויף געטון — אַ ציטערנדי-קער, מיט פונאַנדערגעריסענע אויגן און מיט אַ מינע פון אַ פּאַסאַזשיר

אין אַ צוג, וואָס האָט פֿאַרשלאָפֿן זיין סטאַנציע. אויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט פֿונם אויבערשטן שטאָק אַרונטער האָבן זיך איצט שוין דייטלעך געהערט טריט. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט גיך, גיך, פּונקט ווי ער וואָלט אָקאָרשט געכאַפּט געוואָרן ביי עפּעס אַ גנבה. זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן אַרומיאָגן איבערן צימער. ער האָט אַ לויפֿיקן קוק געטאָן אין דרויסן — און דערזען כמעט מיט דערשטוינונג:

אין דרויסן איז איצט נישט געווען צו זען אַפֿילו קיין סימן פֿון אַ שניי, — אַ דריי-אַזייגערדיקע הייסע זון היצט נאָך איצט זייער שטאַרק אָן די בוימער, די לעצטע בלעטער פֿונם יאָר האַלטן זיך נאָך אַלץ אויף די צווייגן. מער נישט: זיי זענען שוין אינגאַנצן רויט-ברוין, די לעצטע בלעטער, רויט-ברוין און פּורפּורדיק, ווי אָנגעזויפּט און אָנגעשוואָלן מיט בלוט, — מיטן בלוט פֿונם אָפּשטאַרבנדיקן זומער.

6

— פֿאַרגעסט זשע נישט אַרויפֿצוקומען אַמאָל צו אונז, מרס. יאַקאָ, יאָ? און קומט טאַקע אַרויף צום מיטינג נעקסטן דאָנערשטיק... ס׳איז נאָך דאָ אַפֿילו צוויי חדשים צו אונזער «אַפֿעיר», נאָר די פֿאָרבערייטונגען זענען זייער פֿיל, און אַרבעט איז דאָ אַ סך, און מיר דאַרפֿן האָבן אַזעלכע ענערגישע טוערינס ווי איר, מרס. יאַקאָ!... אַי זע נאָר! און אָט איז דאָך מר. ליבער אויך דאָ... וואָס מאַכט איר עפּעס, מר. ליבער?

אַך, ווי גיך און אָפּגעהאַקט האָט זיך עס דער טאָן פֿון מרס. שניאורס שטים געביטן... דוכט זיך: אַזוי גיך-גיך און אַזוי איילנדיק, נערוועז, אַזוי געשעפּטלעך און פֿאַראינטערעסירט האָט זי ערשט מיט אַ מינוט צוריק גערעדט מיט דער מרס. יאַקאָ, וועלכע האָט גוטמוטיק, ווי אַ מוטער צו אַ פּלאַפּלענדיק קינד, צוגעטרייסלט צו איר מיט איר שווערן, אַרונטערפֿאַלנדיקן גוידער. אָבער ווי מרס. שניאור האָט נאָר אים דערזען, ליבערן, האָט זיך שוין גלייך אַ מידער, אַ קלוגער שמייכל צעגאָסן אויף איר טונקל-בלייך פּנים. געוואָלט האָט זי, קענטיק, מיט אָט דעם שמייכל ליבערן אָן אינטימען געדאַנק אירן איבערגעבן:

— איר זעט ווי אַ מענטש איז עס טיף געפֿאַלן... מ׳שטיינס.

געזאָגט, די געשעפטן, וואָס מיר, איך און מרס. יאַקאָ, קאָנען שוין צוזאַמען האָבן... נאַרישע קאָך-לעפלס... קאַלעקאָטקעס, מער נישט — גאָרנישט... אָט אַזוי איז עס שוין: איז מען שוין איינמאָל אַריין אין שפּאַן, מוז מען שוין נאָכגאַנאַנד שלעפּן דעם וואָגן. טריפּאָדוויל! וואָס נאָך קאָן מען דאָ צוגעבן? אַזאַ שטאָט איז עס שוין...

דערזעענדיק דעם גאַסט, האָט מרס. יאַקאָ אַ צי געטאָן אַ פּלו-שענעם קוטאַס, וואָס איז געהאָנגען ביי דער טיר. דער בלאָנדער און געזונטער דייטשקע, דער סאַלאָן-דינסט, וואָס איז אין אַ מינוט אַרום אַריינגעקומען, האָט זי געהייסן דערלאַנגען טיי. זי האָט זיך אָנגעהויבן אַנטשולדיקן:

— מר. יאַקאָ איז נישטאָ אין דערהיים... אָקאָרשט אַוועק אין דער טריפּאָדווילער האַנדלס-קאַמער אויף אַ וויכטיקער זיצונג.

ליבער האָט זיך דערפּילט ממש גליקלעך, וואָס מר. יאַקאָ איז אין הויז נישט געווען: מער וואָלט אים נאָך נישט געפעלט ער זאָל זיך געווען באַדאַרפן דערנידעריקן דאָ, גראָד איצט פאַר מרס. שניאורן אין די אויגן... אַזוי איז טאַקע בעסער.

ער האָט זיך אויסגעשטייפט, אויסגעגלייכט, אָנגעפּאָמפּעט אין זיך מיט אַ ווילנס-אָנשטרענגונג אַביסל מער זעלבסט-ווירדע.

— איבריקנס... מען דאַרף אפשר אָן דעם גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, האַ? איך ווייס, נו, אַזוי צי אַזוי... ס׳לוינט זיך נישט צוליב דעם אַזוי צו פאַראומווירדיקן זיך... שטייט דען נישט זיין מענטשן-ווירדע העכער פון דעם אַלעם, פונם גאַנצן דזשאַב?

אין דער לופט האָט ווידער אָנגעהויבן צו זינגען די ווייך-צערטלענדיקע די מיד-צעצויגענע שטים פון מרס. שניאור. גערעדט האָט זי אָבער אַלץ צו מרס. יאַקאָן — וואָס האָט זי דען געהאַט צו רעדן מיט ליבערן?

— און יאָ... וואָס האָב איך דאָס געהערט... מר. קיפּניסן איז ענדלעך געלונגען אַריינצופּאַקן אַ חתן פאַר זיין טאָכטער? כאַ-כאַ...

— נו, פאַרוואָס נישט... האָט מרס. יאַקאָ גרויסמוטיק און מוטערלעך באַוויליקט אויף איר כאַראַקטעריסטישן שטייגער: צו וואָס דאַרף זי עס זיין די שלעכטע, די נישט-פאַרגינערין? אַ מער, וועט זי בעסער זיין תמיד די גוטע... זי וועט שוין דורך דעם גופא, דורך

איר תמידער גוטסקייט, ארויסציען אינם געשפרעך דאָס גאַנצע שלעכטס' וואָס אירע מיטשפּרעכער האָבן צו דערציילן וועגן אַ מענטשן... זאָל בעסער יענער רעדן לשון-הרע! נו, פאַרוואָס נישט? זי איז דאָך, זאָגט מען, גאָרנישט קיין מיאוסע מיידל, די רעי, ווי?

— וואָס איז, אַליין קענט איר זי נישט? — ביי מרס. שניאורן האָבן זיך אָנגעצונדן פיינטלעכע פייערלעך אין די אויגן.

— נו, אַוודאי... זי איז שוין גאָרנישט קיין מיאוסע, אַ העלפט פון איר אויף מיר געזאָגט געוואָרן... — מרס. שניאור האָט אַזאַ מין באַשיידן חנעוודיקן שמייכל אַ וואָרף געטון אין ליבערס זייט — נאָר גאָרנישט, איך זאָג עס גלאַט... דערקלערט מיר נאָר, טייערע מרס. יאַקאָ: פאַרוואָס יאָגן זיך עס אַזוי היינטיקע מיידלעך נאָך חתנים? אַזאַ יאָגעניש, אַזאַ אויסכאַפּעניש! מען שלאָגט זיך איבער זיי... און זי איז דאָך נאָך גאָר אַ יונג מיידל!...

—זי האָט ווידער געגעבן אַן אומשולדיקן שמייכעלע אין ליבערס זייט.

— וואָס איז: אַכט און צוואַנציק יאָר הייסט דען ביי אייך אַלט? פאַרקערט, איך האַלט, אַז אַ מיידל היינטיקע צייטן טאָר גאָר־נישט חתונה האָבן פריער פאַר דעם עלטער... נישקשה, זיי מעגן אַליין אויך פריער אַ לעבּ טון אַביסל...

אָבער מרס. יאַקאָ וועט איר אַוודאי נישט גיין אויסזאָגן איר מיינונג, צי האַלט זי, אַז אַכט און צוואַנציק יאָר איז אַלט פאַר אַ מיידל, אָדער נישט. זי וועט איר אַפילו קיין וואָרט נישט לאָזן פאַלן, צי זי גלויבט גאָר בכלל, אַז רעי קיפּניס איז שוין אַלט אַכט און צוואַנציק יאָר. פאַרקערט, זי ווייס גאַנץ זיכער, אַ רעי איז נאָך אַפילו קיין 25 יאָר נישט אַלט, נאָר ווי באַלד, אַז זי זעט דאָך שוין אַז מרס. שניאור איז איבער עפּעס אַן אורזאַך אַביסל אָנגעשטויסן אויף מרס. קיפּניסן און וויל אויף איר אַרויסלאָזן אַ שם-רע פון אַן אַלטער מויד, — דאַרף מען זי נישט דערצערנען. זי וועט נאָר זען, מרס. יאַקאָ, אַרויספירן דעם געשפרעך אויף עפּעס זייטיקס — אויף די היינטיקע בחורים, לאָמיר זאָגן...

און מרס. יאַקאָ רופט זיך טאַקע באַלד אָן:

— וואָס מיינט איר, דאָ אין טריפּאָדוויל איז טאַקע אַ דוחק

אויף לייטישע יידישע בחורים... וואָס איז זיך צו נאַרן: אונזערע אייגענע בחורים טויגן עפּעס נישט; זיי ווילן בשום אופן נישט חתונה האָבן... ס'איז דען אַ וווּנדער: אַז זיי דרייען זיך דאָך רק אַרום מיט שיקסעס...

7

ליבער האָט נישט געקאָנט בייקומען די גרויסע דערשטוינונג זיינע.

— זע נאָר... ווי קומט זי, די מרס. שניאור, אַהער?

און ער האָט קיינמאָל גאָרנישט געדענקט, אַז דידאָזיקע צוויי הייזער, די שניאורס און די יאַקאָס, זאָלן זיין אַזוי פריינדלעך אויפגעטראָגן איינער מיטן אַנדערן... אויף ווי ווייט אים איז עס געווען באַקאַנט, איז די קאָנגרעגיישאָן „תפארת ישראל" דאָך פון תמיד אָן אויף מעסערס מיט דער קאָנגרעגיישאָן „זבחי צדק". ער האָט דאָך אויך געוווּסט, אַז דר. שניאור און דר. קלעצקין, די גייסטיקע פּאַסטוכער פון דידאָזיקע ביידע קהלות, פלעגן כמעט אַלע זייערע טעג פאַרברענגען און אויסטראַכטן טיפע פּלענער, — און אויסטראַכטן פאַרטעלן טיפע:

— ווי אַזוי אַרומעט זאָלן זיי איבערשטייגן איינער דעם אַנדערן... ווי אַזוי אַר.מעט זאָלן זיי פאַרשטאַרקן זייער איינפלוס אין שטאָט, איינער מער פאַר דעם צווייטן?

זיי האָבן זיך שוין פון לאַנג אָן שטאַרק פיינט געהאַט, אָט דידאָזיקע צוויי הייליקע רבנים. איינער האָט דעם צווייטן אונטער די אויגן געהאַלטן אין איין באַרעדן; איינער האָט אויף דעם צווייטן געזאָגט, אַז יענער פאַרטיליקט ממש דאָס יידישע פאָלק מיט זיינע נישט-פּאַסיקע דרשות און מיט זיין גאַנצער פירונג; איינער האָט געקאָכט אויפן צווייטן, פאַרוואָס יענער „טרייבט אַוועק פון דעם הויז פון ישראל דעם יונגן עלעמענט, דעם אַמעריקאַנער דור"...

אין דער שול פון דער קאָנגרעגיישאָן „זבחי צדק" פלעגן די

שבתדיקע און יום־טובדיקע דרשות געהאַלטן ווערן אין יידיש און אין דער סינאַגאָגע פון דער קאָנגרעגיישאָן „תפארת ישראל״ — אין ענגליש. דר. קלעצקין פלעגט תמיד אַריינבראָקן פסוקים אין זיינע דרשות, פלעגט זיי אָן אַ שיעור „מתבל זיין מיט גמרא־ווערטלעך, מיט אַלערליי מדרשים און „מאמרי חז״ל. פאַרקערט, דר. שניאור פלעגט האָלט האָבן אַריינפלעכטן אין זיינע „סוירמאָנס״ (דרשות) די לעצטע פּאָליטישע פּאַסירונגען, ליטעראַרישע און פילאָזאָפישע אָנצוהערענישן וועגן ענגלישע ביכער, וואָס זענען גראָד געווען אין דער מאָדע; אויך פלעגט ער דרשנ׳ען אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס, — דערעיקרשט ליב געהאַט רעדן וועגן כעמיע און וועגן פיזיק: ווי אַזוי די נאַטור־געזעצן גופא, ווי זיי ווערן דעמאָנסטרירט אין דידאָזיקע וויסנשאַפטן, באַווייזן בפועל ממש די גבורות און די ווונדער פון גאָט, פון דעם באַשעפער פון דער וועלט... ער האָט ליב געהאַט כמעט אין יעדער דרשה צו דערציילן און נאָכאַמאָל איבערחזרן וויל־באַקאַנטע אַנעקדאָטן וועגן גרויסע און באַרימטע וויסנשאַפטס־מענער, וואָס האָבן אויך אויסגעפונען, אַז רעליגיע איז דער הויפּט־יסוד פונם מענטשנס לעבן.

— טאַקע פון אַ ביאָלאָגישן שטאַנדפונקט... פון אַ כעמישן שטאַנדפונקט... פון אַ פיזיקאַלישן שטאַנדפונקט...

דר. קלעצקין האָט שרעקלעך פיינט געהאַט דר. שניאורן: ער האָט אינסטינקטיוו געפילט — כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין שום אויסערגעוויינלעכע גרונטן דערצו, — אַז דר. שניאור האַלט זיך העכער פון אים, — דער לעצטער האָט דאָך נאָך איצט אויך שטודירט מעטאַפיזיק, פילאָזאָפיע פון וויסנשאַפט און סאָציאָלע פסיכאָלאָגיע אין אַ העכערן פּאָסט־גראַדואירטן סעמינאַר פון דער אָרטיקער אוניווערזיטעט... ווייל דר. שניאור איז דערווייל בלויז געווען אַ דאָקטאָר פון טעאָלאָגיע פון שעכטערס ראַבינער־סעמינאַר — אַ „דיווינִיטי דאָקטאָרס; און אויב ער, אַ מענטש אַ זאַטער און אַ רויק־באַלעבאַטישער, האָט נאָך געהאַט אין זיין לעבן איין פאַרלאַנג, איין אַמביציע, — איז עס געווען די אַמביציע צו קריגן אַ „פי־אייטש־די״—דעם הויכן וועלטלעכן בילדונגס־טיטל: דאָקטאָר פילאָזאָפיע.

נישט באַזונדערס ליב געהאַט האָט אים אויך דר. קלעצקין צוליב יענעמס ליטעראַרישע אַמביציעס: אין איינעם אַ פילאַדעלפיער

ענגלישן זשורנאַל, „געווידמעט דעם שטודיום פון יידישער רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע און יודאַאיקע", פלעגט דר. שניאור פון צייט צו צייט אָפּדרוקן אַלערליי מאָנאָגראַפיעס און אָפּהאַנדלונגען — אַ שטייגער, אָפּהאַנדלונגען וועגן פאַרשידענע כשרות־דינים, וועגן הלכות מליחה אינם ליכט פון דער מאָדערנער דיעטעטיק־וויסנשאַפט, מאָנאָגראַפיעס וועגן אומבאַקאַנטע און לאַנג־פאַרגעסענע פאָרשטייער פון דער עלטסטער רבנישער אַפּאָלאָגעטיק, א. אַז. וו. דר. שניאור האָט שוין אַפילו געהאַט אָפּגעדרוקט אַ באַזונדערע בראָשור: „וועגן דער גניזה און נאָך איייניקע עגיפּטישע פּאַפּירוסן".

כאָטש ס'איז אַפילו סך־הכּל מער נישט געווען ווי אַ סעפּעראַט־אָפּדרוק פון זיינעם אַ גרעסערן עסעי אינם זעלבן ענגלישן יודאַאיקאַ־זשורנאַל, — פלעגט דאָך דר. שניאור פילן אַ שטאַרקן מחברשן שטאָלץ מיטן דאָזיקן ביכל זיינעם. ביי אים אין אַ קאַסטן זענען געלעגן ערגעץ גאַנצע עטלעכע הונדערט עקזעמפּלאַרן פון דער דאָזיקער בראָשור. ווען נאָר עמעצער פלעגט אים קומען באַזוכן, פלעגט ער קיינמאָל נישט פאַרפעלן סוף־כּל־סוף, אונטער אַלערליי אויסרעדן, באַווייזן דעם גאַסט דעם דאָזיקן ענגלישן חיבור זיינעם, שמייכלענדיג דערביי מיט אַ שעמעוודיקן, שולדיקן שמייכעלע, מעשה באַשיידענער אויטאָר:

— עט, ס'איז אַ קלייניקייט... ס'איז גאָרנישט... דערווייל בלויז אַ וויסנשאַפטלעכער עסקיז... איך וועל עס ערשט באַאַרבעטן... ביי מיר ליגט נאָך אַסך, אַסך מאַטעריאַל... איך שרייב וועגן דעם ענין איצט אַ גרויס ווערק, — וועט אַוודאי פאַרנעמען אַ דריי הונדערט זייטן גרויסן פאָרמאַט... כ'פיר שוין אונטערהאַנדלונגען מכּח דעם מיט דעם באַרימטן מאַקמילאַן פאַרלאַג...

אָדער האָט דר. קלעצקין געדאַרפט אפשר ליב האָבן דר. שניאורן דערפאַר, וואָס דער לעצטער פלעגט זיך גאָלן די באָרד? פאַרשטייט זיך, נישט מיט אַ גאָל־מעסער... ער פלעגט זיך גאָלן מיט אַ פּודער, וואָס האָט אויף זיך געהאַט דעם הכשר פון די גרעסטע רבנים „בכל תפוצות אַמעריקע"... ס'איז געווען זייער אַ שיין און געפּוצט שאַכטעלע און עס האָט געמאַכט זייער אַ ווייבערשן איינדרוק — אַ שטייגער, אַזוי ווי

ווייבערשע פודרע; אַ שאַרלעך־רויטע שאַכטעלע, מיט אַ גרויסער שוואַרצער אויפשריפט אויף דעם:

לאַפּרושי מאיסורי דאורייתא!

אָבער צוריק גערעדט: דר. קלעצקין אַליין האָט ביי דר. שניאורן אויך נישט אַרויסגערופן קיין באַזונדערע פריינטלעכע געפילן... דר. שניאור האָט שוין געהאַט זיינע טעמים, פאַרוואָס ער האָט פון זיין זייט נישט ווייניקער פיינט געהאַט דר. קלעצקינען.

דער לעצטער — האָט עס געהייסן — איז אַ רב׳ל, אַ ישיבה־בחור, אַ מלמד... ער איז בכלל זייער און זייער אָפּגעשטאַנען.

אָבער דער עיקר איז געווען — דר. קלעצקין האָט אונטער זיך געהאַט אַסך אַ גרעסערע עדה יידן און האָט געקראָגן מיט טויזנט דאָלאַר אַ יאָר מער שכירות איידער דער געבילדעטער רעווערענד, דר. שניאור... און דר. שניאור פלעגט ביי זיך שטאַרק אַראָפּפאַלן, ווען ער פלעגט זיך פון צייט צו צייט דערוויסן: די פרויען פון זיין קהלה, די מיטגלי־דערנס פון דער קאָנגרעגיישאָן „תפארת ישראל", כאָטש זיי פלעגן תמיד ממש די פינגער לעקן פון זיינע געבילדעטע און וויסנשאַפטלעכע ענגלישע „סוירמאָנס", פלעגן פונדעסטוועגן האָבן מער אמונה אין דעם אָרטאָדאָק־סישן רב, אין דר. קלעצקינען, אין רעליגיעזע ענינים. אָ, אין אַן ערנסטן מאָמענט פלעגן זיי טאַקע קומען צו דר. קלעצקינען, אַ שטייגער — פרעגן אַ שאלה, ווען, צום ביישפיל, אַן אַקאָרשט־געקוילעטע הון האָט געהאַט עפּעס אַ סירכה׳לע אויפן לעבערל...

— אָ, די מאַכט פון אומוויסנהייט, — האָט דר. שניאור געקרעכצט אין זיין קאַבינעט, אַן אַרומגערינגלטער מיט זיינע פאָליצעס ביכער איבער חכמת־ישראל — גרויס איז די מאַכט פון אומוויסנהייט... גרויס און שטאַרק...

און דר. שניאור פלעגט שטילערהייט קריצן מיט די ציין... פאַר זיינע נאָענטע פריינט פלעגט ער זיך באַקלאָגן, אַז דר. קלעצקין איז אומישנע צופיל אַ מקיל אין הלכות־כשרות און טריפות, ווייל ער, נאָך אַ בחור, וויל געפעלן ווערן די פרויען פון דער „תפארת ישראל" קאָנ־גרעגיישאָן... און חוץ דעם האָט טאַקע רעווערענד דר. שניאור גוט געוווּסט: מיט דעם אָ, מיט זיין גרינגער האַנט אין פּסק׳ענען שאלות,

ווערט טאַקע דר. קלעצקין דערוויל מער פּאָפּולער ביי זיי — ער שלאָגט ביסלעכווייז ביי אים ביי דר. שניאורן אַלץ אָפּ זיין אייגענעם עולם...

* *

*

בלויז אויף איין פונקט האָבן זיך אי דר. שניאור, אי דר. קלעצקין — סוף-סוףביידע רבנים — אין ביידע שולן האָט מען געדאַוונט אין די היטלען — געקאָנט אייניגן:

ביידע זענען זיי זיך צונויפגעקומען אין דער געמיינשאַפטלעכער שנאה, וואָס זיי האָבן געפילט צו דר. פרייפעלדן. דעם רעפאָרמערישן ראַבאַי. יענער האָט מיט דער גרעסטער גרינגקייט זיי ביידן אינגאַנצן פאַרטונקלט.

דר. פרייפעלד איז געווען באַרימט אין דער גאַנצער שטאָט, ביי די גויים נאָך מער ווי ביי די יידן. גויים פלעגן אים כמעט קיינמאָל נישט רופן מיטן נאָמען „רעווערענד" — בלויז דר. פרייפעלד, פאַר-קערט: אידן האָבן אים אַפילו ניט זייער שטאַרק ליב געהאַט, זיי האָבן אָבער געהאַט דרך-ארץ און אָפּשיי פאַר אים שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ער איז געווען אַזוי שטאַרק אָנגעזען באַ די גוים, באַ די באַרימטסטע פּאָליטיקאַנער פון דער שטאָט טריפּאָדוויל.

און ביידע, אי מר. קלעצקין, אי דר. שניאור פלעגן אין די זעלטענע געשפּרעכן זייערע איינער מיטן אַנדערן, זיך אויס-גיסן זייערע הערצער וועגן דר. פרייפעלדן... זיי פלעגן זיך אַזוי שטאַרק וווּנדערן:

— סטייטש... פאַרוואָס קומט עס יענעם אַזאַ גדולה? אַזאַ גוי, אַ גוי גמור! אַז ער איז דאָך גאָר קיין רב נישט אַן אמת'ער גלח...

— און די גויים נעמען אים אוודאי אָן, ווי דעם עכטן פאָרשטייער פון „דזשי דזשואיש פּיפּל... (דעם יידישן פאָלק) ווי אַ גרויסן יידן, נישט נאָר ווי אַ גרויסן מענטש... פאַרוואָס קומט עס אים אַלץ?...

— ס'איז אלעמאָל אַזוי... ס'איז אלעמאָל אַזוי... עפּעס אלעמאָל אַ צופעליקייט, — וואָרום וואָס'אי — וואָס ווייסען זיי דען די גויים אין דער אמת'ן פונ'ם יידישען לעבן?

— עך, ווען זיי וואָלטן געוואוסט, ווען זיי וואָלטן געוואוסט...

ווען זיי וואָלטן געוווסט, אַ שטייגער, אַז דר. פרייפעלד איז דאָך גאָר אפילו קיין איד נישט. נישט נאָר קיין רב נישט... וואָרום, וואָס ווייס ער דען פון יידישקייט? אַ פיינער יידישער רב, וועלכער ווייסט דאָך גאָרנישט פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין דער יידישער וועלט...

לאַנג און פאַרביטערט פלעגן די ביידע רבנים, אין זייערע זעל-טענע געשפּרעכן צוזאַמען, אַזוי רעדן וועגן דר. פרייפעלדן, ביז וואַנען זיי פלעגן אַזש ביידע פון פאַרדרוס און פאַרביטערונג, בלייבן אָן כח... הילפלאָזע פלעגן זיי סוף-כל-סוף אָנהויבן קלאָר פאַרשטיין, אַז יענער, דר. פרייפעלד, — דער רעפאָרמערישער רעווערענד, וועלכער האַלט זיך פון דערווייטנס פון זיי ביידן און איז מיט זיי תמיד אַזוי העפלעך-פרעמד, פונקט ווי עפּעס אַ גייסטלעכער פון אַן אַנדער אמו:ה, — יענער ווייסט דאָך אַפילו נישט פון אַלע זייערע געשפּרעכן און טענות קעגן אים... און ווען אַפילו ער וואָלט יאָ געוווסט, — וואָלט עס אים זיכער אויך ווייניק-וואָס אויסגעמאַכט... פלעגן זיי נעבאַך אַזוי מוזן סוף-כל-סוף ביידע אַנטשוויגן ווערן.

שווייגנדיק, מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגן און מיט פאַרפלאַמטע בקמה-פנימער, פלעגט יעדער פון זיי שוין פאַר זיך טראַכטן, אַז עך, —

— ס'איז נישטאָ זיך וואָס צו דערוואַרטן קיין כבוד ביי יידן... קיין אָנערקענונג פאַר כשרע און ערלעכע פאַרדינסטן...

זיי פלעגן ביי זיך, דאָ אויפן אָרט טאַקע, באַשליסן:

— מען דאַרף ווערן ווייניקער פרום... מען דאַרף זען זיך האַלטן אַביסל מער פון דערווייטנס פון יידן... מען דאַרף זען זיך צולאָזן מער צו די גוים און צו זייערע וועגן. פונקט ווי עס טוט עס — און מיט אַזאַ ערפאָלג — דר. פרייפעלד...

און דערנאָך, ביים געזעגענען זיך, פלעגן זיי ווידער אויפהויבן די אויגן, כדי אַ לעצטן קוק געבן איינער אויפן צווייטן, כדי אַ קרים צו טאָן איינער קעגן צווייטן די ליפּן מיט אַ פאַלשן געזעגנונגס-שמייכל...

און יעדער פון זיי פאַר זיך, סיי דר. שניאור, סיי דר. קלעצקין, פלעגן בשעת-מעשה טראַכטן:

— מילא, יענער, דער צווייטער — ס'איז דאָך קלאָר — יענער איז אַ ייד אַ שלים-מזל. און אים וועט דאָך שוין גאָרנישט, קיין טאָטער אפילו אויך נישט העלפן... אָבער איך, — אָ, איך וועל נאָך טאַקי אַמאָל דערלאַנגען אַהין... איך וועל דערלאַנגען, איך וועל דערלאַנגען.

8

ס'איז שוין, אייגנטלעך, לאַנג געווען שטיל דאָ אין הויז. נאָר ליבער האָט זי מיטאַמאָל דערפילט — ערשט איצט האָט ער זי דער-פילט, דידאָזיקע שטילקייט. פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע מחשבות איבער די היגע רעווערענדערישע מחלוקותן — און דערזען מיטאַמאָל, אַז ס'איז שטיל אַזוי אין הויז. פון די גלעזער גאָלדיק-געלע טיי אויפן טיש האָט זיך אַ גרוילעכע פאַרע אין דער שטילער לופט געהויבן.

ליבערן האָט אָנגעהויבן שרעקן: ער האָט אויף אַ לאַנגע ווײַלע זיך פאַרטראַכט און זיך גאָר פאַרגעסן אין דער אַרומיקער געזעל-שאַפט... זיי באַליידיקן זיך זיכער אויף אים! אַ דערשראָקענער האָט ער געגומען וואָרפן צעמישטע בליקן אַרום זיך. נאָר די רויקייט האָט זיך אים באַלד צוריק אומגעקערט, ווען ער האָט באַמערקט, אַז די צוויי פּרויען, מרס. יאַקאָ און מרס שניאור זענען, ווייזט אויס, די גאַנצע צייט געווען אַליין שטאַרק פאַרטיפט אין זייערן אַן אייגענעם אַ מין סודותדיקן געשפּרעך. זיי זענען געזעסן ביידע מיט קעפּ נאָענט צוגעבויגן איינער צום צווייטן. זיי האָבן זיך דאָרט עפּעס געשושקעט... און אפשר האָט זיך אים דער געשפּרעך זייערער בלויז אויסגעוויזן שטיל און סודותדיק — ער אַליין, ליבער, איז איצט געווען אַזוי דערווייטערט פון דאָס אַרומיקע...

עס האָט, אויף וויפיל די העפלעכקייט האָט עס דערלויבט, צו-געבויגט אַן אויער אין זייער ריכטונג. צו אים האָט זיך דערטראָגן, ווי

דורך אַן אָפּצוימענדיקן דינעם וועטל, מרס. שניאורס איילִיק-נערוועזע שטים — אָפּגעזונדערטע, רכילותדיקע ווערטער:

— דר. קלעצקין... אַ פּרא אדם... ער קען דען אויסקומען מיטן יונגן דור, וואָס?... אַ פוילער... מען וועט אים אויפן נייעם טערמין ווידער אויסקלייבן?... אים אויסקלייבן? אים? אויף אַ נייעם טערמין?... אַזאַ פּאַרזעסענער בחור... פּע... אַך, אייער „זבחי צדק"... אַ סינגלמאַן (נישט חתונהגעהאַטער מענטש) אַ רב... פּע... נישט שיין פאַר אַזאַ גרויסער קהלה...

ליבער האָט שטאַרק אויסגעצויגן זיין האַלז, ווי אַ הונגעריקער גאָנער — ער האָט מכלומרשט זייער נייגעריק גענומען צו באַטראַכטן אַ בילד, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, לעבן וועלכער די צוויי פרויען זענען געזעסן.

— יאָ, און דר. שניאורן האָט מען אָנגעבאָטן אַ גרויסע שטעלע... פינף טויזנט דאָלאַר אַ יאָר געהאַלט... יאָ... האַ? נו, יאָ, שוין לאַנג... אין גרייט פּאַרקס, אין שטאַט גאָרט דאַקאָטא... פאַרבלייבן דאָ? ווייס איך... אַז אייער מר. יאַקאָ איז דאָך קלעצקינס פּאַטריאָט... אַזאַ מין רבי'ל... ער פּאַרטרייבט דאָך אַלעמען פון זיך, דערהויפּט דאָס יונגוואַרג... וואָס'אַי, אייער אייגענער דזשעס, למשל, וואָלט דען אַמאָל אַרויפגעקומען צו אייך אין שול?

אָבער ערשט איצט, נאָכדעם, ווי ליבער האָט זיך שוין באַרויקט און זיך איבערצייגט, אַז קיינער האָט נישט באַמערקט זיין ביז-איצטיקע פּאַרטונענקייט, האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן עפּעס באַליידיקט... וואָס איז דאָס... ווייזט אויס, מען באַמערקט אַפילו נישט זיין אנוועזנדי-קייט דאָ?

ס'האָט אַזש אַליין ליבערן פּאַרטשעפּעט: אַזוי שטיל, אַזוי פאַר-שפּיצט און פאַרדינערט האָט די שניאורכע גערעדט... אַזעלכע גיפטיק-דראָבניקע, אָנרעדנדיקע ריידעלעך האָבן זיך נאָכאַנאַנד פון אירע דינע ליפּעלעך אַרונטערגעשאָטן — ווי אַ בייזער, אַ גיפטיקער שרויט... נאָר באַלד איז עס אים ווידער געוואָרן אַלץ איינס. ער האָט זיך באַלד אָן דער אָנוועזנהייט פון די צוויי וויכטיקע באַלעבאָסטעס פאַר-געסן אינגאַנצן. ער האָט זיך ווידער פאַרטראַכט.

— אַ דאגה אים, נו... זאָלן זיי זיך הריזשען איינע די אַנדערע... ס׳איז ענג, ס׳איז ענג ביי יידן... איינער קריכט ממש אויפן אַנדערנס קאָפּ... די רבנים דאָ שלאָגן זיך איבער אַ יידן, ווי קרעמער איבער אַ קונה... און ער, ליבער? ער פּאַלט, ער פּאַלט דאָך דאָ אויך... ממש וואָס אַ טאָג פּאַלט ער אַלץ נידעריקער. אָט איז ביי אים מיטאַמאָל געבוירן געוואָרן אַזאַ אומזיסטע שנאה צום נייעם יונגנמאַן, צו שווייען... וואָס איז? ער האָט מורא, טאָמער וועט יענער ביי אים אָפּשלאָגן די שטעלע אין דער תּלמוד תּורה... איז וואָס שרעקט ער זיך אַזוי? אַז בכלל: ער ווייסט דאָך נאָך גאָרנישט, אויב יענער איז גאָר אַ העברע־אישער לערער... יאָ, ווי וועלף זענען מיר אַלע, ווי היינט.

— ס׳קאָן זיין, אַז ס׳איז אומעטום אויך אַזוי... — האָט ער געפּרוווט זיך טרייסטן. אים איז אויפן געדאַנק אַרויפגעקומען די אייביקע, אייביקע אמתדיקייט פונם ווערטל פונם אַלטן ענגלישן פילאָזאָף האבבס: „האָמאָ האָמיני לופוס״... (אַ מענטש דעם צווייטן איז ווי אַ וואָלף) נאָר אויך דאָס איז אמת מכּח מענטשן בכלל, — האָט ליבער ווייטער געטראַכט — איז עס דאָך טויזנטער מאָל שאַרפער און פאַרביסענער ביי יידן... ווייל ס׳איז זייער ענג ביי יידן, — אַ שרעק... מען שטייט קאָפּ אויף קאָפּ.

— יאָ, אָט דאָס איז עס: קאָפּ אויף קאָפּ... נישט אַזוי מענטש אויף מענטש, ווי קאָפּ אויף קאָפּ... אַ סך קעפּ... צופיל קעפּ...

און די לאַגע פון אָט די קעפּ, — האָט ליבער שוין מיט פאַר־ביטערונג געטראַכט, פונקט ווי ער אַליין וואָלט אויך פון דעם זיין לעבנסלאַגע שטאַרק געליטן, — איז אַזוי האָפנונגסלאָז און אַזוי אויס־גאַנגסלאָז — האָפנונגסלאָז און אויסגאַנגסלאָז אויף אייביק און אייביק... יאָ, האָפנונגסלאָז: נישט קוקנדיק אויף די אַלע שיינע און האָפערדיקע, אילוזאָרישע און פאַרפירערישע רייד פון די פאַרשידענע רפואות־ברענ־גערס און תּחבולות־זוכערס — נאַראָנים אָדער בלינדע אָדער אַליין פאַרפירטע... אָדער גאָר: קליינע, אייביקע סוחרימלעך — סוחרימלעך, וואָס ביי זיי איז רעכט צו כאַפּן עפּעס אַ פאַרדינסטל פון אַלץ — סיי פונם פאָלקס אייביקע ווייטיקן, סיי פון די אייביקע פאַלשע „רפואות״ צו זיינע ווייטיקן, וואָס זיי האַלטן אַלץ אין איין אויסזוכן, און סיי פון אָט די אַלע פיל „לייזונגען״...

און ליבערן האָבן געפֿייערט איצט פֿאַר די אויגן אַ ריי קאַלט־ברענענדיקע, פֿייַנלעך־גליִענדיקע ווערטער:

— מיר זענען זיך אַלע — ווי וועלף, ווי הינט.

אַז ליבער האָט שפּעטער אַ ביסל צוריק אויפֿגעהויבן דעם שווער־אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ זייַנעם, האָט ער דערפֿילט, ווי אַ מילד ליכט גיסט זיך אויף אים פֿון מרס. שניאורס אויגן. אַלץ העכער, העכער האָט ער געהויבן זייַן קאָפּ, — ווי אַ וויג־קינד, וואָס שטרעקט אויס זייַן קעפּעלע צו דער זון — נאָך מער וואַרעמקייט, נאָך מער ליכט... גאַרנדיק אַזוי און בענקנדיק.

— ס׳אַראַ בלויע אויגן, ס׳אַראַ גאָלדן־רויטלעכע האָר זי האָט עס... און זי איז דאָ? אויך דאָ אין שטאָט אַזאַ פֿרעמדע, ווי ער... פֿונוואַנען, אַשטייגער, איז זי עס אַהער געקומען?

און עס גיסט זיך אויף אים, ממש מיט יעדער מינוט, אַלץ מער גאָלד, זון, וואַרעמקייט... פֿונוואַנען, אַ שטייגער, האָט זי זיך טאַקע גענומען אַהער, די מרס. שניאור? ער האָט ווידער געוואָלט פֿאַרמאַכן די אויגן. נאָר ס׳איז, אייגנטלעך, נישט געווען נויטיק. אַפֿילו מיט אָפֿענע אויגן זעט ער דאָך אויך גוט דורך ד ו ר ך איר, — אויף יענער זייט... ער בויט אויס הינטער איר די שטאָט, פֿונוואַנען זי איז אַהער געקומען.

אַ ווייטע, גרויסע, טומלדיקע שטאָט אין דער איסט...*) אַ שטאָט מיט הויכע, פֿיל־פֿענסטערדיקע מויערן. וואָס לייַכטן בייַנאַכט מיט אַזויפֿיל גאָלדענע קוואַדראַטן און קובן; אַ שטאָט מיט בלישטשנדיקע גאָלדיקע טורעמס און פֿילקאָלירנדיקע פֿעלדער פֿון עלעקטרישע שילדן... אַ פֿייַערדיקע שטאָט... און די מענטשן אונטן, אין די גאַסן, צווישן די ריזיקע בערג פֿון די וואָלקנקראַצערס זעען זיי אויס, ווי שמאָלע טאָלן־וועגן, וואָס פֿאַרלירן זיך אינדערווייַט — זענען אויך אַזעלכע פֿייַערדיקע און ברענענדיקע. — זיי ברענען דורך די טעג זייערע און

---

*) מזרח־שטאַאַטן פֿון צפֿון־אַמעריקע.

די נעכט... ערגעץ אין באָסטאָן, באַלטימאָר, וואַשינגטאָן אָדער גאָר ניו-יאָרק...

יאָ, זי קומט טאַקע פון דער שטאָט ניו-יאָרק. אָט, אין דער-ועלביקער מינוט הערט ליבער טאַקע, ווי זי דערמאָנט דעם נאָמען פון דערדאָזיקער שטאָט. יאָ... און וואָס טוט זי ווייטער? ליבער בויגט צו זיין קאָפּ, און זיין גאַנצן גוף, אין דער ריכטונג פונוואַנען עס טראָגט זיך צו אים די וואַרעמקייט פון איר שטים — ווי עס בויגט זיך אין מיטן טאָג אַ פלאַנץ צו דער העל-אויפגעשיינטער זון. זי דערציילט... זי באַקלאָגט זיך אויף דעם, וואָס זי איז פאַרוואָרפן געוואָרן פון אַזאַ וועלט-כרך, ווי ניו-יורק, אין אַזאַ העק ווי טריפּאָדוויל... סטייטש, — וווּנדערט זיך מרס. יאַקאָ, וועלכע איז אַ מיטגליד פון דער אָרטיקער געזעלשאַפט „בוסט טריפּאָדוויל"*) — סטייטש טריפּאָדוויל איז דאָך די הויפּטשטאָט פונם שטאַאַט אָהיאָ — אַזאַ שיינע היפּשע, גאַרטנדיקע שטאַט? — יאָ... — שמייכלט צו איר צוריק מרס. שניאור, ווי צו אַ נישט אַנטוויקלט, נישט-דערוואַקסן קינד. — יאָ... אָבער דאָרטן — בראָדוויי, פינפטע עוועניו, די גיגאַנטישע בריקן איבערן איסט-ריווער, — אַך, ווען מרס. יאַקאָ וואָלט אַמאָל געקאַנט זען דעם באַנאַכטיק-אילומינירטן איסט-ריווער און דעם מאַנהעטטען-אינזל פון איינעם פון אָט די ריזיקע בריקן אַרונטער!... — און די היפּשע פּלאַטיליעס פון די פיל-לאַמטער-ניקע שיפן און דער אויסגעטראַכטער, דער כשופדיקער ק ו נ י - א י י ל ע נ ד ביינאַכט...

און דאָ? וואָס איז דאָ? שטיל... שטיל, ווי אין אַ קבר. אַ רב פאַר אַ מאַן, — מיינט דאָס שוין נישט געשטאָרבן נאָך סאַמע ביים לעבן? אַ קליינלעך און ברעקלדיק לעבן: קליינשטעטלדיקע רכילות, קאָנגרעגיישאָן-„אַפּפּיירס"...

— וואָס איז דאָ צו רעדן אַ סך... זי ווערט דאָ געפּטרט... געפּטרט... זי ווערט יונגערהייט דאָ פאַרטריקנט און פאַרוויאַנעט.

ליבער, — אַ מענטש וואָס האָט געקאָנט זיין, פּונקט אַזוי ווייך און סענטימענטאַל, ווי בייז און שלעכט — האָט מיטאַמאָל דערפילט אַזאַ נאָענטקייט צו איר. זיין פאַנטאַזיע האָט אים שוין פאַרגעשטעלט די רביצין, ווי אַ געפּייניקטע, אַ ליידנדיקע פרוי, — ממש אַ מאַר-טירערין: אַ פרוי אייגנקע אַליין מיט אירע „שיינע" און פאַר-

*) רעקלאַמירט טריפּאָדוויל.

באהאַלטענע יסורים אין אַ שטאָט פון פרעמדע, אין אַ הויז פול פרעמדע... ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי איר אָנוועזנהייט דאָ רייניקט שוין אים, לייטערט שוין אים, פייערט אים דורך מיט אַ כשרנדיקן פייער... מילדער, ווארעמער גיסט זיך אויף. אים אַלץ נאָכאַנאַנד דאָס ליכט פון אירע בלויע אויגן.

— אַך, פון וואָס סאַראַ בלויקייט עס זענען עס אירע אויגן — ווי טאָרקוואָיז... און פון וואָס פאַראַ פלאַמענדיקן קאָליר אירע האָר — אַן אָרעאָל פון גאָלד איז אַרום איר קאָפּ...

און ליבער האָט באַלד פעסט באַשלאָסן ביי זיך: וועגן דער שטעלע וועט ער שוין איצט דאָ אין שטוב נישט רעדן קיין וואָרט.

— וואָס איז דען אַ שטעלע — — — וואָס איז דען אינגאַנצן, אַך, דער עיקר איז דאָך: דער מענטש דאַרף זיך האַלטן ריין, ריין... אָט וואָס.

דער כינעזישער סערוויס מיטן טיי, אויפן באַוועגלעכן טיי־טישל אויף רעדלעך, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן שטוב האָט זיך שוין אָפּגעקילט. נאָר די נאָכמיטאָגדיקע היימלעכקייט האָט זיך נאָך אַלץ געשפּרייט אין די שטילע חדרים.

מרס. יאַקאָ איז אויף אַ מינוט אַרויס אין קיך, געבן דער דינסט אייניקע פאַראָרדנונגען. דער רביצינס קאָפּ, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט דאָרטן גערעדט מיט מרס. יאַקאָן אַזוי חנעוודיק און פאַמעלעכקע, אַזוי ראַפינירט-צוריקגעהאַלטן געניגט מיט אַ שטילן, דערווייטערטן שמייכעלע, — האָט זיך מיטאַמאָל און אומדערוואַרט אַ וואָרף געטון צו אים, צו ליבערן, מיט אַ שטילער, גיכער שטים, ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן די פּאַסיקע מינוט, האָט זי איילנדיק און שטיל געזאָגט:

— פאַרוואָס קומט איר קיינמאָל נישט אַרויף, האַ? קומט אַמאָל אַרויף צו אונז, מר. ליבער... אַמאָל, ווייסט איר, איז דאָך אַזוי אומעטיק... דר. שניאור איז דאָך אַזוי זעלטן דאָ אין הויז...

די הארץ איז ליבערן מיטאמאל אזוי נידעריק און קיל גע־פאלן... פארוואס האט זי עס עפעס אויסגעקליבן פאר אט דער איינלאדונג אירער דווקא די מינוט, ווען מרס. יאקא איז ארויס אין קיך? און פארוואס האט זי עס ארויסגעזאגט אזעלכע פשוטע ווער־טער אזוי איילנדיק... אזוי עפעס... שטיל?

אבער באלד, מיט דער אומבאשטענדיקייט און אומזיכערקייט, וואס איז געווען אזוי כאראקטעריסטיש פאר אים, האט ליבער שוין זיך א כאפ געטון צוריק; ער האט זיך אנגערופן „אויסוואורף" פאר זיינע מיאוסע מחשבות... פאר דעם, וואס ער לייגט אריין אזעלכע שלעכטע כוונות אין אירע רייד, — כוונות, וועלכע זענען דארט זיכער נישטא.

פון קיך האבן זיך דערהערט טריט. ליבערן האט זיך געדוכט: די רביצין האט א ציטער געגעבן. זי האט זיך שנעל אומגעקוקט איבער איר אקסל צו דער קיך־טיר. און איידער מרס. יאקא איז צוריק אריינגעקומען, האט זיך מרס. שניאור ווידער עטוואס אריבער־געבויגן צו ליבערן. אזוי נאענט: ער האט אזש געפילט איר פאר־פומירטן אטעם... ער איז געווען אזוי הייס און שמעקעדיק. זי האט שטיל ארויסגעאטעמט:

— יא?... אירט ארויפקומען? איז פארגעסט־זשע נישט... און איר קאנט אויך מיטברענגען דזשעסן.

9

די דינסט האט אריינגעבראכט א פרישן הייסן סערוויס טיי. מרס. יאקא האט איצט אליין ארויפגעשטעלט אויפן טיש געפרעגלטע „ליימס", „צוגעגרייט אויפן כינעזישן אופן" — האט זי שטארק־צוגע־לאזן געשמייכלט צו די געסט מיט איר צוקערדיק־פעטן שמייכעלע.

ביי איר אריינקומען איז שוין די רביצין ווידער געזעסן אויף איר ארט א מיד־גלייכגילטיקע; דעם קאפ מיד פארווארפן אויף צוריק, אויפן שטול־ווענטל, — אין דערזעלביקער פאזע אין וועלכער מרס.

יאַקאָ האָט זי מיט אַ פּאָר מינוטן צוריק איבערגעלאָזן. זי האָט פּאַמעלעך געזופּט דעם טיי. פון צייט צו צייט אַ קוק געגעבן אויף ליבערן מיט איר מאַט-פאַרצויגענעם בליק, און אים מכבד געווען מיט אַ האַלב-אומשולדיקן, האַלב-מיינונגספולן שמייכעלע.

נאָר די פריערדיקע גאַלדיקייט און בלויקייט זענען שוין פאַר ליבערן איצט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון איר קאָפּ. אָך, ער האָט שוין אינגאַנצן איצט ליבערן אויפגעהערט צו אינטערעסירן, איר קאָפּ... אַ דראָזש האָט אים אַלץ נאָכאַנאַנד דורכגענומען.

— דזשעס... דזשעסן זאָל ער נאָך ברענגען צו איר אין הויז אַריין! אַ רביצין... שעמט זיך גאָרנישט!

און אפשר... אפשר איז דאָס אַלץ, כדי צו העלפן איר מאַן, דר. שניאורן, צו קריגן די שטעלע — אַ שטעלע, אַ בעסער-באַצאָלטערע און אַן איינפלוס-רייכערע איידער די וועלכע ער האַלט איצט אָן — די שטעלע פון אַ רב אין דער קאָנגרעגיישאָן „זבחי-צדק", ווו דזשעסעס טאַטע, מר. יאַקאָ, איז פּרעזידענט? אַלץ איז מעגלעך... אַלץ איז מעגלעך...

ליבער הויבט זיך אַזש אָן שטיקן פון כעס און עקל. זיינע אויגן הויבן אָן אַרומקריכן איבער מרס. שניאורס דורכזיכטיקער דזשאָרדזשעט-בלוזקע, פון אונטער וועלכער עס זעען זיך אַרויס האַפטן פון אַ זיידענעם ליפטשיק. נידעריקער און ברענענדיקער בלאָנדזשען אַרונטער די אויגן זיינע, ביז צום דורכזיכטיקן דזשאָרדזשעט-קלייד פון קאָפּנהאַגן-בלוי, דורך וועלכן עס לייכט זיך דורך אַ ליכטיקע, אַ קלאָר-ווייסע האַלדז. זיי שטעלן זיך דאָרט אינמיטן אָפּ, די אויגן זיינע; אומפאַרשעמט עגבערן זיי דאָרט אַלץ אויף איין פלאַץ, אויף איין פלאַץ.

אַז ער הויבט ענדלעך אויף דעם בליק זיינעם, זעט ער:

מרס. שניאור האַלט אים, — ווייזט אויס: די גאַנצע צייט — אין אָפּמעסטן מיט אַ דורכדרינגענדיקן, כיטרען און שאַרפן קוקל פון אַ פרוי, וואָס פ אַ ר ש ט ײ ט . . . ווי נאָר אָבער ליבער הויבט אויף זיינע אויגן, פאַרוואַרפט זי ווידער, ווי אַ שוואַך הינדל, דאָס קעפל אירס אָן-אַ-זייט... אַ מידיקייט, אַ קינדישקייט, אַן אומבאַהאָלפנקייט גיסט זיך ווידער אינגאַנצן אויס אויף איר פנים... זי

הערט אַלץ נישט די פראַגע, וועלכע מרס. יאַקאָ חזרט איבער שוין עטלעכע מאָל.

— וועמען, זאָגט איר, האָט עס מיס קיפּניס אַריינגעפּאַקט פאַר אַ חתן?

נאָר אָנשטאָט מרס. שניאורן, ענטפערט ליבער מרס. יאַקאָן:

— אָ, עפּעס איינעם אַ פרעמדן יונגערמאַן — אַ געוועזענער פאַרם-אַרבעטער... דאָס הייסט: געאַרבעט ביז נישט לאַנג צוריק טאַקע דאָ אין שטאָט, ביים אגריק ולטור-קאַלעדזש, אויף די פעלדער... און מיטאַמאָל געוואָרן אַ העבר ישער לערער ביי די קאָגענס... ניין, ער איז נישט קיין היגער — עפּעס אַ גאָוויטנע פאַרשוין... איינגאַנצן דאָ מכּתמא אַ פּאָר וואָכן.

די רביצין האָט זיס-פריינדלעך אָנגעקוקט ליבערן.

— אָ, איר קענט אים אויך, מר. ליבער? אַך, אַלע קענען אים... און איך בין דאָ אַזוי אָפּגעריכן פון דער גאַנצער וועלט — וועמען זע איך דען? אַ מענטש וואָלט דאָך געמעגט אַמאָל אַרויפקומען אין הויז און טאַקע אַרויפברענגען אַ ניי פּנים?

נאָר ליבער האָט שוין מער נישט געהערט די בקשה, וואָס איז געווען איצט געווענדט צו אים. עס האָט אים שוין איצט באַנג געטון, וואָס ער האָט רעקאָמענדירט גאָר איינגאַנצן אָט דעם שווייען צו די קאָגענס.

זיין פּלאַן, הייסט עס, וועט זיך, סוף-כּל-סוף, גאָרנישט אַזוי גוט איינגעבן...

ערשט איצט וועט יענער, דער נייער, אָנהויבן גיין באַרג אַרויף, באַרג אַרויף. אָט: ער האָט זיך שוין צוגעשאַרט צו די קיפּניסעס — מר. קיפּניס איז דאָך אויך אַ מיטגליד פונם שול-ראַט פון די „זבחי-צדק״. און איצט, אַ שטייגער, וויל שוין מרס. שניאור, ער זאָל אים נאָך אַרויפברענגען צו איר אויך... און ליבערן האָט זיך שוין, אין זיין שוואַרץ-רויטער פאַנטאַזיע, אָנגעהויבן אויסדרוכטן:

אַזאַ מין — שווי האָט אַוודאי „שאַנסן״ ביי דער רביצין...

אָ, יענער איז זיכער נישט אַזאַ יאָלד, ווי ער זעט אויס...

ער האָט זיך ענדלעך אָפּגערופן צו מרס. שניאור:

— אָ, שוויי?... אוודאי, קען איך אים... מיט פאַרגניגן, מרס. שניאור, מיט פאַרגניגן... איך וועל אים אַרויפברענגען...

מיט אַ פאַרלעגנהייטס-שמייכעלע פון איינעם, וועלכער וויל זייער און זייער נישט זאָגן קיין שלעכטס אויף אַ צווייטן; נאָר וואָס דען? אַז מ׳ציט אים שוין יאָ פאַר דער צונג, און אַז ער קאָן זיך שוין נישט העלפן, האָט ער צוגעגעבן:

— פונדעסטוועגן... איך בין פונדעסטוועגן גאָרנישט אַזוי זיכער, אַז איר וואָלט אים איינגעלאַדן צו זיך, ווען איר וואָלט אים געקענט... אייגער איז, פאַרשטייט איר מיך, איינער פון יענע יונגע-לייטלעך, וועלכע האַלטן פון זיך גאָר און גאָר...

— אַזוי? — האָט די רביצין פאַרצויגן די ליפּן אין אַ מין צו-להכעיסדיק טרייבעלע. — און פונוואַנען ווייסט איר עס שוין? ווי איך האָב, דוכט זיך, אָקאָרשט געהערט פון אייך, איז ער דאָך אינגאַנצן בלויז אַ פּאָר וואָכן צייט... אָדער איר קענט אים אפשר פון פריער... פון ניו-יאָרק?

ביי ליבערן האָבן זיך אָנגעצונדן די איינגעפאַלענע באַקן מיט אַ בייזער רויטלעכקייט. פון די אויגן האָט אים אַזש אָנגעהויבן שפּריצן.

— נו, פאַרלאָזט זיך אויף מיר... איך דערקען זיי שוין, אויף מיילן ווייט, דידאָזיקע פאַרחלומטע פּנימער, מיטן אויסזען פון יוסף הצדיק... איך ווייס שוין דידאָזיקע שטילינקע, די וצדקתך... אין ניו-יאָרק טוט מען אַפּריער אָפּ אַלע מיאוסע מעשים און אַהער קומט מען און מען האַלט זיך, ווי ריינינקע לעמעלעך... וואָס דען — אינדערהיים, אין ניו-יאָרק, לאָזט אוודאי אַזוינס איבער אַ ווייב מיט אַ קינד... און ווער ווייס — אפשר טאַקע אַ ווייב מיט עטלעכע קינדער?

ס׳איז אָבער געווען אַ גרויס, אַן אומדערוואַרט אומגליק:

די רביצין האָט זיך אַלץ מער און מער פאַראינטערעסירט מיט אָט דעם אומבאַקאַנטן פאַרשוין, וועלכן ליבער האָט דאָ אונטער די אויגן באַרעדט... וואָס מער ליבער האָט זיך געהיצט, אַלץ מער האָט זי מיט אַ צולהכעיסדיק שמייכעלע יענעם, דעם אומבאַקאַנטן, פאַר-טיידיקט.

— אָבער יאָ... אָבער פּאָרט... אָבער מאָדנע: פונוואַנען ווייסט איר עס אַלץ? פּאַרוואָס זענט איר אויף אים אַזוי, דוכט זיך מיר, אָנגעשטויסן?

ביז ליבער האָט זיך ענדלעך געכאַפּט, אַז ס'איז נישט פּאסיק צו רעדן אַזוי, אויף אַ קאָנקורענט — אַז ער פּאַרמיאוסט זיך מיט דעם איצט אַליין אין דער רביצינס אויגן. ער האָט זיך אויף גיך און טעאַטראַליש פונאַנדערגעלאַכט:

— כאַ-כאַ... און איר נעמט עס טאַקע ערנסט, אַלץ וואָס איך האָב דאָ אָנגעפּלוידערט, האַ? דאָס איז דאָך אַלץ געווען אויף אַ שפּאַס, כאַ-כאַ... קלוג-קלוג — און גאָרנישט... געוואָלט אייך בלויז אַביסל פּאַראינטריגירן אין אים — ס'איז מיר, ווי איך זע, טאַקע בעלונגען אויך... האַ? אָ... לייקנט נישט, לייקנט נישט.

ער האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעריסן פון אָרט, ווי עמעצער וואָלט אים פון הינטן אַ שטאָך געטון.

— גוט... כ'מוז איילן... אַ סך אַרבעט... מען דאַרף נאָך גיין אין דער באַקטעריאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריע... כ'וועל אים אייך ברענגען צופירן צו גאַסט... פּאָזיטיוו: כ'וועל ברענגען... אָן שפּאַס. ער שיינט צו זיין טאַקע זייער אַ לייטישער יונגערמאַן... זייער... זייער...

נאָך מער האָט ער שוין איצט קיינעם נישט געקאָנט קוקן אין פּנים אַריין, ער האָט זיך אויף גיך אָפּגעזעגנט און איז אַרויס.

פינפטער קאַפּיטל.

1

אינדרויסן האָט עס אין אים ווידער ממש דאָס גאַנצע אינגעווייד אויפגעקאָכט; עס האָט אים שוין שטאַרק פֿאַרדראָסן, פֿאַרוואָס ער האָט דער „רביצין" צוגעזאָגט אַרויפצובערענגען שווייצן צו איר אין שטוב. ער האָט גלייך אויפן אָרט באַשלאָסן.

— ער וועט אים טאַקע נישט אַרויפֿברענגען יענעם פֿאַרדעכטיקן חברה-מאַן... אָ, — ער וועט שוין געפֿינען אַן אויסרייד.

אָדער נאָכמער האָט עס אים פֿאַרדראָסן אויף זיך, פֿאַרוואָס ער האָט עס מיט אַ ווײַלע צוריק אַזוי שיין געטראַכט וועגן דער רביצין אין יענעם וווּנדערלעכן האַלב-דרימל, — אַך, ווי זי האָט עס אים דערנאָך אַזוי ביטער אָפּגענאַרט... און, שלים-מזלניק וואָס ער איז, — וועגן דער שטעלע האָט ער טאַקע ביי די יאַקאָס דערווייל קיין וואָרט נישט גערעדט...

— אָ, די אָפּשוואַכנדיקע ווירקונג פֿון די דאָזיקע אַלע „שיינע", נישט אמתע חלומות... ווי זיי מאַכן עס אַ מענטשן ווייך אַזוי און צעבראָכן!

און באַלד האָט אים שוין אינגאַנצן אַ געפֿאַלנקייט און אַ פּוסטקייט אָנגעפֿילט, — נאָך אַ גרעסערע געפֿאַלנקייט און אַ גרעסערע

פוסטקייט פונם געדאַנק, אַז אפשר האָט גאָר די רביצין קיין זייטיקע מחשבות נישט געהאַט בשעת איר איינלאַדונג... מער נישט — ער, ליבער, איז שוין אַזאַ פאַרדאָרבענער און אַזאַ פאַרלוירענער מענטש, אַז אומעטום זעט ער נאָר דאָס ערגסטע, נאָר מיאוסע כוונות...

אין אַזאַ צושטאַנד פון דערדריקטקייט און אַרונטערגעפאַלנקייט ביי זיך איז ער כמעט נישט פילנדיק, וואוהין זיינע טריט פירן אים, אַריין אינם פאָרהויז פון ד״ר קליעצקינס שטוב.

עס איז שוין געווען דאַמאָלס גאָר שפּעטער נאָכמיטאָג; גיכער שוין פאַרנאַכטלעך-צו. הענער האָבן זיך נאָך אַלץ געראָיעט אינם זאַמד אויפן רבס הויף. אָבער הינער האָבן זיך שוין באַצייטנס אָנגעהויבן צוגרייטן אַ נאַכטלעגער; זיך אַרויפגעקליבן אויף די שטעקעלעך פון אַן אַלטן לייטער, וואָס איז געשטאַנען לעבן פאַרקן. זיי זענען געווען גרייט די נעכסטע מינוט אָנהייבן צו דרימלען.

פון דרויסן נאָך פון הויף, האָט זיך געהערט, ווי ד״ר קליעצקין „לעזט" — ער וויגט זיך דאָרט איצט מסתמא איבער עפּעס אַ ספר און זינגט גאַנץ געשמאַק. און ליבערן איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן, ער זאָל אים נישט שטערן; ער האָט פאַמעלעך אויפגעעפנט די טיר און האָט זיך אַנידערגעשטעלט ביי דער שאָטנדיקער זייט פון דער וואַנט. ער האָט זיך איינגעהערט, פאַרטאַיענדיק דעם אָטעם.

ד״ר קליעצקין, איז געזעסן מיטן רוקן צו דער אַריינגאַנגס-טיר. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייסן העמד, אָבער אָן אַ קאָלנער, איבערן העמד האָט ער געטראָגן אַ פונאַנדערגעקנעפּלטן זשילעט. אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ יאַרמולקע. פון דער זשילעט-קעשענע איז אַרויסגעהאָנגען אַ גאָלדענע קייט, אויף וועלכער עס זענען געווען אָנגעהאָנגען אָן אַ שיעור מעדאַליאָנען, ברעלאָקען און פאַרשידענער דעקאָראַטיווער דרויב — אַ געשאַנק פון זיין כלה, וועלכע קיינער אין שטאָט האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, נאָר וועגן וועלכער מען האָט געוווּסט, אַז זי וווינט ערגעץ ווו אין ניו-יאָרק.

ער האָט זיך, קענטיק, שוין אַ צייט לאַנג דאָ געשמאַק אַזוי געשאָקלט איבערן ספר און עפּעס אַזוי מאָנאָטאָן-זיס „געזאָגט", — געזאָגט מיטן נגון, מיט וועלכן עס „זאָגן" יידישע פרויען אינדערהיים דעם טייטש-חומש אין אַ שטילן, אַ שלעפערדיקן שבת-נאָכוואַרמעס.

— „כאשר הגיעני — אזוי ווי עס איז מיר דערציילט געוואָרן — והוא — און דאָס איז — שבקצת איי הודי — דאָס איין א טייל פון די אינזלען פון דעם לאַנד הודי — עיר אחת הספים יושביה — איז פאַרהאַנדען איין שטאָדט, וואָס איהרע איינוואוינערס האָבען אלע מיט־אנאַנד מסכים געווען — למנות עליהם איש נכרי בכל שנה — אז זיי זאָלן אויפנעמען איבער זיך א פרעמדן פערוואַלטער, וואָס ער איז נישט פון זייער שטאָדט, און אלע יאָר איין פאַרוואַלטער — וכאשר השלם לו השנה — און אז דאָס יאָר וועט אים אויסגיין — יוציאוהו מביניהם — זאָלין זיי אים אָפשאַפן פון צווישין זיי — ויחזור על הענין אשר היה עליו קודם שיתמנה עליהם — און ער זאָל ווידער זיין אויף דעם ענין וואו ער איז גיווען פריער, איידער ער איז גוואָרין אויפגינומען אויף זיי, דאָס מיינט מען נאָך דעם יאָר זאָלין זיי אים אָפוואַרפין פון צו זיין איין פערוואַלטער איבער זיי און זאָל ווידער זיין א פראָסטער ווי ער איז פריער גיווען... אַי־אַי־אַי!...

ד״ר קילעצקין האָט מיט א טאָפלטער הנאה — א הנאה פונם לערנען און א הנאה פונם אייגענעם קול, פול מיט מתיקות, בשעת׳ן „לערנען״ — קאָנטיק גוואַלטיק הנאה געהאַט. פון גרויס הנאה האָט ער אזש אלע ווײַלע געקרעכצט, געזיפצט, געאויקעט.

— אַי־אַי־אַי... אַך־כאַ־כאַ... — והיה במתמנים עליהם איש אחד סכל — און עס איז גיווען צווישען די פערוואַלטערס איינער א נאַר, כלומר האָט זיך גיטראָפין איין יאָר, וואָס דער פערוואַלטער וואָס זיי האָבין אויפגינומין איז גיווען איין נאַר — לא ידע אדם בו — ער האָט נישט גיוואוסט פון זייער סוד דריבען דאָס הייסט ער האָט נישט גיוואוסט, אז אלע יאָר מאַכין זיי אנאַנדערין פערוואַלטער, נאָר ער האָט גימיינט, אז ער וועט זיין איבער זיי א פערוואַלטער אזוי לאַנג, אז ער וועט לעבין — וקבץ ממונות — און האָט איין גיזאַמילט פיל געלד — ובנה ארמונות — און האָט גיבויט פאַלאַצין — וחזקם — און האָט די לייט גישטאַרקט פון דער שטאָט מיט גרויסע שטאַרקייט — ולא הוציא מעירם דבר — און האָט פון זייער שטאָט קיין שום זאַך נישט אַרויס גיפירט — והשתדל להביא כל אשר היה לו חוץ לעיר ממון ואשה ובנים — און אלץ, וואָס ער האָט גיהאַט

אין דער פרעמד געלט אונ ווייב און קינדער. האָט ער זיך גיפלייסט אויך צו ברייגגין — אליה — אין דער שטאָט אַריין...

— אַ-אַ-אַ... האָט ער אויסגעלאָזן מיט אַ לאַנגן, התלהבותדיקן קרעכץ און האָט זיך אָפּגעשטעלט. קענטיק: פון גרויסער מתיקות האָט דר. קלעצקין שוין ווייטער מער נישט געקאָנט לייענען; ער האָט, אַביסל אָן אויסגעמאַטערטער, זיך צוריקגעוואָרפן אויפן אָנלען פון שטול. און נאָך איז געווען קענטיק: ער האָט זיך זייער, זייער שטאַרק גענומען צום האַרצן דעם גורל פון אָט יענעם „פּערוואַלטער״ — ווי דעם גורל פון אַ נאָענטן, אַ פונלאַנג באַקאַנטן מענטשן... ער האָט דעריבער לאַנג נישט געקענט רוען, זיך ווידער אַ ריס-אָפּ געטון פונם שטול-אָנלען, זיך נאָך התלהבותדיקער, פונאַנדערגעשאָקלט פונאַנדערגעקרעכצט:

— אַ-אַ-אַכככ... אַ-אַ-אַ... וכאשר נשלמה לו השנה, — און אַז דאָס יאָר האָט זיך אים אויס גילאָזט, — הודיאוהו אנשי העיר ההיא, — האָבין אים די לייט פון דער שטאָט אָפּ גישאַפּט און האָבין אים גיהייסין גיין צו זיין היים איז ער גיוועזן — נעור וריק מן הכל, — ליידיג און לעער פון אַלעמען אפילו זיינש וואָס ער האָט גיהאַט האָבין זיי אויך ביי אים אַוועקגינומין. — והפרידו בינו ובין כל מה שבנה וקנה — און האָבין גימאַכט איין צווישין שייד צווישין אים און צווישין דעם אַלעמען, וואָס ער האָט גיקויפט פריער איידער ער איז גיוואָרין איין פערוואַלטער ביי זיי אונ פון דעם וואָס ער האָט גיקויפט דער נאָך, אַז ער איז שוין גיוועזן אַ פערוואַלטער — ולא מצא בצאתו מאומה — אונ אַז ער איז אַרויס גיגאַנגין פון דער שטאָט האָט ער ניט געהאַט קיין שום זאַך — מכל מה שהיה לו בעיר — פון די אַלע זאַכין, וואָס ער האָט גיהאַט אין דער שטאָט וואו ער איז גיוועזן איין פערוואַלטער — וחוצה לה — און פון די זאַכין, וואָס ער האָט אַריינגיבראַכט פון דער פרעמד, דאָס הייסט אונ פון דעם, וואָס ער האָט גיהאַט פריער זיין אייגינש...

אָבער וואָס ווייטער דר. קלעצקין האָט „געזאָגט״, אַלץ מער איז זיין שטום געזונקען... פון פאַרדראָס, פון מיטגעפיל, פון מיטלייד. זיינע כחות האָבן אים ווי אָנגעהויבן אויסגיין. ער האָט מיט אַ גרויסן טיכל, וואָס איז געלעגן אויפן ספר, זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון

זיין שטערן. פון אַ בייכיקן פלאַש ליקער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טאַץ, נישט ווייט פון אים, האָט ער זיך אָנגעגאָסן אַ שיין־קאָ־לירטע גלעזעלע, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ פסחדיקן כוס. נאָר דאָס אַלץ האָט אים, ווייזט אויס, נישט גענוג געשטאַרקט. דאָס ווייטערדיקע האָט ער שוין „געזאָגט" אָן דעם פריערדיקן עקסטאַז — מיט אויסגעשעפּטער שטים, מיט אַ מין אַבלדיקייט אין טאָן.

— והיה מתחרט ומתאבל על טרחו — און ער האָט חרטה גיהאַט און האָט גיקלאָגט אויף זיין טירחא — והשתדלותו — און אויף זיין פלייסונג — במה שבנה — מיט דעם וואָס ער האָט גיבויט — וקבץ — און האָט איינגיזאַמלט פיל געלד — והיה לזולתו — און דער נאָך איז דאָס גיוואָרין צו אַנאַנדערין כלומר און דער נאָך האָט עס אַנ־אַנדערער צו גינומין — — —"

ליבער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט. עטוואָס איבערגעבויגן, ווי ער וואָלט געהאַט מאָגן־קראַמפּן. אַ זיסקייט און אַן אָפּגעשוואַכטקייט האָט אים אײַנגאַנצן אַדורכגעדרונגען; אַ שטימונג, ווי ער וואָלט זיך איצט געפונען אין אַ זוניקן שבת־נאָכ־מיטאָג אין אַ יידיש שטעטל אין דער אַלטער היים... די הייליקע איינפאַכקייט פון די ווערטער, וואָס ער האָט געהערט, האָט אים אַזוי צונומען.

— אוי ווי! — האָט ער געטראַכט — ווי זיינע אייגענע יאָרן ווערן עס אויך אַזוי צעפּטרט, צעטרענצלט אויף גאָרנישט, אויף גאָר־נישט... אָט אַ שטייגער, דער גאַנצער פאַרגאַנגענער טאָג... האַ, צוליב וואָס? אַ, גאָט, גיב נאָר כח אויף דאָס אַלץ אַריבערטראָגן... צוליב וועלכע נישטיגקייטן ער, ליבער, דאַרף זיך עס דערנידעריקן!... און ער האָט מיטאַמאָל זיך דערמאָנט אָן מר. סניטקינס ווערטער פון בייטאָג:

— און ווערים קריכן דעם מענטשן אין קאָפּ לעבעדיקערהייט...

— וואָס די טעג פאַרגייען אין נישטיקייטן, און די נעכט אין אומוויר־דיקייטן; וואָס דער גאַנצער גוף איז אומריין, — איז נאָך אפשר אַ קליינע זאַך... אָבער די נשמה, די נשמה! דאָס אינוויינקסטע לעבן זיינס, וואָס איז אַזוי פאַרווערימט...

און אַזוי זיס, און ממש אַלע איברים צונעמענדיק, האַרציק אַזוי און אַלץ־אַנטפלעקנדיק, ווי אַ וואַרעם היימיש ליכט — האָבן זיך

באַלד ווייטער גענומען גיסן די שטילע, די זינגנדיקע רייד, וואָס דר. קלעצקין האָט האַלב „געזאָגט", האַלב אַרויסגעזונגען פון דעם אומבאַקאַנטן ספר אַרויס, וואָס איז געלעגן פאַר אים אויפן טיש:

— „זאָגט דער נפש — ואני יראה — און איך פאָרכט מיך — שיקרני מקרה הכסיל — עס זאָל מיך זיך ניט טרעפן אַזוי ווי דאָס טרעפונג פון דעם פערוואַלטער וואָס ער איז געווען איין נאַר — אשר יגע בשני העניינים — וואָס ער האָט זיך גימיט אין די ביידע זאַכען דאָס הייסט אין דער שטאָט האָט ער זייער פיל טרחות געהאַט אויף צו בויען די בניינים און דאָש וואָש ער האָט גיהאַט פריהער איידער ער איז אַ פערוואַלטער גיווערין האָט ער אויך אַהער גיבראַכט — והפסיד בשני המקומות — און האָט אויף ביידע ערטער אָן גיוואָרין — וכיון שחנני האל אותך — און ווייל גאָט האָט מיר די גינאַד גיגעבין, אַז דו שכל ביסט ביי מיר — הורני — לערין מיך — והראיני עניני — און וויוז מיר אָן אין מיינע פירונג. —

2

נאָכדעם ווי דר. קלעצקין האָט שוין, קענטיק, געענדיקט פאַר היינט זיין „זאָגן", איז ליבער נאָך אַלץ אַזוי געשטאַנען אַ ווײַלע שווייגנדיק, אײנגעצן אַ צעשרויפטער און אַ צעוואַרעמטער.

דר. קלעצקין האָט מיט אַ באַפרייונגס-קרעכץ אויפגעהויבן זיין קאָפּ פונם ספר — ענדלעך זיך אָפּרוען... ער האָט פון דער זשילעט-קעשענע אַרויסגענומען אַ פאַרשמירט, פאַרשטויבט רייפּטעלע פעפער-מיאַטע, עס באַטראַכט קעגן ליכט, אַרומגעשטויבט עס, אַרײַנגעלייגט אין מויל אַרײַן און זיך אָנגעהויבן קוויקן מיט דעם: אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט זיין הויך שמאָקצען די מיאַטע-צוקערקע.

ליבער האָט אַלץ זיך נאָך נישט קיין ריר געטון, ווי אויף דעם וואָלט אים שוין מער קיין כח נישט געקלעקט, ביז דר. קלעצקין, אונטער דער ווירקונג פונם פרעמדנס אומגעוזעענער אָנוועזנהייט, הינטער אים אין חדר, האָט ענדלעך זיך אומגעדרייט אויף זיין שטול.

— א, זע נאַר... אַ שלום עליכם זאָל זיך אין אייך אַריינכאַפּן, מר. ליבער! שוין לאַנג דאָ? אַזוי!... הער נאַר, אַ מענטש שטייט עס דאָ די גאַנצע צייט און שווייגט! קומט אַריין, זעצט זיך! — ער איז צו אים צוגעלאָפן מיט אַ מאָדנער וואַרעמקייט, מיט ברייט-אויסגעשטרעקטע אָרעמס. קומט אַריין, קומט אַריין, אַ מזל אויף אייך... איך האָב דאָך שוין געוואָלט שיקן נאָך אייך — מען דאַרף דאָך שוין אויסאַרבעטן דאָס לערער-פּראָגראַם פאַרן קומענדיקן שול-יאָר. און ער זיצט זיך דאָרט אינדערהיים און שווייגט!... וואָס באַווייזט איר זיך קיינמאָל נישט?

נאָך ליבער האָט דעם רבס צוגעלאָזענע און וואַרעמע רייד געהערט, ווי דורך אַ שלייער, — דורך וואַרעמער און מחיהדיק-צוגעמענדיקער פאַרע, אין וועלכער עס האָט אים מיט אַ ווײַלע צוריק אַריינגעוואָרפן דעם רבס „זאָגן". דאָס, וואָס ער איז שוין, הייסט עס, זיכער אָנגעשטעלט אַלס לערער אויפן קומענדיקן יאָר, האָט אים, צו זיין גרעסטן שטוינען, איצט וויניק וואָס באַרירט. פּונקט ווי עס וואָלט זיך דאָ גאָר גערעדט פון אַ זייטיקן, נישט פון אים... פּונקט ווי נישט ער וואָלט עס גאָר דעם גאַנצן היינטיקן טאָג געהאַט אַרומגעלאָפן מיט אַן אויסגעשטעקטער צונג, אַ פאַרהאַוועטער און אַ פאַרשמאַיעטער... פּונקט ווי נישט ער וואָלט זיך עס אַזאַ לאַנגע צייט אַזוי שטאַרק אַלץ באַאומרויקט וועגן אָט דערזעלביקער שטעלע... מער נישט: איצט, דערהערנדיק דעם רבס רייד, האָט אַ דורכלויפנדיקער געדאַנק בלויז געצווונגען אים אַ שמייכל צו טון:

— אַ פּראָגראַם... פּראָגראַמען ווערן דאָך ביי זיי אין תלמוד-תורה אויסגעאַרבעט יעדעס יאָר — נאָר זיי בלייבן אַלעמאָל הענגען אַזוי אויף די ווענט און אויף די טירן פון די קלאַס-חדרים, נישט קיין דורכגעפירטע.

דעם רב האָט אָבער וויניק געאַרט ליבערס קאַלטער ענטפער אויף זיין אייגענע צוגעלאָזנקייט און עקספּאַנסיווקייט; ער האָט עס אפילו נישט באַמערקט. מיט אומבאַגרענעצטער זעלבסטצופרידנקייט האָט ער ווייטער הילכיק אַרויסגעהירזשעט:

— נו, און איך, אָט... איך מאַך מיך דאָ נאַריש מיט עפּעס אַ דרשה פאַרן נעקסטן שבת... איך גרייט צו עפּעס מאַטעריאַל... אַי,

אַ נודנע אַרבעט... די אַלטע יידן, וועלכע קומען צו מיינע דרשות — קיין אַנדערע, ווייסט איר דאָך, קומען נישט — זענען דאָך אַזוי ווי יידענעס... אַביסעלע מוסר, אַ רירנדיקן משל, אַז ס'זאָל שטאַרק צו־נעמען דאָס האַרץ — און מיר קענען עס שוין, ברוך־השם...

און ער האָט זיך לוסטיק, מיט אַ מין שטאַרק־ביטערן אויגן־ווונק, פונאַנדערגעשמייכלט. דערדאָזיקער פיל־באַדייטנדיקער און זייער־קלוגער שמייכל האָט געדאַרפט מיינען:

— וואָס דען... זאָל ער נאָר אָקאָרשט דערדאָזיקער סטודענט, נישט מיינען, אַז דר. קלעצקין, איז גאָט ווייס וואָס פאַר אַ נאַר... נישקשה, ער ווייס נאָך אויך דעם אמתן ווערט פון „אַזעלכע" זאַכן...

ער האָט אָפּגערוקט פון זיך דעם ספר אינם אַלטן וואָלוועל־גלאַנציק־פּאַפּירענעם איינבונד, צוזאַמען מיט די צעטעלעך און נאָטיץ־פּאַפּירלעך, וואָס זענען דערביי געלעגן, אויף וועלכע ער האָט אָנ־געוואָרפן פאַרשידענע באַמערקונגען. ווי אויך דעם גרעסערן פּאַפּיר, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעצייכנט, אין דער פאָרם פון אַ פאַר־צוויגטן בוים, די גאַנצע סכעמע פון זיין קומענדיקער שבת־דרשה. פון אַ זייטיקער ביכער־קופּקעלע אויפן טיש האָט ער מיט אַ גע־שיקטער באַוועגונג אַרויסגערוקט אַ נומער פונם „אטלאַנטיק מאָנטהלי" און עס אַוועקגעלייגט אַזוי, אַז ער זאָל זיך מוזן ליבערן וואַרפן אין די אויגן.

ליבער האָט נאָך אַלץ נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. נאָר דר. קלעצקין האָט שוין אַליין גערעדט פאַר דרייען. צו אים פלעגט טאַקע זעלטן ווער אַריינגיין. מיט די פאַרהאַוועטע קרעמער און פעדלער פון זיין קאָנגרעגיישאָן פלעגט ער דאָך נישט קענען רעדן פון דעם אַלעמען, וואָס פלעגט זיך אָנקלויבן ביי אים אויפן האַרצן. ליבערס אַנוועזנהייט ביי אים פלעגט אים תמיד גלייך אויפלעבן. און תמיד פלעגט ער גלייך אָנהויבן רעדן און באַרעדן דר. שניאורן.

— נו, איז וואָס הערט זיך עפּעס נייעס אין דער גרויסער וועלט, האַ? איר ווייסט דאָך, מיר זענען פאַרנומענע מענטשן: מיר קומען דאָך נישט אַזויפיל אין קאָנטאַקט מיט די גוים, ווי אונזער ביידנס פריינט, אדמו"ר דר. שניאור... — זיינע ביטערע אויגן אויפן אויס־

געכאַליעטן ווייבערשן פּנים האָבן אויפגעגלאַנצט. — כאַ־כאַ, ווי געפעלט אייך עפּעס טאַקע דערדאָזיקער כנוי „אדמו״ר״ פאַר אונזער דר. שניאורן? עס פּאַסט אים טאַקע, ווי אַ סויבלנער שטריימל אויף אַ בישאָפּס קאָפּ, ניכט וואַר? יאַ־יאַ... (ער פלעגט קיינמאָל נישט זאָגן „יאָ״; תמיד „יאַ״). נו, און אין די באַרימטע זשורנאַלן שרייבן מיר דאָך אויך נישט... ביין... — ער האָט מיט הנאה אָנגעהויבן רייבן אַ האַנט אָן אַ האַנט, פּונקט ווי דאָס נישט־שרייבן זיינס אין די זשור־נאַלן וואָלט שוין אויך געווען נישט אַזאַ קליינער פאַרדינסט. — זאָגט נאָר, אַגב, אי ר האָט כאָטש אַמאָל געהערט פון אָט יענעם קונטרס, אין וועלכן דר. שניאור שרייבט עס מכלומרשט?... נו. און אפילו אַ באָרד טראָגן מיר דאָך אויך... הכלל, וואָס איז דאָ צו רעדן — אַז מיר זענען מענטשן פון דער אַלטער, גאָר אַלטער וועלט...

ער האָט אויף ליבערן די גאַנצע צייט געקוקט מיט אַזעלכע בליקן, מיך־וועסטו־נישט־אָפּנאַרן אייגעלעך פון אַ ישיבה־בחור, וועל־כער האָט צו־שפּעט אָנגעהויבן לייענען ספרים חצונים, און איז שוין אויף זיין גאַנץ לעבן געבליבן ביי דער איבערצייגונג, אַז עס איז נישטאָ קיין איינציקע זאַך אין דער וועלט פון גייסט, וועלכע ער זאָל נישט וויסן... אויף וועלכער עס איז בכלל נישטאָ קיין רמז אין תלמוד אָדער מדרש.

זעלבסט־צופרידן האָט ער געהאַלטן פאַררוקט אַ פּאָר פינגער אין זשילעט־קעשענע, האָט אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַ גאָלדענע מטבע, זי אַ ווײַלע אָן אַ וואָרט אַרומגעוואָרפן אין האַנט, זיך נישט גע־קאָנט דערמאַנען, צוליב וואָס ער האָט זי, אייגנטלעך, אַרויסגענומען, זי צוריק אַרייגעשטופּט אין קעשענע און איז אַרויס אין קיך. ס׳האָט זיך פון דאָרט באַלד געלאָזט הערן זיין ווייכע מיידעלשע שטים:

— מאַמע, מאַך פאַר אונז אַ גלעזעלע טיי, פּליעז.

— מאַמע, זעסט דאָך... איך האָב דאָ אַ גאַסט, פּליעז.

ד״ר קליעצקין, אַן אַלטער בחור, האָט דאָ געוווינט אַליין מיט זיין מוטער. ליבער האָט זיך דערווייל אַרומגעקוקט איבערן חדר, אַ סאָלידער ספרים־שראַנק איז געשטאַנען ביי איין וואַנט, אַ גרינגע־רע און לופטיקע ביכער־עטאַזשערקע — ביי אַ צווייטער; אויף די

וועגט זענען געהאָנגען אַ היפּשע צאָל בילדער: — בילדער פונ׳ם ווילנער גאון, פון דעם ד״ר שעכטער, פון טעאָדאָר רוזוועלט, פון ר׳ יצחק אלחנן... אָבער מער פון אַלע האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ גרויסע פאָטאָגראַפיע פון באַרנום און ביילי׳ס צירק.

איבערן טיש, פון אַ קאַלענדאַר אַרונטער, האָט זיך געזען, ווי עפּעס אַ טערקישע מיידל, האַלב-אויסגעבויגן אויף אַן אָטאָמאַנע, האָט געדרויכערט אַ פּאַפּיראָס. פאַרשידענע אויסגעטוענע קליידער האָבן זיך געוואַלגערט איבערן צימער. אַן אָפּגעלאָזנקייט און אַ מאָד-נער ריח פון אַ לאַנג נישט-דורכגעלופטערטן חדר האָבן זיך דאָ געפילט.

און דאָרט, ביי דער קיך-טיר, האָט זיך דער רב ווייך-בן-יחידיש אַלץ געפּיעשטשעט ביי זיין מאַמען:

— מאַמעלע... וואָס קאָכסטו היינט אויף וועטשערע? אַ בראַטן, האַ? פע, מען דאַרף נישט קאָכן קיין פליישיקס, מאַמע, ווייסט וואָס — מאַך נאָר בלינטשיקעס, געשטאָפּטע מיט קעז... אין אַ נאָווינע... יאָ, מאַמעלע? אָבער פרעגעל זיי גוט איין — זיי זאָלן זיין גוט פאַר-ברוינט! .אַ—אַ...

דעם רבס ווייכינקע, אָפּגעקאָרמעטע מיידלשע פיגור האָט זיך ווידער אומגעקערט צו ליבערן מיט אַ זעלבסט-צופרידענעם שמייכעלע:

— איי, האָב איך עס אַ מאַמעלע, ליבער-סערדצע, שוין איינ-מאָל אַ מאַמעלע.., נו, זע נאָר... איז דערציילט-זשע עפּעס, נו-זשע, וואָס שווייגט איר...

ער האָט אָבער ווידער נישט געוואַרט, ביז וואַנען ליבער וועט אפילו באַוויזן צו עפענען אַ מויל. ער איז דאָך אַזוי געווען צו-פרידן, וואָס ער האָט כאָטש איצט צו וועמען אַ וואָרט אויסצורייִדן... און אויף ליבערן האָט זיך באַלד ווידער אָנגעהויבן שיטן אַ די-נינקער, דראָבנינקער ווערטער-מבול.

ליבער האָט אַוודאי באַלד געוווסט, אַז די הויפּט-רכילות וועט זיך דרייען אַרום ד״ר שניאורין. יענער, ס׳טייטש, גאָלט זיך טאַקע אין דער אמתן, נישט מיט עפּעס אַ פּראָשעק נאָר טאַקע מיט אַ גאָל-מעסער — אָט דאָס, וואָס דער פּסוק מיינט: תער!... אים, ד״ר קליעצקינען, אַרט עס אפילו נישט, — ליבער ווייס דאָך, אַז ער איז

חס-ושלום נישט אַזאַ גרויסער פאַנאַטיקער... נאָר גלאַט, — למאי זאָל עס אַ ייד נאַרן אַ וועלט?...

און ווידער —

— די רעדעס, וואָס ער האָלט דאָרט פאַר זיין עדה! פשש... שייך זאָגן — ס׳איז דאָך ריינע וויסנשאַפט — 18 קערעט... ליטעראַטור! וויסנשאַפט! האַ, איז דאָך גוט? נו, און דער עולם ווערט ביי אים פונדעסטוועגן וואָס אַמאָל וויניקער... אָט, אַדרבא, זאָל נאָר ליבער הערן עפעס אַ שיינס!

— אַנומלטן — האָט מען אים דערציילט — האָט ער, דר. שניאור, זיך זייער היציק פונאַנדערגערעדט וועגן פיזיק און ביאָלאָגיע, — ער האָט געוואָלט נעמלעך דערוויזן, אַז דער געדאַנק פון השארת הנפש איז נישט קיין בלויזער אַבערגלויבן, נאָר ער איז טאַקע באַזירט אַ׳ אויף אַ מעכאַנישן, אי אויף אַן אָרגאַנישן געזעץ... פריייטיק אָוונט איז עס געווען, דער עולם איז געווען אַ מידער פונם טאָג שווערער אַרבעט און דאָ — די סלוינע רינט ביי זיי פון מויל ביים בלויזן דערמאָנען זיך וועגן דער געשמאַקער פרייטיק-צו-נאַכטיקער וועטשערע, וועלכע דערוואַרט זיי אין דער וואַרעמער ליכטיקער היים...— און ער, דר. שניאור, רעדט אַלץ און רעדט: פון כעמיע און אַסטראָנאָמיע, פון אסטראָלאָגיע און גאַסטראָנאָמיע, פון אָקקולטיזם און ניוטאָנס געזעצן, פון אָזאָן און שמאוזאָן. — בקצור און הכלל: דער עולם רוקט זיך דערווײַלע פאַמע-לעך און הינטערווײַלעכטס אַרויס פון שול, כאַ-כאַ...

— וואָס זאָל איך אייך אַ סך ברייען... צום סוף פון דער דרשה זענען אין שול בלויז געבליבן פינף מענטשן — פ י נ ף מ ע נ ט ש ן! איר הערט, ליבער? פינף געציילטע מענטשן! פינף יאַ—הו—דים!

דר. קליעצקין איז שיר נישט אַראָפּגעפאַלן אין דער געלעכטער-ספאַזמע, וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט. ער האָט ליבערן זיך איינגעגעסן אין די אַקסלען און אים אַזש אָנגעהויבן טרייסלען. ער האָט זיך ממש, ממש געשטיקט פאַר פאַרגעניגן און באַהאַלטענער בייזקייט...

— ליבער, מענטש איינער, — שטיק האָלץ, וואָס איר זענט... פאַרוואָס פּלאַצט איר נישט פון געלעכטער, אַז פּלאַצן זאָלט איר טאַקע שוין אויף דער אמתן!... איר שטעלט זיך פאַר די גאַנצע קאַרטינע, צי ניין, איר קענט עס משיג זיין, צי ניין? — און ער האָט באַלד

אָנגעהויבן פֿירן מיט די הענט זיינע אין דער פֿאַרנאַכטלעכער לופֿט פֿונם חדר, ווי אַרויסצוטרעטן פֿון דאָרט געשטאַלטן מיט אַ כּשוף־שטעקעלע.

— אָט זעט... שטעלט זיך אָקאָרשט פֿאָר... אַ פֿרייטאָג־צונאַכטס... דער הייליקער שבת נידערט אַרונטער אויף דער שטאָט טריפּאַדוויל און אויף דער גאַנצער וועלט.., די נשמה יתרה קלייבט זיך אַריין אין דעם זינדיקן, פֿאַרהאָוועטן און וואָכעדיקן מענטשן... דער רב פֿון דער קאָנגרעגיישאָן „תּפֿארת ישׂראל" האָט אפֿשר פֿאַרנאַכט ספּעציעל גענומען אַ וואַרעמע ביטעל לכּבֿוד שבת — אָדער גאָר אפֿשר אַ דערוואַרעמדיקן קאָניאַק... און איצט שטייט ער דאָרט אויף דער בימה מיט אַ שבתדיקן אויסזען און איז זיך מתפּלסף וועגן גאָר, גאָר הויכע ענינים פֿון אמונה — און אים זיצן און הערן פֿינף מענטשן, — פֿינף איינזאַמע מענטשן אין דער גאַנצער ליידיקער שוהל...

און זיכער נישט מחמת ד"ר קליעצקינס צוויבער־קראַפֿט. אפֿשר גאָר — צוליב דער שטימונגספֿולער פֿאַרנאַכטיקייט, וואָס האָט געהערשט איצט אין צימער... נאָר פֿאַר ליבערן איז טאַקע באַלד אויפֿגעשוווּמען דער זאַל פֿון אַ פּוסטער שוהל... ד"ר שניאור שטייט אויף דער בימה, מאַכט מיט די הענט אין דער ליכטיקער פּוסטער לופֿט... אַלע עלעקטרישע ליכט און וואַנד־לאָמפּען אין דער שוהל ברענען, ווי אויף עפּעס אַ רייכן הספּד... און אין פֿינף פֿאַרשידענע צוואָרפֿענע ווינקלען פֿון דעם גרויסן זאַל שוואַרצן זיך פֿינף וואָכעדיק־אָנגעטוענע פֿיגורן — צו איין מענטש, צו איין וואָכעדיקן מידן קרעמער אין אַ ווינקל... יעדער איינער פֿון זיי טראַכט איצט אַוודאי פֿאַר זיך:

— אַך... ווי קאָן ער זיך אויך אַרויסגעבן אַזוי, אַז דער רב זאָל אים נישט באַמערקן און זאָל אויף אים חס־ושלום נישט פֿאַראיבל האָבן...

זיי זענען אַלע שוין שטאַרק מקנא די איבעריקע „מעמבערס", וואָס יענע האָבן יאָ געהאַט דעם מוט אַרויסצוגיין פֿון שוהל, נישט אַכטענדיק דעם דרשנדיקן רב... עס פֿאַרדריסט זיי אַזוי שטאַרק אויף זיך, וואָס זיי זענען צו איידל... און די גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן און לוסטרעס ברענען אַזוי ליכטיק און שטיל, און פֿאַרשטאַרקן נאָך מער דעם אומעט און די פּוסטקייט אין דער ליידיקער ש.הל.

און מיטאמאָל האָט זיך ליבער דערמאָנט אָן מרס. שניאורן און אָן איר געפאַלן־שמייכלענדיקן פּנימל בשעת איר היינטיקן באַזוך ביי מרס. יאַקאָן. אין קאָפּ האָט זיך ביי אים מיטאַמאָל עפּעס גענומען בינדן וועגן דעם זין פון איר דאָזיקן באַזוך... אַ רחמנות־געפיל צו איר איז אין אים איצט אויפגעשטיגן, אַ מיטלייד איבער איר געפאַלנקייט... אָבער מאָרגנ:

ער האָט גאָלד דערפילט ווי אין דערזאַלבער צייט האָט זיך אין אים איצט אויך אָנגעצונדן אַ תאוהדיקער פאַרלאַנג צו איר, — אַ באַשלוס נישט צו וואַרטן מער און זען אויסקוקן די פאַסיקע מינוט — ווי אַ ראָב, וואָס דערשמעקט שוין פונדערווייטן אַ קראַנקגוסדיקן פערד...

3.

עס איז געוואָרן טונקעלער. פון די מערבדיקע פענסטער האָט מען שוין איצט ביים האָריזאָנט קיין איינציקן שטרייפל זון מער נישט געזען. אין הויז האָט שטאַרק פאַרשמעקט מיט אָנקומענדיקן אָוונט.

דער רב האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו רעדן. דורכן געפיל פון אייגענע האַלב־געדאַנקען, האַלב־געפילן האָט ליבער באַלד אָנגעהויבן שפּירן, ווי דער רב דרייט און דרייט זיך אַלץ אַרום און אַרום עפּעס איינעם אַ פּינטעלע, — ווי אַ מויז, וואָס זעט פונדערווייטנס אַ שטיקל ברויט, קוקט אויף דעם מיט זשעדנע אויגן, דרייט זיך און קרייזט זיך אַרום דעם, נאָר האָט זיך אַלץ מורא נענטער צוצוקומען... קענטיק, אז ער וויל פאַרפירן מיט ליבערן וועגן עפּעס אַן אינטימען געשפּרעך, נאָר ער האָט אַלץ קיין מוט נישט.

ער רוקט זיך סוף־כל־סוף צו נאָך נענטער צו ליבערן, לייגט אַרויף זיין האַנט אויף ליבערס קני, ווערט דערביי אינגאַנצן רויט און צעהירזשעט זיך.

ראַפּטאָם הויבט ער זיך באַלד אויף פון אָרט, גייט צו צום ספרים־אַלמער, שלעפּט אַרויס פון דאָרט אַן אַלטע גמרא קדושין דפוס „האלמנה והאחים ראָם”; ער עפנט זי ברייט פונאַנדער אויפן

טיש הויבט אָן גיך, נערוועז און פיבערנדיק, בלעטערן. ער הויבט שוין באַצייטנס אָן צו כיכיקן.

— אַי, ליבער, האָב איך דאָ אַנומלטן געזען אַ שיינס... איך זאָג אייך — מען דאַרף גאָר קיין בעסערס נישט... אין אייערע מאָדערנסטע הײנטוועלטיקע ביכער וועט איר אַזוינס נישט געפינען...

מיט פיבערישע נערוועזע פינגער האָט ער זיך צולאַנג עפּעס געפּאָרעט צווישן די בלעטער, געזוכט, געזוכט דאָרט אַלץ דעם פּלאַץ; נאָר צוליב דעם וואָס ער האָט זיך געאײלט, צוליב דעם וואָס זיינע פינגער האָבן געציטערט, — האָט ער אַלץ אָדער איבערגעמישט, אָדער נישט דערמישט דעם נויטיקן דף... די אונטערשטע אַרונטערהענגענדיקע ליפּ האָט אים די גאַנצע צייט דערביי געציטערט. אין קאָפּ האָט זיך אים אַלץ געבאָמבלט דאס „שטיקל", נאָר ער האָט עס, מעשה-שטן, בשום אופן נישט געקאָנט אָפּזוכן.

— אַ תנא האָט געזאָגט... איבער דריי זאַכן האָב איך ליב די פּרסאים — צוליב זייער פיינקייט אין כוס, אין בית-הכסא און ביים תשמיש...

די מוטער איז פּלוצלינג אַריינגעקומען מיט דער הייסער טיי. ד״ר קליעצקין האָט זיך פאַרשעמט און פאַרמאַכט די גמרא מיט אַ האַסטיקן קלאַפּ.

— נו, מעשה שטן... גראָד ווען מען דאַרף זי נישט... נו, זאָל שוין זיין אַן אַנדערש מאָל.

אין שטוב איז געוואָרן נאָך שטילער און נאָך שאָטנדיקער. אין דער דאָזיקער שטילקייט האָט זיך צוערשט בלויז געהערט אַ רעגלמעסיקער טיי-זופּן פון צוויי שווייגנדיקע מענטשן. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום — ד״ר קליעצקינס זיך באַקלאָגנדיקער קול:

— אַי, ס'איז נישט גוט אַזוי... נישט גוט אַזוי... אַליין ווי אַ שטיין... אין דער גמרא שטייט: לא טוב לו לאדם לשבת לבדו... אוודאי אַזוי: ווייל וואָס קומט אַרויס דערפון — מען פינסטערט אַזוי אָפּ די גאַנצע יאָרן... מילא, אין ניו-יאָרק איז דאָך פאָרט נאָך עפּעס אַנדערש — אַ כרך, אַן עיר ואם בישראל... שייך זאָגן, — מען הונגערט שוין נישט... כי-כי-כי... וואָס איז? איר מיינט — איך פלעג דאס טאַקע אָפּזיצן גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט אין דער ישיבה?...

(איר ווייסט דאָך מסתמא אַזוי: איך האָב געקראָגן מיינע סמיכות אויף רבנות און ישיבת רבי יצחק-אלחנן). איך פֿלעג דאָך אין די אָוונטן אויך באַזוכן דעם סיטי-קאָלעדזש: אין אַ שבת-אָוונט, צו אין אַ זונטיק-אָוונט, פֿלעג איך גיין געוויינלעך אין יידישן טעאַטער אַריין... איר וווּנדערט זיך אוודאי? איר מיינט דען, אַז כ׳האָב קיינמאָל נישט געזען מאָגולעסקאָן כאַפּן אַ טענצל? אָדער טאָמאַשעווסקין זינגען עפּעס אַ האַרציק שטיקל אַזוי, אַז עס צענעמט אייך אַזש יעדן אבר, איז פֿאַר וועמען האַלט איר עס מיך פֿאַרט, ליבער-סערדצע?

נאָר ליבער האָט אים גאָרנישט געהערט. ער איז איצט, קענטיק, געזעסן ווי אויף שפּילקעס. ער האָט שוין תיכּף געמוזט אַרויסלויפֿן... דעמאָנסטראַטיוו האָט ער זיך אָנגעהויבן פֿאַרשפּילן די קנעפּלעך, נאָר דער רב האָט גאָרנישט באַמערקט. ער האָט זיך אַלץ ווייטער באַקלאָגט אויף זיין ביטערן גורל. ליבערן האָט גראָד זיך מיטאַמאָל געוואָלדיק עפּעס פֿאַרוואָלט—ער האָט אַזש פֿאַרביסן די ליפּן, האָט אָנגעהויבן אומגעדולדיק רייבן אַ קני אָן אַ קני. מיט צאַפּלדיק-נערוועזע פֿינגער האָט ער געגלעט די ווענטלעך פֿון שטול, זיך אַלע ווײַלע אויפֿגעהויבן, זיך צוריק אַנידערגעזעצט און האָט געפֿילט, אַז טאָמער גייט ער נישט אַרויס, וועט עפּעס אין אים פּלאַצן.

ווען ער האָט שוין כּמעט אַ פֿאַרחלשטער, צוריקגעוואָרפֿן זיך אין פֿאַרצווייפֿלונג אויפֿן שטול-אָנלען, איז מיטאַמאָל אַריינגעקומען עפּעס אַ פֿרעמדע פֿרוי. דער קאָפּ אירער און דער אונטערשטער טייל פֿון איר פּנים איז געווען איינגעוויקלט אין אַ טוך. אין דער אָוונט-בלייכקייט האָט זיך פֿונם דאָזיקן טיף-אַרומוויקלענדיקן טוך אַרויסגעלויכטן בלויז אַ שמאָלער פּאַס — דער שטערן בלויז, פֿון אונטער וועלכן עס האָבן אַרויסגעבלישטשעט צוויי שוואַרצלעכע קוילן-אויגן. זיי האָבן געהאַט, די דאָזיקע אויגן, עפּעס אַן אומהיימלעך-אַרומלויפֿנדיקן גלאַנץ.

די אומבאַקאַנטע פֿרוי, דערזעענדיק ליבערן, איז געבליבן אין פֿאַרלעגנהייט שטיין אויפֿן שוועל; אַ ווײַלע האָט זי, קענטיק, נישט געוווּסט, וואָס צו טון: אַריין אָדער אַרויס... נאָר באַלד האָט זי גענומען און האָט אַרויסגענומען פֿון אונטערן היפּשן טוך אַ קאָשיקל, אין וועלכן עס איז געלעגן איינגעוויקלט אין צייטונגס-פּאַפּיר אַ געקוילעט עוף.

דר. קליעצקין האָט אָנגעהויבן צו וואַרפן ביסטרע אומרויִקע בליקן אָט אויף דער פרוי און אָט אויף ליבערן. ער האָט גיך אַ מאַך געטון אַ צייכן מיטן פינגער איבער די ליפּן, — זי זאָל ניט רעדן... ליבער האָט עס אָבער נישט באַמערקט. פון מידקייט האָט ער גע־האַלטן די אויגן האַלב־פאַרמאַכט.

דורך אַ נעפּלדיקער מחיצה האָט זיך באַלד דערטראָגן צו אים דר. קליעצקינס נצחונדיקער קול:

— אַט, איר זעט דאָך אַליין... אָט די פרוי איז גראָד נישט פון מיין קאָנגרעגיישאָן, — אָבער אַלע קומען זיי צו מיר, אַלע ווייבער, ווי נאר עפּעס ערנסטעס! מענטש איינער, — האט ער מיט פאַרדראָס און בייזקייט אין קול אויסגעשריגן — אינגיכן וועט ער דאך דארט גאר פאַרבלייבן איינער אַליין — מיט אַ פּוסטער שול — אט דערדאזיקער פאַרריסענער פילאזאף, אט דער עוכר ישראל!

דר. קליעצקינס מוטער האָט אַריינגעבראַכט אַ לאָמפּ. זי האָט פאַרקאַשערט די מאַנזשעטן, האָט אַנידערגעלייגט דאָס עוף אין אַ שיסל אויפן טיש, אַריינגעשטופּט די האַנט טיף אינעם אויפגעטרענטן בייכל, ווי אַ געניטער כירורג. דערנאָך זי אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן, אַ פאַרשמירטע, אַ פאַרבלוטיקטע, אַ פולע מיט קישקעלעך, מיט דרויב מיט אַ לונג־און־לעבערל... און בשעת מעשה האָט ער זיך אַלץ אַזוי יעכידנע געוויצלט:

ווי איך שטעל מיר פאָר, וועט עס דאָרטן פאַסירן אַזוי... איינציקווייז, איינציקווייז, וועלן זיי אַלע, די לעצטע שול־מעמבערס*), אַרויסגיין פון שול... אָט, ווי עס דערציילט זיך אין דעם באַקאַנטן וויץ. און גאָר דער סאַמע לעצטער — דער שמש — וועט דעמאָלט דעם רב איבערגעבן דעם שליסל, — לאמר, אַזוי צו זאָגן: „רבי־לעבן... נאַט... אָט איז דער שליסל צו דער שול. אַז איר'ט אם ירצה־השם ענדיקן דרשענען, איז זייט אַזוי גוט: שליסט צו די־טיר"... כאַ־כאַ...

אַ כוואַליע פון אַ שטאַרקן ווילן האָט ליבערן מיטאַמאָל דורכ־געשוועבקט דורכן חוט־השדרה. דר. קליעצקין איז געווען איצט שטאַרק פאַרטון אינעם באַטראַכטן דאָס לונג־און־לעבערל קעגן ליכט. נישט

*) מיטגלידער.

געזעגענענדיק זיך, האָט ליבער זיך אויף די שפּיץ־פינגער געלאָזט גיין צו דער טיר.

פאַרבייגייענדיק די נאָך אַלץ פאַרוויקלטע פרוי, האָט ער דער־קענט אָן איר טאַליע, אַז דאָס איז נאָך גאָר אַ יונגע פרוי. און מיטאַמאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט: די פרוי האָט צו אים אַ שמייכל געטון... אַ שמייכל געטון צו אים פאַרשולדיקט אַזוי פון אונטער דעם בלייכן פּאַס, וואָס האָט זיך געלויכטן געהיימניספול פון דער אַרומוויקלענדיקער טוך אַרויס...

אַז ליבער איז שוין געווען אינדרויסן, איז אים פּלוצלינג איינ־געפאַלן: ווי ענלעך דידאָזיקע יונגע פרוי, וואָס ער האָט אָקאָרשט געזען ביים רב אין הויז, איז עס אויף די אַלעקסאַנדערס טאָכטער,— אויף מילדרעדן!

— כאַ, אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן... ס׳קאָן נישט זיין! זי, מילדרעד — מיט אַ שאלה ביים רב! — — —

ער האָט זיך אויף גיך אַרומגעקוקט, אויב עמעצער זעט אים נישט, איז אַריינגעלאָפן אין אַ שמאָלן דורכגאַנג, וואָס איז געווען צווישן אַ האָלץ־קופּע און דעם פּלויט אַרום דעם הויף: אַ ווײַלע האָט ער זיך דאָרטן געפּאָרעט, האָט באַנעצט און דערשראָקן אַ פּאָר דרימלענדיקע הינער.

אַז ער איז אַרויסגעקומען פון דאָרט, איז זיין פּנים שוין גע־ווען ליכטיקער. ער האָט אויסגעשפּיגן דריי מאָל.

טפוי זאָל עס ווערן... ס׳קאָן דאָך אָבער פּאָרט נישט זיין... צום רבל, הייסט עס, אויך? אַזאַ נישט קיין איבערקלויבערין איז זי? ניין, ס׳קאָן נישט זיין! מיר האָט זיך עס אַוודאי בלויז אויסגעדוכט!

ער האָט זיך געאיילט אַהיים. נאָר אַז ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם פענסטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון דר. קליעצקינס שלאָף־צימער אין הויף אַרויס, האָט ער דורכן שויב דערזען: דער רב פלאָנטערט זיך מיט פיבערנדיקע הענט אַרום דעם גרויסן וואָלענעם טוך, וואָס האָט אַרומגעוויקלט די יונגע פרוי. דאָס טוך פאַלט ענדלעך אַרונטער. נאָר אין דער מינוט איז דר. קליעצקין שוין ביים פענסטער, לאָזט אַרונטער די פאָרהענגלעך.

ליבער האָט זיך אויף גיך אָפּגעטראָגן פון דאַנען.

4

ווען ליבער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שווערן דריי-שעה-דיקן נאָכמיטאָג-שלאָף, האָט שוין פון דרויסן אַריינגעבלאָזט אַ שפּעטער אָנהויב-הערבסטיקער אָוונט.

אין דרויסן איז געווען שטיל. ערגעץ פון אַ וועראַנדע האָט זיך געלאָזט הערן אַ געניט צימבלען אויף אַ באַנדזשאָ. דאָסדאָזיקע צימבלען איז באַגלייט געווען מיטן זינגען פון אַ יונג-בחורשן קול, מ׳האָט געקאָנט הערן: דאָסדאָזיקע בחורשע קולכל פלעגט אַלע ווײַלע איבערגעריסן ווערן דורך אַ הצוהדיק-אויסגעלאַסענעם געלעכטער פון עפּעס אַ מיידל.

— In San Domingo
We met by chance...
I could'nt understand the lingo,
But I understood the dance — — —
Cheekee -- chee, cheekee — choo...
You love me, I love you.

דרויסן האָט אַוודאי געמוזט זיין איצט קיל, שטאַרק קיל, כאָטש אין חדר איז געווען אַנגעגעם און וואַרעם. ליבער איז אויך געהאַט געלעגן די גאַנצע צייט אין בעט אין זיינע זאַכן. ער האָט זיך פונ-דעסטוועגן נאָך וואַרעמער געגומען איינגעוויקלען אין דער קאָלדרע. אין די אויערן האָט געזשומעט די שטילקייט.

אין דעם הינער-פּלעט פון זיין אָפּגעשוואַכטן, נאָך אַלץ דרימלענ-דיקן מח האָט ליבער האַלב-אומבאַוווסטזיניק געטראַכט, אַז ס׳איז שוין אַוודאי זייער שפּעט, — מען וואָלט שוין געדאַרפט אויפשטיין... ער האָט אָבער נישט געהאַט גענוג ווילן אויף צו צווינגען זיך, זיך אויפהויבן פון בעט. ער האָט געפּרוווט אויפהויבן אַ האַנט, אַ פוס — נאָר אָן כח ז״ ווידער געלאָזט פאַלן צוריק אויפן בעט מיט אַ ווייכן פליישיקן שאָרך׳

ווי די איברים וואָלטן געווען נישט קיין לעבעדיקע, נאָר עפּעס איברים פון אַ מת.

ס'איז איצט געווען אַ שבת־אָוונט. די סטודענטן, וואָס וווינען אין דערדאָזיקער געגנט, — אַ סטודענטן־קוואַרטאַל — האָבן שוין אַרום אַט דער צייט אוודאי געמוזט אַוועקגיין ערגעץ אויף אַ נאַכט פאַרברענגען און הוליען און טרינקען — ערגעץ אין די קלובן זייערע, אין די „פראַטוירניטיס"*), אין די עפּנטלעכע טאַנץ־זאַלן, אָדער צו די עקסקלויסיווע פאַרוויילונגען אין די אַריסטאָקראַטישע „סאָראָריטיס"**)... און ס'איז דעריבער געווען איצט שטיל אַזוי אין דרויסן, ווי אַ פרייטיק־אָוונט אין אַ קליין היימיש שטעטל, ווען אַלע איינוווינער זענען שוין אַוועק אין שול אַריין; נאָר בלויז עטלעכע יונגע מיידלעך זענען נאָך געבליבן זיצן שטיל אויף די גאַניקעס, — בלייכלעך־ווייסע פלעקן אין דער טונקל פונם אָוונט, אין וועלכן עס שימערן אַרויס שבת־פלעמלעך פון די פענסטער.

נאָר באַלד האָט זיך ווידער געלאָזט הערן און ליבערן אַזוי שטאַרק אויפגערייצט דער שעלמיש פרעכער מיידלשער געלעכטער... אַ יונג־בחורשער, אַן אומצייטיקער קול האָט ווידער זיך געשטאַרקט און אויפגעזונגען:

— One day, by Jingo,
I held her hand,
And I could feel my heart go bingo
In San Domingo land!

נאָר אינמיטן פון אַ נאָטע האָט די באַנדזשאָ מיטאַמאָל אויפגעהערט צו קלימפּערן. ס'האָט דערשראָקן ליבערן, אָפּגעשטעלט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ, אָנגעפילט אים מיט פאַרדעכטיקנדיקער דערוואַרטעניש.

דער אָקאָרשט־געהערטער געלעכטער — אַ קוויטשנדיקער, אַזאַ געלעכטערל . . . אַט אַ זאַפּטיק־זאַטער, אַ זיך־איבערנעמענדיקער, אַ צופרידענער; אַט — אַן אומרויק־זוכנדיקער, אַן

*) ברודערשאַפטן **) אַריסטאָק־אַטישע סטודענטן־פאַריינען.

איבערעגנדיקער — האָט דערמאָנט ליבערן אָן אַנדער געלעכטער, און האָט זיך אים אויסגעדוכט צו זיין אַ שוין לאַנג, לאַנג־געהערטער, אַ לאַנג־לאַנג באַקאַנטער. ליבער האָט זיך פאַרטיפט, זיך געפרווט דערמאָנען.

אַ פאַרוואונדערטער האָט ער זיך באַלד אַ קלאַפ געטון אין שטערן, — הלמאי האָט ער זיך עס גלייך נישט געכאַפט, וועמענס געלעכטערל עס איז... צו אַלדע גוטע יאָר, ווי האָט ער דאָס גע־קאָנט פאַרגעסן — און ער האָט דאָך נאָך אַנומלטן אַליין אָפגערעדט מיטן יונגן סניטקינען, זיי זאָלן ביידע אַריינקומען צו זיי, צו די אַלעקסאַנדערס, טאַקע היינט, שבת אָוונט...

און די פאָרשטעלונג פון מילדרעד אַלעקסאַנדער האָט ליבערן שוין גלייך אומרויק געמאַכט. אַך, ווי פיינט ער האָט זי, און ווי ליב! ער האָט נישט געוווסט, וואס פאַר אַ געפיל עס איז אין אים געווען שטאַרקער... איצט, למשל, אין דער וואַרעמער טונקל פונם חדר, פילט ער, ווי עס ציט אים אַזוי שטאַרק צו איר, אַז עס טוט אים אַזש וויי. ער וואָלט אַזוי געוואָלט אָננעמען איצט אירע פוכקע פולע הענט, פאַרדרייען זיי אויף הינטן אַזוי שטאַרק, אַז זי זאָל אַזש אָנהויבן שרייען. און דעמאָלט, — אָט אַזוי ווי זי דריקט זיך צו אים דעמאָלט צו מיט אירע איבערצייטיקע ברוסטן, שוין פון אַזוי פיל הענט באַרירטע, — נעמען און זיך איינבייסן אין אירע דיקלעכע ליפן, תמיד מיט רויטן „ליפ־סטיק" געדיכט אָנגעשמירטע, און בשעת מעשה פילן, ווי איר ברייט, צעיורן געזיכט און שוין לאַנג, לאַנג נישט מיידלשע אָפגעלאָזענע ברוסטן אָטעמען אַזוי שווער, אַזוי הייס און אַזוי אויסגעמאַטערט.

יאָ, ער האָט זי פיינט געהאַט, מילדרעדן. מיט אַ מאָדנער איינגעשפאַרטקייט, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט בייקומען, האָט זיך אים איצט אַזוי שטאַרק פאַרוואָלט נאָכאַמאָל צו דערהערן איר אויס־געלאַסענעם געלעכטער. אָט פונקט ווי פון דעם וואָלט איצט אָפגע־האָנגען זיין גאַנצער לעבן. ער האָט זיך אויפגעהויבן אויפן בעט, עטוואס פונאַנדערגעעפנט דאס מויל, אַ דורשטיקער נאָך אָט דעם בלוט־אויפשלאָגנדיקן און פונאַנדערברענענדיקן געלעכטערל. אָבער עס איז שוין מער נישט געקומען. מער נישט געקומען.

און ליבער, מיט אַ צעהיצטער פֿאַנטאַזיע, האָט שוין פֿיבעריש געטראַכט:

— אויף דער באַנדזשאָ האָט דאָך געשפּילט אַ סטודענט. און די באַנדזשאָ איז איצט געווען שטיל. איז איר געלעכטער אויך פֿאַרשווונדן, איז איצט זענען זיי שוין ביידע זיכער ביי איר אין הויז, און שווייגן דאָרט... שווייגן דאָרט צוזאַמען.

איצט איז ער נאָך געוואָרן זיכערער, אַז דאָס איז געווען זי, מילדרעד, וועמען ער האָט אַנומלטן פֿאַרנאַכט באַגעגנט ביים רב, ביי דר. קליעצקינען. אין הילפֿלאָזן כּעס איז ער צוריק געפֿאַלן אויף זיין געלעגער. די בעט־כּפּרוזשינעס האָבן אונטער אים געקרעכצט. ער האָט פֿאַרשטאַנען די נאַרישקייט און די הילפֿלאָזיקייט פֿון זיין כּעס— וואָס קאָן ער דען מיט איר טון? וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט ער אויף איר? זי איז דען זיין כּלה, צי וואָס? אָבער דאָס גופֿא האָט אים נאָך מער אויפֿגעבראַכט און דענערווירט.

די דריי שעה שלאָף האָבן, ווייזט אויס, אים ווייניק געהאָלפֿן... אָן אַ שיעור קליינינקע פֿאַרדרוסן האָבן אים איצט איבערגעוועלטיקט. און דער קורץ־דויערנדיקער גלייכגעוויכט, וואָס האָט זיך צו אים אַזוי אנגענעם באַוויזן אין די עטלעכע מינוטן נאָכן אויפֿשטיין, איז שוין איצט ווידער פֿאַרשווונדן, צוזאַמען מיט דער שוין־געעקטער רו.

ליבער האָט זיך געוואָלט אַרויסראַטעווען פֿונם דאָזיקן צושטאַנד, און זיך אים מיט די לעצטע כּוחות אַנטקעגנגעשטעלט. נאָר דאָס, זיינע אָנשטרענגונגען, האָט אים בלויז נאָך מער אָפּגעשוואַכט... אַ שטילער, דראָבנער ציטער, — ווי דער נאָכאַנאַנדיקער, לויפֿנדיקער שטראָם אין אַן עלעקטרישער באַטעריע, — האָט איצט דורך אים, אויך אַזוי נאָכאַנאַנד, געפּלייצט. זיין גאַנצער גוף האָט שוין באַלד געציטערט אין אַ ברענענדיקער, אומרויקער און טומלדיקער באַוועגונג, שיר נישט ווערנדיק צעריסן אויף טויזנטער שטיקלעך, אַרויסגייענדיק כּמעט אינגאַנצן פֿון זיין קאָנטראָל.

און ליבער האָט זיך ענדלעך מיאש געווען פֿון רו... ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן אָט דעם געפֿיל פֿון ביטערקייט און באַליידיקונג — און דאָס האָט אים אַביסל דערלייכטערט... ער האָט נאָכאַמאָל אין געדאַנק דורכגעלעבט דעם גאַנצן פֿאַרלאָפֿענעם היינטיקן

טאָג. און אין דעם אויפגעשרויפט-צעהיצטן מח זײַנעם איז דער טאָג, דער פאַרגאַנגענער, ווידער אײַנגאַנצן דורכגעגאַנגען — אַ גרויער, אַ קליינלעכער און אַ דערדריקנדיקער...

5

ער האָט קוים געהאַט געצוג כּחות אויסצושטרעקן זײַן האַנט צום שטול, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון זײַן בעט. ער האָט דאָרט אָנגעצונדן דעם עלעקטרישן לעמפּל און אַ קוק געגעבן, ווי שפּעט עס איז.

שוין זיבן אַ זייגער...

איילנדיק, נערוועז, ווי ער וואָלט געווען אין כּעס אי אויף זיך, פאַרוואָס ער טוט עס, אי אויף דער זאַך, וואָס באַוועגט אים דאָס צו טון, — האָט ער פונם שטול דערלאַנגט צו זיך אַ פאַרשריבן העפטל.

דאָס איז געווען דאָסזעלביקע פאַרשריבענע העפטל, וועלכעס טורין האָט אַרויסגעראַטעוועט ביי מרס. קעלאַרניק, בעת יענע האָט צו־נויפגעקליבן דאָס מיסט פון די חדרים. טורין האָט שוין עטלעכע מאָל דאָסדאָזיקע העפטל געוואַלדיק פאַרליבט פאַר ליבערן, ער האָט אַרום שווייען און אַרום דעמדאָזיקן העפטל געשאַפן אַזאַ מין סאָרט מיסטעריע אַז עס האָט ענדלעך ליבערן פאַראינטריגירט.

— ווייס איך וואָס... איר זענט אַ העלדן-פאַרערער... איר זענט אַ טיפּישער און אַ טיפּושער (האָט ליבער הנאה געהאַט פונם דאָזיקן וואָרט-שפּיל) — חסיד... פון וואָס איר מאַכט עס אַ גאַנצן צימעס... אַ גאַנצע מעצאָצע. נו... ווער שרייבט דען נישט היינטיקע צייטן ביי אונז... איך וואָלט אַליין אויך געשריבן, ווען איך וואָלט נאָר געהאַט אַביסל איבעריקע צייט... נו, מילא, נו, גיט שוין „אַהער, נו... מירן עס אי־בערלייענען...

דאָס העפטל איז ביי אים אָבער אָפּגעלעגן אַזוי אַ לאַנגע צייט נישט-געלייענטערהייט: ער האָט עפּעס נישט פאַרגינען זײַן מחבר, שווייען, אַזאַ מין הנאה אונטער די אויגן, — ער, ליבער, זאָל עס לייענען... און איצט איז דאָס העפטל געווען נאָכמער פאַרשמירט, ווי

ווען בעת טורין האָט עס געפונען אינם מרס. קעלאַרניס מיסט-קופּע, ליבער האָט עס איצט ענדלעך אָנגעהויבן לייענען.

איידער ער האָט נאָך אַפילו באַוויזן איבערצולייענען די ערשטע עטלעכע שורות, איז עס אים שוין נישט געפעלן געוואָרן. פונדעסט-וועגן האָט ער עס ווייטער געלייענט, כאָטש ער האָט לכתחילה ביי זיך שוין געהאַט אָפּגעמאַכט:

— איבער דער ערשטן זייטל פונם אַרויסגעוואָרפענעם פאַרשמירטן כתב-יד, איבער דער גאַנצער, באַלכסונדיקער לענג פונם העפט איז געווען אָנגעשריבן מיט בלויען כעמישן בליישטיפט מיט גרויסע קידוש-לבנה אותיות:

קינדערייען; אַרויסוואַרפן.

— פאָזע, אָנשטעל, — האָט ליבער זיך פאַרקרימט און געבור-טשעט — נו, און צוליב וואָס האָט ער עס נאָך אײנגאַנצן געדאַרפט אָנשרייבן... טויג נישט? אַ-מער, נעמט מען און מען וואַרפט אַרויס... צו וואָס נאָך דערדאָזיקער אָנשטעל? אָך, דידאזיקע שרייבער!... ער האָט זיך אַוודאי זיכער פאָרגעשטעלט, אַט דער שוויי, ווי עמעצער שטייט, בשעת מעשה, הינטער אים, קוקט אַריבער איבער זיין אַקסל, און זעט עס אַלץ צו... און באַוואונדערט אים... זיין „קרבן"...

ליבער האָט אויסגעשפּיגן. ער האָט אייליק און אומגעדולדיק געמישט בלעטל נאָך בלעטל, ביזקל ער האָט זיך ערגעץ אין אַ מיטן אָפּגעשטעלט.

ער האָט געלייענט:

„...מיין שאָקל-שטול האָט אָנגעהויבן סקריפּען. ווייזט אויס: כ'האָב זיך שוין צו שטאַרק געשאָקלט. און קאַלט! בררר... גאָט מיינער איך וועל דאָך דערפרוירן. און — זע נאָר, וואָס איז דאָס? פינף אַזייגער? שוין באַלד פאַרטאָג? טפוי, צו אַלע שוואַרץ-יאָר! וואָס איז עס געשען מיט מיר? זיך פאַרשלאָפן? איינגעשלאָפן זיצנדיקער-הייט... עלטער — שוואַכקייט, כע-כע...

„און דאָס פּאַפּיר? דאָס פּאַפּיר ליגט נאָך אַלץ יתומדיק אויפן טיש. עס בלאַנקט אַליין אין דער קילער פאַרטאָג-לופט. טאַקע גאָר-נישט געשריבן... ווייטער נישט געשריבן... אַ שאָד... מען דאַרף דאָך

וועגן דעם ענין פּאָרט ווען-עס-איז שרייבן... „אַזאַ אינטערעסאַנטע טעמע". איך האָב אין ניו-יאָרק געקענט אַן עלטערן יידישן שרייבער, פלעגט ער אויף אַלץ און אויף אַלעמען — אויף מענטשן און פּאַסירונגען — זאָגן: „זייער אַן אינטערעסאַנטע טעמע! אָ... דאָס — דאָס איז גאָר אַן אינטערעסאַנטע טעמע!"

„ווער ווייסט: אפשר וועט עס פּאָרט זיין אַ גאַנץ באַדייטענדיק ווערק. מיין באַקאַנטער, דער רעדאַקטאָר פון אַ גרויסער טעגלעכער יידישער צייטונג, וואָלט אפשר, ווי אַ טובה אַ פּערזענלעכן פריינט, ערלויבט דרוקן אין זיין צייטונג אַ קורצע רעצענזיע איבערן בוך. מאַלע וואָס מען טוט נישט צוליב פריינטשאַפט. און שפּעטער, באַגעגנענדיק מיך, וואָלט ער זיכער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל און, טאַקע ווי אַן אמתער גוטער פריינט מיינער, וואָלט ער מיר אין אַ זייער קאָנפידענציעלער שטים זיכער געזאָגט:

„— זייער וווּיל מיין ליבער, זייער וווּיל זייער וווּיל... אַ גאַנץ נישקשהדיק ווערק. כ'ווייס, וואָס שייך זאָגן... עס זענען דאָ אַ פּאָר חסרונות... אָבער אין אַלגעמיין... אָבער זאָגט נאָר — האָט נישט קיין פאריבל — כ'האָב אייך אַלץ געוואָלט פרעגן: איר שרייבט דאָך טאַקע גאַנץ נישקשהדיק — איז וואָרום-זשע זאָלט איר נישט שרייבן אין ענגליש, האַ?...

נאָר אַ דאגה מיר. מיין באַלוינונג, מיין אמתע באַלוינונג, וועל איך קריגן ערשט שפּעטער, — ווען איך וועל באַגעגענען דעם הער קאָלווינסאָנען, — דעם וווילבאַקאַנטן ציוניסט און אַמעריקאַניש-יידישן כלל-טוער. ער האָט עפּעס געלעזן וועגן דעם ווערק מיינעם אין אַ באַקאַנטן יידיש-ענגלישן וואָכנבלאַט, וואָס דינט ווי אַ פאַרמיטלער צווישן אים און דעם יידישן פאָלק. ס'איז דאָך פּאָרט אַ „יידיש-נאַציאָנאַל" ווערק! לויבט ער מיך: אַן אמת-קינסטלעריש-באַשאַף, הער... הער... אַ, יאָ, הער שוויי... אַהאַ, זעט איר, איך ווייס אייער נאָמען, איך ווייס... ווייסט איר, כ'בין שוואַך אויף געדאַנקען נעמען — אָבער פּנימער... געהערט, געהערט פון אייער ווערק... אויסער אַלעם — די פאַרקערפּערטע אידעע — אַזוי וויטאַל און אַזוי ברענענדיק... ס'איז אַ

מייסטערווערק! יאָ. שאַדע, וואָס איך קאָן עס נישט לעזן... שוין שפּעט זיך אויסצולערנען יידיש אויף דער עלטער.

— —

„און ווידער פאַרבייס איך מיינע ליפּן, און פול מיט פּיין איז מיין בליק און פאַרבאַהאַלטענעם טרויער, ווי אַ פאָטער, ביי וועמען זיינע קינדער זענען אָקאָרשט געשטאָרבן, — ווי איינער, ביי וועמען מתו מוטל לפניו... און שטיל זאָג איך אייך, און ערנסט, און בלייך, שווייגענדיק אין די אויגן קוק:

„— ברידער מיינע, מיר זענען פרעמדע... פרעמד דעם אייגענעם פאָלק, דעם בלוט-און-פלייש, דעם אייגענעם... וואָכעדיק זענען זיי, אונזערע הייליקסטע געפילן, אונזערע יום-טובדיקסטע טרוימען — זיי צווידער און גלייכגילטיק-אומפאַרשטענדלעך, און מעסטן עס מיט גאָלד און געלד...

„און צו וואָס, און צוליב וועמען?

„פרעמד זענען מיר. און אייגענער היים איינזאַם. — פרעמד — אַליין. — — — זענען מיר דאָך טוצן בלויז, און נאָך ווייניקער, און אויף די פינגער קאָן מען ציילן אונז... טרייסטן מיר זיך איינס דאס אַנדערע מיט האָפנונגען אילוזאָרישע, מיט טרוימען נישט-באַגלויבטע... אונזער בלוט און מאַרך און אונזער פּיין און דאס ביסל לעצט-האָפנונגדיקע שאַפן וועבן מיר אַריין. אויסגעצערטע און אויסגעמאַטערטע, פאַרחשכטע און פאַרמאָרעטע — — — אַליין, אַליין.

— —

„ברר... קאַלט. געדאַרפט מיין גאַז-אייוועלע אָנצינדן. מיין ליב גאַז-אייוועלע. מיין איינציקער וואַרעמער פריינד. נאָר מען דאַרף נישט... שוין שפּעט. שוין צו שפּעט. איך וועל מיך בעסער לייגן שלאָפן.

„— שטיל, ממזר דו איינער, שלאָפן! שלאָפן, דו... דו... דו הערסט? שלאָפן!...

„יאָ. שלאָפן. שלאָפן. אַך, איך זאָל נאָר קאָנען.

— —

„מיד בין איך פון ערליכקייט און צניעותדיקייט. געאַנרט זענען מיר געוועזן, ברידער, אוי גענאַרט.

„זינדיק איז די וועלט און הפקרות פול, און טוגענד, און מאַ-

ראַל, און צוכט — בלויז אָפּנאַר-מיטל אויף ליפּן פון שטאַרקע, פאַרטיידיקונגס-ווערטער אויף ליפּן פון שוואַכע. —

„עס ציט מיך צו דער זונה... ווו? שטיל איז אינם צימער, און שווייגנדיק די ווענט. און אויפן טיש, מיט טישטוך ווייסן באַדעקט, ליכט צוויי ברענען, אין לייכטער מעשענע... בלאַנקט דאָס מעש געהיימניפול מיט רויט-ליכטיקע גלאַנצן. שימערט אינם טונקל, דערמאָנט אָן פאַרגאַנגענע שפּעט-אָוונטן פרייטיקדיקע... ליכט חלבנע שמעלצן, שפּריצן אין טונקלהייט, אָטעם-פאַרכאַפּנדיקער. פלעמעלעך טאַנצן, אַפּ-אַרויף שפּרינגען. מיט אויגן פאַרמאַכטע, מיט עקסטאַז, מיט קדושה שטילער, הייליק איז, שטיל איז, ווי אין אַ היכל, ווי אין דער עזרה...

„ליב איז מיר דאס שמאָלע צימער, די לופט, די וואַרעמע שאַרף און פערפומירט מיט אַ ריח געווירצט, אַזאַ באַזונדערן. ווייסע ברייטע טאָפּל-בעט, טיבתדיקער שניי-ריינער קישן, ציכטיק-ווייסער חתונה-ליילעך... עס אָטעמט מיט כלהדיקייט פונם ציכטיק-ווייסן ליילעך, פונם ציכטיק-ווייסן חופה-ליילעך. — איז עס מיר, ווי אין ערישטער חתונה-נאַכט, קיינמאָל נישט געאַנטער. מיט פאַרמאַכטע אויגן, און טיק-טאַקנדיק האַרץ, ליפּן פיינלעך-שמייכלנדיק, פאַל איך צו, ווי די אויפוואַלונג פון ים — — — צו ערד, צו ערד — — — און שאַ.

„זיצן מיר ביידע דערנאָך אויפן בעט. ליכט ספּאַזמאַטיש אויסגעגאַנגען. חלב-גוף שוין אויסגעשמאָלצן, — צוויי פלעמעלעך אין בלויען פייערלאַנד אַנטרונען... זיצן צוויי און שווייגן. בלייכער שיין פון עלעקטרישער לאַמטערנע, וואָס אין גאַס אַנטקעגן הענגט, צימער-טונקלהייט שוואַך באַלויכט. איז דאָ אין צימער רעפלעקטירט אומבאַשטימט פאַנטאַסטישע ליכט, וואָס ביינאַכט אין גרויסער שטאָט לייכט, ווי אויראָרא באָרעאַליס. — זיצן צוויי, מאַן און פרוי, און שווייגן. בלייכע פנימער — אין טונקלהייט לויכטן, פאַרטיפט אין זיך

זעלבסט; ארונטערגעלאָזענע אויגן, אז רעדן — קיינמאָל מער. רעדן — קיינמאָל מער.

„שטיל. לאַנג. שווייגן. שטיל. לאַנג. שווייגן. זיצן נעבן איר. אין טיפן דאַנקבאַרקייטס-געפיל, — פאַר טרייסט-מינוטן די איינציקע, וואָס זי האָט מיר פאַרשאַפן, — זיך וויקלען. צו איר, דער פרעמדער, דער אומבאַקאַנטער, דער אַזוי נאָנטער, דער כלה מיינער דער כשרער פרוי מיינער, — — — נאָכאַנאַנד זיצן אַזוי אין טונקלהייט און שווייגן.

„נאָנט זענען מיר איינס צו דאָס אַנדערע, ביידע-אומגליקלעך, ביידע-פאַרלוירענע שוין גאָר לאַנג, ביידע פאַרהאָרעוועט, ביידע הייליק און זינדיק-הייליק? איז דאָס הייליק-טייערע יאָדרע ווייט-טיף, פון פרעמדע אויגן, אין זיך פאַרבאָרגן? אָדיר — ווער ווייס? נישטאָ מער — הייליק. ליפּן צוזאַמענגעפּרעסט — שווייגן מיר.

„און אָט אַזוי זיצן מיר ביז שפּעט אין דער נאַכט,ביים שטערן-ליכט, ביים שטערן-ליכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ביזקל ס'הויבט אָן בלייכן אויף טאָג. זאָגן מיר: — בלייכט זיך שוין אויף טאָג? און בלייבן שווייגן, פאַרשטיינערטע. נישטאָ אפילו קיין צער — איינגעזויגן וואַסער אין אַ שטיין. אויסגעטריקנט, מיט אַוועקשווימענדיקער נאַכט בלייבן מיר אויף ברעג. באַגלייטן מיר פעלזיק-איינזאַמע; באַוויינען מיר, ווי יפתחס טאָכטער, — אונזערע אַזוי נאָנטע אבדות. טרוקן-שטיינערדיקע; שווייגנדיקע פעלזן — אָן טרערן באַוויינען מיר דעם גלויבן, די האָפנונג, די רו".

— —

אַ ווילע איז ליבער אַזוי געלעגן אומבאַוועגלעך, טויט. נאָר באַלד האָט ער אַ שפּרונג אַרויסגעגעבן פון בעט, אַ שפּרונג אַרויסגעגעבן מיט אַ ווילד געשריי.

— צַך, יאָלד דו אַיינער... מער קאָנסטו דאָך נישט, ווי שרייבן

דערפון... אָבער איך — איך וועל טאַקע גיין אַהין צו אָט די זונות! און נישט צו קיין פּאַפּירענע! און נאָך היינט ביינאַכט! און טאַקע שוין!

6

ער האָט זיך איילנדיק גענומען אָנטון. זיינע אויגן האָבן בלי־שטשענדיק־ווילד געשמייכלט. ער האָט אינגאַנצן געברענט און אַלץ האָט אין אים אַזוי געדורשט און געשריגן נאָך זינד.

און באַלד האָט ער אַרויסגעשאָסן פון דער שטוב אויף דער זיי־טיקער גאַס, ווו ער האָט געוווינט, אינם נאַכטיקן דרויסן אַרויס. מיטן קאָפּ אויפגעהויבן און אָנגעשטרענגט, איז ער כמעט געלאָפן, ווי אַ הונגעריקער וואָלף — געלאָפן צום צענטער־שטאָט צו.

די ליכטיקייט און דער ווייסער טומל פון דער הויפּטגאַס האָבן די טונקעלע קליינינקע מחשבות פונם טאָג גלייך אויסגעוויישט און אָפּגעווישט. עס איז געווען איצט רוישיק, ליכטיק אינם אָוונטיקן טריפּאָדוויל. אַ סך לאַמטערנעס האָבן געברענט. זיי זענען געווען אָנ־געצ־לעוועט אויף ביידע זייטן גאַס, ווי לאַנגע ביי־שן פון ריזיקע בלייכע פּערל.

און נאָך ליכטיקער איז געווען ביים בורלעסק־טעאַטער, ווו ליבער האָט אָפּגעשטעלט ענדלעך זיין געלויף. בלוילעכע ליכט־רעדער האָבן זיך געקרייזט אויפן טראָטואַר פון די דריי גרויסע עלעקטרישע לאַמפּן, וואָס זענען פאַרן טעאַטער געהאָנגען, און אַרום דידאַזיקע „אַרק־ליכט" אינדערהויך האָבן זיך געדיכט געשטויסן און נאָכאַנאַנד געקלאַפּט אינם גלאָז פון די לאַמטערנעס אָן אַ שיר נאַכט־מאָטילקעס. אונטן, אין די ליכט־קרייזן אויפן טראָטואַר, וואָס די ריזיקע עלעקטרישע לאַמטערנעס האָבן פון זיך געוואָרפן, האָבן זיך פּונקט אָט אַזוי געקלאַפּט, געשטופּט און געשטויסן אָן אַ שיר מענטשן, זיך געקריגט איבער אַן אָרט אין דער „ליין", אומגעדולדיק איבערגעביטן פוס אויף פוס זיי האָבן שוין, קענטיק, לאַנג, לאַנג דאָ געוואַרט.

ביי די גרויסע געמאָלענע אַפּישן אויף די סטענדס*) פֿאַרנט פֿון טעאַטער זענען געשטאַנען איצט אַ היבשע צאָל אָרעמע בירגער, וואָס האָבן קיין געלט נישט געהאַט אויף בילעטן; זענען געשטאַנען, זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פֿון אָרט און הונגעריק באַטראַכט כאָטש די בילדער:

„אַמעריקען ביוטיס", אין קורצע פֿעכער-קליידלעך מיט כלומרשט-אומשולדיקע פּנימלעך, מיט געדיכטע שיכטן רויז באַדעקטע, מיט אונטערגעפֿירטע ברעמען און געפֿאַרבטע ליפּן; אַ ייִד — דער אייביקער „דזשו קאָמידיען" פֿון אַלע ענלעכע בורלעסק-פֿאָרשטעלונגען — מיט אַן אויסגעקרימטער אָדלער-נאָז, אַן אָפּגעבאָרעט קאַפּעלושעל אַרונטערגערוקט איבער ציניש-שמייכלדיקע אויגן, אַ קאָלטענוואַטע בערדל. מיטן ציגאַרן-שפּיץ אַריינגעשטעקט צווישן די ציינער; אַן אירלענדער — אײַנגעאַנצן רויט; אַ שנאַפּס-רויטע קאַרטאָפֿל-נאָז, רויט-פֿלאַכדיקע האָר און רויט-פּוכקע בעקלאַך.

אַרום און אַרום אָט-די בילדער איז געווען איצט אַזאַ געדראַנג און אַזאַ שטופּעניש, ווי בשעת עפּעס אַ בהלה, אַ פּלוצלינגדיקער לויפֿעניש פֿון אַ שׂרפֿה.

אָפּצאָלנדיק עפּעס אַ שפּעקולאַנטל אַ פּאָר עקסטרע דאָלאַר פֿאַר אַ בילעט, האָט ליבער זיך אַריינגעריאָגט אין טעאַטער און האָט באַלד איינגעזונקען זיין גוף אין אַ פּלאַץ, אויף וועלכן מען האָט אים אָנגעוויזן.

ווען עס איז געוואָרן טונקל אין טעאַטער, האָט זיין אויסגעמאַטערטער און מידער גוף זיך אינגאַנצן אָפּגעלאָזן. טיפֿער איז ער געזונקען אינם ווייכן אויסגעבעטן שטול. די אויגן האָבן זיך פֿון זיך אַליין פֿאַרמאַכט. ער איז נאָך אַלץ געווען אומרויִק; זיין גוף האָט נאָך אַלץ שטיל און דראָבנע געציטערט.

ער האָט נישט געפֿילט, ווילאַנג ער איז אַזוי געזעסן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

נאָר, אַז ער האָט זיי ווידער געעפֿנט, האָבן אים פֿון דער בינע אַנטקעגנגעשטאַנצט אַ גאַנצע ריי פֿון נאַקעטע מיידלשע פֿיס; קורצע פֿעכערדיקע באַלעט-קליידלעך, וואָס פֿלעגן אַלע ווײַלע פֿאַמעלעך אויפֿ-

---

*) קיאָסקן.

געהויבן ווערן מיט שפּיץ-פינגער, אויפגעהויבן ווערן פון פּאַרנט, מיט אַ כּלומרשט אומשולדיק שמייכעלע... און באַלד איז אין קאָפּ און אין האַרץ ביי ליבערן געוואָרן אַזוי טעמפּ, אַזוי פּוסט, אַזוי אויסגעקערט, — אַ חלל... אַ חלל, וועלכער האָט געקילט און געשטילט מיט זיין נאַקעטקייט און ליידיקייט.

אויף דער סצענע איז אָבער באַלד געוואָרן טונקל. בלויז אַ בלויער פּראָזשעקטאָר-ליכט איז פון׳ם עלעקטריקערס ביידל אויפן הינטערשטן באַלקאָן אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף דער בינע. אינ׳ם דאָזיקן ליכט זענען פון אַ פּראַכטפול-געצירטער זיידענער ביידל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער בינע, אַרויסגעפירט געוואָרן איינע נאָך דער אַנדערער — כדי עפּעס איינער אַ רייכער מאַגנאַט, וואָס איז דערביי געשטאַנען אויף דער בינע, זאָל זיי באַטראַכטן — אַ היבשע צאָל מיידלעך... בלאָנדע, ברונעטע, שאַטענע, פלאַקסן-האָריקע, „פּעראָקסייד”-בלאָנד, ציגיינערישער געשמאַק מיט גרויסע אויריינגלעך, וואס האָבן, דוכט זיך, געוויגן אַ פונט יעדערער; אַנגלאָ-זאַקסישע שיינקייטן, שלאַנקע און שטאָלצע, — בקיצור: אַלערליי סאָרטן פרויען-שיינקייטן, פאַרן גוסט פון יעדן טעאַטער-באַזוכער...

יעדע פון זיי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ טישל אין אַ האַלבליגנדיקער פּאָזע, איידל-שעמעוודיק אויפגעהויבן די קורצינקע באַלעטקליידלעך און געלאָזט אָנקוקן זייערע רייצן און חן־ען. און דער יידל-קאָמעדיאַנט מיטן שפּיציקן אויסגעפליקטן בערדל, — ער איז עס דא געווען דער רייכער מאַגנאַט — האָט אַרום זיי אַרומגעפּאַדיעט, געפּאָרעט זיך מיט די הענט, באַשמעקט זיי, ווי אַ הונט, האָט אַזש, געקרעכצט פון גרויסער תאוה. דער עולם אין טעאַטער האָט שווייגנדיק, אָן אָטעם, געברענט.

די ווייניקע מיידלעך — אין דער אוידיענץ — מיידלעך נישט קיין גוואַלדיק-אומשולדיקע: קיין אַנדער סאָרט וואָלטן די בחורים נישט געהאַט קיין מוט צו ברענגען אין אַזאַ סאָרט טעאַטער — האָבן זיך געריטלט און געכיכיקעט, הינטערוויילעכטס געשטויסן זייערע בחורים מיט די עלנבויגנס. פאַרהייראַטע מאַנסבילן האָבן באַהאַלטענערהייט געקיצלט די פרויען זייערע אונטער די פאַכוועס. יעדער איינער אין דעם פובליקום איז געווען אומרויק, זיך געדרייט אויף זיין זיץ-אָרט,

אויסגעשטרעקט, ווי הונגעריקע צעררייצטע גענז, די העלזער, כדי בעסער צו זען, וואָס עס טוט זיך אויף דער בינע. זיי האָבן איצט געפילט אַן אומווידערשטיילעכן פאַרלאַנג אַרונטערצוהאַקן די קעפּ פון יענע טעאַטער-באַזוכער, וועלכע זענען זיי געווען אין וועג.

אין אַ צוויי שעה אַרום, האָט ליבער שווייגנדיק שוין געשפּאַנט אַרונטער באַרג, אין דער ריכטונג צום שטאָטישן טייך-צו.

ער איז געגאַנגען דורך איינער אַ געסל, וואָס איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ טונקעלער און ליידיקער. אַ ווײַלע האָט ער זיך אַזוי ווי אָן אַ ציל אַרומגעדרייט אין אַן אומבאַקאַנטער חושכניש, — אַ חושכניש, וואָס האָט געשמעקט מיט געקעסטלטע פּרוכטן פון די נאָענטע אַמבאַרן, מיט פייכטקייט פון טייך און פעך פון נאָענטע שיפן. אין זיין קאָפּ איז אים אַרומגעשוווּמען אַ מיש-מאַש פון ברוך-גע-דאַנקען און אַלערליי אָפּגעריסענע דערמאָנונגען... אים איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן, אַז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז אין דער געגנט דאָ געווען אַ גרויסע פאַרפלייצונג. דער היגער, אַלעמאָל-רויקער אָלענ-טענדזשי-טייך איז פלוצלינג אַרויס פון זיינע ברעגעס, האָט פאַרגאָסן דאָס לאַנד אַרום אויף הונדערטער און הונדערטער מיילן. דאָ, ווו ער, ליבער, גייט איצט, איז מען דעמאָלט אַרומגעפאָרן מיט שיפלעך.

און מיטאַמאָל האָט זיך ליבערן אָנגעהויבן דוכטן, אַז ער שפּאַנט איצט אויך אונטערן וואַסער... גרויסע, שווערע שיכטן וואַסער ליגן אינדערהויך איבער אים, העט-ווייט איבער זיין קאָפּ. ער האָט זיך אַזש אָנגעהויבן טרייסלען פאַר קעלט. ער האָט געפילט: דאָס וואַסער רוישט אים אין די אויערן... באַלד וווּנדערט ער זיך, וואָס דאָס וואַסער שלאָגט אים נישט איינגאַנצן אַרונטער פון די פיס. ער וויל זיך וואָס גיכער פון דער פאַרטרינקעניש אַרויסרייסן, ער מאַכט מיט די הענט, ער וויל צוקומען צו דער אויבערפלאַך — נאָר דאָס וואַסער איבער אים איז צו-הויך, צו-שווער...

און דערנאָך לאָזט ער זיך שוין איינגאַנצן אָפּ. ער פילט, אַז ס'איז אַלץ אומזיסט... עס וועט אים סיי-ווי נישט געלינגען זיך איינ־האַלטן אויף זייבע פיס. דאָס וואַסער וועט אים סיי-ווי איבערגוועל־טיקן, — וועט אים ענדלעך אויפרייסן פונם גרונט, וועט זיך שפילן מיט אים, וועט אים אַ ווײַלע אַרומדרייען אַזוי אינם שטראָם, וועט אים צערייבן און — ערגעץ אַרויסשפּייען.

אינם גרינגלעך-טונקעלן וואַסער, פאַרפלאָנטערט אין אַלערליי שטינקענדיקע פלאַנצן און ברוכוואַרג אויפן גרונט, הויבט אים דאָך אָט שוין אָן אַרומוואַרפן אַהער און אַהין... אַ בייזער, אַ קאַלטער קול ברומט אים אין די אויערן אַריין:

— עקשנות איז אומזיסט, אומזיסט... אַז מען דאַרף זיך נישט באַמיען אַפילו אַרויפצושווימען אויף דער אויבערפלאַך. לאָז זיך, ליבער... לאָז זיך... סיי-ווי — דאָס וואַסער פלייצט און פאַרפלייצט,— ס'איז אַלץ אומזיסט... ס'איז אַלץ אומזיסט...

ער האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט לעבן איינעם אַן איינ־שטאָקיקן הויז מיט פאַרמאַכטע לאָדנס. אין דעם קליינעם וועסטיביול האָט טונקל געברענט אַ רויט לעמפל.

ער האָט דריי מאָל אָנגעקלאַפּט אין טיר, — שטיל, דייטלעך, ווי אין דער עפענונג פון אַ געהיימניספולער הייל. איינעם אַ שטילן און צוויי שטאַרקערע קלעפּ. דאָס איז געווען דער פּאַראָל פונם דאָזיקן הייזל.

אַ קאָפּ פון אַ פרוי האָט זיך באַלד אַרויסגערוקט דורך דער קוים־אויפגעעפנטער, אויף אַ קייטל פאַרריגלטער טיר. אַ בלוילעך-אָנגעפּודערט פּנים, וואָס האָט אינם רויטן ליכט פון דעם לאַמטערנע אויסגעקוקט פאַנטאַסטיש אַזוי, האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר האַרטע בליקן־דידאָזיקע פאַרדעכטיקנדיקע צוויי בליקן האָבן פאָרזיכטיק באַטראַכט דעם באַזוכער, וועלכער איז קאַלט און ערנסט געשטאַנען אין וועסטיביול. די אויסגעלאָשענע אויגן אויפן אָנגעפּודערטן פּנים האָבן באַלד אָנגעהויבן שמייכלען: זיי האָבן דעם באַזוכער דערקענט.

די פרוי האָט גענומען אָפריגלען די טיר.

און אַז די טיר האָט זיך אויף אַ סעקונדע אויפגעעפנט, האָבן זיך דערהערט פון אינעווייניק, פונם הייזל, די טענער פון אַ פּאָפּולערן

„רעג־טיים”, וואָס איז אויסגעשפּילט געוואָרן, קענטיק, אויף אַ מעכאַנישער פּיאַנאָ. אין דער קאַלטער ווינטערדיקער לופט האָבן אַרויסגעפּראַלט כוואַליעס פייערדיקן רויך און הייזעריקן, חוצפּהדיקן געלעכטער.

ליבער איז באַלד אײַנגעשלונגען געוואָרן. די טיר האָט זיך אײַנגעבויגן אויגנבליק פאַרמאַכט. ס׳איז ווידער געוואָרן שטיל. ס׳האָט זיך בלויז געהערט דער קלאַפּ פון דער אַרונטערפאַלנדיקער קייטעלע. די טיר איז ווידער פאַרריגלט געוואָרן פון אינווייניק.

1915—1919.

אינהאַלט

זייט

I. די דריטע אַשמורה

1) אויף די פעלדער פון דזשאָרדזשיאַ 7
2) אשר 19
3) רעזערווירט 69
4) דער עגאָיסט 97
5) איך בין גליקלעך 123
6) נאַכט אין דרום־שטאַט 135
7) אַ באַגעגעניש 141
8) געזאַנג אַרום דער דריטער אשמורה 147

II. צום נייען האַפן (חלום־דערציילונגען)

1) צום נייען האַפן 153
2) ווי איך האָב געזען גאָט 163
3) דער קרישטאָלענער באַרג 169
4) וועגן פליען 179
5) פרייד־צער 182
6) לאָזט מיך שלאָפן 193
7) באַגיבען 203

III. אונטערן צייכן פון אונטערגאַנג (ראָמאַן) 215

252